STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10450

OYFN PARIZER BRUK

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שלעווין / אויפן פאריזער ברוק

ב. שלעווין

אויפן פאריזער ברוק

ראָמאַן

פאַרלאַג ידיש בוך וואַרשע

1955

B. SZLEWIN

NA PARYSKIM BRUKU

Powieść

Redaktor: L. OLICKI

רעדאַקטאָר: ל. אָליצקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 5222. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1955 roku.
Ark. druk. 12,25. Ark. wydawn. 10 Papier druk. sat. V kl. 61 x 86 cm, 80 g.
Druk RSW „Prasa", W-wa, Tarczyńska 8. B-6-52310

די ברידער כייקין

1

מיטן איבערגעשראָקענעם מיידעלע, א קינד פון א יאָר זעקס=זיבן אוודאי, מיט גרויסע, אומעטיקע אויגן, ווי די קאָרן=קווייטן, איז צוערשט אַזוי געווען: ווען מ׳האָט אין יענעם טרויעריקן באַגינען פון 16=טן יולי 1942 אראָפּגעפירט פונעם אַלטן הויז אַלע יידן, די מאַמע אירע און אויך די באָבע מיטן זיידן, האָט עס די הויז=וועכטערין, מוטערל זשאַנאַ, אין דער גרויסער בהלה, געכאַפּט און פלינק אַ פאַרשטעק געטאָן ביי זיך ערגעץ אין אַ פינצטערן אַלקער, הינטער די טרעפּ. זי האָט זיי דאָרט פריער גענוג אויסגעזידלט אויך, די באַנדע פּאָליסלייט און די ציווילע, ווען זיי זענען דאָ אין אויסגעלאָשענעם באַגינען, ווי די הייזעריקן, באַפאלן דאָס אַלטע הויז, ווילד גענומען רייסן די טירן, אויפגעהויבן ווילדע קולות איבער אַלע פינצטערע שטאָקן און ברוטאַל געוואָרפן דערנאָך די אויסגעבליבטע, איבערגעשראָקענע יידן אין קעטשל אריין, וואָס האָט שוין געוואַרט אונטן, פאַרן טויערל. מוטערל זשאַנאַ איז געווען אויפגעבראַכט, אויסער זיך.

— איר וואָלט די לייט בעסער צורו געלאָזט, — האָט זי, אַ צעשויבערטע, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, פאַרשטעלט דעם נידעריקן איינגאַנג צום שטיבל, הינטער די טרעפּ, — גאָט מיינער, די מענטשן האָבן, דאַכט זיך, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן...

די קליינע האָט פלוצים מער נישט געוויינט. זי איז געשטאַנען אַזוי פּאַרטוליעט הינטערן ווענטל, אַ בלייכינקע. לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען, ביז אין גאַנצן הויז, אויף אַלע הויכע, פינצטערע שטאָקן און אין טויערל, איז שטיל געוואָרן, ווי אַלץ וואָלט דאָרט מיט איינמאָל אויסגעשטאָרבן. אין דער מינוט האָט דאָס קינד צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ווער ווייסט, אפשר וועט די מאַמע שוין אַזוי גיך נישט צוריקקומען; נישט די מאַמע און נישט דער זיידע מיט דער באָבען; און דאָס מיידעלע האָט זיך צעהעשעט אויפן קול, אַז די אַלטע האָט איר מער נישט געקאָנט איינשטילן. זי האָט זיך אַ רגע אַ באַקלער געגעבן, די אַלטע, און האָט גאָר פלוצים אליין מורא באַקומען פאַר דעם, וואָס זי האָט דאָ אין אַ הייסער מינוט אָפּגעטאָן.

— אויב הערסטו נישט אויף, מאדלען, — האָט מוטערל זשאַנאַ איר גע־מוזט איינשטילן מיט סטראַשונקעס, — שטעל איך דיר ארויס פאַרן טויערל...

די קליינע האָט שוין געוווסט, וואָס דאָס הייסט, און האָט באַלד גענומען רייבן זיך די אויגן מיט אירע קליינע, ברודיקע פויסטלעך.

זי האָט באַלד עס מער דערפילט ווי פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר נישט מער וויינען, נאָר אויסהערן מיט הכנעה, אפילו שמייכלען, כאָטש עס ווילט זיך גאָר נישט זאָגן גוטע רייד צו אַלע פרעמדע מענטשן. אָבער איר בליק איז אַלעמאָל געבליבן פאַרטייעט, אָנגעצילט אין אַ זייט, ווי ביי אַ קליין, דערשראָקן חיהלע.

אויך די אויסגעפוצטע מומע ראָזעט האָט זיך שוין מער לעצטנס אין הויז אריין נישט געוויזן. פריער פלעגט זי נאָך ווען ס'איז אריינפאַלן אהער — אלע־מאָל א שמעקנדיקע, א ריינלעכע, א פרעמדע, מיט א קאָפּ בלאָנדע קרויזן. די מאמע, אַן אויסגעבלייכטע, א שטילע, האָט זיך געהאַלטן אין די ווינקעלעך, האָט געטוליעט צו זיך דאָס קינד. זי האָט נישט גערעדט מיט דער שוועסטער, האָט זיך עפּעס ווי געשראָקן פאַר איר.

צוערשט האָט מוטערל זשאַנאַ געמיינט, אַז זי וועט זיך א ליאַדע טאָג יאוועןאהער, ראָזעט, און אוועקנעמען ביי איר דער שוועסטערס אָפּגעראַטעוועטע מיי־דעלע, זי, האָט זי גאַנץ וויל געוווסט, איז שוין פון לאַנג ערגעץ פאַרשטעקט און דרייט זיך ארום מיט ווילטיקע און זיכערע פּאַפּירן. ווייל פון צייט צו צייט פלעגט זי קומען אריינצוכאַפּן זיך צו איר, אָפּנעמען א בריוו, א קוויטל, אויספרעגן זיך און באַלד פאַרשווונדן. אַצינד האָט זי מסתמא, ווי אַלע יידן, געהאַט אירע איי־גענע קאָפּפאַרדרייעניש. ס'איז געווען א מאָדנע לאַגע. די אַלטע האָט צומאָל נישט געהאַט מיט וועמען צו עצהנען זיך, פאַר וועמען אויסצורעדן א וואָרט, ווייל אַלע יידן פון דער ענגער גאַס זענען זיך געהאַט צעלאָפן, געלעגן ערגעץ פאַר־שטעקט, אָדער אוועקגענומען געוואָרן אין יענעם טרויעריקן באַגינען.

זי האָט גאָר מורא געהאַט אין די הייסע טעג פון מיטן זומער אפילו ארויס־צולאָזן די קליינע אויפן הויף, געהיטן זיך פאַר א זייטיקן אויג. זי האָט דאָס מיי־דעלע דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן פאַרשטעקט הינטערן אָפּגעטיילטן פאָרהאַנג פון דער פול אָנגעשטעלטער, נידעריקער שטוב, ווו דאָס גרויסע משפחה־בעט האָט פאַרנומען אפשר אַ העלפט. דאָס קינד האָט מער נישט געוויינט. אירע גרויסע בלויע אויגן זענען שמעלער געוואָרן אין דער האַלב־טונקעלקייט. ווי א העזעלע, איז זי געוואָרן אָנגעשפּיצט צו א ליאַדע שאָרך אין הויז דורך די קורצע, שטיקנ־דיק־הייסע זומער־נעכט. צווישן די שפּאַרעס פון גרינעס, אָפּגעבליאַקעוועטן פאָר־האַנג האָט זי אריינגעקוקט אין שטוב אריין; און אפילו דאָס קנאַפּע ליכט, וואָס איז בייטאָג געקומען פון ארומגעשטעלטן הויף־קאַסטן, האָט זי ממש פאַרבלענדט. זי האָט איינמאָל באַטראַכט, אַז ס'קאָן נישט זיין, מען זאָל זי אַזוי לאָזן דאָ אין

קעמערל ביי מוטערל זשאַנאַ; אז אפשר וועט דער פאפא פון ערגעץ קומען, כאָטש דעם פאפא האָט די קליינע פאַרגעסן ווי דורך א חלום.

ס'איז געווען איינמאָל, נאָך דאָרט, איידער זיי זענען אַהערגעקומען אין הויז אריין, אין דעם האָטעל צווישן די געסלעך אויפן הויכן בעלוויל, ווי ער איז פלוצים געהאט אריינגעפאלן. מ'האָט זי אויפגעוועקט פון שלאָף ביינאכט, און אויפן קישעלע אין איר בעטל האָט זי געפונען די גרויסע, ראָזע פופע „ניקאָל", מיט די פארמאכטע אויגן, אין א בלוי קליידעלע מיט פאלדן. דער אָפּגעפרעמדטער פאפא האָט זי לאנג געהאלטן אויף דער האנט, און זי האָט געפילט איבער זיך זיינע שאָרסטקע באַקן, זיינע פרעמדע, ווינטיקע ריחות. זי האָט זיך פאַרשטעלט מיטן הענטל די אויגן און, פרייענדיק זיך פון אומגעריכטן גליק, זיך געשעמט צו קוקן אויף אים. דערנאָך האָבן זיך דאָרט לאַנג באַוועגט די שאָטנס אויפן נידעריקן סופיט פון קליינעם צימערל אונטערן דאַך, ס'האָבן זיך געהערט שטילע רייד. ווען זי האָט זיך אויפגעכאפט צומאָרגנס, איז ער שוין מער נישט געווען. זי האָט זיך געכאַפּט זוכן די פאָפּע אויפן בעטל, און ווען זי האָט זי געפונען און געדריקט פעסט צו זיך, האָט זי זיך נאָך אַלץ אַליין נישט געקאָנט צוגלויבן, די קליינע. די מאמע איז דערביי געשטאנען און האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט מיט א פארטרערט אויג, פארשטאנען, זעט אויס.

— דיין פאפא, — האָט זי איר געטרייסט, — וועט נאָך צוריקקומען. ער וועט קומען...

די קליינע איז נישט מיר געוואָרן גאנצענע טעג, זיצנדיק אויף הרערד, הינטערן פאָרהאנג, צו בלעטערן דעם שווערן, אָפּגעריבענעם אלבום מיט די פארגעלטע, פארביקע פאָטאָגראפיעס פון פרעמדע מאנסלייט מיט שטייפע וואָנסן, רויטע הויזן און מיליטערישע קעפּים; פון פרויען אין ווייסע התונה=קליידער, אין וואַלן, אָנגעשפּאַרט ביי אַ הויכפיסיק טישל מיט קיישלעך קינסטלעכע בלומען; פון קינדער מיט רייפן און באַלעמס אין די הענט. דורך די שפּאַרעס פון פאָרהאנג, ווען מוטערל זשאַנאַ איז אויף א מינוט ערגעץ ארויס, האָט זי געקוקט אין דער נידעריקער, אָנגעשטעלטער שטוב אריין. ס'האָט דאָרט אויסגעזען ביי איר, ווי אַ קליינער מוזיי. אַן אויסגעשטאָפּטער פּאַפּוגיי מיט אַ קרומען שנאָבל, מיט אויגן פון פייערדיקן געל איז געזעסן אויף דער אַלטמאָדישער קאָמאָד, אַרומגעשטעלט מיט אָן א שיעור פאָרצעלייענע הינטעלעך, פאסטושקעס, טענצערינס און באַלערינעס. דאָס נידעריקע בעט איז פאַרוואַלגערט געווען מיט אויסגענייטע קישעלער און פופעס. דאָרט איז אויבנאָן געזעסן דער אויסגעפרעסענער קאָטער „קיקי", מיטן גלעקעלע אויפן האַלדז, און האָט פון זיין קישעלע פאַרלויכטן די האלב=טונקעלע שטוב מיט זיינע בורשטינענע פאָספאָר=אויגן, ווי ביי א גזלן.

אויפן פולן פנימל פון מיידעלע האָט זיך געלייגט א קרענקלעכע בלייכקייט פון א קעלער=פלאנץ. דאָס קינד האָט נישט געפרעגט, נאָר געקוקט אויף דער

אלטער מיט אירע גרויסע, אומעטיקע אויגן. פון צייט צו צייט האָט זי ארויסגעשטעקט דאָס בלאָנדלעכע קעפּל און שוואך א מורמל געטאָן דורכן פארקאטערטן נעזל:

— די מא...

— זי וועט קומען, דיין מאמע... זיץ... פארשטעק זיך...

ס'האָט איר אַליין אויך אונטערגעהויבן, דער אַלטער. ווי דען? פאַרנאַכט האָט זי ארויפגעוואָרפן אויף זיך עפּעס אַן אלטן שאַל, אָנגעטאָן די שיך מיט די האַלץ-זוילן, אויף די הויכע קנאפּל, גוט פארשלאָסן הינטער זיך די שויבן-טיר און איז ארויס. זי איז געגאנגען איבערן שמאָלן טראָטואַרל צום פּאסטאָר פון דער קליינער פראָטעסטאַנטישער קירכע „קלעריער", אין ראָג פון געסל „דער היילי-קער אנאסטאז". דאָס איז געווען אויף דער צווייטער אָדער אויף דער דריטער וואָך. איבער די געסלעך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער אָוונט.

נישט נאָר וואָס זי האָט די לעצטע פּאָר וואָכן געלעבט אין פלאַטער, די אלטע, נאָר אויך מיט דער ביטערער אויסקומעניש איז טאקע אלץ שווערער געוואָרן. וואָלט כאָטש, האָט זי באַקלערט, געבליבן עפּעס פונעם איינגעפונדעוועטן הויז פון די יידישע שניידערס. די דייטשן זענען באלד דערנאָך געהאט פארפאָרן מיט לאסט-וועגן און האָבן דאָרט אלץ אויסגערוימט פון די יידישע שטובן אין דעם אלטן הויז.

וועגן פּראָטעסטאַנטישן פּאסטאָר האָט זי געהערט עפּעס א מורמל, די אלטע. עס האָבן זיך געטראָגן שטילע קלאַנגען. ער איז טאקע געווען א ליבער מענטש; זינט ווען ס'האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן די ווילדע געיעגן אויף יידן אין דער געגנט, איז ער אין זיינע זונטיק-דרשות, נאָך דער מעסע, אַלע מאָל געקומען צו איין און דעם זעלבן פילזאָגנדיקן מוסר-השכל: „האָב ליב דעם פרעמדן, ווי זיך אליין"... האָט זי דאָרט אין פארנאכט אָנגעקלונגען ביים הינטערשטן אריינגאנג, מוטערל זשאנא, און דער אלטער אליין איז איר געקומען אויפשפּארן דאָס טירל. זי האָט זיך שנעל אריינגעשארט אין פינצטערן פאָדערהויז און איידער וואָס-ווען איילִיק א בעט געטאָן ביים אלטן:

— פארמאכט, פאָטערל... פארמאכט, כ'בעט אייך...

דער ריינלעכער זקן האָט געמאַכט ליכטיק און זי געפירט נאָך זיך אַרויפצו, אונטערן געוועלבטן סופיט. נאקעט אויסגעווייסט, פול אָנגעשטעלט ארום די ווענט, מיט שווער-געבונדענע, באַגילדטע רוקנס פון ספרים. ער האָט איר אָנגעוויזן אַראָפּצולאָזן זיך אין שטרויענעם פאָטעל, נאָענט לעבן טיש, וו ס'איז געשטאַנען א גרינע אבאַזשור. ער האָט זיך א לאנגע ווײַלע, א יף יענער זייט אבאַזשור, געגלעט דאָס קליינע רונדע פּליכל, די סיווע לאָפּעטע-באָרד, האָט געקוקט אויף דער אלטער מיט קליינע, רויטלעכע און גוטע אויגן. „אוודאי נאָך איינע פון געליטענעם שטאם"... — האָט ער באלד א קלער געטאָן, ווייל ער האָט נאָך אלץ

אירע אַרונטערגעלאָזענע אויגן נישט אַרויסגעזען און צוליב פּאָרזיכטיקייט געווארט, וואָס די עלטערע פרוי, אינעם טיף־אָנגערוקטן שאַל וועט אים דערציילן. ווען זי האָט אים אָבער אַלץ אויסדערציילט, איילִיק און אין פּיבער, ווי זי האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס יידישע מיידעלע, ווי זי פלאַטערט דורך די נעכט פאר א ליאַדע סקריפּ פון א טיר, האָט ער זיך א רגע פארקלערט; ער האָט איר געהייסן אריינקומען צומאָרגנס און פאר קיינעם נישט איבערירעדן. ס'איז גלייכער... אַזוי טאקע האָט ער איר אָנגעזאָגט.

איז פּונקט אויף צומאָרגנס, צווישן טאָג און נאכט, ווען די אלטע האָט זיך שוין געקליבן ווידעראמאָל אריבערצוגיין צום פּאסטאָר, האָט עמעצער פּאָרזיכטיק א ריר געטאָן ביי איר אין דער שויבן־טיר. זי האָט ווי געווייגלעך א פארשאר געגעבן מיט פלאַטער דאָס געלע פאָרהענגל איבערן קוק־שייבל און דערזען אַ פרוי, קענטיק א יידישע פרוי; ס'איז טאקע נישט שווער געווען באלד צו דערקענען, כאָטש זי איז געווען א ביסל צו שרייענדיק בלאָנד, און א קליין צלמל האָט זיך געוויגט אויף איר ברוסט. האָט זי זיך א ביסל בארואיקט, מוטערל זשאנא, אָבער אַלערליי רעיונות זענען איר מיטאַמאָל געקומען אויפֿן זינען, און זי האָט באַלד דערפילט, אַז ס'איז נישט אַנדערש, ווי נאָר צוליב דער קליינער איז מען עס געקומען. פונוואַנען זיי האָבן זיך דערוווסט, האָט זי אַליין באַלד נישט געקאָנט פאַרשטיין. אוודאי האָט מען זיי באַפוילן פון וועלאָדראָם ד'היוועו, ווו מ'האָט דעמלט אַלע פאַרנומענע יידן פאַרשפּאַרט, פאַרן אָפּשיקן זיי קיין דראַנסי און אין די דייטשישע לאַגערן. דאָס פּנים פון דער יידישער פרוי איז איר אַפילו געווען קענטלעך אויך. ביי די פאַריזער הויז־וועכטערינס קריצן זיך איין אויף לאַנג אַפילו צופעליקע פּנימער, וואָס זיי זעען איין מאָל דורכגיין זייער שייבל. די דאָזיקע פרוי איז אוודאי נישט איין מאָל געקומען אַהער צו די יידישע שכנים אויף די שטאָקן, געקומען מיט פּעק צייטונגען און מיט זאַמל־ליסטעס. האָט זי לייכטער אָפּגעאָטעמט. הייסט עס, אַז מ'האָט זיך פאָרט דערמאָנט. האָט זי באַלד דער פרעמדער אַריינגעבעטן צו זיך, פאַרשפּאַרט טיר און טויער און צו דער קליינער הינטערן פאָרהאַנג אַ רוף געטאָן:

— קום, מאַדלען... מען וועט דיך פירן צו דער מאַמען...

אַזוי האָט זי זיך פון גרויס צעטומלטקייט אַרויסגעכאַפּט, מוטערל זשאַנאַ, און פון דער פרעמדערס איבערגעשראָקענעם בליק באַלד פאַרשטאַנען, אַז נישט צו דער מוטער וועט מען זי פירן. ס'איז נאָר געווען אַ ווייטיק צוצוקוקן. מ'האָט ממש געזען, ווי די קליינע קאָן מער נישט איינהאַלטן דאָס שטיקנדיקע געוויין.

נאָך פאַר דער פּאָליצײ־שעה האָט די פאַרטייעטע פרוי מיטגענומען מיט זיך ערגעץ דאָס מיידעלע, און באַלד צומאָרגנס האָט מען די קליינע אַוועקגעפירט מיט דער באַן אין אַ דאָרף ווייט פון פּאַריז.

איז דאָס מיידעלע, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פאַרוואָגלטע יידישע קינדער, דעם גאַנצן זומער אָפּגעווען אין דעם פאַרוואָרפענעם דאָרף, ערגעץ אין אַ פלאַכער, וואַלדיקער געגנט פון דער סאַרט. קיינער איז צומאָל נישט געקומען נאָכפרעגן זיך. די דייטשישע קאָמענדאַנטור איז געווען אין דער ווייטער קרייזשטאָט, אַ קילאָמעטער פינף און צוואַנציק פון דאַנען. וועמען איז דען איינגעפאַלן נאָכצופרעגן זיך? די אַלטע, ביי וועלכער די קינדער זענען געווען, האָט זיך צוערשט נישט שטאַרק אָריענטירט. זי האָט נאָר געוווּסט — אין פאַריז איז שווער מיטן לעבנסמיטל, איז גלייכער, אַז די קינדער זאָלן זיין אויפן דאָרף. בכלל האָבן זיך אַ סך שטאָטישע לייט אָפט געוויזן. פון צייט צו צייט איז פון פאַריז עמעץ אַראָפּגעקומען צו די קינדער: מאַמעס, קרובים, פון די יידישע סאָלידאַריטעטסקאָמיטעטן, און באַזאָרגט אַ ביסל געלט און אָנטועכץ פאַרן קלייניוואַרג.

די קליינע האָט זיך אומגעריכט צוגעבונדן צו דער אַלטער, וואָס מ׳האָט זי גערופן מוטערל דיפור. די אַלטע איז געשלאָפן צוזאַמען מיטן בלייכן מיידעלע אין ברייטן הילצערנעם בעט. האָט דאָס קינד דורך די נעכט, ווען אין דרויסן האָט געוואָיעט דער רייסיקער ווינט, געטוליעט צו זיך. זי האָט אַליין אויך געהאַט ערגעץ ווו אייניקלעך, די אַלטע, נאָר זיי זענען געווען ווייט. די קליינע האָט זי גערופן „באָבע“. מוטערל דיפור האָט איר אויסגעפלאָכטן צעפּלעך פון אירע דינע, זיידענע האָר, פאַרבונדן אַקוראַטנע מיט אַ בלוי סטענגעלע. זונטיק אין דער פרי האָט זי איר אָנגעטאָן דאָס ווייסע קליידעלע און זי צוזאַמען מיט אַלע קינדער געפירט ביי אַ הענטל צו דער אַלטער, שטיינערנער קירך אויפן בערגל. די גלאָקן האָבן געבאַסעוועט און גערופן צו דער מאָרגן־תפילה. די דאָרפסלייט האָבן געקוקט מיט וואַרעמע בליקן אויף די שטאָטישע קינדער. זיי זענען געווען שטילע און פאָלגעוודיקע. זיי זענען אַלעמאָל מיטגעגאַנגען אין פעלד אַריין, געהאָלפן אין דער באַלעבאַטישקייט אַרום הויז, אַרום די הינער, גענדז, קאַטשקעס, חזירים, געהאָלפן אָנהאַקן האָלץ און אָנטראָגן וואַסער פון דעם פלומפ אין שטוב אַריין. מאַדלען איז שוין אַפילו געגאַנגען אין דער דאָרפישער שול. די אַלטע האָט איר איינמאָל אַהין אַוועקגעפירט. זי האָט שוין געקענט נאָכשרייבן גרויסע, קרומלעכע אותיות פון אַלפאַבעט און, סילאַביזירנדיק, מיט אַ קינדעריש־אַרויסגעשטעקטער צונג, פירנדיק מיטן איינגענעצטן פינגערל, געלייענט פונעם קינדער־ביכל. דאָס אַלץ, וואָס איז געווען אַמאָל דאָרט, אין שטאָט, האָט איר שוין איצט אויסגעוויזן צו זיין זייער ווייט, ווי אַ חלום. ס׳איז איר דאָ גוט געווען און גענוג.

נאָר אַמאָל האָט זיך איר דורך די נעכט געפלאָנטערט אין חלום די מאַמע אין ענגן האָטעל־שטיבל אויפן בעלוויל. די טיר האָט זיך פלוצעם געטאָן אַ מאַך אויף, און דער טאַטע איז אַריינגעפאַלן, פול באַלייגט די הענט מיט אַ באַרג שפּילצייגן. אָבער אין דער פרי האָט זי שוין קיינמאָל מער גאָרנישט געדענקט.

זי איז היפּש אונטערגעוואַקסן דעם זומער. אירע קינדערישע גלידער האָבן זיך אויסגערונדיקט, און איבער דער דאָרפישער גאַס איז זי זונטיק, אין איר ווייס קליידל, מיטן בלויען שאַרף אין די זיידענע האָר, געגאַנגען, וויגנדיק זיך, ווי אַ קליינע פרוי. די לייט פון דאָרף האָבן איר נאָכגעקוקט און טיילמאָל גוטמוטיק געלאָזן פאַלן:

— ביי מומערל דיפור וואַקסן די קינדער אויס שיין... ווי אייגענע...

ביז די אָפּגעפרעמדטע מומע ראָזעט האָט זיך איינמאָל אַהין אַראָפּגעיאַוועט. זי איז אַריינגעפאַלן ווי אַ שטורעם=ווינט. זי האָט די קליינע געקושט מיט הויכע, קאַלטע קושן, זי פאַרשמירט מיטן רויט פון אירע ליפּן, אפילו פאַרגאָסן אַ טרער, וואָס האָט שנעל אויסגעטרוקנט. מען קאָן נישט זאָגן, אַז די אַלטע איז שטאַרק צופרידן געווען, וואָס זי קומט אַוועקנעמען פון איר די קליינע מאַדלען.

— אַ קינד... — האָט זי שטיל געלאָזן פאַלן, די אַלטע, — מ׳איז שוין צוגעוויינט.

אויך דאָס מיידעלע האָט פאַרלאָסן געשוויגן. ס׳איז שוין נישט געווען די ערשטע פּלוצימדיקע ענדערונג אין איר יונג לעבן. דאָס האָט זי שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען — פאָלגן, נישט וויינען. זי האָט זיך איינגעקאָרטשעט, ווי אַ דערשראָקן העזעלע, און איז מיטגעגאַנגען. זי האָט נישט געפרעגט, קיין סך נישט גערעדט מיט דער פרעמדער מומען. יענע האָט איר עטלעכע מאָל אַ גלעט געגעבן מיט קילע פינגער איבערן קעפּל און איר געזאָגט, אַז זי פירט זי אין אַ הויז אַריין, וווּ ס׳וועט איר גוט זיין. זי זאָל פאָלגן, זי זאָל קיין סך נישט רעדן און נישט וויינען. די קליינע האָט אַלץ געלאָזן טאָן מיט זיך, אָן אַ טרער, ווי אַ דערוואַקסענער, רעזיגנירטער מענטש. טאַקע, צי האָט דען עמעץ געקאָנט אַזוי טיף דערפילן דעם שטילן טרויער, וואָס איז געווען אין די גרויסע, שיינע אויגן פונעם קינד? כאָטש זי האָט פון צייט צו צייט געוויזן אירע שיטערע ציינדלעך און אַפילו געשמייכלט בלייך.

די פרעמדע מומע האָט דאָס איבערגעשראָקענע מיידעלע אַוועקגעפירט ערגעץ אין אַ ווייטן פאַריזער קוואַרטאַל, האָט שפּעט נאָכמיטאָג אָנגעקלונגען אין אַ פאַרמאַכט טויערל פון אַ ווילע, באַהאָנגען מיט קריכנדיקע פלאַנצן. איר איז דאָ פונדעסטוועגן באַלד געפעלן, כאָטש זי האָט זיך עפּעס געפאָרכטן פאַרן פרעמדן, שיינעם הויז, פאַרן רייניקן שלאָפצימער, וואָס איז, זעט אויס, פריער צוגעגרייט געוואָרן פאַר איר — דאָס בעטל אין ראָזן, דער גרויסער פּלושענער בער, די אָן אַ שיעור פאַרביקע אילוסטרירטע ביכלעך. די צו גרויסע מאַדאַם, אין אַ שטרענג=אָנדולירטער פריזור אונטער אַ נעצל ביזן טיפן שטערן, האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און איר געגלעט איבער די האָר.

— דאָ וועסטו שלאָפן, מיידעלע... ווי רופט מען דיך?

— מאַדלען... — האָט זי געזאָגט און מורא געהאַט אויפצוהייבן די בלויע, פייכטע אויגן.

ס'האָט געשמעקט פון דער מאַדאַמס פריזור מיט עפעס אַזאַ שאַרפן ריח, און די הענט אירע, וואָס האָבן געגלעט דעם קינדס קעפּל, זענען געווען גרויסע און וואַרעמע. אַזעלכע הענט, האָט זי געפילט, די קליינע, קאָנען גוט טאָן, זיי קאָנען אָבער אויך שטרענג זיין.

אַזוי איז דאָס איבערגעשראָקענע מיידעלע שוין פאַרבליבן אין דעם פרעמדן הויז.

2

די מאַמע פונעם איבערגעשראָקענעם מיידעלע האָט זיך שוין מער קיינמאָל נישט צוריקגעקערט. די באָבע און דער זיידע, אַלטע, שוואַכע לייט, זענען נאָך גלייך אינעם איבערגעפראָפּטן לאַסט=צוג, וואָס האָט זיך דריי טעג מיט דריי נעכט געשלעפּט פון דראַנסי „ערגעץ ווו אויף מזרח“, אין דער שטיקנדיקער ענגעניש, שטיל אויסגעגאַנגען; און דער טאַטע פונעם פאַרבלאָנדזשעטן מיידעלע, וואָלף כייקין, וואָס האָט דאָס קינד זיינס פריער אַזוי זעלטן געזען, אַזוי זעלטן אָנגעפרייט זיך דערמיט, האָט זיך ערשט אין אומפאַרגעסלעכן פרילינג פון יאָר 1944, ווען די לעצטע געוויטערס זענען שוין געהאָנגען אין דער לופט, צוריקגעקערט קיין פאַריז, ווו ס'האָט נאָך אַלץ געטראָטן דער בלוטפרעסערישער היטלער=יונג.

ער האָט טאַקע, וואָלף כייקין, די לעצטע פאָר יאָר געלעבט, ווי אַ פאַרפאָלגטער, אויסגעהונגערטער וואָלף — אין שטענדיקן פאַרטייעטן לויער. קומענדיק אין יענעם הייסן זומער צום לעצטן מאָל אַנצולויפן פון די דורכגעריסענע פראָנטן הינטער באַרצעלאָנע, האָט ער אַ שטיקל צייט, פאַרהוילן פון אַ זייטיק אויג, אויפגעהאַלטן זיך אויף די געדיכט=באַפעלקערטע, פאַרוויכערטע פאָרשטעט פון פאַריז, דערנאָך — ערגעץ אין די בערג פון סאַוואָ, אַרום די קוילן=גרובן=שטעטלעך אין נאָרד=געביט. זיינע קענטעגישן אין דער קאָנסטרוקציע פון לייכטן און שווערן מאַשין=געווער, פון אַלע באַקאַנטע מאַרקעס, פון „מאַקסים“ ביזן „האָטשקיס“, זענען, זעט אויס, גוט צונוץ געקומען. שוין באַלד צוויי יאָר, אַז ער האָט אָבער נישט געהאַט מער קיין שום ידיעות וועגן מירלען מיטן קינד. ער האָט זיך כסדר געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן, אין איין אַליאַרמירן, נאָר וואָס האָט מען דען, נאָך אַלעמען, געקאָנט דערוויסן זיך אין יענע בהלה=טעג? מ'האָט נאָר געוווסט צ דערציילן, אַז מען האָט זיי דאָרט אַלע אין דעם טרויעריקן באַ=

גינען פון 16=טן יולי אַראָפּגענומען פונעם אַלטן הויז, ערגעץ ווו אַוועקגעפירט, מער גאָרנישט.

דערפאַר אויך האָט ער זיך מיט אַזויפיל פלאַטער אומגעקערט צו דער שטאָט, ווו ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שטיק פון זיין מוטיק, קעמפעריש וואַנדער=לעבן; ס'הייסט, ער האָט זיך נאָך אַלץ אַליין נישט געקאָנט צוגלייבן.

ווען דער צוג האָט זיך אין יענעם דעמפּיקן פאַרנאַכט ווידער דערנענטערט צו די פאַררייכערטע פאָרשטעט פון פּאַריז, האָט עס אים אָבער עפּעס באַלד גענומען שאַרף באַנג טאָן, וואָלפן; כאָטש אין דער זעלבער צייט האָט דאָס האַרץ אין אים הויך און פריידיק געשלאָגן — שוין קנאַפּע דריטהאַלבן יאָר, ווי זיין פוס האָט דאָ נישט געטראָטן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט בייקומען אין זיך דעם גרויסן נייגער אָפּצושטייגן ערגעץ אויף אַ צופעליקער סטאַציע און לאָזן זיך דערנאָך מיט אַלע אומוועגן צו דער גדיכט=באַפעלקערטער שטאָט, ווו מען קאָן אַלעמאָל לייכט אַנטרינען ווערן. מ'האָט עס אים אָבער פריער אָנגעזאָגט, געוואָרנט. ס'האָט געקלאַפּט אין אים דאָס אָדערל פון אַן איינשטעלער, און דאָס האָט אים דעם לעצטן מאָל אַזוי נאַריש פאַרפירט. אַזוי לאַנג — האָט ער זיך נישט געוואָלט צוגלייבן — האָט עס אים אָפּגעגליקט, פון אַזויפיל פייערן איז ער ביז איצט אַרויס אַ גאַנצער.

ווי קיינמאָל גאָרנישט, איז ער אַרונטער אויפן צפון=וואָקזאַל, געטריבן פון זיך די אַלע ביטערע ספיקות, באַמיט זיך אויסצומישן מיטן שיטערן שטראָמל ציווילע, פאָרזיכטיק דורכגעשטופּט זיך צווישן די סאָלדאַטן פון עפּעס אַ יעגער=דיוויזיע; זיי האָבן דאָרט אַלע געאיילט צו אַן אָפּגעדעקטן לאַסט=צוג אויף אַ זייטיקן פּעראָן, צוזאַמען מיטן שטראָם מענטשן האָט ער זיך געלאָזן צום נאָענטן אַרויסגאַנג. אַ קליין קיישל עסנוואַרג האָט זיך אומשולדיק געשאָקלט אויף זיין רעכטן אָרעם, ווי ס'איז אין די פּאָר אָקופּאַציע=יאָרן געווען דער שטייגער פון די אַלע שטאָט=לייט, וואָס קערן זיך צוריק פון דער פּראָווינץ. די ברוינלעכע וואָנסן האָבן אים שטאַרק געעלטערט, וואָלפן. ווער וואָלט אים דען דערקענט? פאַר דער שפּערע האָט ער אָבער גלייך דערפילט אויף זיך דעם צו שאַרפן בליק. ס'איז שוין מער קיין צייט נישט געווען דאָרט אָפּצוטראָגן זיך. אַרום אים איז מיטאַמאָל געווען לייַדיקלעך פון מענטשן. „וואָלף, — האָט ער זיך אַליין באַלד אַ זאָג געטאָן, — ביסט, דאַכט זיך, געהאַנדלט"... ער איז נאָך אָפּגעגאַנגען אַ טריט צען ביז צו דער טיר, פילנדיק אַלץ דעם שטאָך אין רוקן פון די קילע בליקן עמעצנס; און דאָ האָבן אים טאַקע מיט אַמאָל אַ פּאָר ברייטע אַקסלען פאַרשטעלט אין דער קרום דעם וועג. דאָס פאַרקראַטעוועטע קעטשל האָט שוין גע=וואַרט פאַרן רוישיקן צופאָר פון צפון=וואָקזאַל.

אין דער 4=טער בריגאַדע האָט דער שטייפער, זייער העפלעכער ס.ס.=אָבער=לייטענאַנט ענדלעך אַוועקגעוואָרפן אויפן נאַקעטן טיש זיינע דאָקומענטן, פאַ=

וואָליע אָפּגעשאָקלט דעם אַש פון אַראָמאַטישן ציגאַר און געשמייכלט דין, כמעט ליבלעך, פון אונטער די שאַרפע אויגן גלעזער:

— די דאָקומענטן אייערע זענען גוטע, מעסיע בערטראַן... אַפילו זייער גוטע... מיר קענען אָבער צופעליק אייער ריכטיקן נאָמען אויך...

ס'איז באמת איבעריק געווען אַריינצולאָזן זיך דאָרט אין טענות. שוין לאַנג, אַז זיי האָבן אים דאָ אַרומגעזוכט. אַזוי נאַריש אַריינצופאַלן האָט ער זיך אָבער נישט געריכט, ניין. די גאַנצע פּראָצעדור נאָך דעם אַלעמען איז אים שוין גוט באַקאַנט געווען פון אויסנווייניק — אַ וואָך צענטראַלער אויספאָרש=אַרעסט, די ראַפינירטע פייניקונגען, איינצל=קאַמער, קרייז=פאַרהער, אָנבאָט צו דערציילן, אויסגעבן. דאָס מויל איז אים אָבער, דורכן קאָשמאַר פון די עטלעכע אומענדלעך לאַנגע מעת=לעתן, פאַרבליבן אויסגעקרומט און אַזוי ווי פאַרהאַקט.

אין שיינעם חודש מאַי איז עס געווען, ווען מ'האָט אים, נאָכן קורצן אורטייל, צוזאַמען מיט נאָך אַ קליינער גרופּע, אין אַ שטאַרק באַוואַכטן קאָנוואָי, צום לעצטן מאָל איבערגעפירט צום גרויען תפיסה=בנין טורעל, אויף דער פאָרשטאָט לילאַ. עס זענען מיטאַמאָל געשטאַנען איבער פּאַריז הייסע, פאַרנע וועטערן, ווי אינמיטן יולי. אויף די ביימערדיקע אַוועניס און בולוואַרן, וואָס האָבן פאַרביי־געשווינדלט פאַר זיינע פאַרשוואָלענע אויגן דורך די קראַטן=שייבלעך, האָבן די קנאָספּן אויף די קאַשטאַנען שוין געהאַט אויפגעפּלאַצט; די גאַסן זענען ביז ווייט אַראָפּ פאַרטרונקען געווען אין ראָזן און ווייסן צוויט און אין איידעלע אַראָמאַטן. די ברוקן האָבן געהילכט פון אַ האַסטיק פאָרעריי. אין די אויערן איז אים לאַנג שטיינגעבליבן דאָס געשריי פון אויטאָ=טרויבן.

אָט אַזאַ איז געווען די לעצטע רייזע וואָלפס, ווען מ'האָט אים אין יענע אויפגערודערטע טעג פון אומפאַרגעסלעכן חודש מאַי 1944 אומגעריכט צוריק איבערגעשיקט צו די אָפּגעלעגענע פאָרשטעט אַרום פּאַריז. מ'האָט אים דאָרט ווידער באַדאַרפט צו האָבן. ס'האָט שוין דעמלט געשמעקט מיט דער נאָענטער לאַנדונג פון די אַלירטע טרופּן אין דער נאָרמאַנדי. אַלע האָבן עס געפילט, אַז לענגער קאָן מען נישט מער.

איז האָט ער גאָר אַצינד געוואַרט אויף זיין ריי געפירט צו ווערן אויפן באַרג וואַלעריאַן, צו דער עקזעקוציע. פאַרפאַלן, האָט ער זיך אַליין געזאָגט, מאַכנדיק קאַלטבלוטיק דעם לעצטן חשבון=הנפש, ס'איז דער וועג פון די, וואָס זענען שוין דאָ געגאַנגען פאַר מיר, אַ וועג אָן אַ צוריק. ס'איז נאָרמאַל. איינער פאַלט, און טויזנט גייען ווייטער. ניין, זיי וועלן דעם מעכטיקן שטראָם אָבער נישט אָפּהאַלטן. אפילו צו מירלען האָט ער שוין איצט מער נישט געקאָנט שרייבן. די ריכטיקע, איינפאַכע ווערטער, האָט ער געפילט, וואָלט ער געפונען צו זאָגן נאָר פאַר איר אַליין, מער ווי פאַר אַלעמען. שוין צוויי יאָר, אַז זי מיטן קינד זענען געווען ערגעץ ווייט, אויף יענער זייט פונעם גוטן און שלעכטן. און אפשר?...

האָט נאָך ווען עס איז אַ שלאָג געטאָן אין אים דאָס אָדערל פֿון האָפֿענונג, כאָטש קיין ספק האָט ער דאָרט מער נישט געגלייבט. מ'האָט שוין געוווּסט... ער וואָלט איר נאָך געשריבן, האָט ער באַקלערט, אַז ער האָט געלעבט ערלעך, און אַז ער האָט מיטן פֿולן געוויסן אויסגעפֿירט דאָס, וואָס זיין מאָנענדיקער דור האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט; און ווען ס'קומט אים אויס נאָכאַמאָל צו האָבן אַזאַ לעבן, וואָלט אָן שום ספק זיין האַנט נישט קיין ציטער געטאָן, ניין. אַזוי טאַקע וואָלט ער איר געשריבן, מירלען.

וואָס איז דאָרט, נאָך אַלעמען, געווען אַ סך אַריינצוקלערן? ס'האָט נאָר באַנג געטאָן, שאַרף באַנג געטאָן. ווי אַלעמאָל, ביים לעצטן מענטשלעכן סך־הכּל, קערט מען זיך אַ ווײַלע הילפֿלאָז אום צו דער ווייטער קינדהייט, צו דער מאַמען, צו דער היים, וואָס מ'האָט אַמאָל געהאַט. אין די פּראָסטע, געזונטע דאָרפֿס־ייִדן און שטעטלדיקע באַלמעלאָכעס פֿון זיין שטאַם, האָט ער זיך דערטראַכט, איז פֿאָרט געלעגן דער גרויסער, נישט אויסגענוצטער כּוח, וואָס וואָלט וועלטן געקאָנט צעשטערן און איבערבויען. און דאָס איז אים איצט אַ גרויסער שאָד געווען. פֿון זיי איז ער דאָך געקומען. זייער פּרימיטיווער כּוח, וואָס איז גערונען אין זיינע אָדערן, האָט עס אים יאָרנלאַנג געפֿירט דורך תּפֿיסות, געגנבעטע גרענעצן, דורך די פֿראָנטן פֿון שפּאַניע, ביז צו דער אונטערערדישער אַרמיי פֿון באַפֿרייונג, ביז צום עקזעקוציע־סלופּ אויפֿן באַרג וואַלעריאַן...

די פֿאַרשטיקטע ידיעות וועגן דער אַזוי לאַנג אויסגעקוקטער לאַנדונג פֿון די אַליִרטע אַרמייען אין דער נאָרמאַנדי האָבן זיך ערשט אינמיטן יוני אַדורכגעריסן די דיקע תּפֿיסה־מויערן. ס'איז אָבער אויף זיי אַלעמען געפֿאַלן נאָך שווערער, ווי דער ביטערער, אומברחמנותדיקער אורטייל אַליין; די פֿרייהייט איז שוין, הייסט עס, אַזוי נאָענט, פֿאַר דער טיר כּמעט, און ווער ווייסט צי מען וועט נאָך דערציען. ניין, זיי האָבן זיך נישט געאײַלט, די שותּפֿים, און זיי אײַלן זיך נאָך אַלץ נישט אַזוי שטאַרק...

מ'האָט זיך אַצינד געריכט אַז די דײַטשן וועלן נעמען צואײַלן די פּראָצעדור; לאַנגע טעג אין אומרואיקן וואַרטן, נאָך לענגערע נעכט און — געקומען נאָך זיי איז מען נאָך אַלץ נישט. יעדער טאָג איז אַ געווונענער. דער אַרמענער גוסיאַן איז טעג לאַנג אָפּגעזעסן אויף דער אייבערשטער נאַרע, די פֿיס אונטער זיך, און האָט זיך דאָרט ביטער געוויצלט מיטן טויט. דער שפּאַניער לאָפּעז האָט לאַנג און געדולדיק, ווי נאָר אַ פֿויער, געריבן אַ מעשענעם קנאָפּ, אויסצוקלאַפּן אַ פֿונק אויפֿן פֿאַרברענטן וואָל פֿאַרן אָפּגערויכערטן סיגאַרעטן־עקשטיקל. די ביידע מאַגערע, בלייכע ייִדישע שניידערס, צוקער און עפּלבוים, האָבן נישט אויפֿגעהערט צו מעסטן די צעלע, איינער אַהין און איינער אַהער. דער קליינער פֿאָלקס־שול־לערער אַנדרעאַי, אַ רויטלעכער און אַ שטייפֿער, ווי אַ וואָרצל, אַ

פויער פון ברעטאן, האט זיך דארט איינמאל, איגמיטן דער נאכט, אויפגעכאפט אויף דער נארע און פלוצים געגומען דעקלינירן אויפן קול, ווי א שול-ייִנגל:

— איך וועל... דו וועסט... ער וועט... דערשאסן ווערן... דו וועסט דערשאסן ווערן...

ער איז דערנאך ליגן געבליבן אויפן רוקן, אן אפגעגאסענער אין אנגסט.

אין קרומען, שוואך דורכגעזייפטן מארגן-ליכט האט ער אויפגעמאכט זיינע גרויע אויגן, ארומגעגלאצט די פיס פון דער נארע, און זיין צעאקערט פנים האט צוריק לויטער אויפגעשיינט.

— חברים... — האט ער גערעדט צו זיי מיט הארץ, — זייט מיר מוחל... כ'פארשטיי אליין נישט וויאזוי... נישט אנדערש — ס'איז געווען א משוגענע מינוט. דער מוח האט נישט געארבעט... דער טויט שרעקט מיך נישט... אז ס'וועט קומען די מינוט וועל איך מיט א געהויבענעם קאפ... וועל איך שטארבן פאר פראנקרייך... פאר א בעסערער וועלט...

פיער, דער קליינער, פלינקער פיער לעמואן, פון די באן-ווארשטאטן אויפן פאריזער מזרח-וואקזאל, האט ווי קיינמאל גארנישט, דאכט זיך, האסטיק גע-פייפט אויף דער נארע אין דער נידער, אין שכנות מיט וואלפן, „א, העי, פאר-טיזאן".

— כ'וואלט אנגעשריבן, — האט ער געלאזן פאלן, — צו סעסילן... ווייס איך אפילו נישט ווו זי געפינט זיך, די קליינע...

ס'איז געווען דער זעלבער פיער לעמואן פון פאר עטלעכע יארן, ווען זיי האבן זיך אין ווינטן און רעגנס ארומגעיאגט אויף די וועלאס, מיט די פאר-שטעקטע בלעטלעך, צווישן די קאזארמעס און די פאררויכערטע פאבריק-פאר-שטעט. ער האט זיך ארויסגעוויזן פאר א מייסטער ארויפצולאזן דייטשישע צוגן מיט מיליטער פון די רעלסן. ער האט זיי אויף זיין קאנטע געהאט נישט ווייניק. צו וואלפן, וואס האט זיך אביסל אויסגעקענט אין דער גאנצער מעכאניק, האט ער גערעדט ווי צו א פאכמאן, אים געוויזן זיינע צעאקערטע הענט, ווו ס'זענען נאך אלץ געלעגן די שפורן פון ראסט, פון פיילן און פון מייסטרעוועז ארום מעטאלן.

— א שאד... — האט ער, אויספייפנדיק אזוי דאס פארטיזאנער-ליד, געלאזן פאלן, — וואס מיט די דאזיקע הענט... וועל איך זיי נישט קאנען די רעשט דער-שטיקן...

און געקומען נאך זיי איז מען נאך אלץ נישט.

נאכמיטאג האבן זיך די קראנן הייס אנגעגליט פון דער אויגוסט-זון, וואס איז שיף געפאלן פון איבער אפגעהאקטע דעכער. ס'איז אלץ געהאנגען אין דער לופט די שווערע דעמפיקייט. עס האבן זיך ערגעץ נאענט אפגעריסן שארפע גע-רויש, אויטא-טרויבן האבן זיך פארשטיקט געריסן, געליארעמט. זייער אנגע-

שפּיצט, וואָר געהער האָט זיך אַפילו געדאַכט צו פאַרנעמען אַ ווייט, אָפּגעריסן געזאַנג.

אין צוגעפאַלענעם אָוונט האָט עס פּלוצים פון איבער די מויערן שאַרף אַ פאַרשמעק געטאָן מיט לאַנג פאַרגעסענע בליטן־ריחות. די ווייטע שאָסן האָבן נאָכאַנאַנד אָנגעשפּיצט זייערע חושים. עפּעס האָבן זיי זיך אַלץ אַליין נישט געקאָנט צוגלייבן. אין דער נאַכט פון 16־טן אויפן 17־טן אויגוסט איז מען ענדלעך געקומען נאָך זיי. אַ ווײַלע זענען זיי געבליבן ווי צוגעקלעפּט צו זייערע נאַרעס, בלייך און שטום, נישט גערירט זיך פון די ערטער. הייסט עס, אַז פאָרט... מ'עט די באַפרייונג נישט דערציען... זיי האָבן שוין אַצינד דייטלעך געהערט די איבעררופן אין אונטערשטן פליגל, שווערע טריט אין די קאָרידאָרן, אַ סך טריט, אַ גרילצעריי פון שלעסער און פון שליסלען. און פּלוצים — האַרט פאַר זייער טיר:

— חברים, איר זענט פריי!

— דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט אייך באַפרייט!

די טיר איז צעליגט געוואָרן, נאָך איידער זיי האָבן האָרט באַוויזן אויפצושליסן די צעלע. ס'האָבן שוין פריילעך גערוישט פאַרן טויער די לאַסט־אויטאָס פון דער אָפּטיילונג פון דער פּאַטריאָטישער מיליץ אויפן נאָמען פון גי מאָקע. קיין סך צייט צו פרייען זיך איז סייווי נישט געווען. די קאַמפן האָבן זיך שוין זייט טעג געצויגט און האָבן שוין געפלאַקערט אין אַלע עקן שטאָט.

מ'האָט זיך געקליבן צו נעמען מיט שטורעם די גרויסע קאַזאַרמע־געביידע פון „פּרינץ אויזשען“, צעלייגט אויפן מיטן רעפּובליק־פּלאַץ. דער דייטשישער גאַרניזאָן האָט זיך דאָ זייט וואָכן געהאַט שטאַרק באַפעסטיקט. דער ווייט פּאַנאָראַמישער געוואָרפענער פּלאַץ איז שוין געווען צעגראָבן אין טראַנשייען, אַרומגעשטעלט מיט שטעכל־דראָטן און האָט אויסגעזען צו זיין אומאייננעמבאַר. די זשאַוועריקע סטאַטוע פון דער רעפּובליק, מיטן שלום־צווייגל אין דער האַנט, איז געשטאַנען אין דער מיט פון אַ זוניק, צעגראָבן שלאַכט־פעלד. אין דער דומפּיקער לופט האָבן זיך געטראָגן שאַרפע ריחות פון סמאָלע, פּולווער און שריפה. די צענטראַלע מעטראָ־איינגענג — פאַרשטאָפּט מיט זעק זאַמד. די ביימער אין די אַנעמישע געראַטלעך — אַרומגעבראָכן. אַפילו די גרויע טויבן, וואָס האָבן דאָרט אַלעמאָל גענעסטיקט אין די נישעס און לעבער, געפלאַטערט אַרום דער סטאַטוע, ווו קינדער פלעגן קומען וואַרפן זיי ברעקלעך, זענען אויך ערגעץ ווו אַוועקגעפלויגן. די שויבן אין אַלע אַרומשטייענדיקע הייזער און גרויסע מאַגאַזינען זענען געווען אויסגעזעצט און דורך זיי האָבן געקוקט אָנגעצילטע מאַשין־געווער. די ווייזערס אויפן זייגער־ציפערבלאַט איבערן האָטעל „מאָדערן“ האָבן זיך אין יענעם טאָג אָפּגעשטעלט. פון הינטער אַלע לעבער און בונקערס, געגאָסן אין צע־

מענטש, באַגלייך מיט דער ערד, האָבן געלויערט פינצטערע, גיריקע פיסקלעך פון מאַשין=געווער און גרינע קאַסקן.

פאַרן געוועלבטן איינפאָר=טויער האָבן צוויי שווערע 75=ער אַנטיאַוויאָן=קאַנאָנען פאַרריסן זייערע פיסקעס אין הימל אַריין. אין די ראָגן — אַנטיטאַנק=באַטעריעס און אָן אַ שיעור קוילנוואַרפער=נעסטן — פון די לעכער, פון די שטאָקן, פון די פענצטער אין גרויסן האָטעל „מאָדערן“, פון די מאַגאַזינען, פון די דעכער אין אַלע אַרומיקע געסלעך. זיי האָבן אַזוי אַרום לאַנג געקאָנט האַלטן אינטערן קרייצפייער אַלע גאַסן און אַלע פאַרבינדונגס=בולוואַרן, וואָס גיסן זיך אַריין אין צענטראַלן רעפובליק=פּלאַץ.

אין יענעם טאָג האָט דער גענעראַל=שטאַב פון 12=טן ראַיאָן פון דער פּאַטריאָטישער מיליץ באַשלאָסן צו שטורעמען דעם רעפובליק=פּלאַץ און די קאַזאַרמעס פון „פרינץ אויזשען“. אַרום אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס פירן צום פּלאַץ — דער פאָבור ביזן בעלוויל, אַרום די צפון= און דרום=וואָקזאַלן זענען איבער נאַכט אויסגעוואַקסן באַריקאַדן. אַלע וועגן — אָפּגעשלאָסן, פאַרשטאָפּט מיט די פּירקאַנטיקע פּאַריזער ברוקשטיינער, וואָס האָבן שוין נישט צום ערשטן מאָל דאָס פאָלק פון פּאַריז געדינט אויפצושטעלן באַריקאַדן. איבערגעקערטע וועגן, אייזן=פּלאַנקעס, צעבראָכן מעבלוואַרג, זעקלעך זאַמד.

פאַרן קליינעם גאַרניזאָן איז מער נישט געווען קיין שום וועג צוריקצוציען זיך. מיט אַ טאָג פריער האָבן נאָך די דייטשן, דורך די הילכער, געגעבן אַן אולטימאַטום די אויפשטענדלער, פאַנאַנדערצוגעמען די באַריקאַדן. מ׳האָט זיי געענטפערט מיט אַ פייפעריי, מיט אַ פאַרטויבנדיקן זאַלפּ פון שטימען. פון האַנט צו האַנט האָט מען זיך איבערגעגעבן די ברוקשטיינער. פון די שמאָלע הויפן האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין אָנשלעפּן, וואָס ס׳איז נאָר געקומען אונטער דער האַנט. איינס אַזייגער האָבן די דייטשן געעפנט אַ קאַנאָנאַדע אויף די באַריקאַדן פון שווערן 75=ער קאַנאָן. זיי האָבן גענומען שלײַדערן ציגל=גראַנאַטן. פון אַלע העכערע שטאָקן האָבן זיך אין דער זעלבער צייט צעבילט די מאַשינגעווער=נעסטן.

אָבער קיינער איז נישט אָפּגעטראָטן. די פאַרוואונדעטע האָט מען עוואַקויִרט. די טויטע האָט מען אָפּגעלייגט אין אַ זייט. פאַרקערט, פון די אַרומיקע גאַסן, דורכגענג, שטאָקן און הויפן האָבן געשטראָמט אַלט און יונג. אין אָוונט איז דורכן גענעראַל=שטאַב פון 12=טן ראַיאָן פון דער פּאַטריאָטישער מיליץ אָנגעזאָגט געוואָרן דער אַלגעמיינער אָנגריף. נייע אָפּטיילונגען פון באַניאָלע, פון מאָנטרוי, פון מאָגרוזש האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צוהילף. עס זענען געקומען צוהילף די איטאַליענישע אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון גאַריבאַלדי, די אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון גי מאָקע, וועלכע איז מערסטנס באַשטאַנען פון אויסלענדער און צווישן זיי — אַ סך יידן.

פון צוויי זייטן האָבן זיי זיך געוואָרפן אין אָנגריף — פון דער זייט פון די
צפון= און מזרח=וואָקזאַלן, דורך בולוואַר מאַזשענטאַ, און פון דער זייט פון די
אַלטע קוואַרטאַלן ביים בולוואַר די טאַמפל. אין דעם לעבעדיקן חושך האָבן זיי
זיך לאַנגזאַם דערקריגן, שפּאַן נאָך שפּאַן, ביז צום פאַרשטאָפּטן פּלאַץ. אַלע
טירן, אַלע נישעס זענען אויסגענוצט געוואָרן. צו פאַרטאָג האָט זיך דאָס פייער
פון די דייטשן אַ ביסל איינגעשטילט. ווייסע פענער האָבן זיך מיטאַמאָל באַווי=
זיך לאַנגזאַם דערקריגן, שפּאַן נאָך שפּאַן, ביז צום פאַרשטאָפּטן פּלאַץ. אַלע
גאָר געהאַלטן און צוריקגעשאָסן מיט לאַנגע איבעררייסן.

די אויפשטענדלער פון דער קאָמפּאַניע אויפן נאָמען פון סען=זשיסט האָבן
זיך פון די ערשטע אַריינגעריסן אין געוועלבטן טויער אַרום האַלב זיבן פאַרנאַכט.

אין דער צייט, ווען פון די אייבערשטע שטאָקן זענען די דייטשן פון קליי=
נעם גאַרניזאָן אַרונטער מיט אויפגעהויבענע הענט און געלאָזן זיך צווישן אַ שפּאַ=
לער צום טויער, האָט נאָך פון דער מיטלסטער שטיג, הינטער די אַרקאַדן, אַ
צוויימעטערדיקער וואַכמייסטער, מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ, אַ רויטער, די הע=
לע טשופּרינע אין די אויגן, געפּרוווט דורכשניידן קווער דעם הויף, צום פאַרהוי=
לענעם צעמענט=בונקער אין לינקן פליגל. ער האָט נאָך עפּעס געשריגן מיט באַ=
נומענע קולות און אָפּגעשאָסן זיך מיטן פאַרשטייפטן מיטראַיעט.

מיט זיין קורצן מוסקעטאָן האָט אים וואָלף פון הינטער דער באַריערע אין
ווינקל=טויער פינקטלעך גענומען אויפן ציל. אַרום איז פּלוצים געשטאַנען אַ גע=
שפּאַנטע לײדיקייט. מיטן צווייטן שאָס האָט ער יענעם באַלד אונטערגעזעגט,
ווי אַ בוים; אַזוי גרויס ווי ער איז געווען, דער דייטש, האָט ער זיך אויסגעצויגן
אויפן פּלאַסטער...

דער קליינער, שטייפער מעכאַניקער פון די באַן=וואַרשטאַטן, פּיער לעמואַן,
איז פּלוצים צו און האָט דעם הויכן וואָלפן אַ הייב געטאָן אין דער לופטן.

— אַבי איך האָב געמיינט... טייוול איינער... צילסט, אויף מיין וואָרט ווי
אַן אויסגעפּרוווטער אַלפּן=יעגער...

און ווי קליין ער האָט נישט אויסגעזען אַקעגן דעם הויכן וואָלפן, האָט ער
אים פּעסט און ברידערלעך אַרומגענומען.

3

אַזוי איז אין יענעם הייסן זומער דער אויסגעליטענער, בראָנז=פאַרהאַרטע=
וועטער מענטש צוריק אַרויס פון די וועלדער, אַרונטער פון די ווילדע בערג=אָפּ=
ריסן, האָט אויפגעטויכט פון דער אונטערערד אין די נעדיכט=באַפעלקערטע
שטעט. זיבן יאָרן, אַז ער האָט מיט אַ פּלאַטער געוואַרט אויף אָט דער שעה.

„דערנאָך... ווי גוט ס'וועט זיין דערנאָך צו לעבן אויף דער וועלט“... — אַזוי האָבן זיי געטרוימט, די אַלע, וואָס האָבן זיך דאָ יעדן טאָג געראַנגלט מיטן ביטערן שונא און — פאַרן אייגענעם לעבן.

פאַרנאַכט האָט זיך וואָלף צוריקגעקערט פון די אָנגעוואָלגערטע באַריקאַדן. ער האָט זיך באַוועגט צווישן די געדיכטע, פאַרביקע, קיינמאָל נישט געזעענע המונים, אַראָפּ גאַס. ער איז געווען א ביסל שיכורלעך פון דעם אַלעם דאָ. נאָך אַזאַ לאַנגער צייט האָט ער אַזוי פריי געשפּאַנט איבער דער גאַנצער ברייט פון די זעלבע איינגעבאַקענע געסעלעך פון אַמאָל. ער האָט פּלוצים נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין, נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן זיינע געזונטע, אָדערדיקע הענט, אין וועלכע ס'איז געדיכט גערונען אַזויפיל ענערגיע פון האַס און גלויבן; נישט פאָרגעשטעלט זיך, וויאַזוי מען וועט ערשט לעבן אָן לויער, אָן ביטערן קאַמף. פאַרן צעפּלאַצטן שפּיגל פון אויסגעליידיקטן מאַגאַזין האָט ער זיך אַליין מער נישט דערקענט. ער האָט אָנגעקוקט זיין אייגן פאַרוואַקסן פּנים פרעמד און פאַרחידושט.

טאַקע, ווי ווייט ער איז שוין געהאַט אַוועק פון אָט דעם פּלאָנטער היימישע גאַסן. ער איז פונדעסטוועגן נייגעריק געווען אָנצוקוקן דאָס הויז, וו ס'איז אַמאָל געווען מירלס היים; דאָ באַלד, ביים פאַרדריי אויף לינקס, די צווייטע שורה פענצטער אויפן פערטן שטאָק. שוין באַלד אַ יאָר צען אוודאי, האָט ער באַרעכנט, ווי ער איז אַ סאָלדאַט, און אַצינד שטייט ער ווידער ביי אַ צעבראָכענער שוועל. וואָס האָט אים פונדעסטוועגן נאָך פאַרבונדן מיט די אַלע פון זיין היים? צי דען האָבן מיר זיך אויך אין שפּאַניע נישט געשלאָגן, אַז זיי זאָלן לעבן?... זיי האָבן עס אָבער נישט באַלד פאַרשטאַנען, די נאַרישע...

דער אָוונט איז שוין געווען באַלד צוגעפאַלן צווישן די פאַרצייטישע געסעלעך. איבער די אָפּגעהאַקטע באַלקאָן־טורעמלעך האָט געהויערט אַ דורכזיכטיקע, לויטערע בלויקייט, וואָס נאָר דער פּאַריזער הימל פאַרמאָגט אַזאַ. דער פּאַסאַזש מיט די בלינדע אויסגעזעצטע שויבן, דאָס שמאָלע, אַריינגעקוועטשטע, פאַררויכערטע סקווערל מיט די וווּנדערלעך־אויפגעשאָסענע קאַשטאַנען — זיי האָבן אין צוגעפאַלענעם פאַרנאַכט פּלוצים מאָדנע בלייך אויפגעלויכטן. אַזוי ווי די ליכט אין אַ הענגלייכטער אונטער אַ בלויען געוועלב. הינטער דער געדיכטער וואַנט פון די אַלטע קאַשטאַנען זענען די שורות פענצטער פון העכערע שטאָקן ווידער געשטאַנען פריילעך אויפגעפּראַלט. די אָוונטיקע גאַס האָט געזשומעט. אין די פענצטער־ראַמען האָבן זיך געווינטלט טיולענע פאָרהאַנגען; בלענדיקע משפּחהשן אָוונט־צייט. אַ ראַדיאָ שפּילט, אַ קינד לאַכט, אַ ליכטיקער פרויען־קאָפּ — שטילע, צוריקגעפונענע משפּחה־נעסטן אונטער אַ היימישן דאַך.

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט. זיין טראָט האָט זיך אומגעריכט אָפּגעהאַקט. און — שוין איז עס. דאָס נידעריקע טירל צום אַריינגאַנג איז האַלב אויפגע־

מאַכט. ס'האָט נאָר וואָס היימיש אַ סקריפּע געטאָן. עמעץ האָט זיך שנעל אַדורכגעגליטשט. די אַלטע שטייג האָט זיך געוויגט אונטער עמעצנס טריט, ווי אַמאָל, ווי ס'וואָלט דאָ פֿאַר דער צייט גאָרנישט געשען. אויפֿהייבן די אויגן צום פֿערטן שטאָק איז אָבער אַלץ אַזוי שווער געווען. פֿאַרהוילן אין דער טונקל, איז ער נאָך דאָרט לאַנג שטיינגעבליבן ביים נידעריקן טויערל, אָנגעשפּאַרט אין דער מויער. ער האָט דערפֿילט אויפֿן פּייכטן שטערן די איינגעבאַקענע, קילע דעמפּיקייט פֿון אַרומגעשטעלטן הויף־קאַסטן. ווי קליינע דערמאָנונגען פּרעסן זיך טיילמאָל איין ווי אַ זשאַווער, ווען אַלע חושים זענען אָנגעשפּיצט וואַך.

די געסעלעך זענען שוין געווען איינגעהילט אין לעבלעכן חושך. אַלץ איז געווען אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט, וואָס האָט זיך נאָר וואָס באַפֿרייט פֿון אָקופּאַנט. די פּאַטרולן האָבן זיך ערגעץ נאָענט איבערגערופֿן פֿון הינטער די אָנגעוואַלגערטע באַריקאַדן. ווייטע געזאַנגען האָבן זיך אַלץ געטראָגן פֿון איבער מויערן. מען האָט נאָך דאָרט כסדר אַרויסגעריסן די ברוקשטיינער און איבערגעגעבן זיך פֿון האַנט צו האַנט. פֿון צייט צו צייט האָבן זיך נאָך אויפֿגעכאַפּט ווייטע שאָסן.

שוין לאַנג, אַז ער האָט אַזוי אייגן ליב באַקומען אָט דאָס פּשוטע פֿאָלק, וואָס קאָן אַזוי שיין פֿרייען זיך און אַזוי פֿאַרביטערט קעמפֿן. צוזאַמען מיט זיי האָט ער געלויערט אויפֿן שונא, צוזאַמען מיט זיי געשטאַנען אין שאָטן פֿון דער עקזעקוציע אויפֿן באַרג וואַלעריאַן, געלעגן הינטער די אָנגעוואַלגערטע באַריקאַדן, געשלאָגן זיך פֿאַרן נאַקעטן לעבן. זיי האָבן פֿאַרטיידיקט זייער היים און אויך די צעבראָכענע היים זיינע. אין אַזאַ דעמפּיקן אָוונט, האָט ער געדענקט, האָט ער דאָ מירלען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איינמאָל אָפּגעוואַרט אין ראָג, ביי דער קליינער ביסטראָ. וווּ זענען זיי דעמלט געגאַנגען? אין קליינעם קוואַרטאַל סינעמאַ זענען זיי לאַנג נישט איינגעזעסן. ס'האָט זיי עפּעס ביידן אונטערגעהויבן. אַלץ אין זייער לעבן איז פֿאָרגעקומען אַזוי צופֿעליק, אָבער גליקלעך. ווען נישט די מלחמה, וואָס איז אונטערגעקומען אַזוי אומגעריכט און צעשטערט זייער קליין, באַשיידן גליק.

ער האָט שוין דערנאָך, אין עקסטאַז פֿון יענע אומפֿאַרגעסלעכע טעג, אַפֿילו נישט געדענקט מער, וויאַזוי ער איז דאָרט, אין די זעלבע געסלעך, צומאָרגנס אויסגעוואַקסן אויפֿן הויף פֿון רי דע ראָזיע, שוואַרץ פֿון מענטשן. ער האָט זיך פֿונדעסטוועגן שטאַרק געוווּנדערט אָנצוטרעפֿן צווישן יידישן עולם אַזויפֿיל באַקאַנטע פּנימער פֿון אַמאָל. ס'איז טאַקע גאָרנישט איבערצוגעבן אין ווערטער — ווער ס'האָט נישט געזען יענע ערשטע יידישע צונויפֿזאַמלונג אין די טעג, ווען די הילכיקע ברוקן פֿון פּאַריז זענען נאָך פֿאַרלייגט געווען מיט אויפֿגעשטעלטע באַריקאַדן; ווען קינד און קייט האָט נאָך געהאַט אויף די ליפּן דאָס סקאַנדירטע קאַמפֿס־ליד קעגן אָקופּאַנט — „אַ, העי, פּאַרטיזאַן".

די שלאַכטן פאַר פּאַריז זענען נאָך נישט געווען אינגאַנצן איינגעשטילט, ווי אויפן „פּלעצל“ איז גערופן געוואָרן די ערשטע יידישע אסיפה. איינצלנע, אָפּגעריסענע, פאַרבלאָנדזשעטע, צופעליק לעבן־געבליבענע, זענען, ווי די שאָטנס, אַרויס פון די באַהעלטענישן. עס זענען געקומען מיט אַ זיכערן, געלאַסענעם טראָט די ייִנגלעך פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, אָנגעטאָן האַלב מיליטעריש, אַרומגעשליסענע, פאַררויכערטע, מיט אַ נישט אויסגעלאָשן פייערל אין די אויגן. דער הויף פון דער שמאָלער יידן־גאַס האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעפילט מיט געלעכטער און געוויין, מיט פריידיקע אויסגעשרייען און מיט פאַרבראָכענע הענט. די אונטערשטע ליפּ האָט, קעגן אייגענעם ווילן, אונטערגעציטערט, און פאַר די אויגן איז שטיינגעבליבן אַ וואַרעמער נעפּל.

ס'איז פונדעסטוועגן געווען מאָדנע און נײַ. לעבן דעם שוואַרצן, אומרואיקן בחורל, דעם פּאָרזיצער, כמעט אַ ייִנגל נאָך, וואָס האָט אויסגעזען נאָר וואָס אומצוקערן זיך פון עפּעס אַ באַריקאַדע, פון אַן אַטענטאַט אויף אַ האָטעל, באַזעצט פון דייטשישע אָפיצערן, צי פון אַ גוט אָרגאַניזירטן און געלונגענעם באַןאויפרייס, איז געזעסן אַ בכבודיקער ייד מיט אַ גוט געפלעגט, ווייס בערדל, כאָמש גאָרנישט יידישלעך, גיכער ענלעך צו די פראַנצויזישע אינטעלעקטואַלן פון אַלטן שניט, אָדער צו אַ באָרוועסן דאָמיניקאַנער גייסטלעכן; ס'איז געזעסן אַ רב מיט אַ שיטערן אויסוווקס אויף די האַרע, בלייכע קינען; ס'איז געזעסן אַ קליינער יידישער שניידער מיט אַ נידעריקער ראיה, אונטער דיקע, איינגעקוועטשטע אויגן־גלעזער.

אין דעם מאָמענט האָט די אַלע פאַרפאָלגטע מענטשן, וואָס זענען אויפסניי פריי געוואָרן, אָן שום ספק אוממיטלבאַר צוריק עפּעס פאַרבונדן; נישט דווקא, ווייל זיי זענען אַלע געווען יידן, אַרויס פון דער אונטערערד און פון די באַהעלטענישן, נאָר ווייל זיי האָבן אַלע אין דעם מאָמענט געטראָגן אין זיך דעם זעלבן האַס צום היטלעריסט. דאָס האָבן אַלע טאַקע דערפילט, ווען ס'איז אַדורך איבערן וואַלד פון קעפּ דער ציטער ביים דערמאָנען די אַוועקגעריסענע, ביים הייסן רוף, וואָס איז געפאַלן פון דער אימפּראָוויזירטער טריבונע, צו גיין באַלד וואַרפן זיך אין דער הייליקער שלאַכט, צו דערשטיקן די נאַצי־חיה אין איר אייגענער נאָרע.

דאָס בלאָנדע ווייבל, וואָס איז געשטאַנען דאָ באַלד, הינטער וואָלפן, אויפן טרעפּל, האָט זיך פלוצים אומגעדרייט און אים עפּעס צו דרייסט אַריינגעקוקט אין די צעטומלטע אויגן, פאַרלאָפן אין נעפּל; ווי זי וואָלט קיינמאָל מירלס שוועסטער נישט געווען, ווי ס'וואָלטן קיינמאָל קיין אַלטע, ביטערע סכסוכים נישט געטליעט ווי אַ זשאַר, אין דער משפחה.

— מ'האָט מיר דערציילט, — האָט זי גערעדט גאַנץ פריי, ווי קיינמאָל גאָרנישט, — אַז איר זענט געוואָרן אַ גרויסער העלד, וואָלף... ס'איז טאַקע אמת?...

— אַ העלד... — האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן שוין צו שמייכלען, ווי אַמאָל, מיט זיינע דין געשניטענע ייִנגלשע ליפּן, און האָט זיך באַלד אויפֿן אָרט געוואָלט אָוועקדרייען — מ׳איז אַ העלד, אַז מע לעבט און גענוג...

— און שוין?... — האָט דאָס ווייבל נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דעם זעלבן דורכגעטריבענעם בייטאָן. — און מער אינטערעסירט אייך שוין גאָרנישט צו וויסן?... וויאַזוי מ׳האָט מירלען אָוועקגענומען... און וועגן קינד...

ס׳איז געווען אַזוי אומגעריכט. ער האָט איר נאָכאַמאָל אָנגעקוקט פֿון אונטערן שטערן אַפּער און אומהיימלעך געשוויגן. ס׳איז אים מיטאַמאָל זייער שווער געווען. טאַקע, נאָכוואָס דערמאָנט זי אים דאָס אַלץ? צי ווייסט ער דען נישט אַליין? זי... ווייניק חשבונות זענען, הייסט עס, געווען אין דער משפּחה, ער זאָל נאָך רעדן מיט איר וועגן מירלען... און וועגן זיין קינד...

מען קאָן נישט זאָגן. זי איז נאָך אַלץ שוין געווען, די אָפּגעפרעמדטע שוועסטער מירלס, ווי אמאָל; זי האָט נאָך אַלץ פאַרמאָגט די הייזעריקלעכע, פּאַרנאַשטע האַלדז־שטימע, ווי זי וואָלט נאָכאַנאַנד געקייט אַ צוקערל; אָבער אויף אים האָט זי אויך אַציגד קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. ער האָט זי געקענט. דער גאָלדיקער ש׳מער אין אירע האָר, אַ צו שרייענדיקער, האָט, דוכט זיך, נאָכמער אונטערגעשטראָכן די גאַנצע אויסגעלאַסנקייט פֿון דער משוגענער צייט. אָדער צי האָט זיך עס אים נאָר אַזוי אויסגעוויזן. לויט איר מינע, האָט זי אים נאָך אַ סך געהאַט צו זאָגן, נאָר ער האָט זיך לייכט אַרויסגעדרייט, נישט געפּרעגט און נישט געענטפערט, אויסגעמישט זיך מיטן געדיכטן עולם, וואָס האָט דאָ נישט אויפגעהערט פּאַרבייצושטראָמען. זי האָט אים אַפילו נישט געפּרוווט צו פּאַרהאַלטן אויך. נאָר איר מאָדנער בליק פֿון דער זייט האָט אים נאָכבאַגלייט.

פונוואַנען האָט זי זיך אייגנטלעך דערנומען אַהער? נאָכוואָס האָט זי אים דאָרט פּלוצים אַ זאָג געטאָן וועגן מירלען און וועגן קינד? נישט זי, הייסט עס, האָט אים אויפֿצוועקן די אַלטע וווּנדן זיינע. אַ שטיקל צייט האָט זיך עס נאָך דאָרט אַלץ אָפּגעריסן געפּלאָנטערט ביי אים אין מוח, דערנאָך האָט ער, ווי געווינגלעד, פּאַרגעסן.

ס׳איז אויך קיין צייט נישט געווען. ער איז איינגיכן אַריינגעקראָכן אין אַן אויסגעפּאַסטער מיליטערישער אוניפאָרם און איז צוזאַמען מיטן שאָפּער לאָפּעז, וואָס האָט ערגעץ אויף די וועגן ביים שנעלן דייטשישן צוריקטריט אונטערגעכאַפּט אַן אָפּגענוצטע מאַשין פֿון אַן אומבאַשטימטער מאַרקע, געטרייסלט זיך איבער די שטאַבן, אונטערוועגנס גענעכטיקט אין אַלע צופעליקע דינסט־קוואַרטירן און האָטעלן, אויסגעמיטן די אַלע פּרויען מיט די קורץ־פּאַרשניטענע האָר, אויסגעסטראָיעט האַלב־מיליטעריש, נאָך אַלץ טיף אין זיך געפּילט אַ ווייטיק און עפּעס אַן מין קלעפּנדיקע שעמעוודיקייט.

4

פֿאַרן וואַך=פּאָסטן פֿון שטאַב, אויפֿן 4=טן מיליטערישן סעקטאָר, האָט אַרום זעקס נאָכמיטאָג די אַמעריקאַנער פֿעלד=זשאַנדאַרמעריע אָנגעאיילט מיטן נאַציאָנאַלן שאָסיי אין דער ריכטונג נאַנסי=טול אין אַ פֿרעמדן, האַלב צעטרייבערטן וואָגן פֿון עפּעס אַן אומבאַשטימטער מאַרקע. ס'איז פֿונדעסטוועגן געווען אומגעוויינלעך: דעם יונגן פֿראַנצויזישן אָפֿיצער, וואָס איז אויסגעשטיגן, האָבן, ווי אַן אַרעסטאַנט, שטייף באַגלייט ביידע לאַנגע אַמעריקאַנער סערזשאַנטן מיט די ווייסע העלמען איבער די אויגן, די פּאַסקעס איינגעצויגן אויף די קאַנטיקע געמבעס. זיי האָבן זיך מיט אים געלאָזן גיין אַרויף צו די טרעפּלעך פֿון באַמבאַרדירטן, האַלב חרובֿן שלאָס מיט די גאָטישע טורעמלעך אויף די טעראַסן. דער וואַך=סאָלדאַט, אַן אַמעריקאַנער נעגער, האָט זיי לאַנג און פֿאַרחידושט נאָכגעקוקט דורכן לעכל פֿון אויסגעפּאַסעוועטן בודקעלע מיט אַרויסגעזעצטע, געלבע אויגן=ווייסלעכצן, ביז זיי זענען דאָרט פֿאַרשוווּנדן אינעם ערשטן, גאַנץ געבליבענעם פֿליגל, לינקס, דאָס זיץ=אָרט פֿון וואַך=אָפֿיצער, קאַפּיטאַן בערג.

כאָטש ס'איז נאָך געווען גרויסער טאָג, האָט שוין אין זיין צימער געלויכטן דער גרינער אַבאַזשור איבערן ברייטן, נאַקעטן טיש מיט די אַפּאַראַטן, מאַפּעס, פֿעלד=טעלעפֿאָנען און אָנגעוואָרפֿענע פּאַפּירן.

דער פֿראָנט איז אין יענעם סוף אַפּריל פֿון 1945 שוין געווען ערגעץ ווייט הינטערן ריין; בערלין איז שוין געלעגן אונטערן שטורעם=פֿייער פֿון דער אַלץ פֿאַרניכטנדיקער סאָוועטישער אַרטילעריע; אָבער דורך דער מיליטערישער זאָנע אויף דער שטרעקע נאַנסי=טול, דורך די אַמעריקאַנישע וואַכן, צעשטעלט אויף אַלע קרייץ=וועגן און סטראַטעגישע פּונקטן, איז נאָך אַלץ שווער געווען דורכצוקריגן זיך מיטן האַלב צעטרייבערטן וואָגן און מיטן שאָפֿער לאָפּעז, וואָס האָט באַגלייט דעם קאָמענדאַנט פֿון די ווידערשטאַנד=גרופּעס.

אַצינד, מלחמה=צייט, נאָך אַלע מפּלות און נאָך אַלע זיגן, האָט שוין קיינעם מער נישט געוווּנדערט אָנצוטרעפֿן אַן אַ שיעור יונגע מיליטער=לייט מיט דער ראַנגע פֿון קאַפּיטאַנען, קאָמענדאַנטן, אָדער אַפֿילו קאָלאָנעלן, נישט דווקא, ווי געוויינלעך, מיטליעריקע אָדער באַיאָרטע לייט; ווייל נאָר אין נאָרמאַלע צייטן זענען סיי די רעזערוויסטן, סיי די פּראָפֿעסיאָנעלע — מענטשן פֿון אַ געוויסן עלטער, וועלכע גרייטן זיך צו באַקומען צוגעטיילט אַ העכערן ראַנג און גייען געוויינלעך באַצייטנס אין עמעריטור. טאַקע אויף דער שטרעקע איז עס דער פֿאַרהעלטנישמעסיק גאָר יונגער אָפֿיצער אינמיטן העלן טאָג פֿאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאַטרול פֿון דער פֿעלד=זשאַנדאַרמעריע. דער לאַנגער, דאַרער סערזשאַנט מיט די ווייסע ברעמען האָט דאָרט וויכטיק אַ בליק געטאָן אין זיינע פּאַפּירן אַריין, ענערגיש אויסגעשפּיגן דעם קיי=גומי דורכן ווינקל מויל און באַלד געהייסן

פאַרקירעוועו צום שטאַב פון 4־טן סעקטאָר, אַ קילאָמעטער זיבן־אַכט פונדאַנען, צום חרובן שלאָס אויף די טעראַסן, אינדערמיט פון אַ ווילד אַרומגעבראָכענעם עפּל־גאָרטן. קיין שום טענות מיט זיי האָבן נישט געהאָלפן.

דער קאַפּיטאַן בערג, אַליין אויך גאָר נאָך אַ יונגערמאַן, אַ מאַט־הויטיקער, מיט שאַרפע אויגן־גלעזער איבער די ענערגישע נאָז־פליגלען, האָט גראָד פאַרטון געבלעטערט אין די אָנגעקומענע צירקוליאַרן; ער האָט באַשעפטיקט אַ בליק געגעבן אין אָפּיצערס פאַפּירן אַריין און אויפגעהויבן דעם קאַנטיקן, אַרומגעגאָלטן קאָפּ.

— פ.פ.אי?... — האָט ער אויסגעשטעלט אויפן אָפּיצער אַ פּאָר העלע אוויגן פון הינטער די גלעזער, ממש פאַרוואונדערט, און איז פונדעסטוועגן באַלד אויפן אָרט אַ ביסל ווייכער געוואָרן, — עקזיסטירט נישט ביי אונדז... אַזוי זענען די לעצטע פאַראָרדענונגען... ס'הייסט, מיר אָנערקענען נישט מער... די אַרמיי פון ווידערשטאַנד...

ער האָט עס אַרויסגעברענגט אין אַ האַרטלעכן, מאָדנע קאָמישן, אָבער גענוג קאָרעקטן פראַנצויזיש. דער קאָמענדאַנט האָט נאָך אַלץ, שטייענדיק אויף יענער זייט טיש, געשמייכלט מילד און געבעטן פלוצים די דערלויבעניש אַראָפּצולאָזן זיך אין פאָטעל דערלעבן. דער קאַפּיטאַן האָט נישט דערהווידערט, און דאָס אַליין איז שוין אויך געווען גענוג באַליידיקנדיק. דער פלינקער מאַשינער פון חי בעלווילער יידישע ווינקל־אַטעליעס אין פאַריז, דער געוועזענער שטורמער פון די הויכקייטן ביי טערועל אין שפּאַניע, דער פאַרביסענער ווידערשטענדלער אין די בערג פון סאַוואַ, אין נאָרד און אין געדיכטן, ווילדן וואַלד פון „גראָס־פאַריז“, אונטערן שטיוול פון נאַציסן אָבערבאַפעלסהאַבער פאָן שטילפּנאַגעל, וואָלף כייקין, אָנגעטאָן באַלד נאָך דער באַפרייונג פון דער הויפּטשטאָט אין אַ מיליטערישער אוניפאָרם און דערהויבן צום ראַנג פון קאָמענדאַנט — האָט מיטאַמאָל דערקענט עפּעס היימישס אין דער געמאַכטער שטרענגקייט פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַן.

— און אפשר, — האָט ער פלוצים אַ פרעג געטאָן ביי אים, — קאָנען מיר זיך גאָר אדורכרעדן פראָסט אויף יידיש, כ'מיין אין מאַמע־לשון?...

און אין זיין סאַמע רואיקסטן טאָן איז געווען אי מילדקייט, אי בולטע איראָניע, אי נישט באַהאַלטענער, שאַרפער פאַרדרוס. יענער האָט סוף־כל־סוף אויך געמוזט שמייכלען, ברייט און אָפן.

— איך קען ייִדיש... — האָט דער קאַפּיטאַן געשטאַמלט, — נישט זייער גוט... כ'בין אַן אַמעריקאַנער באָי...

— אויב אַזוי, — איז צום בעלווילער יידישן מאַשינער וואָלף כייקין מיטאַמאָל צוריקגעקומען דער היימישער הומאָר, — ביסטו דאָך טאַקע דער אמתער באָי... לאָמיר ביידע אַזוי לעבן... — און ער האָט אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזן

— שאַ, און אפשר זענען מיר גאָר קרובים אויך... כ'האָב דאָרט ביי אייך פֿעטערס, מומעס און אַן אַ שיעור קוזינען... אין די בראָנקס, אין פֿילאַדעלפֿיע, אין שיקאַגאָ און — ווו ניט?...

סיידווי, די פֿריערדיקע אָנגעצויגנקייט איז באַלד צערונען. דער קאַפּיטאַן האָט איבער עפּעס געכאַפּט און צוגעלעגט די טיר הינטער זיין רוקן, אַראָפּגעצויגן דאָס פֿאָרהענגל, אַרויסבאַקומען פֿון ערגעץ אַ פֿאַרשטויבטע פֿלאַש קאָניאַק, צוגערוקט צו אים דאָס פּעקל „קאַמעל" און שוין געלאַכט דערנאָך מיט אַן אָפֿן געלעכטער, כאָטש נישט אָן אַ געווייסן חשד.

— איך פֿון מיין זייט, פֿאַרשטייסט?... ג ל ייך אַזעלכע באָיעס ווי דו... נאָך גוט, וואָס ביסט געפֿאַלן אויף מיר...

— און ווען איך פֿאַל אויף אַן אַנדערן, ציטער איך, מיינסטו?... — האָט דער פֿראַנצויזישער קאָמענדאַנט ברייט אַ שלוק געטאָן פֿונעם גלעזל קאָניאַק,

— מיינע בענדלעך האָב איך נישט פֿאַרדינט, חלילה, אין די אַקאַדעמיעס, אין די מיליטער־שולן, נאָר אין האַרטן, ביטערן קאַמף דאָ מיטן נאַציאָנאַלן אָקופּאַנט... זיי האָבן אונדז אויסגעראָטן... האָסט אוודאי געהערט, אַמעריקאַנער ייד?...

— געהערט, ווי חען?... מיינער אַן אייגענער אָנקל... — האָבן שוין געפֿינקלט ביי אים די אויגן נאָכן פֿערטן אָדער פֿינפֿטן גלעזל, — דערפֿאַר, אייגנטלעך, זענען מיר אַזוי שנעל געקומען קיין אייראָפּע...

— אַזוי שנעל?! — האָט וואָלף כייקין געלאַכט זייער פֿריילעך. — אַ קאָמעדיע, אויף מיין וואָרט... פֿיר לאַנגע יאָר האָבן מיר אויסגעקוקט אויף אייך, ביז איר האָט זיך ענדלעך צוגעשטעלט... אַ קליין ביסעלע פֿאַרשפּעטיקט... ווען איר קומט אָבער פֿריער, ווער ווייסט וויפֿל מיליאָנען יידן ס'וואָלטן נאָך היינט געלעבט...

— מיר האָבן פֿריער נישט געקאָנט קומען... פֿאַרשטייסט... ס'זענען דעליקאַטע זאַכן...

— דעליקאַטע זאַכן... און דאָס, וואָס מ'האָט אונדז דאָ דערווייל אויסגעקוילעט, פֿאַרגאַזט און פֿאַרברענט... דעליקאַטע זאַכן... שיין... אָט וויאַזוי ס'פֿאָרט זיך, ברודערקע... ביי אונדז פֿאָרט זיך עס אַ ביסל אַנדערש... גו, מילא. די סאָוויעטן, קאַפּיטאַן, זיי האָבן נישט געוואַרט... זיי האָבן אונדז געראַטעוועט... אָ, ווען נישט זיי...

דאָ איז שוין יענער געבליבן אַ ווײַלע אינגאַנצן צעמישט און זיינע פּאָר קאַרגע, צעבראָכענע יידישע ווערטער האָבן זיך אים שווערלעך געלייגט אויף דער צונג.

— זיי האָבן מיך דאָ פֿאַרהאַלטן מיטן וואָגן ווי עפּעס אַ פֿאַרדעכטיקן ציווילן, — האָט אים וואָלף אַלץ נישט אָפּגעלאָזן, — זיי וואָלטן מינדסטנס געמעגט רעספּעקטירן דעם פֿראַנצויזישן מונדיר, וואָס כ'טראָג, דעם ווידערשטענדלער,

וואָס האָט זיך געשלאָגן דעמלט, ווען איר זענט נאָך רויִק געשלאָפֿן אין אייערע בעטן...

די דינסט, דאָס צונויפֿטרעפֿן זיך פּנים-אל-פּנים מיטן רויען, פּראָפֿעסיאָנעלן סאָלדאַט, איז, שוין באַלד אין די ערשטע פּאָר חדשים, נמאס געווען. דאָס אַלץ, וואָס האָט ביז אין די טיפֿענישן אויפֿגערודערט אַ וועלט, איז פֿאַר די דאָזיקע — האָט זיך באַקומען דער איינדרוק — גאָר געווען אַ מין ספּאָרט; אַפֿילו דאָס וואָרט „פֿאָטערלאַנד“ איז, דאַכט זיך, געווען אין זייער מויל נישט מער ווי אַן אויסגעלערנטע, אָפּגעריבענע פֿראַזע. מ'האָט שוין אַפֿילו דערציילט פֿון אינצידענטן צווישן זיי אַלע מיט סאָלדאַטן פֿון דער אונטערערד און פֿון ווידערשטאַנד — אין די קאַנטינעס, אין די ביסטראָס, איבער אַ מיידל, אויף די וואַכפּאָסטנס. זיי, די געלאַנדעטע, האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר וויכטיק. זיי האָבן, הייסט עס, באַפֿרייט דאָס לאַנד, זיי קומט אַלץ.

אינדרויסן, פֿאַרן טויערל, האָט זיך דערווייל לאָפּעז דער שפּאַנישער שאָפֿער מיט די לענגלעכע פֿאַוואָריטן און געדיכט פֿאַרוואַקסענעם שטערן, היפּש געלאַנגווייליקט. ער האָט זיך אַפֿילו אויף אַ האָר נישט איבערגענומען פֿון דעם גאַנצן עסק דאָ. ער האָט זיך אַלץ געגראַבלט אַרום דער מאַשין, וו ס'איז אַלעמאָל געווען עפּעס צו פֿאַרריכטן. די צעטרייסלטע מאַשין פֿון אַן אומבאַקאַנטער מאַרקע האָט ער ערגעץ געהאַט אונטערגעכאַפּט אויף די וועגן בעתן בהלהדיקן דייטשישן ריקצוג. אַ פּאַרלאָזענע, האָט ער זי אַליין אויסגעפּאַרריכט, צוגעפּאַסט צו איר אָפּגענוצטע טיילן און האָט זיך געהוידעט אויף איר מיטן קאָמענדאַנט אין אַלע אייליקע שליחותן. אַז מ'האָט באַדאַרפֿט, האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט אינמיטן דער נאַכט און איז געפֿלויגן, ווי אַ טייוול. געווען איז ער פֿון דער זעלבער אויסלענדישער אָפּטיילונג, וואָס דער קאָמענדאַנט כייקין, געוואַלגערט זיך צוזאַמען מיט אים ערגעץ אין די לאַגערן פֿון פֿראַנקרייך, נאָך פֿריער, באַלד נאָכן פֿאַלן פֿון באַרצעלאָנע אין 1939.

לאָפּעז איז אַרויס פֿון דער מאַשין, געפּרוווט אָנבאָטן אַ ציגאַרעט, אַ רעד טאָן אויף שטום-לשון מיטן וואַך-סאָלדאַט, דעם נעגער. יענער האָט ברייט געשמייכלט מיט זיינע בלאַנקע ציינער, מיט דער ברייטער נאָז. ער האָט זיך אָבער אָוועקגעדרייט, מורא געהאַט גאָר צו ענטפֿערן. האָט ער אַליין געדרייבערט איין ציגאַרעטל נאָכן אַנדערן, געשפּיגן, און ווען וואָלף האָט זיך באַלד דערנאָך באַוויזן פֿאַרן טויערל, באַגלייט פֿון שטאַבס-קאַפּיטאַן, איז ער רויִק אַוועק צוזעצן זיך צום רעדל. סיי ער, סיי דער וואַך-סאָלדאַט, זענען פֿונדעסטוועגן געווען אַ ביסל איבעראַשט צו זען, ווי זיי האָבן זיך דאָרט אויפֿן לעצטן טרעפּל צעזעגנט, נאָך עפּעס גערעדט דאָרט צווישן זיך און אַפֿילו געלאַכט.

— טרייב אונטער קיין פּאַריז, לאָפּעז! — האָט דער קאָמענדאַנט, שוין זיצנדיק מיט אים ביים רעדל, אַ בעט געטאָן. — כ'וויל נאָך היינט אומבאַדינגט

טרעפן פייערן... ס'איז, פאַרשטייסט, אַ קאָמישע מעשה... ס'איז נאָר אַלעמען, אַז מען וויל, נישט קיין חידוש אויך...

און ער האָט געשמייכלט פאַר זיך, ערגעץ ווייט אַריבער זיין געדיכט פאַרוואַקסענעם שטערן. ער האָט זיך נאָכמיטאָג אומגעקערט פון נאַנסי, ווו ער האָט דאָרט ערגעץ אין דער אָפּטיילונג פון די פריישיסער צום לעצטן מאָל אויפגעזוכט דעם קאָלאָנעל פאַביען; ס'איז געווען קורץ איידער יענער איז אויף אַזאַ אומקלאָרן אופן געפאַלן אויפן פראָנט. ער איז געקומען אין וויכטיקע שליחותן. דער קאָלאָנעל פאַביען איז געווען אַ פאַריזער ייִנגל, אַן אַרבעטער, אויפגעוואַקסן אינעם בעלווילער פינצטערן גאַסן־פּלאָנטער, און האָט דער ערשטער אַוועקגעלייגט אַ דייטשישן אָפיצער אין פאַריז, ביי מעטראָ באַרבעס, אין 1941.

אָבער דער שאָפער לאָפּעז האָט אים נישט באַלד פאַרשטאַנען, דעם קאָמענדאַנט, נישט זיינע אָפּגעריסענע רייד און נישט זיין מילדן שמייכל ערגעץ איבער זיין פאַרוואַקסענעם שטערן. בכלל איז מיט אים אַ סך מאָל געווען מאָדנע, מיטן שמייכלענדיקן קאָמענדאַנט בייקין; אפילו אין די מאָמענטן, געדענקט זיך, פון דורכפירן די סאַמע געפערלעכסטע אַקציעס — ס'איז אַ טויט־געפאַר, מען דאַרף זיך אָריענטירן אין דער סעקונדע, — און ער — שמייכלט מילד, קוקט ערגעץ פאַר זיך. מ'האָט אים דערפאַר אין דער אָפּטיילונג, אפשר נישט אומזיסט, געהאַלטן פאַר אַ שטיקל פאָעט, כאָטש דער באַשיידענער מאַשינער פון בעלוויל האָט, דעם אמת געזאָגט, קיינמאָל גאָר דערמיט נישט געזינדיקט.

צום פאָרט דע ווענסען זענען זיי, דורכשניידנדיק די שיטערע, קולטיווירטע וועלדער, פאַרפאָרן, ווען דער אָוונט איז שוין באַלד געווען אַראָפּגעפאַלן. די גאַסן אַרום די מויערן פון דער אַלטער פעסטונג זענען געלעגן אין אַ טיפער חשכות, כאָטש די פייערן אין פאַריז האָבן זיך צו ביסלעך ווידער גענומען אָנצינדן. לאָפּעז האָט ער באַפרייט, געהייסן אים אַוועקפירן דעם אויטאָ אין גאַראַזש, באַשטעלט אים אויף צומאָרגנס אַזייגער זיבן פרי, און אַליין זיך לאַנג און אומרויִק געטראָגן איבער די פרילינגדיקע גאַסן פון די פאַריזער פאָרשטעט. צווישן אויפגעשטעלטע, קליינע עסטראַדעס, פאַרצויגענע מיט פאַפיר־קרענץ, באַזעצט פון אַקאָרדעאָן־אָרקעסטערס, אינדערמיט ברוק, האָבן געשטראָמט קיינמאָל נישט געזעענע המונים; ס'איז ווידער געווען עפּעס אַ יום־טוב. אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן געשפּיגן די קיי־גומי, פאַרטשעפּעט די טומלדיקע מיידלעך אויפן טראָטואַר. די מיידלעך פון אַ לייכטן מין און פאַר אַ לייכטן פלירט האָבן גלעקלדיק געלאַכט, אָנגעהאָנגען זיך אין די הויכע אַקסלען זייערע. ביי עפּעס אַ מעטראָ מיט אויסגעלאָשענע פייערן האָט אים, וואָלפן, אַ פאַרוואַקסענער פאַרשוין, אַרויסשאַרנדיק זיך פון דער טונקל, כמעט אַריינגעשעפּטשעט אין אויער, ער זאָל קויפן ביי אים אַמעריקאַנער סיגאַרעטן, קיי־גומי...

אין אָנגערויכערטן צימערל פון דער סעקציע, אַרום גאַר דע ל'עסט, וווּ ס'איז פריער געווען עפעס אַ יוגנט־קלוב, אין צייטווייליקן שטאַב, האָט ער מיטן קליינעם פיער לעמואַן, זיין פאַרבינדלער אין די לעצטע עטלעכע חדשים, לאַנג און פאַרטרויליך געשמועסט; ס'איז נאָך אַלץ עפעס שווער געווען אויף דער נשמה; כאָטש יענער האָט זיך נאָכאַנאַנד געאיילט, איז געלאָפן פון איין זיצונג צו דער אַנדערער, אַרומגעפליגן פון איין עק שטאָט צום אַנדערן. די ביידע פאַרהאַרטעוועטע יונגע מענטשן האָט פאַרבונדן אַ באַזונדערע משפחהדיקייט. דאָס מאָל האָט ער אים געוואָלט בארואיקן, פיער, ער זאָל זיך, הייסט עס, נישט איבערנעמען פון עפעס אַן אַמעריקאַנער אָפיצערל האָרט, אַז ערגעץ אַנדערשוווּ איז ער אַציינד פונקט אַזוי נייטיק, ווי דאָ. ער האָט אים צולעצט קורץ אַ זאָג געגעבן:

— מען דאַרף קענען קוקן אַ ביסל ווייטער, — פיער האָט פלינק, מיט פאַרברוינטע פינגער, געוויקלט סיגאַרעטלעך אין ביבולע, — אַ וועלט מיט אַרבעט וואַרט נאָך אויף אונדז...

ס'איז טאַקע געווען אַ מין נערוועזע פלינקייט אין זיין באַוועגן זיך, און מיט זיין גלאַנציק־צוגעגלעטן קאָפ האָט ער שיר נישט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי איינער פון די עקסטראַוואַגאַנטע יונגעליט מיט די הויכע, אויסגעבעטע אַקסלען און פאַרשניצטע פיאַהלעד. אָבער די מיליטערישע אוניפאָרם, אין וועלכער ער איז פונדעסטוועגן אַ ביסל אַרומגעשוומען, האָט ביי אים אַוועקגענומען די יינגלערישקייט פון די שמאָלע אַקסלען, פון זיינע שיינע, פולע, מיידלערישע ליפן און פון זיינע צו לעבעדיקע אויגן אונטער די דינע, רעגולער פאַנאַנדערגעשטעלטע ברעמען. מען וואָלט נישט געזאָגט, אַז אָט דאָס בחורל איז, פון טאַטן און פון זיידן, ביזן דריטן דור, און אפשר ווייטער נאָך, אַ מעטאַל־אַרבעטער און אַז דאָס האָט ער צוגעקלערט אַלערליי קונציקע פאָרטלעך, ממש דערפינדונגען, וויאַזוי אַראָפצולאָזן די דייטשישע צוגן פון די רעלסן.

זיי האָבן זיך קוים דורכגעשטופט די פאַרפראָפטע טראָטואַרן ביים צופאָר צום וואָקזאַל. אין דער ביסטראָ אויפן ראָג סען־דעני האָבן זיי געטרונקען שווימיקן, וואַסערדיקן ביר, וואָס האָט פונדעסטוועגן אַ ביסל אָפגעקילט פון דער שטייענדיקער דעמפיקייט, און פיער האָט אים מיטגערופן.

— כ'האָב איר היינט צוגעזאָגט אָפצוואַרטן, סעסילן. פאַרשטייסט... ס'איז טאָג און נאַכט פאַריאָגט... קום, זי האָט מיר טאַקע אַנומלטן אַ פרעג געטאָן אויף דיר... כ'האָב איר, פאַרשטייסטו מיך, געהאַט דערציילט וועגן אונדזער זייער פריילעכן צונויפענטרעף אין דער תפיסה פון לילאַ... האָט זי געלאַכט און — געוויינט, די נאַרישע...

— אַזוי... סעסיל?! — האָט זיך וואָלף פלוצים אַזוי ווי אויפגעכאַפט. — זי לעבט טאַקע, די קליינע?... אַבי מ'האָט געזאָגט...

און ער האָט זיך לעבעדיק אַ דערמאָן געגעבן — האַרבסט 1941... די אָפּגעלעגענע פאָרשטעטע הינטער די באַן=בריקן... דער אָנפאַל אויפן האָטעל... ער האָט זי געקענט פון יענע יאָרן נאָך, ווי געוויינלעך — פון דער „קולטור=ליגע", פון יידישן אַרבעטער=קלוב אויפן בעלוויל, פון די אָנגערויכערטע צימערלעך אין סינדיקאַט, אין דער קליידער=סעקציע. זי איז געווען איינע פון יענעם גרויען עמיגראַציע=שטראָם, אָנגעבראָכט אין לאַנד אַריין אין די עטלעכע און דרייסיקער יאָרן פון די שטעט און שטעטלעך אין פוילן. אין זיי איז געווען די נישט אויסגענוצטע ענערגיע פון אַ יוגנט, וואָס האָט נישט קיין רעכט געהאַט יונג צו זיין. פון זיינע רייד טאַקע, פּיערס, האָט ער, אַרויסגעהערט אַ סך אינטימע וואַרעמקייט וועגן דעם שטילן יידישן מיידל.

— אין 1942, — האָט פּיער פּרייִלעד דערציילט, — שיקט מען מיך איינמאָל צו אַ פאַרבינדלערין... עפּעס אַ קליין, בלאָנד מיידל... טאַקע, ווער וואָלט עס דען חושד געווען, אַז אָט דאָס קליינע מיידל טראָגט אין דער אָפּגעריבענער שילער=טעקע אויפרייס=מאַטעריאַלן... געווער... גיכער פאַר אַלץ האָט מען זי שוין געקאָנט אָננעמען פאַר עפּעס אַן אָרעמער סטודענטקע פון קאַפּע „די=פּאַן" אין לאַטייִנישן קוואַרטאַל...

— אַזאַ איז געווען אונדזער שענסטע יוגנט, — האָט וואָלף גערעדט אָפּגעריסן און פאַרטראָגן, באַגלייטנדיק פּיערן ביז אַראָפּ, צו די בריקן פון דער סען, — אַזויפיל פון זיי האָט מען אומגעבראַכט... אויסגעריסן מיטן וואָרצל... פאַרשטייסט, פּיער... זיי לעבט אָבער, די דאָזיקע יוגנט, אין די שענסטע טראַדיציעס פון אַ דור...

זיי האָבן שוין איצט געוווינט צוזאַמען ביי זיין אַלטער מוטער, אין אַן ענג אָנגעשטעלט דירהלע, ערגעץ אַרום פּלאַץ מאָנזש. וואָלף האָט אין דעם אָוונט צוזאַמען מיט זיי געגעסן אַ באַשיידענעם מאָלצייט. סעסיל, אַ פאַרפלאַמטע, אין אַ רייִנלעך, חגעוודיק פאַרטעכל, האָט צעשטעלט שמעקנדיקע ערזאַץ=קאַווע און עפּעס אַזאַ פּלינקע, אַ יינגער געוואָרענע, טאַקע ווי אַ מיידעלע, געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן זיך ביי וואָלפן אויף אַלע באַקאַנטע פון אַמאָל.

ער איז אַרונטער פון האָרט שפּעטלעך, וואָלף. אַ וואַרעמער, פרילינגדיקער רעגן האָט אים אַרומגעוואַשן. ער האָט גאָרנישט געפילט, געלאָזט אים רינען איבער זיך. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, איז ער צוריק אַריבער די בריקן פון דער סען און דערזען זיך פּלוצים נאָענט פון יענע אַלטע געסלעך, ווו ער האָט דאָרט אַמאָל מיט האַרצקלאַפּעניש אין אַזאַ אָוונט אָפּגעוואַרט מירלען. ס'איז באַנג געווען. שוין צום וויפלטן מאָל אַזוי, האָט ער זיך געכאַפּט, ווי די פיס פאַרפירן אים אַליין, בלינדערהייט און צעטראָגן, צו אָט די אַלטע געסלעך.

די רייד פּיערס זענען אים אַלץ נישט אַרויס פון זינען. אוודאי, האָט ער געטראַכט, וואָלט כדאי געווען מיטצוגיין און העלפן אויסרייכערן די חיה אין איר

אייגענער נאָרע. אָבער צופֿיל ישטרויכלונגען האָט ער, דער פּאַרטיזאַן, דער געוועזענער שטורעמער פֿון די הויכקייטן ביי מערוועל, אַצינד אָנגעטראָפֿן אין דער רעגולערער אַרמיי.

אַרויסגייענדיק צומאָרגנס צום לעצטן מאָל פֿון באַוואַכטן טויער מיט די מאַסיווע זיילן פֿון פֿאָרנט, האָט ער זיך אומגעדרייט און באַטראַכט הינטער זיך די אַלטע, זשאַווערנדיקע ווענט פֿון אָפּגעשלאָסענעם קאַזאַרמע־רינג. אַזעלכע פּאַסאַדעס איז ער אָבער קיינמאָל נישט פֿאַרביי אָן אַ ביסל פּלאַטער. די אויסגעפּאַסטע אוניפֿאָרם איז פּלוצים צו ענג געוואָרן אויף אים, כאָטש זי איז, דאַכט זיך, געלעגן ווי צוגעוויגעוואַקסן אויף זיינע ברייטע פּלייצעס. דאָס פּאַרריסענע לייטענאַנטל איז אים נאָך אַלץ געשטאַנען פֿאַר די אויגן, ווען ער האָט אונטערגעחתמעט זיינע פּאַפּירן. יענער האָט דאָרט עפּעס צולעצט אומגעריכט אויפֿגעהויבן אויף אים אַ פֿרעגנדיקן בליק פֿון אַ פּאָר קליינע, גרויע פֿאַרטיפֿטע אויגן.

אַצינד איז ער געווען אוים קאָמענדאַנט פֿון דער פֿראַנצויזישער ווידערשטאַנד־אַרמיי. סיווי עלימינירן זיי די אַלע — לאַנגזאַם, טאַקטיש, פֿאָרזיכטיק... אָבער אוים סאָלדאַט איז ער נישט געווען. נאָך גוט, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — די חברים... און ער האָט זיך אייליק געלאָזן גיין אַראָפּ גאַס, כאָטש וווהין צו איילן זיך האָט ער מער נישט געהאַט.

קיין הוים האָט ער דאָ אַלציינס מער נישט פֿאַרמאָגט, אין דער שטאָט, איבערגעגאָסן מיט ליאַרעם, ווו עס האָבן זיך, ווי פֿון אויפֿגעבלאָזענע אַרטעריעס, געטראָגן קיינמאָל נישט געזעענע המונים. ס'איז מיטאַמאָל געווען אין אים עפּעס אַ לייִדיקייט, ווי אין פֿרימאָרגנס, נאָך אַ צו רוישיקער שמחה. ס'איז אים אָבער דאָ ליב געווען יעדער שטיין, אויף וועלכן ער איז געטראָטן. ערגעץ ווו אין אָט דער שטאָט, האָט ער זיך געזאָגט, באַדאַרף מען זיך פֿאָרט צוטוליען, פֿאַראַנקערן, צוריק איינוואָרצלען זיך.

5

אַצינד איז וואָלף בייקין געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון אַ ניי לעבן, ביגוואַלט האָט ער עס אַרויסגעריסן. אָבער דאָס גרויסע גליק האָט ער נאָך עפּעס אַלץ אַליין נישט געפֿילט. א פֿריילעכער, איבערגעפּאַקטער דאַטשע־צוג האָט אים, שוין היפּש שפּעט אין זומער אריין, אוועקגעפֿירט ערגעץ ווייט פֿון דער שטאָט, איבערגעגאָסן מיטן נערוועזן געזשום פֿון קיינמאָל נישט געזעענע המונים. די באַן איז געלאָפֿן דורך פֿלאַכע, זוניקע פֿליינען, פֿאַרביי קילע, קלאָרע וואַסערלעך צווישן פֿעלזן. אַרום אים — גליקלעכער קינדערישער געפּלאַפּל, גלעקלדיקע פֿרויען־געלעכטערן. אַ רויטע קליינבאַן, ווי אַ קינדער־שפּילצייג, האָט אים פֿאַרנאַכט גע=

ברענגט צו דער האָרפּישער פּערמע, אין דעם אימפּראָוויזירטן אָפּרו־הויז פאַר ווידערשטענדלער און דעפּאָרטירטע.

ס'איז געווען אַ דורכזיכטיקער, קילבלעכער טאָג פון זון־ און שאָטן־שפּיל. אַ לינדער ווינט האָט געשווידערט אין די בלעטער־וועלדער פון די נידעריקע בערג, צופוסנס דער אַלפּן־קייט. שפּינוועבס־פעדעם זענען שוין נאָכגעהאָנגען אויף די נידעריקע דאָרפּישע פּלויטלעך, אַרום די מאָלעריש צעשאָטענע הייזער אין טאָל. די בלעטער־וועלדער האָבן זיך שוין פייערלעך געגאָלדיקט אין שפּעטן סעפּטעמבער פון יענעם אומפאַרגעסלעכן יאָר. די אַרומגעקליבענע ווייַנגערטנער אויף די אַראָפּהאַנגען זענען געלעגן אין אַ הייסן, זשאַווערדיקן רויט. ס'איז געווען עפּעס אַ פאַרוואָרפן דערפל צופוסנס די בערג. פּיער האָט זיך האָרט ביי אים קוים איינגעבעטן, ער זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און אַ ביסל אַרויספאָרן. צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט האָט ער זיך ערשט דאָ געכאַפּט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך, ווי — פערזענלעך לעבן.

האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און איז אַרויסגעפאָרן. אַ סעזאָן איז אַפילו געשטאַנען אין פּאַריז אַ גאַנץ גוטער. מענטשן האָבן שוין צוריק צוזאַמענגעשלעפּט פון אונטער דרערד מאַשינען, אָפּגענומען צוריק די פאַרכאַפּטע דירות; אַנדערע ווידער האָבן שוין געהאַנדלט, געדרייט, געמאַכט שווערע געלטער; נאָר וועמען איז דען געלעגן דער קאָפּ ביי דער אַרבעט? ס'איז נישט געווען בלויז דאָס, וואָס ער האָט זיך אָפּגעוויינט, וואָס די הענט האָבן זיך מער נישט געלייגט; אים האָט אַלץ געמאַטערט דאָס געפיל — נאָכוואָס? פאַר וועמען? איינער אַליין קומט מען אַלעמאָל ווי נישט איז אַדורך.

אויפן יינגערן ברודער, אויף זלמנען, פונעם בלאָטיקן שטעטל ערגעץ אין ווייסרוסלאַנד, האָט ער זיך מער נישט געריכט, ניין. אָבער וועגן עלטערן, וועגן דובן, וואָס איז מיט אַ וועלכע 18—19 יאָר צוריק אַוודאי מיט אַן אָפּגעשליסענער חלוצישער חברה אַוועק קיין ארץ־ישראל, האָט ער זיך אומגעריכט דערוווסט, אַז ער לעבט. דאָס האָט ער, דוב, אים טאַקע אויפגעזוכט. מאָדנע, פריער האָבן געקענט דורכגיין יאָרן, אַז ער זאָל אים אַמאָל אַרייַנוואַרפן אַ פּאָר ווערטער און אַמאָל — דאָס אויך נישט. איין דוב האָט זיך פון די דריי ברידער, נאָך אין יענע יאָרן, אומגעריכט אַרויסגעריסן אַ פלאַמיקער ציוניסט, אַ חלוץ. ס'איז גאָר נישט געווען אין דער טבע פון דער משפּחה געזונטע יידן, איינגעוואָרצלטע זינט דורות אויף דער אָרעמער ווייסרוסישער ערד. ער האָט זיך אין יענע יאָרן נאָך געוואַלגערט ערגעץ אין די אַרומיקע פּאָלוואַרקעס, אין די פּריצישע הויפן, אויף הכשרה. מ'האָט אַזוי לאַנג געלאַכט פון אים צווישן די היימישע, ביז ער האָט זיך טאַקע אין אַ שיינעם, העלן פרימאָרגן אויפגעהויבן און איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין, וואָס איז האָרט געווען אַרייַנצולאָזן זיך אין אַזוי פיל טענות און דיסקוסיעס? אָבער אין יעדן צופעליקן, זעלטענעם בריוול זענען, ווי

דער שטייגער אין דער משפּחה, געווען היימישע שטעכווערטלעך און אַרייַנזאָגענישן. דער לעצטער פאַרבלאָנדזשעטער בריוו זייַנער האָט אים פונדעסטוועגן שטאַרק גערירט, וואָלפן.

„אחי היקר, — האָט ער צו אים געשריבן מיטן זעלבן דראָבנעם, געציקטן כתב זייַנעם פון אַמאָל, — כ'בין זייער גליקלעך, קאָנסטו זיך משלען, וואָס ביסט אַרויס אַ לעבעדיקער פון אַזויפיל פייַערן. ווי שייך? אַ קלייניקייט — נאָך פאַרמאָגן ביי הייַנטיקן טאָג ערגעץ ווו אַ לעבן־געבליבענעם ברודער, צולהכעיס אונדזערע שונאים; ווייל פון זאַלקען הערט מען עפּעס נישט מער. און נאָכמער צופרידן בין איך, וואָס ווי כ'הער האָסטו זיי גוט דערלאַנגט... הייסט עס, אַז ס'קלאַפּט אין דיר פאָרט דאָס אָדערל פון דער משפּחה, מייַן ליבער בראַטאָקל... כ'בין זיך איצט, אחי היקר, מודה ומתודה אין אַ גרויסן חטא — כ'האָב דעמלט עפּעס נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, ווען האָסט פּלוצים גענומען און געפאָרן אין עפּעס אַ ווייטער מדינה מלחמה האַלטן, כ'מיין קיין שפּאַניע. איך דריק דיר מייַן האַנט אויך דערפאַר. ווער ווייסט, אפשר האָסטו ישוין דעמלט געשלאָגן די, וואָס האָבן אונדז שפּעטער אומגעבראַכט און פאַרטיליקט“...

דאָס ערגסטע דאָ איז — וואָס ס'איז געווען צופיל צייט אַרייַנצוקלערן. וואָלף האָט זיך מאָמענטנווייז טאַקע דערפילט ווי אַ פלאַנץ, פאַרטראָגן ערגעץ פון אַ גרויסן ווירבל־ווינט. קיינמאָל ביז איצט האָט ער נישט געהאַט אַזאַ פאַרלאַנג מיט עמעצן צו רעדן, פרעגן, דערגיין, דיסקוטירן, אויסשרייַען עפּעס פון זיך אַרויס. ביז איצט איז נאָך אַלץ געלעגן אויף אים דער שוואַווער פון אַ סאָלדאַט, פון נאָכאַנאַנד אויסשפּירן דעם אַרום זיך. אפשר וועט נאָך אויך ווען עס איז באַווייַזן זיך אויף זייַן וועג אַ מענטש... אַ פרוי... אַ היים... כ'ווייס... כאָטש קיין אַנדער מירל וועט שוין נישט זייַן, ניין... פּאַריז, דער הו־האַ, די אָוואַציעס, די בלומען, שיינע געדענק־רעדעס, דאָס רימען די העלדישקייטן — זייַן פשוטער, אָבער שמייכל האָט זיך עפּעס נישט אינגאַנצן אַרייַנגעפּאַסט אין דעם אַלעמען. אויך דערמיט איז ער אָבער געווען פונעם זעלבן טייג געקנאָטן, ווי די ברידער זייַנע און ווי דער טאַטע זייערער, דער האָרפּישער שמיד אַהרון־לייב, וואָס האָט דאָרט אייביק געקייט דאָס שיטערע בערדל און געשוויגן אַ שווער שווייַגן. טאַקע, נאָכוואָס אַזויפיל רעדן?

אַלץ אַרום אים אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל, ווו ער איז סוף זומער צופעליק אַרייַנגעפאַלן, האָט דאָ פונדעסטוועגן אַ שייַן געטאָן עפּעס אַזוי ווי ניי. די מידע, צעבראָכענע מענטשן האָבן זיך אַלץ געוואָלט צוריק אָפּכאַפּן, אָפּנעמען. אין די ליבלעכע נעכט זענען די געדיכטע פאַרוואַקסענע קאַשטאַן־אַלעען פול געווען מיטן הייסן געפליסטער פון פּאָרלעך. זייַן צימער־שכן רענע, אַ יונגער בחור מיט ראָזע, געזונטע באַקן, אַ מעטאַל־טאָקער פון די פּאַריזער פאָרשטעט,

אַ דעפּאָרטירטער פֿון מאַטהאַוזען, האָט זיך דאָ אַלץ נישט געקאָנט אָנעסן צו דער זעט. ער איז גאַנצענע טעג אָפּגעלעגן אין דער קיך, געשיילט פֿאַר זיי קאַרטאָפֿל, געשלעפּט פֿאַר זיי עמערס וואַסער און האָט זיך נאָך אַרויסגעלאָזן איבערן דאָרף אײַנהאַנדלען בײַ די פּויערים אַ הינדל, אַ שטיק חזיר־פֿלייש. פֿאַרנאַכט האָט ער זיך צוגעגלעט דעם בלאָנדן שויבער און, האַלטנדיק עפּעס אין קייען, פֿאַרשטעקט אַ סיגאַרעט צווישן די פֿולע, ייִנגלשע ליפּן.

— קום מאָריסעט,... — האָט ער אים אַלעמאָל פֿאַרנאַכט־צײַט מיטגערופֿן,

— נאָכוואָס אַזויפֿיל אַרײַנקלערן? די מיידלעך דאָ זענען... ערגוואָרט... פֿייער...

— און זייערע באַקן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט געזונטע פֿאַרבן. — בײַ אונדז אין לאַגער האָבן זיי זיך געפּלעגט צו רייצן, די עסעס: „אַלעס קאַפּוט“... און אָט לעבן מיר... מיר לעבן...

אויך האָט אים די באַגעגעניש מיט מירלם ברודער אַנרי אומגעריכט שטאַרק אויפֿגעמונטערט. דאָס ייִנגל האָט זיך דאָ אויפֿגעהאַלטן ערגעץ נישט ווײַט, אין דער קינדער־קאָלאָניע אויפֿן באַרג, צווישן די סאָסנעס, וווּ ס'האָט דעם גאַנצן טאָג אַרומגעפּלאַפּלט דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע יונגוואַרג. ער האָט דאָרט געהערט צום טעכנישן פּערסאָנאַל. פֿאַר אַנרין האָט ער, קאָן מען זאָגן, געהאַט גאָר באַזונדערע סענטימענטן; ס'איז געווען כמעט צערטלעכקייט אין זײַן באַציונג צום ייִנגל. ס'האָט זיך געוואָלט אַצינד זאָרגן וועגן אים, ווי וועגן אַן אייגן, אָפּגעראַטעוועט קינד. נישט נאָר, וואָס ס'האָט זיי פֿאַרבונדן די אומצערייסבאַרע פֿרײַנדשאַפֿט פֿון די שפּאַנישע שלאַכטפֿעלדער, פֿון די לאַגערן ביים מיטללענדישן ים אין פֿראַנקרייך, פֿון די יאָרן אין אונטערערד, נאָר טאַקע זייער הויז — די געדיכט פֿאַרצווײַגטע ייִדישע משפּחה. אין זייער אייביק טומלדיקן הויז, אין יענע אַלטע געסלעך פֿון פּאַריז, איז ער דאָך צום ערשטן מאָל אין יענע יאָרן פֿאַרוואָגלט געוואָרן, און זײַן ווייטערדיק לעבן איז שוין צוביסלעך פֿאַרבונדן געוואָרן מיטן דאָזיקן הויז; ביז אַלץ איז צערונען דערנאָך, ווי אַ רויך... אָנקוקנדיק אַזוי אַנרין, וואָס האָט זיך פֿאַר זײַנע אויגן כמעט פֿאַרמירט און פֿאַרהאַרטעוועט אין די שלאַכטן פֿון לעצטן יאָרצענדליק, האָט ער זיך פּלוצים לאַנג נישט געקאָנט דערמאָנען די מאָדנע פֿאַרכאַפּנדיקע קענטלעכקייט פֿונעם שניט פֿון זײַנע ייִנגלשע ליפּן; ס'איז אים אַמאָל, געדענקט זיך, לאַנג און פֿאַרעקשנט נאָכגעגאַנגען; ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, שטיל און מיט ווייטיק געשמייכלט, אָפּגעהאַקט, ווי פֿאַרשעמט. און אַנרי האָט נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען — ס'איז געווען דער זעלביקער זאַפּטיקער ליפּן־שניט, ווי בײַ זײַן שוועסטערל... ערגוואָרט... דאָס ייִנגערע שוועסטערל, מירל... ס'איז אפֿשר נאַריש, נאָר קלייניקייטן געדענקען זיך, טוען לאַנג וויי, גייען היר נאָך, כאָטש אַלטע ליידנשאַפֿטן ווערן סוף־כּל־סוף אויסגעוועפּט.

און אין דעם פֿאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך דאָ צוהפֿעליק אָנגעטראָפֿן — טאַקע אויפֿן באַלעבטן שאָסיי, וואָס פֿירט צו דער שטאָט און אין די בערג, זענען אים אויך מיטאַמאָל פֿאַרעקשנט נאָכגעגאַנגען די רעפֿרייגען פֿון יענע אַלטע, צופֿעליקע און נאַרישע לידלעך; זיי האָבן ווידער א קלונג געטאָן אין זיין אויער; מ'האָט זיי דאָרט אַמאָל געפֿלעגט צו זינגען פֿון די אָפֿענע פֿענצטער אַרויס, אין יענע ענגע הייף, ווו די בייטאַשינען האָבן נאָכאַנאַנד געטראַסקעט, און אין די קליינע שטאָטישע גערטלעך, ווו די בלומען־קלומבעס זענען געווען באַדעקט מיט א שטויב, און דאָס ווייען פֿון אַ ווינטל האָט אָנגעבראַכט דעם ריח פֿון בענזין.

— אַ גליקלעכער צופֿאַל, אויף מיין וואָרט... — האָט זיך אַנרי שטאַרק דערפֿרייט, — שוין אַ גאַנצע וואָך, אַז איך טראַכט, ווו דיך ערגעץ אויפֿצוזוכן. כ'האָב שוין אַפֿילו געוואָלט אַ פֿאָר טאָן קיין פּאַריז. האָסט אוודאי שוין געהערט וועגן דער קליינער... נו, וועגן קינד... כ'האָב געמיינט... — האָט דאָס יינגל געקוקט אויף אים מיט גרעסער געוואָרענע אויגן און האָט באַלד אָפּגעהאַקט.

וואָלף איז מיטאַמאָל געווען בלייך. דאָס מויל — טרוקן. ער האָט, אַליין נישט כאַפּנדיק זיך אוודאי, אַ קאַם געגעבן דעם ברוינלעכן שויבער אַהינטער, איז צוגעפֿאַלן צו אים:

— ווילסט זאָגן, אַז ס'קינד... די קליינע?...

— כ'ווייס... עפּעס זאָגט מען... — איז שוין אַנרי צוריקגעטראָטן אַ ביסל אומזיכער, — ס'איז דיר גאָרנישט איינגעפֿאַלן אַרויפֿצוכאַפּן זיך אַמאָל... כ'מיין, אין הויז אַריין?... צו ראָזעטן...

אַז מירל איז אַוועקגענומען געוואָרן צוזאַמען מיטן קינד אין יענעם טרויעריקן 16־טן יולי, אין דעם איז ער ביז איצט זיכער געווען, ווי דען אַנדערש? ווייל ביזן היינטיקן טאָג האָט ער זיך עס נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס מענטשן האָבן האָרט נאָכדעם אַלץ געזאָגט, אָנדערציילט זיך; אָבער ס'איז אים, וואָס אַן אמת, נאָך אַלץ אַזוי קלאָר נישט געווען — וואָס? וויאַזוי? צי האָט ער דען אין יענע טעג געקאָנט זיך ווייזן קיין פּאַריז? אַזוי... איז אפשר, הייסט עס, דאָס קינד טאַקע גאָרנישט געווען צוזאַמען מיט מירלען אין לעצטן מאָמענט. און אפֿשר האָבן עס אין דער לעצטער מינוט די פֿראַנצויזישע שכנים אַוועקגענומען? ווער האָט דען געקאָנט וויסן אין יענער בהלה פֿון גרויסע דורכפֿאַלן, אַרעסטן, צרות, ווען ער איז אַוועק פֿון פּאַריז, ווען מ'האָט אים פּלוצים, מיט זיין גאַנצער גרופּע, געהאַט איבערגעשיקט פֿון די בערג אַרום גרענאָבל, אין נאָרד, אין די פּאַרטייעטע שטעטלעך אַרום די קוילנגרובן...

אָבער דאָ... דער געדאַנק, אַז זיין קינד מעגלעך לעבט ערגעץ, האָט אים שוין פֿון דער מינוט אָן מער נישט אָפּגעלאָזן. ער האָט קוים איבערגעוואַרט די נאַכט, ביז ס'האָט גענומען ליכטיקן. ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען ס'זאָל זיך טאַקע אַרויסווייזן פֿאַר ריכטיק. אַ קינד — פֿונדעסטוועגן... אָט קומען האָך מענטשן

צוריק אויף פון די לאַגערן. די פריינד פון די אָפּגעפונענע... אַלץ האָט מיטאַמאָל צוריק באַקומען אַ זינען. די ליידיקייט אין דער נשמה איז אַוועק.

ווי קלאָר ער האָט אַצינד פאַרגעדענקט דאָס שלאָפנדיקע מיידעלע צום סאַמע לעצטן מאָל, אויבן, אין האָטעל־צימער, מיט דער פּופּע „ניקאָל“, אין ראָזן קליידעלע, ביי דער זייט. אַן אומפאַרגעסלעך געפיל פון ליבשאַפט. דאָס בלייכע מיידעלע איז געווען פאַרגראָבן מיטן געקרויזטן קאָפּ אין קישעלע, און אונטערן גידעריקן באַלקן האָט זיך געטראָגן דאָס רואיקע, גלייכמעסיקע אָטעמען פונעם קינד. עפּעס אַ טיפער רחמנות האָט אים דעמלט אַרומגענומען, ווען ס'האָט אין יונגן, זיסן שלאָף באַוויגן מיטן פאַרהויבענעם ליפּעלע, ווען ס'האָט, ווי אַ געפּענטעטער פויגל, אויסגעשטרעקט די קליינע, דורכזיכטיקע, ראָזע פינגערלעך. ער האָט זיך מיט פאַרבאָרגענעם חידוש לאַנג איינגעקוקט דערין, לאַנג נישט געקאָנט אָפּרייסן זיך, געשטעלט זיך אויף די שפּיצן פינגער און לאַנגזאַם צוגעלענט די טיר הינטער זיך צום לעצטן מאָל.

דורך אַ סך גליקלעכע צופעליקייטן האָבן זיך פונדעסטוועגן אָפּגעראַטעוועט יידישע קינדער. ס'רוב, דער גרעסטער טייל — דורך פראַנצויזישע משפּחות, דורך די פּויערים אין די דערפער פון דער סאַרט, פון דער נאָרמאַנדי, פון ברעטאַן. די מערסטע זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דעם וואָלפס ציין אַרויס דורך די סאָלידאַריטעט־קאָמיטעטן, דורך די הענט און דורך דער איינשטעלעניש פון די פשוטע יידישע אַרבעטער־פרויען פון די געדיכט באַפעלקערטע קוואַרטאַלן אין פּאַריז. זיי האָבן מיט מסירת־נפש אַרויסגעראַטעוועט יידישע קינדער פון די „אויזשיף“־הייזער. ער אַליין איז איינמאָל דערביי געווען. טאַקע די זעלבע קינדער, וואָס געפינען זיך דאָ אין דעם ליכטיקן הויז, אין דעם „פאַרכישופטן שלאָס“ אויפן באַרג, צווישן די סאָסנעס.

אין שפּעטן פאַרנאַכט האָט אים דער צוג צוריקגעברענגט קיין פּאַריז. מ'האָט שוין אָבער מער אין ערגעץ נישט געקאָנט לויפן נאָכפרעגן זיך.

אַזוי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן זיינע לויפעניש צו מענטשן און איבער די אינסטיטוציעס, אין די ביוראָען פון 16־טן אַראָנדיסמאַן, וווּ ער איז אַריינגעפאַלן, האָט ער זיך ערגעץ, צום ערשטן מאָל, געהאַט אָנגעשטויסן אויף מיכלסאָנען און אויף דאַנציקערן — כלל־טוערס, מאַכערס, וואָס האָבן נאָך פאַר דער מלחמה געשמט אין יידישן פּאַריז. דער ברייטלעכער ייד מיכלסאָן האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון דער שווייץ, און דער אַנדערער, דאַנציקער, מיט די ציגיינערישע, בולטע, אַרויסגעזעצטע אויגן — פון אַמעריקע. זיי זענען אַראָפּגעקומען, הייסט עס, צום גרייטן. זיי זענען ווידער ברייטלעך געזעסן אין די גערוימע ביוראָען, הינטער די פעסטע דעמבענע טירן פון 16־טן אַראָנדיסמאַן. אין די דאָזיקע ביוראָען האָט מען ערשט איצט — אַ ביסל שפּעטלעך — זיך גענומען באַשעפטיקן מיטן גורל פון אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדער. עפּעס זייער וויכטיקע

פּלענער האָבן זיי שוין דאָרט געהאַט. זיי האָבן אים לאַנג געלאָזן וואַרטן הינטער די טירן, אים קורץ און צעשטרייט אויסגעפרעגט, צ׳געזאָגט, צוגעזאָגט אומבאַדינגט נאָכצופרעגן זיך, נאָכצוזוכן, און — ס׳איז גאָרנישט דערפון אַרויסגעקומען. מיכלסאָן אַליין האָט אים דאָרט איינמאָל אויסגעהערט, נאָכפרעגנדיק זיך אַ ביסל גענויער ווי אַלעמאָל.

— איך קען אייער שוועגערין... — האָט ער, דאַכט זיך סתם אַזוי, געלאָזן פאַלן און באַלד איבער עפּעס אָפּגעהאַקט.

לויט ווי אַנרי האָט אים אָבער אַ זאָג געטאָן, זאָל דאָס קינד אין יענער בהלה, הייסט עס, האָבן אַוועקגעפירט געוואָרן אין עפּעס אַ דאָרף אַריין, אין דעם סאַרט; אַז איינע פון די טוערינס אין די בעלווילער סאָלידאַריטעט-קאָמיטעטן, וועלכע איז נאָר וואָס קוים אַ לעבעדיקע צוריקגעקומען פון אוישוויץ, האָט דאָס קינד באַזאָרגט אַהין, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע יידישע קינדער. דאָס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. פון דער פרוי האָט ער זיך אויך דערוווסט וועגן פאַרוואָרפענעם דערפל אין דער סאַרט, און ער איז באַלד צומאָרגנס אַליין אַראָפּגעפאָרן אַהין.

די הינטערשטאָטישע צוגן זענען נאָך אַלץ פאַרפּאַקט געווען מיט די פּאַריזער, וואָס האָבן זיך אָפּט אַרויסגעכאַפּט אויף דער פּראָווינץ מיט קוישן און מיט זעק איינצוהאַנדלען אַ ביסל לעבנסמיטל. מער ווי אַ האַלבן טאָג האָט ער זיך אָנגעטרייסלט אין אַן איבערגעפּאַקטן וואַגאָן ביזן פּראָווינצער וואָקזאַל. פון דאָרט איז נאָך געווען אוודאי אַ קילאָמעטער פופצן ביזן פאַרוואָרפענעם דערפל, צווישן די פלאַכע, נאַקעטע אַקער-פעלדער, וווּ מ׳האָט פון ווי ווייט אָנגעזען דאָס קלויסטער מיטן האָן אויפן שפּיץ. אַ פויערישע, צווייערדערדיקע אַרבע האָט אים פאַרנאַכט געברענגט צופירן אַהין. דאָרפישע הינט, געגנדז און הינער זענען דערשראָקן אַראָפּ פונעם וועג, ווען די רעדער האָבן מיט רעש אַ פאָר געטאָן איבער דער שטיינערדיקער גאַס. צו מוטערל דיפור האָט מען אים אָנגעוויזן — דאָ באַלד, דערלעבן.

— אַ ווילינקע... — האָט זי לאַנג אויסדערציילט מיט איר איינגעפאַלן מויל, די אַלטע, ווען ער איז שוין געזעסן ביים געדעקטן, גרויסן דעמבענעם טיש, אונטערן נידעריקן באַלקן, — די קליינע האָט זיך כמעט געהאַלטן אין די ווינקעלעך... זיך נאָכאַנאַנד פאַר עפּעס געשראָקן... געשריגן ביינאַכט פון שלאָף... צוערשט האָב איך נישט פאַרשטאַנען... זיי האָבן דעמלט אַראָפּגעבראַכט אַ סך שטאָטישע קינדער. כ׳ווייס? מיטן עסן אין שטאָט, האָבן זיי געזאָגט, איז שווער... די קליינע האָט זייער נישט געוואָלט אַוועק פון דאַנען, ווען די שוועסטער פון אייער פרוי איז פּלוצים געקומען נאָך איר... אַ קינד, ווייסט איר, בינדט זיך שנעל צו... ווי אַן אייגנס... זי האָט געזאָגט, אַז מען פירט דער קליינער אין אַ קינדער-הויז... אַזוי האָט זי געזאָגט...

הייסט עס, אַז ראָזעט... און ס׳האָט אים ערשט נאָכאַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין. אַזוי ווי דעם צוג קיין פּאַריז האָט ער געהאַט ערשט באַגינען, האָט אים די אַלטע אויסגעבעטע אין אַ בריט, הילצערן בעט מיט אַלטמאָדישע קאָפּשטיקער, אויפן גאָרן. ער האָט זיך אַ האַלבע נאַכט אָפּגעוואָרפן הינטער די קאָלדרעס, אָנגעזאַפּט מיט וויירויך־ריחות, און נישט געקענט צוטאָן מיט קיין אויג. פון אַלע ווענט, אין לבנה־שיין, האָט געקוקט אויף אים דאָס צעווייטיקטע פּנים פון געקרייציקטן.

די זאַך איז אים שוין באַלד דעמלט געוואָרן אַ ביסל אויפפאַלנדיק. נאָכוואָס האָט ער זיך עפּעס אויסגעפרעגט, דער ייד מיכלסאָן? און נאָכוואָס האָט זי עס אים דעמלט אַ זאָג געטאָן, ראָזעט?... ער האָט נישט געהאַט דאָס האַרץ אַרויפצוגיין צו ראָזעטן. אָבער פאַרפאַלן. דאָס הויז, וואָס איז נאָך געווען אַזוי טיף איינגעבאַקן ביי אים אין האַרצן, איז איצט געווען זיין לעצטע האָפענונג. ס׳איז שוין מער ביי אים קיין ספק נישט געווען, ניין.

און ער האָט זיך באַלד אויף צומאָרגנס נאָכאַמאָל אַראָפּגעלאָזן צו יענע אַלטע געסלעך, מיט דער האָפענונג געוויר צו ווערן עפּעס וועגן זיין קינד. אין אַזאַ לעבלעכער נאַכט, ווי דעמלט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון די באַריקאַדן, האָט ער זיך אומגעריכט דערזען לעבן דער טיר אויפן פערטן שטאָק. ער האָט זיך אַליין נישט צוגעגלויבט, ווי האַסטיק ער האָט דאָרט אַ דריק געטאָן ביים טירגלעקל. מיט שטוינען האָט ער דערקענט אירע טריט, ווי זי איילט אויפצוריגלען דעם קלאַפּשלאָס.

6

קורץ נאָך דער מלחמה האָט מען אין פּאַריז שוין ווידער געקאָנט געפינען נישט ווייניק אַזעלכע היימישע שטובן, ווו ס׳איז זיך אָפט צונויפגעקומען צו דער אָוונט־קאַפּע, אויף יידישע פיש, אָדער סתם אויף אַ פּאַרטיע בעלאָט, אויף אַ דערדל, אַ גאַנץ איינגעמאַרטיקע, געמישטע געזעלשאַפט. די אַלע, ס׳רוב איינציק פאַרבליבענע פון גרויסע, געדיכטע פאַרצווייגטע משפּחות, האָט פאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור פעדעם נישט נאָר דאָס דורכגעלעבטע אין די שווערע פאָר יאָר, ווען די וועגן פון מענטשן האָבן זיך דורך אַלערליי צופאַלן געקרייצט, נאָר דער עיקר אפשר טאַקע די פרישע, בליענדיקע געשעפטן און פּשוט — דאָס צונויפפירן מאָרנע, קיינמאָל נישט געדאַכטע שידוכים. אַט די סענטימענטאַלע אינטערעסן אין דעם קרייז זענען, דעם אמת געזאָגט, טאַקע נישט זייער ווייט אָפּגעטיילט געווען פון די ריין־געשעפטלעכע; דאָס האָט די אומברחמנותדיקע צייט אַזוי דורכגעטריבן און ראַפינירט געמאַכט די לייט. מ׳האָט שוין זעלטן ווען דערמאָנט די

אומגעקומענע, נישט געוואלט מער וויסן, וואס ס'קאכט זיך דארט און דער אויף דער וועלט, איינגעריסן, צונויפגעפירט פארמעגלעכע פארפעלקער, געטומלט, פארפונדעוועט גייע האנדלס־הייזער און געשעפטן.

אויסער די איינגעזעסענע פאריזער, איינגייערס אינעם אלטן הויז נאך מיט לאנגע יארן צוריק, און אייניקע פראנצויזן פון מיטעלן האנדלס־קלאס, האט מען דא געווייניגלעך אויך באגעגנט א פאר לעבן־געבליבענע פון די אומקום־לאגערן, קרובים, לאנדסלייט, אריבערגעקומענע פון ווייטן סאוועטישן מיטלאזיע, פון פוילן און פון הי דורכגאנגס־לאגערן אין דייטשלאנד; מענטשן — אונטערוועגנס, שטענדיק אויף די וואליזעס. אפילו אן אמעריקאנער יידישער סאלדאט איז — קיינער געדענקט נישט מער וויאזוי — פארפירט געווארן דורך עמעצן אין הויז אריין.

און ס'איז אומגעריכט צוריק היימלעך און רוישיק געווען אוונט־צייט; דער עיקר נאך דא, ווו די באלעבאסטע פון הויז אין א גאנץ באחנט ווייבל אין די דרייסיקער, אן ענערגישע, ווייט נישט קיין נאר — א יונגע אלמנה, ווי אין ס'רוב פאלן דעמלט. צוליב איר קאכעדיקער ענערגיע — איינע פון די ערשטע צוריקצובאקומען דאס הויז פון די פרעמדע לאקאטארן און אוועקצולאזן מיט אזא טעמפ די קאנפעקציע־אטעליע, די געשעפטן, האבן אלע איינגעפונען, אז זי, ראזעט, האט בפירוש א מאנצבילשן קאפ אויף די אקסלען.

די מיטליאריקע, פארכאפנדיקע, בלאנדע באלעבאסטע האט געווייגלעך אויפגענומען פריילעך, שטארק היימיש, און ס'איז געווען אן א שיעור פארבארגענער צוזאג אינעם שוואכן, ווייבערישן דריק פון איר קליין, ווארעם הענטל, אינעם אנווייען פון איר נאכלעסיק פארשפיליעטן פעניואר מיט די קימאנע־ארבל, מיט די שרייענדיק אויפגעמאלטע קווייטן און אפילו אין איר הייזעריקלעך, פארנאשט קול, ווי זי וואלט נאכאנאנד געקייט א צוקערל. ס'איז אנגענעם געווען צו פארברענגען ביי איר דארט אין די ליכטיקע, גרויסע, אפגעפרישטע צימערן. דארט איז מיט דער צייט געווארן א מין קליינער סאלאן, וווהין מ'האט, נישט אנמעלנדיק זיך אפילו פריער, ווי ס'פירט זיך געווייגלעך, גערן פארבלאנדזשעט אין אן אוונט; ווו מ'האט געטראפן אלערליי מענטשן, און ווו אלערליי נאכמלחמהדיקע אינטערעסן האבן זיך, לעבעדיק און אינטענסיוו, געקרייצט.

אין אט דעם אלטן הויז איז מען געקומען, ווי אמאל; כאטש א גאנץ אנדערער עולם ווי אמאל. ס'איז געווען, ווי א מין איבערבלייבעניש, א היימישע געוווינהייט פון א דור, וואס האט שוין אן שום ספק געהערט צום ווייטן עבר. מען האט שוין אבער געוווסט באצייטנס, און אלע דא האבן עס געפילט, אז דער וועג פון דאנען פירט סוף־כל־סוף שטענדיק אוועק דירעקט אהין, צו די ליכטיקע הייזער, אין די רוישיקע האנדלס־קווארטאלן, ווייט פון יידישן טומל.

אין די דאזיקע קילע, ארומגעשטעלטע הייף, ווו די זון איז קיינמאל נישט אריינגעקומען, האבן זיך אבער איינגיכן צוריקגעוויזן נאך עטלעכע יידישע שכנים.

יענע האָבן נאָך אַלץ געטראָגן מיט זיך דעם זכר פון פאַרשווּנדענעם. אַהער זענען די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן באַלד נאָך דער מלחמה געקומען צוריק פאַרלייגן זייערע אויסגערויבטע נעסטן. אומגעקערט האָט מען זיך פון אַלע פאַרשטעקטע נאָרעס איבערן לאַנד, פון דער ווידערשטאַנד, פון קריגס־געפאַנגענשאַפט, פון די לאַגערן. דורך לאַנגע, פאַרשלעפטע פּראָצעסן האָבן זיי קוים מיט צרות אַרויסגעריסן זייערע אַמאָליקע דירות, וואָהין פרעמדע לאָקאַטאָרן, אָנגעלאָפענע פון דער פּראָווינץ און פון אַלע ווייטע פאָרשטעט, מערסטנס אַזעלכע, וואָס האָבן געמאַכט געשעפטן מיטן דייטש, האָבן זיך דאָ בעת דער אָקופּאַציע אַריינגעקליבן. די פאַרהאַקטע, פאַרזויגלטע יידישע דירות זענען האָרט פריער געווען פול אָנגעשטעלט מיט מעבלען און זאַכן, אויף וועלכע די יידן האָבן דאָ אַלע זייערע יאָרן שווער און ביטער געהאָרעוועט. קיין סך, מאָלט אייך, איז פון דעם אַלעמען סיידוי נישט פאַרבליבן. אָבער ביסלעכווייז האָבן אין די אויסגעליידיקטע דירות ווידער פריילעך גענומען טראַסקען די מאָטאָר־מאַשינען פון די שניידער, שטריקער און מאַראָקינערי־אַטעליעס.

די אָפּגעטראָטענע שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו די פינצטערע שטאָקן, זענען דווקא געווען ברייטע, אָבער שלעכט באַלויכטן. די פּילקאָלירקע וויטראַזשןשייבלעך, ווי אין אַלטע קירכעס, האָבן שוואַך דורכגעזיפּט דאָס שיטערע טאָגליכט פון די אַרומגעשטעלטע הייף. וואָס העכער מ'האָט זיך געהויבן אויף די שטיגן, אַלץ מער פינצטערע נישעס זענען געווען אין די לאַנגע, פאַרדרייטע קאָרידאָרן. כ'האָבן אומהיימלעך געראַשט די דיקע קאַנאַליזאַציע־רערן; די איינגעגעסטיקטע מיין פון די אַלטע פאַריזער הייזער האָבן הונגעריק געפּייפּט; די בלוי־פאַרשמירטע לעמפּלעך אינטערן סופיט, נאָך פון די מלחמה־יאָרן אַזוי, האָבן זיך אַלע ווילע אויסגעלאָשן און צוריק אָנגעצונדן. ס'איז נישט לייכט געווען צו דערטאַפּן די נידעריקע טיר צום אַריינגאַנג.

ס'איז דערפאַר געווען מאָדנע, דווקא דורך אַזאַ נידעריקער טיר אַריינצופאַלן אין די הויכע, געראַומטע, ליכטיקע שטובן, גרוים ווי די פעלדער. ס'האָט דאָרט גלייך אַ פאַרשלאָג געטאָן מיטן ריח פון אייל־פאַרב. די אָפּגעריבענע געזימסן איבער די טירן און אויף די סופיטן, וואָס האָבן נאָך אוודאי געשמאַט פון אַ פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָבן שוין שווערלעך געלאָזן דערקענען די אַלטע אָרנאַמענטיק. די פינקלענדיקע קאַנדעלאַברעס האָבן אָוונט־צייט אָנגעגאָסן מיט אַ סך אין רוישיק ליכט די אָפּגעפרישטע צימערן.

פון הינטער טירן האָט זיך געטראָגן די אָפּגעריסענע בילעריי פון די נייַמאַשין־מאָטאָרן. דערלעבן זענען געווען די אָנגעפּראָפּטע לאַגער־צימערן — פרישע שטאָפן, געטורעמט אין באַלעמס, ביז אונטערן סופיט, אין די נייעסטע מאָדעדעסענס און מאָדע־קאָלירן, געשפריצטע, מיט שטרייפלעך און אין מאָנאָליטע פאַרבן. זיי זענען געקומען דירעקט פון די טעקסטיל־פאַבריקן, מיטן שטעמפּל און

מיט דער פּלאָמבע, פון רובע און ליל, מ'האָט שוין אַצינד ווידער געאַרבעט באַצייטנס פאַרן האַרבסט-סעזאָן. אַרבעט איז געווען איבערגענוג, מען איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. ווידער זענען די פּאַסאַניערס מיט די שוואַרצע טואַלעטלעך געקומען אין הויז אַריין. אויפן חשבון פון די קליינע, קאַרגע שטאָפּן-צוטיילונגען דורכן ווירטשאַפטס-מיניסטעריום האָט מען אָנגעלייגט אין די טונקעלע שטובן שטאָפּן, געקויפטע און איינגעהאַנדלטע אויפן שוואַרצן מאַרק, פאַרשטייט זיך פאַר קאָנטראָלערס האָט מען זיך נאָך דעמולט קנאַפּ וואָס געשראָקן.

ס'איז דאָ מער גאָרנישט געווען צו דערקענען. ליניקס, הינטער דער מילך-שייבן-וואַנט, איז געווען די ביוראָ, די טעלעפאָנען, די בלאָנדע דאַקטילאָ און די בלאָנדע באַלעבאָסטע; מאָדנע, אַלע זענען זיי דאָ אַצינד געווען בלאָנד, ווער געפאַרבט בלאָנד, און ווער נאַטירלעך בלאָנד. ס'איז אָבער געווען אינעם טאָן — נאָכמלחמהדיקס. אַלץ, האָט מען דאָ געפילט, איז ניי, באַנייט, אָפּגעפרישט; אָבער הינטער דעם אַלעמען זענען אוודאי געווען נישט ווייניק אַלטע יידישע צרות צו פאַרשמירן.

די ווייטערדיקע שטובן זענען שוין איצט געשטאַנען שטרענג אָפּגעטיילט פון בייטאָגיקן טומל; נישט ווי אַמאָל, ווען דאָס אַלטוואַרג האָט נאָך דאָ געלעבט. ס'איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז עפּעס האָט זיך דאָ שאַרף געענדערט. דאָרט איז געווען דאָס פּריוואַטע, דאָס אָפּגעשלאָסענע. אַהין איז מען שוין איצט אַפילו געקומען דורך אַן אַנדערן אַרויפגאַנג.

אַוורעמעלע שטריקער, למשל, איינער פון די אַלטע איינגייער אינעם הויז, נאָך אין יענע עטלעכע-און-דרייסיקער יאָרן, ווען ראָזעט איז נאָך געווען אַ מיידל אין שידוכים, אַ שטיק ברען, האָט דאָס גאַנצע הויז געטראָגן אויף איר קאָפּ, און זיך אויף אים רעכט אַפילו נישט געוואָלט אומקוקן, — דער אַוורעמעלע האָט שוין דאָ צוריק פאַרריסן די אויגן מיט זיינע שרייענדיקע קראַוואַטן, ווי אַלעמאָל, שלעכט אויסגעבונדן, דאַכט זיך פון אמעריקאַנער אָפּשטאַמונג. ער איז אַלע פּאָר טעג אַרויפגעפאַלן מיט פרישע געשעפטן, וויכטיקע פּלענער און האָט זיך באַלד דערפילט אַ ביסל אָפּהענטיק, ווען עס זענען מיטאַמאָל געקומען צופיל געסט צו דער אָוונט-קאַווע. ראָזעט האָט אים, אַ פאַרפּלאָמטע, אויסגעהערט וועגן די אַלע געשעפטן, דריידלעך, מסחרים, מיט איין אויער, אַ פּעטשל געטאָן אים מיט איר קליין, וואַרעם הענטל איבער זיין שאַרף אויסגעגאָלטן קין און ערגעץ אַוועקגעפלאַטערט. ער האָט זי דעריאָגט אויף דער שוועל פון די צימערן.

— ראָזעט... — האָט ער דאָרט ווידער עפּעס אָנגעהויבן, און דאָס שאַרפע, פרייליכע פייערל אין אירע גרינע אויגן האָט אים באַלד אָפּגענומען דאָס לשון.

— ביסט, אויף מיין וואָרט, נאָך אַלץ דער זעלבער אַוורעמעלע... — האָט זי געלאַכט גליקלעך און פרעמד און איז אים ווידעראַמאָל אויסגערונען פון הינטער די הענט אַפּער.

ער איז אפֿשר נישט אומזיסט געווען אַ ביסל אומרואיק, דער יונגערמאַן. ווער=ווער, נאָר ער האָט מער פֿון אַלעמען געוווּסט, וואָס איר קוועטשט. ער האָט נאָר באַדאַרפֿט צו הערן אַמאָל, ווי זי האָט דאָרט, אַשטייגער, בײַם טיש אַ רעד געטאָן וועגן דעם וואָלפֿן; אַלע כמעט האָבן זיי דאָ שוין געוווּסט וועגן איר שוועסטערס מאַן, מ'האָט זיך אָנדערציילט כלערליי וווּנדער וועגן אים פֿון די אָקופּאַציע=יאָרן; און וועגן מיידעלע, וואָס איז אַדאַנק דער הויז=וועכטערין, מוטערל זשאַנאַ, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אין באַגינען פֿון יענעם טרויעריקן 16=טן יולי. וואָס שייך וואָלפֿן, האָט אים נאָך דער אַוורעמעלע גוט געדענקט פֿון יענע יאָרן. ער האָט גאָר אַלץ נישט געוווּסט אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז, דער אַוורעמעלע. און כאָטש אַלע דאָ זענען כמעט זיכער געווען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען געוווּיר ווערן עפּעס נײַעס צווישן איר און מיטן קילן שטרענגען מעסיע וויל, האָט עס אים נישט געלאָזן רוען. דער הער וויל איז געווען אַן אָפּגעפֿרעמדטער פֿראַנצויזישער ייד, וואָס האָט זיך ווייניק געמישט מיט די אַלע דאָ. מ'האָט נאָר געוווּסט פֿון דער זײַט — עפּעס האָט זיך דאָ געקלעפּט צווישן זיי, ס'הייסט צווישן אים מיט ראָזעטן, אין די מלחמה=יאָרן, ווען ס'איז אויסגעקומען צו לויפֿן באַהאַלטן זיך, ווי די אויגן האָבן געטראָגן.

דער הער וויל איז געווען אַ מיטאַקציאָנער אין אַ גרויס קליידער=געשעפֿט אַרום די גרויסע בולוואַרן. מ'האָט אויך געוווּסט, אַז דאָס האָט אפֿשר אים ראָזעט נישט ווינציק צו פֿאַרדאַנקען, וואָס זי האָט אַזוי שנעל באַוויזן צוריק אויפֿצושטעלן דאָס הויז, די אַטעליע, די פֿאַרצווייגטע געשעפֿטן. ער איז געווען אַ הויכער, אַ בלאָנדלעכער, מיט שטרענגע ברילן איבער אַ פֿעסטער, גאָרנישט יידישלעכער נאָז. ער האָט אין אָוונטצייט געוויינלעך געלאָזן וואַרטן דעם קליינעם, עלעגאַנטן „סימקא“ פֿאַרן טויערל, זיך אַרויפֿגעכאַפּט אַהער, קיל גענייגט זיך צו אַלעמען, אַ רעד געטאָן דאָרט מיט ראָזעטן אויף דער שוועל פֿון די צימערן און זיך דאָ לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן.

ס'איז געווען שבת אָוונט, און ראָזעט האָט דאָסמאָל אַלעמען געמאַכט אַ סורפּריז מיט יידישן געפֿילטן קאַרפּ. מעסיע בריסאָו, א וויכטיקער מענטש פֿון האַנדלס=קלאַס, א קאָנפֿעקציאָנער, א ברייטער, מיט א שיטער באַזוימט פּליכל, האָט דאָרט גענוי אַ פֿאַרשטעק געטאָן דאָס סערוועטל אונטער דער נאַקעט אויסגעגאָלטער גאָמבע און זיך גענומען ערנסט צו גאָפּל=מעסער.

— אייערע יידישע פֿיש... — האָט ער זיך פֿאַסמאַקעוועט, — וועלן נאָך אומבאַדינגט מוזן אויפֿגעשריבן ווערן אויפֿן מעניו פֿון דער פֿראַנצויזישער קיך... איר הערט? אומבאַדינגט...

קיין גרעסערן קאָמפּלימענט האָט ער שוין, דאַכט זיך, נישט געקאָנט מאַכן. זי האָט געשיינט, ראָזעט, זי איז, מיטן חנעוודיקן פּאַרטעכל ענג פֿאַרצויגן אַרום איר דינער טאַליע, געלאָפֿן אַריין און אַרויס. ס'איז געווען מיטאַמאָל אין איר

הייסן, צעטומלטן בליק עפּעס אַן אָפּשיין פֿון דער אַלטער מאַמען אירער. ווען זי האָט דאָ געפּלעגט אָנצוהאָרעווען ביים טיש פֿון די גרויסע טעפּ אין דער קיך די אָרעמע לאַנדסלייט, וואָס פֿלעגן אין יענע יאָרן נאָכאַנאַנד אַריינפֿאַלן אַהער מיטן שטראָם אומגליקלעכע עמיגראַנטן פֿון די שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

— ווירקלעך באַטעמט... כ׳וואָלט אפֿילו געזאָגט, אַז אייערע פֿיש האָבן עפּעס אַ מין אָריענטאַליש געשמאַק... — האָט די פֿרוי בריסטאָו, אַ מאַנצבילש־גרויסע, אַן ענערגישע, מיט הייסע פֿאַרפֿודערטע באַקן, מיט ציגײַנערישע, פֿינקלענדיקע אויערינגען, קוים צוגערירט צו די ליפּן דעם גאָפּל צווישן אירע גרויסע הענט. זי האָט זיך דאָרט אַלץ נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די ביינדלעך און באַלד אויפֿן אָרט געוואָלט וויסן גענוי, וויאַזוי ס׳ווערט פּרעפּאַרירט.

פֿאַר קיינעם האָט זי זיך אַזוי נישט געפֿאָרכטן, ראָזעט. אַלעמען האָט זי, לאַכנדיק קלוגעריש מיט אירע גרינע אויגן, אַריינגעזאָגט; נאָר פֿאַר דער דאָזיקער צו גרויסער פֿרוי מיט די הייסע באַקן האָט זי זיך עפּעס אַלעמאָל געשראָקן. דאָס איז נאָך פֿאַרבליבן ביי איר זינט דעמלט, ווען זי איז געקומען זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיי אין הויז, און דער הער בריסטאָו האָט איר געגעבן אַרויסווייזן אייבעריקע העפֿלעכקייטן. ביי איר, ווי אָפֿט ביי פֿרויען, אַרבעט, זעט אויס, דער אינסטינקט שטאַרקער ווי דער שׂכל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי אַפֿילו אַ טראַכט געטאָן, ראָזעט, אַז אפֿשר... אפֿשר טוט זי טאַקע אָפּ אַ נאַרישקייט מיטן מיידעלע. אפֿשר טאַקע צו ווייט פֿאַרקראָכן. זי האָט נאָך אָבער אַלץ, מיט עפּעס אַ טונקעלער אַנונג, געהאַט איבערצושפּילן ביי וואָלפֿן אירע אַלטע אַמביציעס; ווייל פֿאַרקילן הער ווייל האָט זי זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אין רעזערוו, כאָטש אַרום איר האָבן שוין מענטשן, ווי ס׳פֿירט זיך, צו ביסלעך אונטערגעפּליאָטקעוועט...

די פֿרוי בריסטאָו האָט זיך דאָרט גענוי נאָכגעפֿרעגט וועגן די פֿיש, אָבער אירע באַקן האָבן געפֿלאַמט ווי קיינמאָל נישט. נישט אומזיסט איז זי, אפֿשר דאָסמאָל אַליין מיטגעקומען. געווייגלעך פֿלעגט זי אים נישט באַגלייטן, דעם מאַן איר, צו די אָוונטיקע אויפֿנאַמעס סוף וואָך. זי האָט אָבער געהערט אַ מורמל, אַז עפּעס קאָכט זיך דאָ ווידער וועגן דער קליינער מאַדלען, וואָס שוין איבער דריי יאָר, אַז זי האָדעוועט זיך ביי איר אין הויז.

מיטן גרויסן קאַרפּן־קאָפּ האָט ראָזעט נאַטירלעך מכבד געווען דעם וויכטיקן כלל־טוער, מיכלסאָנען, וועלכער איז געווען אירס אַן אַלטער הויזפֿריינד. אויך דער ברייטלעכער ייד איז דאָסמאָל נישט אַראָפּגעקומען גלאַט אַזוי צו דער אָוונט־קאַפּע און צו די שבת־פֿיש. זי אַליין האָט אים געהאַט באַפֿוילן אַרויפֿצוקומען; ער זאָל איר טאָן די געפֿעליקייט, האָט זי אים באַפֿוילן, און אַרויפֿקומען, כאָטש זי ווייסט, אַז ער איז אַ שטאַרק פֿאַרנומענער מענטש. נאָך אַלעמען האָט זי זיך אין זיין אָנוועזנהייט דערפֿילט אַ ביסל, ווי די בלייבע, שטרענג פֿאַרשלאָסענע פֿרויען מיט די טונקעלע וואָלן איבער די פּנימער, מיט די שווערע הער־

צער, וועלכע כאַפּן זיך אַמאָל, אין אַ פֿאַרנאַכטיקער שעה געוויינלעך, אַ מבֿאַ־מערקט אַריין מתוודה זיך זיך פֿאַרן אַלטן, קלוגן גייסטלעכן פֿון דער היימישער פּאַראַפֿיע. מיכלסאָן האָט דאָ פֿריער געהאַט אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל דעם שירעם, אונטערגעהוסטעלט נאָכן אויפֿהייבן זיך די פֿיר שטאָק פֿינצטערע שטיגן, געגלעט די פּראָסטיק באַזילבערטע וואָנסן און זיך געלאָזן באַגלייטן דורך דער באַלעבאָסטע פֿון הויז צום חשובֿסטן אָרט אַרום טיש.

— דאָס האַרץ האָט אָבער מיר גלייך געזאָגט, אַז איר וועט היינט אַריינפֿאַלן, פֿריינד מיכלסאָן... — איז זי געשטאַנען איבערן ווענטל פֿון פּעטעל, אין וועלכן דער אַלטער איז טיף פֿאַרזונקען געוואָרן.

— ווי שייך... — האָט ער זיך געפֿילט זייער געשמייכלט און אויפֿגעלייגט פֿון דעם ווייבלס נאָענטער וואַרעמקייט, מיט וועלכער זי נעמט אים אויף, — מענטשן, וואָס האָבן אַזויפֿיל געמיינזאַמע שווערע איבערלעבונגען... כ'מיין...

ווייל זינט די עטלעכע מלחמה־יאָר, ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, האָט ער שוין אַביסל דערקענט די שטימונגען פֿון אָט דעם טשעקאָווע, ענערגישן ווייבל. ער האָט אַלעמאָל געמוזט שמייכלען מיט אַ סך פֿאַרבאַהאַלטן אין די געדיכטע וואָנסן אַריין, ווען זי איז צוגעשטאַנען צו אים מיט אירע מאָדנע פֿראַגן און ווייבערישע הנדלער. ווי אַלעמאָל, האָט ער דאָרט אַ רעד געטאָן פֿאַר איר עפּעס מכוח דעם יידישן געשיכטע־גורל, וועגן אייביקע וואַנדלונגען און אומוואַנדלונגען, אַפֿילו וועגן בטחון. זי איז אָבער געבליבן אומגעדולדיק, האָט ביי יעדער געלעגנהייט שוין אויפֿן אָרט געוואָלט וויסן דעם סאַמע עיקר.

— נאָכוואָס די אַלע טעאָריעס?... — האָט זי זייער שיין געלאַכט, — אָט דאָס אַלץ... אייערע יידישע ליידן... צוליב וועמען, כ'בעט אייך?...

זי האָט גאָרנישט באַהאַלטן, למשל, אַז איר אייגן יינגעלע, וואָס וואַלגערט זיך נאָך אַלץ ערגעץ אין דאָרף, האָט זי אין יענע בהלה־טעג געפֿירט אין קלויסטער אַריין; כאָטש ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָס שמדן יידישע קינדער האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. אָבער איצט, ווען ס'איז שוין נישטאָ קיין מורא, וועט זי עס נישט גיין אָנוואַרפֿן קיין איבעריקע לאַסט, — האָט זי אים, מיכלסאָנען פֿאַרזיכערט, — ס'פֿירט צו גאָרנישט, גיכער פֿאַר אַלץ — צו נייע אומגליקן.

דערויף האָט ער שוין נישט באַלד געהאַט וואָס צו ענטפֿערן. מאָדנע פֿראַגן פֿון אַ ווייבל, נאָך אַלעמען. זיי זענען שוין הערנאָך געזעסן ווייטלעך אָפּגערוקט פֿון טיש, לעבן קאַמין, הינטער אַלעמענס פּלייצעס; אין דער צייט, ווען דער אוורעמעלע האָט דאָרט געוויילט די געסט, געקאָכט זיך, געטומלט מיט זיין שלעכטן פֿראַנצויזיש אַרום די קאָרטן, אַפֿילו אונטערגעברומט עפּעס אַ יידישן ניגון.

— מען קאָן נישט אנטלויפן פון זיך אליין... פארפאלן... ס'איז דער גורל פון א מענטש... שאַ... — האָט ער זיך באלד דערנאָך צוריקגעכאפט, מיכלסאָן, — דער יונגערמאן איז, ווייסט איר, די טעג ווידער געקומען צו מיר... נו, וועגן קינד, פארשטייט זיך... כ'האָב אים, אגב, א זאָג געטאָן, אז כ'קען אייך צופעליק...

— טאָ וואָס זשע האָט ער געוואָלט? — איז זי פלוצים נאָך אלץ אליין געוועזן אין פארלעגנהייט, האָט אויפגעפלאמט און זייטיק א בליק געטאָן אהין, צום קאָרטן-טישל, צו דער פרוי בריסטו, אין וועלכער דער לאנגער אורעמעלע האָט עפעס לאבנדיק אריינגערעדט. — איצט קומט ער זיך אינטערעסירן מיט זיין קינד? ווו איז ער געווען, דער העלד, דער צעלייגער, ווען מיר האָבן דאָ געזעסן דעם טויט פאר די אויגן?... צי האָט ער זיך פריער אויך אזוי שטארק אינטערעסירט מיט זיין פרוי און מיט זיין קינד?

— כ'האָב אים אָנגעקוקט, דעם יונגנמאן... כ'האָב א ביסל אויך געהערט פון אים... מען קאָן נישט לייקענען — זיי האָבן דאָ נישט ווייניק כוחות אוועקגעלייגט... איר פארשטייט?... מיר, דאָרט, אין דער שווייץ... מיר האָבן דאָרט אויך נישט ווייניק אויפגעטאָן... — און ער האָט זיך איבער עפעס א ביסל פארקרעקט.

און דאָ האָט ער זייטיק א בליק געטאָן פון אונטער דער בריל און איינגעפונען, אז דאָס טשעקאווע ווייבל איז אפשר נישט אינגאנצן גלייכגילטיק... ווי זאָגט מען עס... און ער האָט באלד אָפגעהאקט, צו לאָזן זי אליין רעדן.

— ווען ער וואָלט פונדעסטוועגן פארמאָגן א משפחה-געפיל... — האָט זי זיך אזוי ווי ארויסגעכאפט — א הויז, קינדער... ס'איז פאָרט בעסער צווישן היימישע... אָבער הער דאָ... ווען איר ווייסט, ליבער פריינד מיכלסאָן, וואָס דאָ אין הויז, ביי מיינע עלטערן, האָט זיך אָפגעטאָן מיט דעם יונגנמאן... מיט דער שוועסטער מיינער... בעת די שטרייקן אין יענעם זומער 1936... אפשר פארשטייט איר נישט... וואָס ווילן זיי אייגנטלעך, די ראָזיקע... ייִדן, וואָס מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן... זיי פארגעסן עס אָבער...

— וואָס שייך מישן זיך... זענט איר אפילו גערעכט... ס'איז גאָר א פראַגע, הייסט עס... — האָט מיכלסאָן שיטער געלאכט אין די פראָסטיקע וואָנסן אריין.

— טאקע וועגן דעם פרעג איך ביי אייך, פריינד מיכלסאָן,... — האָט זי שלעכט באהאלטן דאָס, וואָס זי האָט זיך פריער ארויסגעכאפט.

נאָך גוט, וואָס זי האָט נישט אלץ דערזאָגט; פונקט ווי מיכלסאָן אליין, וועלכער האָט מער אונטערגעברומט, ווי גערעדט. ס'איז אָבער פאר א גענוי אויג נישט שווער געווען באלד צו דערקענען — אפילו נאָך איצט האָט די אמביציע ווילד געברענט אין איר. צוליב אים אפשר, צוליב וואָלפן, איז זי קיינמאָל אין איר ווייטערדיק לעבן נישט גליקלעך געווען, צו אזא מאָדנעם אויספיר איז זי דערנאָך נישט איין מאָל געקומען. זי האָט אין יענעם זעלבן זומער שנעל געכאפט און

פאַרבונדן זיך מיט אַ מענטש, וועלכער איז איר, דעם אמת געזאָגט, קיינמאָל נישט געווען צום האַרצן, כמעט אַ פרעמדער, ווייט נישט פון איר קאָמעדיקן טעמפּעראַמענט. טאַקע, האָט זי זיך אַליין אָפט געפּרעגט מיט שוידער, וואָס, אַשטייגער, וואָלט געווען, ווען ער פאַלט נישט אַריין אין געפאַנגענשאַפט, ווען ער ווערט נישט דעפּאָרטירט, דער אָרעמער?... און ער, וואָלף... ס'האָט נאָך אַלץ ווי געטאָן און פאַרדראָסן. ווי ער האָט זיך עס דעמאָלט אַוועקגעדרייט, דער העלד... אָט דאָ, אויף דער שוועל, איז זי מיטאַמאָל געוואָרן אויפגעהייטערט, וועט ער נאָך קומען, און ס'וועט נישט אַזוי לייכט אָנקומען מיטן קינד. טאַקע, צי וואָלט אָבער נישט נאַטירלעכער געווען, אַז דאָס מיידעלע זאָל זיך האָדעווען אין אַ שטוב, צווישן אייגענע, צוזאַמען מיט איר אייגן קינד. מילא, וואָס ס'איז געווען, איז געווען...

און פּונקט אין אַזאַ מאָס ווי זי האָט אים געהאַסט, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, האָט איר זיין שטאַלטנע, בייגיקע, מיליטעריש אויסגעפּאַסטע פיגור, ווען זי האָט אים דעמאָלט צום לעצטן מאָל אַ דערזע געגעבן אין הויף, אויפסניי געבלענדט און מאָרגנ געדרייצט; פּונקט ווי זיין קילע טראָציקייט, זיין באַשיידענע ווירדע, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך נאָך דאָ אַרומגעדרייט אין רוישיקן הויז, צווישן די מאַשינערס, „העגט“, „קופּערס“, געפירט זיינע טונקעלע אינטריגעס מיטן סינדיקאט, געקאָמאַנדעוועט, ווי ביי זיך אין שטוב; אָפּגעוואָרט דער יינגערער שוועסטער מירלען, פאַרנאַכט אויפן ראָג ביים סקווערל און איר דאָרט, דער נאַרישער מויד, פאַרדרייט דעם קאָפּ. דאָס אַלץ האָט זיך ביי איר עפּעס צוזאַמענגעמישט. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי פּאָרט געמוזט אַ טראַכט געבן, אַז אפשר... אפשר האָט זי טאַקע אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט.

ווייל מיטן בלייבן מיידעלע מאַדלען איז ווירקלעך מער נישט געווען אַזוי איינפאַך. אין דעם הויז ביי הער בריסטאו האָט זי, מוז מען זאָגן, אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר געפונען אַ וואַרעמע היים, די קליינע. ווער וואָלט זיך עס דעמאָלט נישט געוווּנטשן אַזאַ גליק? — צו ראַטעווען אַ יידיש קינד פון פייער אַרויס. מען קאָן נישט זאָגן, צו דער מאַנצבילש גרויסער פרוי מיט די הייסע באַקן, וואָס איז אַמאָל, שמועסט מען, געווען די ערשטע פאַרקויפערין אין די גרויסע מאַגאַזינען, האָט זי זיך שטאַרק צוגעבונדן, די קליינע. זי זעט עס אַליין איין. אַליין אָבער קיין קינדער האָט זי שוין אוודאי לאַנג נישט געקאָנט האָבן, מ'האָט ממש צוגעזען, ווי די דאָזיקע אַ ביסל אויפגערעגטע פרוי גיט אויס איר גאַנצע מאַמעשע ליידנשאַפט פאַרן קינד, היט עס אָפּ, טוט עס אָן, ציטערט איבער דעם. ביי אירע צען יאָר, איז דאָס מיידעלע שוין געווען כמעט אַ קליינע פרוי. די גלידער — אויסגערונדיקט, דאָס מאַטע פּנימל — פול. און מאָדנע, וויפל מאָל זי איז נישט אַריינגעפאַלן צו זיי דאָרט אין הויז אַריין, ראָזעט, האָט זי שטענדיק געפונען אין דער קליינער מער ענלעכקייט צו וואָלפן — אַקוראַט ווי זיין גראָד געשניטן נעזל, די גרויסע, העלע אויגן, דער דינער ליפּן-שניט; נאָר די האָר

אירע — לופּטיקע, בלאַנדלעכע, ווי ביי דער שוועסטער אירער, ביי מירלען. ס'איז אַלעמאָל אויך געווען אַ באַהאַלטענער פּלאַטער אין זייטיק פּאַרטייעטן בליק פֿונעם קינד. די קליינע האָט זיך עפּעס צעטומלט געראַכלט, איז אַנטלאָפֿן אין איר צימער אריין, געקלאַמערט זיך אין דער גרויסער, וואַרעמער מאדאם בריסטאָ און פֿרי געבעטן מען זאָל איר צוגרייטן דאָס בעט, זי פֿילט זיך נישט גוט.

צי האָט זי דען נישט פֿאַרשטאַנען, ראָזעט?

זי איז אויך געווען אומרואיק, וואָס די מאַדאַם בריסטאָ האָט דאָסמאָל אויסגעמיטן צו רעדן און אָנצודערציילן זיך די חידושים וועגן דער קליינער, ווי זי האָט עס אַלעמאָל געפּלעגט צו טאָן. ווייל געוויינלעך האָט זי איר אַלעמאָל איבערגעגעבן, מען וואָלט געזאָגט, מיטן נחת פֿון אַ מאַמען, ווי זי שפּילט זיך, די קליינע, ווי זי לערנט זיך, ווי קלוג זי רעדט; און אויך דאָס האָט איר, ראָזעטן, אַלעמאָל אַ ברי געטאָן. און ווען זי האָט באַלד דערנאָך, ביים קאָרטן-טישל, אַזוי אומשולדיק געלאָזן פֿאַלן:

— כ'האָב דאָ נישט לאַנג, ווייסט איר, ווידער געזען דעם אָפּגעפֿונענעם פֿאָטער מאַדלענס... דעם פֿון דער רעזיסטאַנס...

האָט זי זיך נאָך מער צוגעצונדן, די מאַדאַם בריסטאָ.

— נו?... — האָט זי האַסטיק איבערגעפֿרעגט.

— ער זוכט זיין קינד... ער רוט נישט... ס'איז ווייסט איר, גאָרמאָל...

— ער ווייסט?... פֿון וואַנען ווייסט ער עס?...

— אַזעלכע זאַכן דערוויסט מען זיך, מאַדאַם...

— טאָ שיקט אים, זייט אַזוי גוט, צו מיר... דאָס קינד וועט פֿון מיין שטוב נישט אַוועקגיין... — האָט זי זיך האַסטיק אויפֿגעשטעלט פֿון קאָרטן-טישל אין איר גאַנצער גרויס — איר שטעלט זיך פֿאָר?...

אין דעם צו שאַרפֿן קלונג ביי הער הויזטיר האָט זי באַלד דערקענט, ראָזעט, נישט קיין היימישע, געוויינטע האַנט, און זי האָט אַליין, מיט אומגעוויינלעך גערוועזע טריט, געאיילט אויפֿצושפּאַרן דעם קלאַפּשלאָס.

ז

אין די עטלעכע-און-צוואַנציקער יאָרן האָט דאָ, אין די גרויסע, אָפּגעלאָזענע צימערן, צום ערשטן מאָל געקלאַפּט אַ הייזעריק זינגער-מאַשינדל, וואָס איז מיט גרויס מי און מאַטער אַריבערגעבראַכט געוואָרן פֿון דער אַלטער היים. נישט איינמאָל האָט מען דאָרט, אויף דער מילע-גאַס, אין וואַרשע, אין אַן ענגער צייט, אין די לאַנגע, טויטע סעזאָנען, אַוועקגעטראָגן דעם „קאָפּ“ פֿון מאַשינדל, פּשוט פֿאַרזעצט אים ביי עפּעס אַ ייד, אַ פּראָצענטניק; ער איז אָבער לסוף גליקלעך

אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון פרעמדע הענט אַרוים און בשלום, צוזאַמען מיטן בלייכן ייד בעריש „לאַציאַזש“, וואָס האָט געהאַט אַ הויכע, אויסגעהאָרעוועטע פּלייצע, צוזאַמען מיט זיין ווייב, ביידע אונטערגעוואַקסענע מיידלעך און ייִנגערן בחורל, אין איינעם אַ גרויסן ווינטער־פרימאָרגן געקומען אָנצופאָרן אַהער, אויפן פאַררויכערטן פאַריזער „גאַר די נאָר“. אַ געשטעל פאַרן „קאָפּ“ האָט מען זיך שוין דאָ ווי נישט איינגעשאַפט, און דאָס מאַשינדל האָט דורך די טעג און נעכט, שבתים און זונטיקן אַריינגערעכנט, געקלאַפּט אין האָטעלעכל אויפן הויכן בעלוויל איבערן ביסל „פּאַסאַזש“, וואָס מ'האָט אין די קאָכעדיקע סעזאָנען אַרויסגענומען פון די גרויסע, רייך געוואָרענע יידישע „הייזער“ אין די רוישיקע האַנדלס־געגנטן אַרום די גרויסע בולוואַרן.

דאָס ביסל אַרבעט איז אַ גאַנצע וואָך געלעגן אָנגעוואַלגערט אויפן בעט, אין אַלע ווינקעלעך. דאָס ווייב האָט צוגעהאָלפן, די קינדער האָבן צוגעהאָלפן. דערנאָך, אַז מען האָט טאַקע אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פראַנק פון די ערשטע עטלעכע סעזאָנען, האָט דאָס זעלבע מאַשינדל איינמאָל געהאַט אַריבערגעוואַנדערט אַהער, אין די גרויסע, פאַרחושכטע, אָפּגעלאָזענע שטובן, אינעם הויז פון אַן אַלטן פאַריזער קוואַרטאַל, ווו די דירות זענען געווען גרויסע און נישט זייער טייערע. ס'איז, אויסער אַלעם, היימלעכער געווען דאָ, צווישן די שמאָלע, מיטל־אַלטערלעכע געסלעך, ווו באַלד דערלעבן איז געווען אַ יידישער רעסטאָראַן, אַ יאַטקע, אַ וורשט־האַנדל און אַ ספרים־געוועלבל.

אין די גראַטשקעס פון די סעזאָנען איז גאָר דער קאָפּ נישט געלעגן דערביי אויפצופרישן דאָ אַ ביסל די ווענט. דער עיקר — ס'איז שוין געווען ווי אוועקצולייגן אַ ביסל אַרבעט, ווי אַריינצושטעלן נאָך אַ מאַשין, ווי אוועקצוזעצן אַ מענטש, נאָך איינעם אַ מאַשינער, אַ פּרעסער, אַ פּאָר אויסגעבלייכטע יידישע מיידלעך, די „הענט“, אָן „פּאַפּירן“, וואָס האָבן אונטערגענייט דובלע, אַרויסגעענדיקט. ס'איז שוין געווען אַ באַזונדער צימער פאַר די אינטערוואַקסנדיקע מיידלעך, פאַרן ייִנגל אַנרי און פאַרן אַלטן פאַרפאָלק, וואָס האָט זיך זעלטן, אַמאָל אין אַ יובל, אַרויסגעריסן און געגאַנגען זונטיק אין יידישן „טיאַט“ אַריין אָנצוקוקן אַ שטיק, וואָס מ'האָט דאָרט געגעבן.

דאָס מאַשינדל, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַזויפיל הענט, לענדער און שטעט, איז איצט שוין געשטאַנען אין אַ ווינקל, פאַרשעמט, אויף דער עלטער, און מ'האָט גערעכנט עס אַוועקצוגעבן פאַר אַ שיבוש האָרט איינעם פון די אָפּגעשליסענע גלות־יידן, די אַלטוואַרג־הענדלער, וואָס זענען, דאַכט זיך, אינעם זעלביקן הולך אויך מיטגעקומען פון דאָרט און האָבן דאָ אָפּט פאַרבלאָנדזשעט אין הויף אַריין און אויסגעזונגען אויף אַ מאָדנעם פּראָנצויזיש זייער אַ טרויעריק יום־כיפור־ניגונדל...

ווייל ס'איז דערנאָך אַזוי געווען מיטן „קאַפּ" פון יענעם מאַשינדל: צוערשט, ווען מ'האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אריינצוברענגען אין די גרויסע, ליכטיקע אַרבעטס־שטובן די נייע, פעסטע נייטמאַשינען מיט די מאָטאָרן, האָט מען עס פשוט אַוועקגערוקט אין אַ ווינקל אַריין, אַרויפגעוואָרפן אויף דעם די שוואַרצע, געלאַטעטע טוך, מיט וועלכער זיי האָבן אַמאָל געפלעגט צו ליווערן דאָס ביסל „פּאַסאָן" אין די גרויסע הייזער אריין. קיינער האָט זיך מער גאָר אַהין נישט אומגעקוקט. אַ לאַנגע צייט דערנאָך איז עס אַזוי געשטאַנען, דאָס אָפּגענוצטע זינגער־מאַשינדל, ס'איז אָנגעוואַקסן אויף דעם אַ שיכט שטויב; און נאָר איין מאָל אין יאָר, אין די וואָכן פון „מאָרט"־סעזאָן, ווען מ'האָט דאָ פאָרט גענומען א ביסל ארומרוימען, האָט מען עס ווידער פאַרשטופּט אין א פינצטער, זייטיק קעמערל. בעריש „לאַציאַזש", וואָס האָט שוין איצט אַ ביסל ווייניקער געאַרבעט און ווייניקער געמישט זיך, ווייל אַלע אַלטע קרענק האָבן זיך גענומען צוטשעפּען צו אים, דער הוסט האָט געשטיקט — האָט זיך דאָרט איינמאָל אַזוי אָפּגערופן:

— האָסט אונדז שוין, וואָס אַן אמת, גענוג אויסגעדינט... געגעבן די ביידנע חיונה דאָרט, אויף דער מילע־גאַס... און אז ס'איז אַמאָל געקומען גאָר א ביטערע צייט, ביסטו איבערגעטשפּערט געוואָרן אין פרעמדע הענט אַריין... פאַרזעצט געוואָרן... צייט, כ'לעבן, דיך אָפּצורוען... ביסט, נאָך אלעמען, געגליכן צו בעריש „לאַציאַזש"... — האָט ער לאַכנדיק צוגעהוסט, — אין שמעלץ אַריין...

די פלינקע ראָזעט, וואָס איז פאַר דער צייט היפּש אונטערגעוואַקסן, איז געוואָרן די גאַנצע דעה־זאָגערין אין הויז. צוזאַמען מיט דער יינגערער שוועסטער מירל און מיטן יינגל אַנרי האָט זי איבערגענומען די אַלע באַשטעלונגען, די אויסצאָלונגען; טאַקע זי האָט עס אין איינעם אַ „מאָרט"־סעזאָן, ווען ס'איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן אַ גענעראַל־רעמאָנט, פשוט געוואָלט נעמען און אַרויסוואַרפן עס, ס'מאַשינדל.

— ס'שטייט שוין אַזוי, זאָל עס שטיין! — איז דער אַלטער געוואָרן מיטאַמאָל אויפגעבראַכט; כאָטש מיטן שכל האָט ער טאַקע אַליין גענוי נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זאָל זי זיך דאָ וואַלגערן, די שברי־כלי, אַז קיין נוצן פון איר האָט מען שוין לאַנג נישט; אָבער געבייזערט האָט ער זיך פאָרט.

— ס'איז נאָך אַ גאַנץ גוט מאַשינדל... — האָט ער זיך איינגעשטעלט מיט האַרץ, — אפשר... אַמאָל... מאַלע וואָס... ס'קאָן נאָך גאַנץ גוט צונוצקומען...

אויך די אַלטע איז געשטאַנען דערביי און אָנגעקוקט אים מיט אַ צעמישטן בליק. זי האָט דען נישט פאַרשטאַנען, וואָס אים קוועטשט? נישט נאָר די מאַשין איז געווען אָפּגענוצט, אַלט, אַרויסצווואַרפן, נאָר טאַקע זיי אַליין אויך. אָט האָבן זיי זיך נאָך דאָ מיטגעפּלאָנטערט אינעם קאָכיקן האַנדלס־הויז, ווו קיינער האָט ביי זיי מער קיין דעה סיווי נישט געפרעגט, ווו קיינער האָט זיך מער אויף

זיי נישט אומגעקוקט. פארנומען האבן זיי דאס טונקעלע צימער ארויפצו, מיט די פענצטער צום אייביק פינצטערן הויף-קאסטן.

ער איז נאך גוט געווען דעמלט, בעריש „לאציאזש“, אין די ערשטע פאר יאר, ווען מ׳האט א גאנצע וואך באדארפט צו זיצן און צו הארעווען ביז צוועלף-איינס ביינאכט אין האטעל, אויפן הויכן בעלוויל, יאגן, ארויסיאגן פון זיך די נשמה ,כדי שבת נאכמיטאג, ביים ליווערן אין „הויז“ אריין, אהיימברענגען א וואס גרעסערע „פעי“. אבער אצינד, ווען די קינדער זענען אונטערגעוואקסן; ווען אנשטאט מיט דער גרויסער, שניידערישער שער, וואס האט אויסגעדרייט די פינגער, מיר געמאכט די האנט-געלענקען און געלאזן פארהארטעוועטע מאזאליעס, האבן געארבעט עטלעכע עלעקטרישע צושנייד-מאשינדלעך, פלינק אדורכשניידנדיק די גראבע שיכטן שטאפן, פרעציז און אויף איין מאל; ווען די צימערן זענען געווען ממש פארוואליעט מיט באלן אייגענע שטאפן, ווען מ׳האט שוין צוביסלעך אליין אנגעהויבן ארויסגעבן די אויסגעמאָרדעוועטע יידן און די ווייבלעך פון בעלוויל צוגעשניטענע פעק „פאסאן“, ווען מ׳האט באדארפט זייטיק אכטונג געבן און געגוי צוטיילן זיי דאס ביסל אונטערגעניי און די באזונדערע שטיק-טיילן, זיי זאלן נישט פארשמעלן, נישט ארויפנעמען פאר זיך; ווען ס׳איז שוין געווען א ביורא, מיט א בוכהאלטער, מיט א טעלעפאן, מיט ביכער; ווען מ׳האט באדארפט שרייבן בריוו און ענטפערן אויף בריוו, רעדן מיט א פראנצויזישן קליענט, אויסשטיין א קאנקורענץ, קאמבינירן צום נייעם סעזאן וואס ביליקער און וואס עלעגאנטער, — איז זי, דער עיקר טאקע, ראזעט, געווארן די גאנצע דעה-זאגערין, האט אלץ פארכאפט אין אירע הענט אריין; ווייל דאס אלטווארג און מירל מיטן יינגל זענען גארנישט צופרידן געווען פון דער גאנצער גראטשקע און פונעם וויסטן געיעג ארויפצואַרבעטן זיך גרויס...

ס׳איז, א שטיק דערפאר אפשר, אויך קיין שלום-בית נישט געווען. זיי זענען נישט געקומען צום טיש, די קינדער; און די אלטע האט הוקא זייער ליב געהאט, ווי אין דער אלטער היים, אנצוקאכן און אנצובאקן אויף שבת אדער אויף א יום-טוב. דא, אין פאריז, האט מען זיך גיכער געקאנט פארגינען דאס, וואס דארט האט מען עס אפילו אין די ברייטע, נגידישע שטובן נישט אנגעקוקט.

זענען די קינדער נישט געווען ביים טיש. די באלויכטענע צימערן זענען, נאך א וואך ארבעט, געשטאנען עלנטע, די ארבעטס-שטובן — פארלאזן, מיט איבערגעדעקטע „קעפ“ פון די מאשינען. די קינדער זענען ערגעץ אוועק טאנצן, אוועק מיט קאלעגן און חברטעס. און ראזעט? — זי דער עיקר איז געווען פלאם און פייער. וויפל איז זי דען דעמלט אינגאנצן אלט געווען? א יאר צוויי-דריי און צוואנציק, נישט מער. ס׳איז שוין לאנג צייט געווען א שידוך צו טאן מיטן מיידל. זי איז הוקא געווען נישט קיין מיאוס מיידל, כאטש א ביסל א פארגרינטע, אבער מיט א פיסקל, מיט א געשטעל; גארנישט ארייננעגראטן אין דער יינגערער, אין

מירלען, וואָס איז געווען אַ שטילע, אַ צוריקגעהאַלטענע, האָט צוגעהאָלפֿן בײַ דער אַרבעט, נישט געמישט זיך צופֿיל, געהאָלפֿן דער מאַמען אין דער קינדבאַלעבאַטישקייט. דאָס מיידל איז נאָך אַלץ פֿאַרקאָכט געווען מיט די לאַנדסלייט און מיט די ביכלעך פֿון דער היים. און אין דער קיך, קיין עין-הרע, איז אויך געווען געַנוג בײַ וואָס זיך צו פֿאָרען.

אָט די גרויסע, היימיש אָפּגעלאָזענע שטובן אין דעם אַלטן קוואַרטאַל פֿון פּאַריז זענען עס אין יענע דרײַסיקער יאָרן געווען דער איינציקער באַקאַנטער אדרעס פֿאַר אַ סך אריבערגעקומענע פֿון דער ווייטער היים. ס'איז געווען אין דעם יאָר, ווען מ'איז מער ווי אַלעמאָל געלאָפֿן דורך די גרענעץ-שפּאַרעס פֿון פּוילן. די לאַנגע ווארשטאַט-שטובן זענען דאָרט אין די פּרימאָרגנס שטענדיק פֿאַרשטעלט און פֿאַרוואַליעט געווען מיט אויפֿגעראָיעטע אויפֿלייג-בעטלעך, מיט וואַליזעס אָן מיט פּעק, אָנגעהאָנגען מיט מלבושים פֿון אַ פֿרעמדן שניט און פֿון פֿרעמדע מאָדעס. אַפֿילו דער גרויסער צושנייד-טיש, וואָס האָט כמעט פֿאַרנומען אַ העלפֿט שטוב, האָט געדינט פֿאַר נאַכטלעגערס. די מאַמע מיטן יינגערן מיידל האָבן זיך נאָכאַנאַנד, פֿאַרפֿלאַמטע, געפּאָרעט אין דער קיך בײַם קאָכן די גרויסע טעפּ געקעכץ — פּערל-גרויפּן מיט באָבעלעך, אָנגעבריִענטע און צוגערייסטע זופּן, פּונקט ווי אין דער אַלטער היים; וואָרעם די פּאַריזער לייכטע לעבנס, אויפֿן שפּרונג, מיט די בלוט-טריפֿנדיקע, נישט אויסגעווייקטע פֿליישן, מיט די פֿאַרפֿוילטע קעזן, זענען אין איר שטוב, פֿאַרשטייט זיך, אין דער ערשטער צייט נישט אַרײַנגעקומען. דאָ איז דעמלט אַלץ געווען בזול, דער פֿראַנק איז נישט געווען אַזוי ציטערדיק, ווי אין דער היים דער גראָשן. זי האָט זיך געווישט די הענט אין ברייטן פֿאַרטעך, די אַלטע, און געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן, ווען זי האָט די פֿאַרוואָגלטע יונגעלײַט און די מיידלעך אָנגעהאָדעוועט צו דער זעט בײַ איר אין שטוב. אַז גאָט האָט זיי שוין יאָ געהאָלפֿן, אַז זיי האָבן געפֿונען אַ מקום-מקלט אין דעם גרויסן און פֿרעמדן פּאַריז; פּרנסה, גאָט צו דאַנקען, איז דאָ ברייווח, כאָטש מען האָרעוועט אַ גאַנצע וואָך שווער און ביטער, — האָט זי שטאַרק געוואָלט זיי מהנה זײַן, די פֿאַרוואָגלטע פֿון דער אַלטער היים, וווּ מען לאָזט מער נישט לעבן...

ס'איז אָבער נישט געווען בלויז ס'ביסל עסן, אַפֿילו נישט דער ערשטער נאַכטלעגער, ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, וואָס האָט זיי דערהאַלטן בײַם לעבן, די פֿריש אריבערגעקומענע, די צעטראָגענע קרובים, האַלבע קרובים, אייגענע, צי אַפֿילו פֿרעמדע לאַנדסלײַט. די ערשטע טריט צו שטעלן איז דעמלט געווען ביטער און שווער אין דעם כּרך פּאַריז, ביז מ'האָט זיך קוים דערשלאָגן צו עפּעס אַ ברעג. וואָרעם געקומען זענען זיי כמעט אַלע געשוואַרצט, אויף פֿאַלשע פּאַפּירלעך און אויף פֿאַלשע וויזעס, אָן אַ גראָשן בײַ דער נשמה, פֿאַרפֿאָלגט דורך פּראָצעסן און פּאָליציי; און זייער ערשטער טראָט אין פּאַריז דער שטאָט איז

ווידער געווען טריף און פול מיט געפאַרן. אָוונט־צייט זענען אין די אַלטע אָפּגעלעגענע גאַסן, ארום „פלעצל“ און אויפן בעלוויל, ארומגעפאָרן די „רעדלדריקע“, אַריינגעקוקט יעדן פאַרדעכטיקן אין די אויגן און געפרעגט אויף „פּאַפּירן“. אַגענטן זענען ארומגעקראָכן אויף די שטאָקן, אונטערגעהאָרכט זיך און אָנגעקלאַפּט אין די טירן. דאָרט האָבן געאַרבעט אומלעגאַלע אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־רעכט. וויפל מ׳האָט זיי נישט „געשמירט“, האָבן זיי זיך כסדר אָנגעלייגט און געצויגן ווי די פּיאַווקעס. מילא, מיטן הויכן „קאָנסיערזש“ מיט די שטרוי־וואָנסן, מיטן רויטן פּנים פון אַ געפערלעכן וויינטרינקער, און מיט זיין ווייבל, מוטערל זשאַנאַ, מיט די לעקעלעך און שלאַנקע פיס, ווי ביי אַ מיידעלע, איז מען שוין ווי נישט איז דורכגעקומען. זיי האָבן נישט שטאַרק פיינט געהאַט צו נעמען אַ פּאָר פראַנק ביי יעדער געלעגנהייט — אַ בריוו, אַ קוויטל, ביים באַצאָלן דירה־געלט. זיי האָבן זיך דערפאַר געמאַכט נישט זעענדיק, ווען די יונגעלייט און די מיידלעך האָבן געשלעפּט די שווערע וואַליזעס פאַרביי זייער קוק־שייבל, מיטן געלן פאַרצויגענעם פאָרהענגל, צום הויכן שטאָק. זיי האָבן דען נישט געוווסט, די כיטרע הויזוועכטער, אַז אַט די אַלע אויסלענדער, די „פּאָלאָנע“, זענען טריף? פאַרקערט, מען האָט זיי נאָך טיילמאָל אַליין געהאָלפן אויסצוגעפינען יענע בלינדע, זייטיקע האָטעלן אין די קרומע געסלעך, וווּ מ׳האָט געקאָנט וווינען יאָרן־לאַנג נישט איינגעמאָלדן. וואָס האָט עס זיי, נאָך אַלעמען, געקאָנט אַרן?

מאַשינער, מאַשינערקעס, „העגט“, „פּאַסאָניערס“, ליווערערס האָבן פאַרפולט דעם גאַנצן טאָג די טומלדיקע שטובן. אַז עמעצער אויפן בעלוויל אָדער אין די קאַפעס האָט זיך, למשל, אַרומגעדרייט אַ נישט אויסגעגרינטער, אויף געהאַקטע צרות, האָבן אים די לאַנדסלייט באַלד געעצהט: „וואָס קלערסטו אַריין אַזוי־פיל? כאַפּ זיך אַרויף צו בערישן, וועסטו שוין נישט פאַרפאַלן גיין“. נאָך אַ שווערן, אָבער געשמאַקן סעזאָן, אַז מ׳איז טאַקע „אַראָפּ מיט אַ פּאָר פראַנק“, האָט מען דורך אַ „מאַכער“, ווי נישט איז, אַרויסבאַקומען אַ שטיקל פּאַפּיר און מען איז באַצייטנס אַוועק פאַר זיך. אין דעם יאָר פון פאָלקס־פראָנט איז אין פּאַריז בכלל אַ ביסל לייכטער געוואָרן צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס, מ׳האָט נאָר באַדאַרפט האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרק, נישט זיין קיין פאַרשלאָפענער. אָבער פריער ווי אומעטום האָבן זיי דאָ, אין דעם פּאַריזער קאָכיקן אָנגעלויף, אויך דערפילט די נישט באַשטענדיקייט; מ׳האָט געלעבט מיטן דערווייל, מיטן היינט.

א פלינקער יונגערמאַן, אַ מאַשינער, וואָס האָט געזאָלט אריבערברענגען זיין כלה פון עפּעס אַ שטעטל הינטער לאָדזש, האָט זיך דאָרט פאַר אַלעמען אין דער אַטעליע ברייט געוויצלט:

— מיין באַלטשע, הערט איר, וואַרט נאָך דאָרט אויף דער האַלבער ירושה־שטוב מיטן ביסל אַלטע גראַטעס... אַזאַ נאַרישע קאָזע...

ער איז שוין דאָ דערווייל „אַרויסגעגאַנגען“ מיט אַן אַנדער מיידל, אַ „האַנט“, און יענע דאָרט האָט אים געהאַלטן אין איין פּאַרוואַרפֿן מיט אַליאַרם־בריוו. איינמאָל האָט זיך אַפֿילו אין היגן בלאַט געהאַט באַוויזן אַ קורצער אַליאַרם־רוף דעם מיידלס: „גאָדל, וווּ ביסטו?“... וווּ גאָדל איז — האָט זי געוואָלט וויסן... גאָדל איז שוין דאָ איצט „אַרויסגעגאַנגען“ יעדן שבת אָוונט מיט דער „האַנט“ פֿון דער אַטעליע און האָט שוין מער גישט געוואָלט געדענקען — מאַלע וואָס ס'איז דאָרט אַמאָל געווען אַ באַלטשע...

פֿאַרוואָס לייקענען? אַריינגעצויגן דעם פֿרייליכן עולם אינעם הויז אַריין האָבן טאַקע די מיידלעך אויך. איבער די גרויסע, וואָלקנדיקע שטובן, וווּ די מאַשינען האָבן געטראַסקעט, איז דאָרט שטענדיק געשטאַנען אַ געלאַכערײַ; מ'האָט געזונגען. וואָלף בייקין, למשל, וואָס האָט אין דער היים נישט געוווּסט ווי אַ נאָדל איינצופֿעדעמען און איז אין פּאַריז געוואָרן אַ מאַשינער, האָט זיך צוערשט דערפֿילט ווי אַן אייגענער אינעם הויז. ער האָט שוין דאָ געאַרבעט דעם דריטן אָדער דעם פֿערטן סעזאָן, און מ'איז שטאַרק צופֿרידן געווען פֿון אים, פֿון זיינע פֿלינקע הענט. דאָס יינגערע מיידל, מירל, איז געזעסן לעבן אים און האָט אַרויסגעגעבן אויף דער האַנט די שטיקלעך, וואָס ער האָט איר צוגעוואָרפֿן. ער האָט אַלעמאָל געשמייכלט שטיל, צוריקגעהאַלטן, געטראַסקעט פֿלינק מיטן מאָטאָר, אַז די שויבן האָבן געציטערט; און פֿאַרנאַכט האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט און איז אַנטלאָפֿן אויף די זיצונגען, אויף די פֿאַרזאַמלונגען, אין די אָנגערייכערטע צימערלעך פֿון סינדיקאַט אויף רי שאַטאָ ד'אָ. מיט דער בלייבער, שטילער מירלען איז ער עטלעכע מאָל אַפֿילו געווען אין סינעמאַ, האָט זי איינמאָל מיטגענומען אויף אַ רעפּעראַט, און ראָזעט האָט שטילערהייט געברענט פֿון קנאה, כאָטש זי האָט זיך נאָכאַנאַנד געהאַלטן אָנגעצויגן, שטייף און קאַלט צום פֿלינקסטן מאַשינער אין הויז. צו איר איז ער געווען זייער העפֿלעך, סיי ביים אָפּנעמען די „פּעי“, סיי ווען זי האָט אים אַלע פּאָר טעג אַריינגערופֿן צו זיך אין אָפּגעצוימטן קאַנטאָר־ווינקל און אים אויסגעמשלט גענוי, וויאַזוי מען דאַרף „אויפֿקלאַפּן“ דעם נייעם מאָדעל. ער איז פֿאַרבליבן צו איר העפֿלעך און קיל. ער האָט אַלץ שמייכלענדיק אויסגעהערט און אויסגעדרייט זיך מיטן הויכן געשטעל און מיט די ברייטע, שטאַרקע אַקסלען צו די וואָלקנדיקע שטובן, וווּ ס'האָבן געטראַסקעט די מאַשינען.

ער, האָט זי אָבער געוווּסט, וועט צומבעסטן פֿאַרשטיין, וויאַזוי דעם מאָדעל אויסצופֿירן פּינקטלעך, אָן רעטושן; ווייל פֿון אַלץ מער שטיקלעך און ברעקלעך זענען די מאָדעלער פֿון פֿרויען־מאַנטלען און פֿרויען־זשאַקעטלעך לעצטנס צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, זייער קאָמפּליצירטע מאָדעלער.

נאָך זייער אַראָפּגיין אין אָוונט, האָט ראָזעט טיילמאָל, דאַכט זיך, סתם אַזוי, אַ וואָרף געטאָן אין שטוב אַריין:

— די מויד פאַרדרייט זיך, אויף מיין וואָרט, אומזיסט דעם קאָפּ... איך ווייס גאָרנישט, וואָס זי האָט דאָ דערזען אין אים... ווייסעד דאָרט, אַ ייִנגל... ווער איז ער דען?... אַן אויסלענדער... אָן פּאַפּירן...

מירל האָט שטיל געליטן און געשוויגן. זי איז נישט איינמאָל אַרונטערגעקומען מיט רויטע אויגן צום סקווער, ווו וואָלף האָט זי געוויינלעך אָפּגעוואַרט.

— וואָס מירעלע? — האָט ער לאַנג זיך געדאַרפט ביי איר איינבעטן, זי זאָל אים אויסזאָגן דעם צער, וואָס דריקט איר.

— כ'וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן די מינוט מער נישט אָנצוקוקן זי, — האָט זי באַהאַלטן די אויגן, — זי מאַכט מיר דאָרט אָן אַ גיהנום...

וואָלף האָט געלאַכט מילד, געפירט זי ביי אַ האַנט ווי אַ קינד און איינגענומען מיט איינפאַכע, גוטע רייד, גערופן זי „חברטע“. מיטגענומען זי אויף די פאַרזאַמלונגען, אויף די רעפעראַטן; און זי איז גליקלעך געווען, ווי קיינמאָל נישט. לעבן אים האָט זי זיך דערפילט זיכער און באַשיצט.

דורך איר, דורך אָט דעם שטילן מיידל, האָט וואָלף דאָ אויך ליב באַקומען די פאַרצייטישע געסלעך. ס'איז געווען אַזויפיל געמיטלעכקייט אין די ווייכע שטעקשיך־טריט פון די אָפּגעהאָרעוועטע לייט, אין די בלויע אַרבעטס־קאָמבינעזאָנען, ווען זיי זענען פאַרנאַכט געגאַנגען אין קוואַרטאַל־סינעמאַ; אפילו אין די באַיאָרטע הויזוועכטערינס, וועלכע זענען געזעסן פאַר די נידעריקע טויערן מיט אַן אַלטער אויסגאַבע פון וויקטאָר הוגאָס „לע מיזעראַבל“ אין דער האַנט. ער האָט ליב באַקומען די געסלעך, וואָס האָבן נאָך דאָ געטראָגן די נעמען און די סימבאָלן פון ווייטן 19־טן יאָרהונדערט. דאָ האָט זיך אַמאָל אָפּגעשפּילט אַ רוישיק לעבן; דאָ האָט דאָס פאָלק פון פּאַריז געקעמפט אויף די באַריקאַדן.

דאָ זענען זיי איינמאָל געשטאַנען, אָנגענומען ביי די הענט, ווי די קינדער, און זיך צוגעקוקט ווי ביים פאַרדריי אויף דער גאַס פון די „פיר זין“ האָט זיך אין זומערדיקן פאַרנאַכט אָפּגעשטעלט אַן אַלטמאָדישער פאַיעטאָן. דער משונהדיקער קוטשער, מיט די געדיכטע באַקנבערד, אין אַ רויטער אָפּגעשאָסענער ליווריי מיט קנעפּ, אין אַן אָנגערוקטן פאַרוק פון אַ פייערדיקן קאָליר, האָט זיך דאָרט לאַנג געפּאָרעט ביי דער הינטערשטער ראָד. ער האָט אַזש געפרייכט און געשוויצט. ביי איינער פון די הינטערשטע רעדער האָבן זיך מיט איינמאָל אַלע שפּריכעס אויסגעבראָכן, און דער עלעגאַנטער פאַיעטאָן האָט זיך אַראָפּגעזעצט ביז צו דער ערד. דאָס ווייסע, גוט געפּלעגטע פערד, אין אַ פאַרביקן געשפּאַן מיט פלימערלעך, האָט געבריקעט, איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, און דער קוטשער האָט נישט געוווסט פון וואָס פריער אָנצוהייבן; קודם האָט ער געשאָלטן, געשפּיגן, געקנאַקט אין דער לופט מיטן בייטשל, אָנגערוקט דעם פייער־

דיק־רויטן פּאַרוק אין טיפֿן שטערן אַריין און געקראַצט זיך אומבאַהאָלפֿן אין נאַקן.

די בלויע פֿאַרהענגלעך פֿון פּאַיעטאַן האָבן זיך פּלוצלינג געגעבן אַ צעעפֿן, און דער בלאָנדער געקרויזטער קאָפּ פֿון אַ יונגער דאַמע האָט זיך, עלעגאַנט און שמייכלענדיק, אַריבערגעבויגן איבערן פֿענצטערל. זי איז געווען טיף דעקאָלטירט, זי האָט אָנגעשטעלט דעם לאָרגניאָן און כּסדר באַוועגט מיטן פֿאַרביקן פֿעכער. גלייך הינטער איר האָט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ אַ ראָזער יונגערמאַן, כּמעט אַ קינד נאָך, מיט לאַנגע פּאַוואָריטן, אין אַ גרויסן פֿילם־צילינדער פֿון אַ פֿאַר־געסענער מאָדע. ער האָט עפּעס גערופֿן צום קוטשער, נאָר קיינער פֿונעם אָנ־געלאָפֿענעם אַרומשטייענדיקן עולם אויף די ענגע טראָטואַרלעך האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען...

דאָס שמאָלע געסל איז שוין פֿאַרשטאָפּט געווען; אין דעם גאַנצן אָנגעלויף איז נאָך באַלד הינטער זיי אָנגעפֿאָרן אַ צווייטאָקיקער אָמניבוס מיט פֿיר צע־היצטע פֿערד אין געשפּאַן. דער דישעל מיט די גלעקלעך איז שיר נישט אַריינ־געפֿאָרן אין קליינעם עלעגאַנטן פֿאַיעטאָן. נישט אַנדערש, ווי אַ באַנדע צעדרייטע אַקטיאָרן זענען עס געווען די, וואָס האָבן באַזעצטביידע שטאָקן. זיי זענען באַלד אַרונטערגעשפּרונגען, אַרומגעשטעלט דעם קוטשער, געלאַכט און געוויצלט זיך אויף זיין חשבון. די בלאָנד געקרויזטע דאַמע אין פֿאַיעטאָן האָט מיט כּעס אַ פֿאַרצי געטאָן דאָס פֿאָרהענגל.

עס האָט דאָ געווימלט אַ מישמאַש פֿון קאָלירן, שאַרפֿן, ראַטאַנדעס, פֿראַקן און אַלטמאָדישע היט. דריי דאַמען אין שטרויענע „גריזעט"־פּאַנאַמקעס, מיטן בלויען בענדעלע פֿאַרצויגן אונטערן האַלדז, האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון דער באַנדע, לייכט אונטערגעהויבן די בופֿאָן־קליידער פֿון גרינלעכן סאַטין, מיט אויפֿגעשטעלטע זאָנטיקעס, אַריבערגעיענדיק מיט קליינע טריטלעך די גאַס. אויף די באַלקאָנען קעגנאיבער, אונטערגעהאַלטן פֿון צוויי מוסקולירטע הערקולעסן, אינעם אַלטן הויז מיט די פֿאַרציימישע טורעמלעך מיט די פּאַרקאָפּטשעטע פּאַסאַר־באַרעליעפֿן, זענען געשטאַנען פֿאַרשמירטע אַרבעטער אין בערעטלעך, און האָבן מיט קאַנען, מיט וועלכע מען באַשפּריצט געוויינלעך אַ גאָרטן, גע־גאָסן אויף זיי דינע שטראָמלעך וואַסער. זיי האָבן געגאָסן אויפֿן פֿאַיעטאָן, אויפֿן אָמניבוס, אויף דער באַנדע אַקטיאָרן...

— מ'רעגנט! — האָט זיך דער אָנגעלאָפֿענער עולם שטאַרק געווילט.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַרויפֿגעריסן די קעפּ און פּלוצים באַ־מערקט, ווי אויבן, אויף די קליינע באַלקאָנען, אויף די קאַרניזן פֿון די אַלטע גע־בייען, שטייען סינעמאַ־אָפּעראַטאָרן און דרייען די שיינע סצענעס פֿון 19־טן יאָרהונדערט צווישן די אַלטערטימלעכע געסלעך פֿון פּאַריז.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. מירל האָט געלאַכט הילכיק. זיי האָבן זיך, ווי די קינדער, געפירט ביי די הענט. נאָר ווען ס'איז געוואָרן שפּעטלעך, און זי האָט זיך געקליבן ארויפצוגיין אין שטוב אריין, איז זי נאָך דאָרט עפּעס לאַנג שטייגעבליבן ביים נידעריקן טויערל. דאָס האַרץ אין איר האָט זיך געשראָקן, אַז דאָס אומגעריכטע גליק זייערס וועט לאַנג נישט געדויערן.

נאָר די מאַמע, נאָר זי אַליין, האָט זי געוווסט, שטעלט זיך איין פאַר איר אין הויז. איר אין די אויגן האָט זי מאַקע נישט גערעדט. נאָר ווען זי איז פאַרנאַכט אַרונטער, האָט איר די מוטער נישט איינמאָל פאַרמאַכט דאָס מויל, ראָזעטן:

— כ'וויים נישט, אויף מיין וואָרט, וואָס דו ווילסט פונעם מיידל האָבן... זאָלן זיי אַרויסגיין, וואָסי?... ער איז אַ גאַנץ וווויל יינגל... שוין אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי ער געפעלט מיר אויך...

8

ס'איז מאַקע נישט געווען צו פאַרשטיין, פאַרוואָס, למשל, דאָס יינגל אַנרי איז אין דעם הויז אויסגעוואַקסן גאָר אַן אַנדערער ווי די ראָזעט. מילא — ס'גאַנצע געשעפט האָט דאָך אַליין געפירט דערצו. אַנדערש, דאַכט זיך, האָט עס גאָרנישט געקאָנט זיין. אַז מען שטעלט אַריין איין מאַשין, נאָך אַ מאַשין, מען זעצט אַוועק אַ שטוב מיט מאַשינערס, „הענט“, און די באַשטעלונגען יאָגן, איילן, קאָן מען שוין מער נישט טראַכטן וועגן צוריקגיין צום אָרעמען ביסל „פאַסאָן“, אָדער גאָר נעמען און גיין אַוועקזעצן זיך ביי יענעם אין דער אַטעליע אויף אַן אומזיכער שטיקל ברויט; ווייל איידער וואָס ווען, טוט דער פּאַריזער סעזאָן אַ לויף אדורך און ס'רוקט זיך אָן אַ לאַנגער ביטערער „מאָרט-סעזאָן. דערויף האָט מען מאַקע נאָר באַדאַרפט צו זיין אַ בעריש „לאַציאַזש“, וואָס האָט קיינמאָל גאָרנישט געזוכט איינצורייסן אַ וועלט; ער איז זיך אַ גאַנץ לעבן געגאַנגען דעם פּאַוואָליעדיקן שריט פון אַ באַלמעלאָכע, וואָס ווייסט, ווי זיס דער פאַרהאָרעוועטער גראָשן איז; דערפאַר אויך האָט דער אלטער געהאַלטן אין איין אונטערקרעכצן אויף פּאַריז. נו, דאָס איבעריקע האָט שוין דאָס טעכטערל געפירט, די ראָזעט. ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ ראָזעט...

אָבער אויך אַנרי האָט גלייך פון אָנהייב אָן פון די אלע זאכן אין שטוב נישט געוואָלט הערן און געדענקען. ער האָט גיך איינגעזען, אַז צו זיבעצן-אַכצן יאָר באַדאַרף מען גאָרנישט צו טראָגן אזא עול אויף די אקסלען. די וועלט איז שיין און גרוים און ליכטיק; ס'איז נאָך פאַראַן אַזויפיל צו פאַרבעסערן און אויסצוקעמפן; ווי האָט זיך עס דאָרט געזונגען אינעם רעפריין פון פּאָפּולערן לידל,

וואָס האָט דאָ געהילכט איבער אלע הייף — „נישט אלעמאָל האָט מען צוואָנציק יאָר"... די גאס האָט אָוונט־צייט גערופן. ער איז אויך שטארק פארקאָכט געווען מיט דער חברה פון יוגנט־קלוב. ס'איז געווען א קלוב פאר יוגנטלעכע, טאקע דאָ, אין פלאָנטער פון די זעלבע געסלעך, וווּ ער האָט געטאָן א וואוקס אונטער, פון אזעלכע יוגנטלעכע, וואָס זענען מיט אים אין איין עלטער, וואָס זענען דאָ אויפגעוואקסן אין מאַמעס וויינען קינדער. זיי האָבן קוים באוויזן צו פארענדיקן דעם מוניציפּאלן „עקאָל" און באלד געמוזט נעמען זיך צו אן ארבעט.

א שטארקן איינפלוס האָט אויך געהאט אויף זיי דער חבר שלמהלע, מיטן בערעט אין א זייט פון געקרויזטן קאָפּ. אויף די קעסטל־אָוונטן, אויף די שטורמישע פארזאמלונגען אין קלוב האָט זיך אנרי נישט דרייסט געמאָלדן צום וואָרט. ער איז מיטגעווען אויף די גרויסע מיטינגען אין וועלאָדראָם ד'היווער, ביי די וואלן איז ער גאנצע נעכט ארומגעלאָפן מיט דער חברה און באקלעפּט דעם גאנצן קווארטאל מיט אפישן און בלעטלעך. אָבער זיין שעמעוודיקייט און שוואכקייט, האָט שלמהלע איינגיכן איינגעפונען, איז — בערט, דאָס בלאָנדע, געזונטע מיידל מיט די לאכנדיקע גריבעלעך און ציינער. אין יענעם לעצטן זומער, איידער אנרי איז פלוצים אוועק קיין שפאניע, האָבן זיי דאָרט כמעט אלע פון יוגנט־קלוב, האלב־נאקעטע און פארבראָנזעטע, עטלעכע וואָכן אומגעוואנדערט אין די ביידלער איבערן לאנד, אָפּגעשטעלט זיך אין די „אָבערזשן", די יוגנט־אכסניהס פאר דער ספּאָרטיווער יוגנט. זיי האָבן מיט אן אויפגעהויבענער האנט אָפּגעשטעלט די אויטאָס אויף די וועגן און מיטגעכאפּט זיך א שטיקל וועג. ס'זענען געווען אומפארגעסלעכע טעג פון זון און פרייד און גליק; און בערט איז אויך געווען. דערמיט האָט זיך די היים דאָרט, מיט די היימישע קאָפּפארדרייענישן און קריגערייען, נאָכמער ווייט אָפּגערוקט פאר אים. ער האָט זיך דאָרט איצט סיווי ארומגעדרייט ווי א פרעמדער צווישן אלעמען. ראָזעט, אירע געשעפטן, אירע געצענק, איר פארביסנקייט בעת די שטרייקן — ס'האָט אים ארויסגעטריבן. ער האָט גאָרנישט מער באַדויערט. ס'איז נישט געווען זיין וועלט.

ניין, אויך ער האָט נישט געלעבט גוט מיטן עלטסטן שוועסטערל, מיט ראָזעטן, וואָס האָט אלץ גיריק געוואָלט פארכאפּן נאָר פאר זיך, אין אירע הענט אריין. טאקע אין יענעם אומפארגעסלעכן זומער 1936, דעם זומער פון פאָלקספראָנט, ווען אלץ האָט דאָ געפלאַמט מיט די שטרייקן, מיט די געצאָלטע וואַקאַנסן און מיט דער 40־שעהדיקער ארבעטס־וואָך, איז אנרי אויף גאנצענע טעג אוועק פונעם הויז, איז מיטגעגאנגען אויף די מיטינגען, דעמאָנסטראציעס, שטרייקפיקעטן, איז אפילו איינמאָל אהיימגעקומען א צעבלוטיקטער און געווען אויפגעקאָכט, אש־להבה אויף דעם, וואָס אין שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן.

ס'איז דאָרט פּלוצים, פּונקט ווי אין אַלע באַזעצטע פאַבריקן און אַטעליעס, געווען אַ שוואַרצער אָנגעלויף פון בעלוויילער יידן און ווייבלעך, וואָס האָבן ביי זיי אַרויסגענומען דאָס ביסל „פּאַסאָן". אויך די אַרבעטער, די מאַשינער, די „הענט" האָבן באַלאַגערט די אַטעליע, די שטובן, קאָנטראָלירט די באַלן סחורה, די רעכענונגען; און ראָזעט, נישט אויפהייבנדיק מער די אויגן אויף קיינעם, האָט דאָרט געקאָמאַנדעוועט אין דער אָפּגעשלאָסענער ביוראָ. דעם בעסטן מאַשינער פון הויז — וואָלף כייקין — אים האָט זי עס מער נישט געקאָנט מוחל זיין. ער איז געווען דעלעגאַט פונעם הויז, פאַראַנטוואָרטלעכער פון סינדיקאַט, און האָט אַלץ נישט אויפגעהערט אַזוי אומשולדיק צו שמייכלען מיט זיין מילדן שמייכל. די ייִנגערע, מירל, איז אויך עטלעכע טעג אינגאַנצן אַנטלאָפן פון שטוב, האָט גאָר מורא געהאַט צו ווייזן זיך פאַר איר. זי האָט וואָלפן פאַרנאַכט מיט האַרצקלאַפּעניש אָפּגעוואַרט פאַרן סקווערל. דער בחור האָט זיך קענטיק קיין סך נישט איבערגענומען פון דעם אַלעמען, געהאַלטן אין איין שמייכלען מיט זיינע דין געשניטענע ליפּן.

— זאָרג נישט, מירעלע, — האָט ער ווייך געגלעט אירע זיידענע, בלאָנדלעכע לאָקן, — מירן זיגן... — ס'טאָנקוקן דאָס גרייטע...

ביים אַלטן, ביי בערישן, וואָס איז אין די יונגע יאָרן אויך אַמאָל געווען אַ געזעל ביי יענעם און האָט נאָך געדענקט די אַמאָליקע שטרייקן, די מהומות, האָט ממש געפלאַמט דאָס בייניקע, בלויע אויסגעגאָלטע פּנים פאַר חרפּה.

— רייזעלע... — איז ער געקומען צו לויפן צו דער טאָכטער, — וואָס טוט זיך דאָ ביי מיר אין מיין שטוב?... אַזעלכע זאַכן?...

— דו האָסט זיך נישט וואָס צו מישן, טאַטע!... — האָט זי אים קאַלט אָפּגעגאָסן, ס'טעכטערל. — פאַרשטייסט שוין לאַנג נישט, וואָס אין הויז קומט פאָר... אויסער דעם...

די אַלטע, מיט די אויסגעוויינטע אויגן, האָט זיך געקניפּן די באַקן, איז געלאָפן פון דער טאָכטער צום מאַן, האָט אַלעמען געוואָלט איינגעמען; די שטוב איז געווען איבערגעקערט — אַ גיהנום. קיינער איז מער נישט געקומען צום טיש.

— ווען האָב איך אויפגעהאָדעוועט אין מיין הויז? — האָט ער זיך געפרעגט, דער אַלטער. — נאָכוואָס האָב איך עס אַלץ באַדאַרפט? צי איז מיר דען נישט ווילער געווען, ווען כ'האָב געאַרבעט ביי יענעם די וואָך, אַהיימגעבראַכט די פאָר פראַנק, און אַלץ איז געווען במנוחה, שטיל, אַלע זענען געווען צופרידן...

דער אַלטער האָט זיך אין יענע פאָר וואָכן מער נישט געקאָנט ווייזן פאַר די גוטע־ברידער אין דער קאַפע, נישט פאַר די אָרעמע לאַנדסלייט אין דער סאָסיעטע.

נאָך די געוואונענע שטרייקן, נאָך די אַלע גראַטשקעס האָבן אַלע אין הויז מיטאַמאָל דערפילט, אַז ס'וועט מער אַזוי לאַנג נישט אָנהאַלטן, אַז אין דעם

הויז וועט עפּעס געשען. זי איז איצט אַרומגעגאַנגען, רויט, גרוי ווי ערד, און האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זי האָט מער נישט פאַרטראָגן דעם געדודער, איז מער נישט געקומען צום טיש אָוונט־צייט, ווען ס׳איז דאָ ווידער, ווי געוויינלעך, געשטאַנען אַ געדיכטע רעדעריי און אַ געלאַכעריי.

און גראָד דעמלט האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט אַ נייער גאַסט אין הויז אַריין. צום אָנהייב ווינטער־סעזאָן פון זעלבן יאָר איז איינמאָל אַראָפּגעקומען גלייך אויף בעריש שניידערס אַדרעס אַ לאַנגער, אויסגעצערטער בחור, עפּעס אַ ווייטער קרוב, צי אַ שוועסטערן־זון, פון אַ שטעטל הינטער וואַרשע. אין דעם אייביק טומלדיקן הויז ביי זיי האָט ער זיך אומגעריכט אויפגעהאַלטן אַ שיינע פּאָר וואָכן. ווער האָט זיך דען אומגעקוקט, וויפל מענטשן עס האָבן זיך געזעצט צום טיש? דאָס אַלטוואַרג האָט ווידער, ווי פריער, געוואָלט דערהאַלטן כאָטש דעם שלום־בית. פון דער אַלטערס טעפּ איז נאָך אַלעמאָל געווען אַן איבעריקער טעלער שיטערס פאַר אַן אומגעריכטן גאַסט. ס׳איז דאָרט אויף אַ שטיקל צייט צוריק געווען היימלעך, פריילעך, ווי קיינמאָל נישט. בעריש אַליין איז געזעסן צוזאַמען מיט דער חברה ביים פולבאַזעצטן טיש, צווישן די פרישאָנגעפאָרענע, אָוונט־צייט, נאָך דער אַרבעט, און געווען, ווי געוויינלעך, שטאַרק צעקאָכט:

— וואָס ווייסט עץ, קינדער,... וואָס ווייסט עץ?... — האָט ער נאָך יעדער מעשה־נורא פון דער היים צוגעבאַסעוועט און מיט ציטערדיקע, פאַרהילצערטע פינגער, ברוינע פון רויך, געוויקלט דינע פּאַפּיראָסלעך אין ביבולע, — ווען עץ זענט נאָך געווען אָט אַזעלכע „שטשעניאַקעס“, האָבן מיר שוין געטראָגן די פּאָן פאַרן מוראַנאָווער „צאַרקל“, אַז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט געציטערט און באַלד געהייסן אַרויסשיקן אַ „סאָטניע“ קאָזאַקן... שפּילט זיך עפּעס מיט יענע וואַרשעווער ייִנגלעך פון אַמאָל...

— נעם כאָטש אַ פּאָר ווייַנטרויבן, אַווערמעלע... — האָט אים די אַלטע אונטערגעטראָגן, דעם פרישגעקומענעם יונגערמאַן, — זאָל דיר ווויל באַקומען... האָסט זיך, נעבעך, געגוג אָנגעמאַרדעוועט און אָנגעליטן ביי די מערדערס, ביי די „ראָזבאָיניקעס“...

דער בלייבער, אויסגעצערטער יונגערמאַן, מיטן אומלויפנדיקן קנאָפּ אין האַלדז. האָט אין ד׳ ערשטע פּאָר טעג גאָר מורא געהאַט אַרויסצורירן זיך פון שטוב אַרויס. זיין שויבערדיקער קאָפּ האָט אָוונט־צייט פאַרפולט די גאַנצע שטוב, די ווענט, דעם סופית. זיינע פלוטעוואַטע, צעשראָקענע אויגן האָבן געגליט מיט אַ נישטדאָיקע פייערל. אַפילו אַגרי, וואָס איז געוויינלעך יעדן אָוונט אַנטלאָפן אין גאַס אַריין, איז איינמאָל איבערגעבליבן ביים טיש צוזאַמען מיט אַלעמען. דער פרישער, דער אָנגעפאָרענער האָט זיך נאָכאַנאַנד געשראָקן פאַרן דרויסן, פאַרן העלן טאָגליכט. ס׳האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז אויף יעדן ראָג וואַרט מען אויף אים, אַז מע וועט אים באַלד אַ כאַפּ טאָן פאַרן קאָלנער און

אוועקפירן א געקאָוועטן אין קייטעלער. א ביסל האָט ער דערווייל צוגעהאָלפן אין שטוב, אַ ביסל האָט ער אַרומגעפּלאָפּלט מיט ראָזעטן, וועלכע האָט זיך געפּרוווט איבערצובעטן מיט אַלעמען, אָפּגעטראָטן אַפילו איר אייגן בעט פאַר אַ קראַנקן לאַנדסמאַן און איז צוזאַמען מיט אַלעמען געשלאָפן אויף אַן אויפלייג־בעטל אין דער גרויסער וואַרשטאַט־שטוב.

אַריינגעפאַלן איז ער, דער יונגערמאַן, קיין פּאַריז צוזאַמען מיט יענעם שטראָם אומלעגאַלע עמיגראַנטן, וואָס האָבן אין די אויסגעלאָשענע נעכט געשוואַרצט גרענעצן, דערשלאָגן זיך ביז קיין פּאַריז, וווּ די קאָמיטעטן האָבן שטילערהייט געשיקט פּאַרטיעס קיין שפּאַניע. ער אַליין איז אָבער אַוועק פון דער היים צוליב עפּעס אַ היימישער קריגעריי, און ווייל ער האָט געהערט, אַז אין פּאַריז קאָן מען מאַכן א לעבן, א סך זענען געלאָפן, איז ער אויך געלאָפן.

דאָס האָט אים דער רייכער קוזין, וועלכן ער האָט דאָ איינגיכן אויפגעזוכט, סוף־כל־סוף אַרויסגעפירט פאַר אַ שטיקל לייט... אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָט ער אָבער פונדעסטוועגן געקלעפּט דאָ צו דעם הויז. ס'איז אים שוין מער נישט געווען צו דערקענען. נאָך אין יענעם זעלבן זומער האָט אים דער קוזין באַלד איינגעשאַפט פּאַפּירן, איינגעאָרדנט אים מיט אַ שטיקל שטריקער־מאַשינדל אין האָטעל אויפן בעלוויל, אָנגעלייגט אים אַ פולע שטוב מיט וואָל און אים באַפוילן נאָר צו אַרבעטן און צו ליווערן.

שוין אין ערשטן זומער האָט ער באַלד פאַרשטאַנען אַריינצונעמען אַ מיידל, אַ שפּולערין, און אַרבעטסלאָזן יונגעמאַן, וואָס זאָל אים פאַרטרעטן, ווען ער גייט אַוועק אויף האַלבע טעג, ווען ער כאַפּט זיך אַראָפּ אין דער קאַפע אויפן ראָג בולוואַר צו פירן די הייסע דיסקוסיעס. ניין, ס'איז אים מער נישט געווען צו דערקענען, ווען ער האָט אומגעריכט פאַרבלאָנדזשעט אין הויז אַריין צו בעריש; און פאַרבלאָנדזשעט האָט ער לעצטנס דווקא זייער אָפט. ס'איז געווען מיט אַ קורץ שטיקל צייט צופריער, איידער ראָזעט האָט געכאַפּט, שנעל און אומגעריכט פאַר אַלעמען, און חתונה געהאַט. ער האָט דען נישט דערפילט אין איר אומרו, אַז עפּעס דאַרף געשען? ער האָט אַלעמאָל נאָר געוואַרט, אַז דאָס פלינקע מיידל זאָל זיך דאָרט אָפּפּאַרטיקן, צו קאָנען פאַרפירן מיט איר אַ שמועס מכוח דעם און יענעם, אַ רעד טאָן ערנסט וועגן „טיפערן זין פון פאַמיליע־לעבן“. ער האָט זיך אָבער קיינמאָל אויף ראָזעטן נישט געקאָנט דערוואַרטן. ווי פאַרפאָרעט זי איז נישט געווען, איז זי גאָר פלוצים ערגעץ אויסגערונען. ער איז נאָך דאָרט לאַנג געזעסן ביים טיש, אָנדערציילט זיך די מוראדיקע מעשיות פון דער היים, פון די תפיסות, וווּ ער איז קיינמאָל נישט געזעסן, פון די געשלעגן. ער האָט שוין דערווייל, אַזוי אומגערן, גערעדט וועגן איין מאַשין, וועגן נאָך אַ מאַשין, וועגן דעם, אַז דער פאַריזער קוזין פון רי ד'אַבוקיר וויל אים פשוט אָפּגילטן, און אַז ער וויל נאָך אַלץ נישט — ער וויל זיך נישט לאָזן פאַרפלאָנטערן אין זייערע

שווינדלערישע „קאַפּיטאַליסטישע גענג“... אַריבערציען זיך אין אַ געראַמער אַטעליע, אַריינגעמען מענטשן צו דער אַרבעט... ס'איז נישט פֿאַר אים...

— קוזינקע... — איז ער אַלעמאָל צוגעשטאַנען מיט זיין פּלוטעוואַטע לאַכן צו ראָזעטן, — פֿאַרוואָס זאָל די קוזינקע נאָר שטענדיק זיין פֿאַרפּאַרעט אין דער היים? טאַקע אַרויסגיין אַמאָל, כ'ווייס... אין אַ קאַבאַרעט... אין אַ סינעמאַ... פּאַריז איז אַ שטעטל — ווער מיר גוטס גינט... — האָט ער לייכט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז שוין נישט אַזאַ גרינער, ווי מען מיינט.

ער האָט זיך לאַנג באַדאַרפֿט איינצובעטן ביי איר, צו שטיין, זי זאָל אַמאָל אַרויסגיין מיט אים אין אַ סינעמאַ. די אַלטע לייט זענען דווקא צופֿרידן געווען, וואָס דאָס מיידל גייט אַמאָל אַוועק פֿון דער היים — זאָלן קודם איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויפֿהערן די צאַנקערייען אין הויז; און צווייטנס — ער איז אין זייערע אויגן געווען טאַקע אַ גאַנץ וויל ייִנגל, נישט קיין פֿאַרשלאָפֿענער, אַן אויסטויגער. זאָל זי נאָר נישט האָבן אַזעלכע גרויסע אויגן אויף מירלען. וואָס, זיי האָבן דען נישט געזען? זיי האָבן אפֿילו נישט אָנגעהויבן צו ווייסן, אַז ביי איר, ביי ראָזעטן, איז שוין דערווייל אַלץ געווען באַשטימט און באַשלאָסן. דאָס מיידל איז געזעסן מיטן פּלוטעוואַטן יונגערמאַן אין קליינעם, פֿינצטערן קוואַרטאַל־סינעמאַ און האָט זיך געלאַנגווייליקט. זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד אים אַלץ אויסצוטייטשן, ווייל ער האָט קוים פֿאַרשטאַנען די אונטערשריפֿטן אויפֿן עקראַן. זי איז געזעסן אָפּגערוקט פֿון אים, פֿאַרמדלעך, ס'האָט זי אונטערגעהויבן. זי האָט זיך פּלוצים אויפֿגעריסן און געלאָזן זיך צום אַרויסגאַנג, נאָך פֿאַרן ענדיקן דעם סעאַנס. אָבער אין הויז דערפֿאַר, ביי די היימישע גערעדערייען אַרום טיש, האָט זי אים געפּרוווט אונטערצוהאַלטן, געווינען אים אויף איר זייט.

— מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט מער קעמפּער, ווי זיי אַלע דאָ... — האָט זי אים אונטערגעוואָרעמט מיט אַ צווייידייטיק לאַכעלע, — מען זעט אויף אייך, אַז איר האָט געליטן... איר זענט נישט דער זעלבער ווי די־אָ...

— זיי געפֿעלן מיר טאַקע נישט מער, — האָט ער ראָזעטן אומבאַהינגט געוואָלט מיט עפּעס שמייכלען, — די פּראָצעסן דאָרט... און בכלל... כ'האָב עס שוין נישט איינמאָל געזאָגט זיי אָפֿן אין די אויגן אַריין...

— פֿון אייך האַלט איך... — האָט זי נאָך צוגעגעבן, — איר וועט ווייט אַוועקגיין... כ'זע שוין...

דערמיט האָט זי דער עיקר געוואָלט אַ שטאָך טאָן יענעם צד, ס'הייסט, דעם מאַשינער וואָלף כייקין און דער ייִנגערער שוועסטער; אָבער אַליין האָט זי זיך, ווי אַ קאַץ, פֿלינק אַוועקגעדרייט פֿון אים, איז אומגעריכט פֿאַרשוווּנדן פֿון הויז אויף גאַנצענע אָוונטן. דער יונגערמאַן איז אַרומגעגאַנגען אינגאַנצן צעדרייט.

דער רייכער, אַרויפגעאַרבעטער קוזין פון די ד׳אַבוקיר, צו וועלכן ער איז געלאָפן אַלעמאָל, ווען ס׳איז אים ענג געוואָרן, אַ פשוטער חי־וקים, אָבער אַ פּראַקטישער מענטש, מיט גרויסע געשעפטן און וויכטיקע איינפלוסן, האָט אים דאָרט איינמאָל אַזוי זייטיק אַ באַקוק געטאָן, דעם צעטראָגענעם יונגעמאַן, און אים דערמלט, אפשר גאָרנישט נאַריש, געעצהט:

— אַן אַטעליע... מענטשן... געשעפטן... דאָס אַלץ איז גוט, אַוודעמעלע, ווען מ׳האָט נאָך דערצו אַ שטיקל היים... כ׳מיין אַ ווייב... זי געפעלט דיר, די יונגע קאָזע? וואָס זשע קלערסטו אַזויפיל אַריין? נעם און קלאַפ צו... אַנדערש, דאַכט זיך מיר, ועסטו פאַרהולטייעווען ביי די שיקסעס די פּאָר פראַנק און בלייבן אַ „לאַטעק“.

— ועסט בלייבן, — האָט ער זיך נאָך צולעצט זייער ברייט פאנאנדערגעלאכט, — ביי דיינע „אידעען“...

צי האָט ער אים דען געקענט דערציילן דאָס אַלץ, וואָס אים קוועטשט? זִבער אָנגעקוקט האָט ער אים נאָך דערמלט, דעם ארויפגעארבעטן קוזין, א בּיסעלע מאָדנע, פארריסן, מיטן נישט אויסגעלאָשענעם פייערל פון די עקשנותדיקע יידישע יונגעלייט פון די פוילישע שטעטלעך.

— צו מיר, עוזר, — האָט ער נאָך אומזיכער געפרוווט זיין שטימע, — זאָלסטו אזוי נישט רעדן, הערסט? כ׳האָב באצאָלט מיט מיין פרייהייט פאר מיינע אידעען... מיר קעמפן...

— אידעען... קעמפן... — האָט זיך יענער געהאלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, — מיר האָבן אויך אמאָל געהאט אידעען... פאר׳ז איז אָבער נישט געמאכט געוואָרן פאר די אלע זאכן, וואָס אין דער היים. און קודם, — האָט זיך יענער ערשט דערנאָך, א טויט באליידיקטער, געכאפט, — היים איך דאָ נישט עוזר, נאָר אדאָלף. מיין נישט, ס׳איז דערמלט, ווען כ׳בין געקומען אָפּעסן ביי דיין מאמען א שמערע גריץ... דאָ הייסן מיר „אדאָלף עט קאָמפּ“. — פארשטייסט?...

דאָס אלץ, וואָס דער קוזין האָט אים דאָרט איינמאָל א זאָג געטאָן, איז אים אָבער געקראָכן אין קאָפּ אריין, אווודעמלען. ווי דען? ער האָט עס אליין אויך געוווסט, נאָר ער האָט זיך גאָרנישט געקענט העלפן. אינעם הויז דאָרט ביי בעריש „לאציאזש“ איז שוין באלד מער נישט געווען צו וועמען צו רעדן. ס׳איז דאָרט מיטאמאָל געווען א גאנצע איבערקערעניש. ראָזעט איז ארומגעגאנגען שווארץ ווי די ערד. ס׳איז דאָרט מיט איינמאָל געוואָרן פוסט און ליידיק אין הויז.

צוערשט האָט זיך דער פלינקסטער מאשינער, וואָלף כייקין, אויפגעהויבן, געלאָזן שטיין די ארבעט אין סאמע ברען פון סעזאָן און איז אוועק. מ׳האָט אין אָנהייב נאָך נישט געוווסט וווהין. נאָך אים איז שוין מירל אויך לאנג אין הויז נישט פארבליבן. זי איז אוועק, האָט מען געזאָגט, ווינען אין א האָטעל, האָט ערגעץ געארבעט און זיך מער נישט געוויזן אין הויז אריין. ס׳איז אויך אוועק

פונעם הויז דער אנדערער מאשינער, דער אונטערפּרעסער, און אפילו דאָס ייגגל, וואָס האָט געליווערט די שווערע פּעק.

אין די קאפּעס אויפן בעלוויל איז אין יענע טעג געווען א באזונדערע אויפגעלעבטקייט. דער יידישער ארבעטער־קלוב, פארשטעקט ערגעץ אין די קרומע געסלעך אויבן, האָט זיך האַלב אויסגעליידיקט, ווייל כמעט אַלע זענען אַוועק אויף די שפּאנישע פראָנטן.

דעמלט האָט אויך איינמאָל דאָס ייגגל אנרי צום לעצטן מאָל א קלאפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק פון שטוב. סייווי האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט לעצטנס, ווי אַ פרעמדער. עפּעס אַ ווילדע שנאה האָט אַרויסגעקוקט פונעם ייגגלס אויגן. ער האָט געפּלעגט אָפּצוארבעטן זיינע פּאָר שעה, אויסגעסטראָיעט זיך און איז מיטן שווארצן, אויסגעגלאַנצטן שויכער אַנטלאָפן אין גאַס אריין. די גאַס איז געוואָרן זיין היים, זי האָט אים נאָכגעגאַנד גערופן, די אויפגערודערטע גאַס, ביז ער איז אינגאנצן פארשוואונדן. אַזוי ווי אין וואַסער אַריין.

נישט אזוי די אלטע טאטע־מאמע, וואָס האָבן פארשטייט זיך, געוויינט און געקלאָגט, נאָר ראָזעט אליין איז געווען פּשוט אויסער זיך פון דעם אלעמען, וואָס האָט זיך געטאָן א מאל. מילא, דאָס ברודערל, די מענטשן, וואָלף, אָבער די שוועסטער מירל אויך? טאַקע, וואָס וועלן מענטשן זאָגן? סייווי רעדט מען שוין גענוג וועגן איר, זיי זענען ביי אַלעמען אויף די ציין, אויף אַזוי ווייט האָט זי זיך נישט געריכט. ס'איז נאָך קיינמאָל אַזאַ זאַך נישט געשען — אין סאַמע ברען פון סעזאָן אזא ליידיקייט אין הויז; ס'איז מער נישט געווען אפילו צו וועמען אויסצורעדן א וואָרט, צו וועמען אויסצולאָזן דעם כעס...

זי האָט איר גאָרנישט באדארפט צו טרייבן, דער מאמען; די אלטע איז אליין באלד געלאָפן אויפזוכן מירלען ערגעץ אין דעם פינצטערן האָטעל אויפן בעלוויל. זי האָט דען מיטן פארשארפטן חוש אירן נישט פארשטאנען, וואָס אַזויינס ס'איז מיט דער מויד? מירל האָט דער מאַמען געקושט און איר געזאָגט, אז זי וועט מער נישט צוריקגיין אהין אין הויז אריין, אז זי האָט איר גליק געפונען.

— וו איז ער ערגעץ, וואָלף? כ'וויל מיט אים רעדן, — האָט זיך די אלטע אומרואיק ארומגעקוקט איבערן אָרעמען, ריינלעך־צוגעקליבענעם האָטעל־צימערל מיט עפּעס א חשד.

ס'איז געווען אין דעם זעלבן אָוונט, ווען ער האָט טאקע געזאָלט אָפּפאָרן, וואָלף, ווייל אויפן היימיש־צוגעגלעטן בעט, האָט זי באַמערקט, זענען געווען אָנגעוואָרפן זיינע זאכן, א רוקזאק, א פּאָר העמדער. ביי איר גאנצער אויסערלעכער רואיקייט, האָט זי באלד באמערקט, די מאמע, ווי זי איז עפּעס צערודערט, מירל. כאָטש זי האָט דאָ היימיש געמאכט די פרעמדע ווענט פון האָטעל־צימערל, האָט

עם ארומגעהאָנגען מיט סערוועטקעס, מיט פאַרהענגלעך, איבערגעצויגן ריין דאָס בעט. א וועקזייגער האָט היימיש געקלאַפּט אויפן אלטן קאָמאָד.

— ווו איז ער, וואָלף?... — איז זי צוגעשטאַנען, די מאמע. — כ'וויל ביי אים פרעגן, צי ס'איז א יושר אזוי אָ... אוועקפאָרן ערגעץ אין אלדי שווארץ יאָר און איבערלאָזן אַ יונג קינד אַ לעבעדיקע עגונה... אין אַזאַ מעמד... אין וויפלטן חודש, מויד, ביסטו שוין, זאָג מיר?... — האָט זי זיך באַלד רעשיק צוגעזעצט אויפן בעט לעבן דער טאָכטער און איר גענומען ארומקוקן מיט א מאמעשן בליק פון א געניטן מבין אין די זאכן...

מירל האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט רויטקייט, איז צוגעפאַלן צו דער מוטער, האָט זי היים געקושט, אָבער אין אירע לייזן, רואיקע, באטראַכטע און אנטשלאָ־סענע, איז נישט געווען אפילו קיין סימן פון צעבראָכנקייט, פון שרעק, נאָר פאַר־קערט — גליק, ממש גליק.

— כ'האָב אים ליב, מאמע, — האָט זי דער מוטער געקוקט גלייך אין די אויגן אריין, — נאָר וואָלף פאַרשטייט מיך... ווען דו ווייסט, מאמע...

— כ'זאָל אזוי געזונט זיין, ווי כ'הער שוין אינגאנצן אויף צו פאַרשטיין... היינטיקע יונגוואַרג... פאַרוואָס, זאָג מיר, האָסטו דער מאמען אזא זאך נישט דערציילט?... ביסט אנטלאָפן פון דער היים באַרוועס און נאקעט... כ'וויים, א שטיקל קליידל אויפן לייב, א פאָר פראַנק צו דערהאלטן די נשמה...

— כ'דאַרף גאָרנישט, — האָט דאָס מיידל זיך געהאלטן ביי אירס, — כ'בין גליקלעך, מאמע... כ'וויל האָבן א קינד... זיינס א קינד...

— נו, ס'האָט דיר שוין געמעגט טרעפן א בעסער גליק, טאָכטער... — האָט זי האָט טיף אָפּגעזיפצט, די אַלטע, זיך אויפגעהויבן, אומגעקוקט זיך גאָכאַמאָל פון דער טיר מיט א באַדויער אין בליק און האָט קוים געטראָפן אראָפּצוגיין פון דער פאַרדרייטער, פינצטערער האָטעל־שטיג.

אז זי איז נישט טויט נישט לעבעדיק אהיימגעלאָפן און האָט עס אַלץ אויס־דערציילט אין הויז, האָט ראָזע ארויסגעלאכט מיט א גרויס געלעכטער:

— גיי זאָג איר כאָטש, זי זאָל אהיימקומען, דער שטיק „פּופּלאָקס"... וועט וועט זיך דאַרט פאַרנעמען מיט איר? אפילו די טייערע חברים אירע וועלן זיך אויסלאכן... כ'האָב איר אָבער פריער געוואָרנט, דער נארישער מויד... א ליבע האָט זיך איר פאַרגלוסט... מיט אזא... אזא... — און זי האָט עפּעס נישט געקע־נען מער קיין ווערטער אים צו זידלען, וואָלפן.

זי האָט געלאכט א גרוים געלעכטער, ראָזעט, אז אי דער מאמען, אי בע־רישן אַליין איז עפּעס געוואָרן אומהיימלעך, און זיי האָבן דער אייגענער טאָכטער אָנגעקוקט א רגע ווי א ווילד־פרעמדע.

אָבער מירל איז נישט געווען אומגליקלעך. זי האָט זיך גאָרנישט געפילט פאַרלוירן און אליין. זי איז נישט איינע מער, האָט זי געוווסט. זי איז צווישן איי־

גענג. גאַנצענע אָוונטן איז זי געזעסן און איבערגעדרייט פון וואָלפס אַלטע צעאָדערטע העמדער בלוזקעלער, לייבעלער און קליידעלער פאַרן פּיצלס, וואָס זי האָט שוין געפילט וואַרפן זיך אין איר לייב. איין זאַך נאָר האָט איר ווי געטאָן, און זי האָט עס אפילו פאַר וואָלפן נישט אַרויסגערעדט, — זי האָט עפּעס געהאַט אַ ווייט פאַרגעפיל, אַז ער וועט שוין דאָס קינד זייערס נישט זען. זי האָט אים אָבער געגלויבט, זי האָט אים אַלץ געגלויבט — אַזוי איינגעבאַקן אין האַרץ איז איר געווען זיין פּשוטער, אָפענער שמייכל.

ס'איז געווען אַ קורץ, אָבער אַ גרויס גליק. אין פאַריזער נעפלדיקן אָוונט, ווען די פייערן ביי די מעטראָ-איינגענג ווערן פאַרלאָפן און צעשוואומען, האָט זי וואָלפן צום לעצטן מאָל אַרויסבאַגלייט. זי האָט געגלויבט אַלע זיינע שטילע, אַנטשלאָסענע רייד; דערפאַר איז זי געווען אַזוי אומעטיק-פאַרשלאָסן און שטאָלץ.

אינצווישן האָט דערוויל ראָזעט גענומען און חתונה געהאַט. אין איינע צוויידריי וואָכן איז עס אַלץ אָפּגעטאָן געוואָרן. ס'איז געווען אַ גליק-שידוך — אַזוי האָבן אַלע אין דער משפחה געזאָגט; נישט נאָר פאַר טאַטע-מאַמע, נישט נאָר פאַר איר, פאַר ראָזעטן, נאָר דער עיקר פאַרן הויז גופא. ס'האָט זיך דאָרט אויפסגיי גענומען רעשן און טומלען. ס'איז ווידער אַוועק אַ גאַנג. מ'האָט געאַרבעט, געליווערט. ס'האָט זיך געקאָכט. איר צד, ראָזעטס, איז איצט, הייסט עס, געווען דער שטאַרקערער אין הויז. זי האָט זיך דערפילט זיכערער. קיינער האָט זיך פאַרן הויז מער לעצטנס סיווי נישט געזאָרגט. אַזויפיל פרעמדע מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין הויז, האָט מען באַדאַרפט צו האָבן אַן אייגענעם, וואָס זאָל נאָכקוקן, מיטזאָרגן, ווען עס האָבן זיך מיטאַמאָל געמאַכט די אַלע שוועריקייטן. אויף די אַלטע לייט איז מער נישט געווען צו פאַרלאָזן זיך. אויך דערפאַר האָט זי אַזוי צוגעאיילט די חתונה מיט זשאַקן. אָבער נישט בלויז דערפאַר.

ס'איז, אַז מען וויל, געווען כמעט אַ פאַמיליען-אָנגעלעגנהייט. מ'האָט זיך געקענט שוין פון לאַנג. ס'איז געווען דער זעלבער קרייז סוחרים, צושטעלער, קליענטן. מ'האָט זיך אפילו נישט איינמאָל געהאַט איבערגעוואָרטלט, ווי ס'טרעפט זיך צווישן היימישע. דער פאָטער זשאַקס איז אויך געווען אַ קאָנפעקציע-שניידער, אָבער דאָס יינגל האָט אים דאָרט איבערגעלאָזן מיט זיין שניידעריי-וואַרשטאַטל, איז פרי אַוועק פאַר זיך. לויט אַלעמען אין דער משפחה, איז ער געווען גאָר אַ לייטישער יונגערמאַן. נישט קיין פאַרשלאָפענער, ער איז אפילו מער אויסגעקאָכט מיט די פראַנצויזן ווי ראָזעט, כאָטש זי האָט געהאַט אַ וואַזשנע פּיסקל ביי די קאָמיסיאָנערן און אין די גרויסע הורטהייזער אַרום די גרויסע בולוואַרן. אַ פלינקער יונגערמאַן מיט אַ שוואַרצן, אָנגעדולירטן לאָק, און אויך אַ טענצער, אַז מ'האָט באַדאַרפט. באַקענט האָבן זיי זיך דווקא נישט אויף די בעלער און נישט אויף די באַל-מיזעטן, וווּ דער פוס ראָזעטס איז קיינמאָל נישט געווען.

— כ'זאָל אַזוי גוטס האָבן, ווי אַ „פאָלגער פראַנגעק“... — האָט אים דאָרט

איינע א מומע, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע קאַרבירטע לעקעלעך, ברייט געריטמט, — ער פֿאַרשטעקט זיי אַלעמען, פֿאַרשטייט איר מיך, אין אַ וועסטל־קעשענע. און אַ פּאָר הענט! אַ מאָדעליסט. די דירעקטאָרן פֿון דער „גאַלערי לאַפֿאַיעט“ ווערן געהרגעט פֿאַר זיינס אַ מאָדעל...

אין יענע פֿאָר ערב־מלחמה־יאָרן זענען די געשעפֿטן דווקא אַוועק נישט שלעכט; ס'איז נאָר געווען אַ ביסל אַ מהומה. מ'האָט נאָכגעיאָגט געווינסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. פֿונדעסטוועגן האָט ער נישט געוואָלט, זשאַק, אַז ראָזעט מיטן קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פּונקט צום יאָר, זאָלן אין די הייסע זומערן בלייבן אין שטאָט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די אַלטע טאַטע־מאַמע זאָלן זיך אַרומדרייען איבער די גרויסע, פֿאַרשטויבטע צימערן. אַליין איז ער אָבער נישט אָפּגעטראָטן, פֿאַרבליבן צוגרייטן פֿרישע מאָדעלער, נאָכגערעכנט, קאָמבינירט. ראָזעט איז געזעסן ביים ים און האָט דאָרט נישט געקאָנט איינזיצן. ס'האָט איר אונטערגעהויבן. ס'איז נישט געווען פֿאַר איר, נישט דאָס קינדלען און נישט דאָס וואַלגערן זיך אין די דאַטשע־ערטער. זי האָט נישט גערוט. איינמיטן פֿון די גרעסטע היצן האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און איז פּלוצים געקומען צו לויפֿן קיין פּאַריז.

זי ווידער האָט אויך נישט געקענט ליידן, וואָס די אַלטע לייט דרייען זיך נאָך אַרום אין הויז. ס'האָט זיי דען געפֿעלט וווּהין אַרויסצופֿאָרן? אַז דאָ באַלד, אַ טריט פֿון פּאַריז, אין די וועלדער פֿון ברינוא, האָבן זיי געהאַט אַן אייגן שטיקל הייזל. אַ סך רייך געוואָרענע יידן האָבן אין יענע יאָרן געהאַט איינגעהאַנדלט אין ברינוא אייגענע שטיקלעך ווילעס און אַריבערגעכאַפּט זיך אַהין אויף אַ פּאָר וואָכן זומער־צייט; כאָטש לאַנג האָבן אויך זיי דאָרט נישט געקאָנט איינזיצן. ווייל גראָד אין די הייסע זומער־חדשים, ווען אַלע גרויסע „הייזער“ אין שטאָט זענען פֿאַרקלאַפּט, פֿאַרהאַקט, אַלע זענען ערגעץ אויף וואַקאַנס, איז צייט אויסצושמעקן וועגן נייע מאָדעלער, וואָס גרייטן זיך צום האַרבסט־סעזאָן, וועגן פֿרישע באַשטעלונגען. האָבן זיי די הייזלעך באַצייטנס פֿאַרדונגען צו יידן מיט גרויסע געזינדלעך, אָנגעצויגן פֿעסטע פּרייזן, און אַליין איז מען זיך ווו נישט איז באַגאַנגען...

די יידישע ווילעס אין דער שיינער, באַוואַלדערטער געגנט פֿון ברינוא וואָלט אַ זייטיקן אויג באַלד מסתמא דערקענט. אַרום די הייזלעך, וווּ ס'האָבן געוווינט די אָרטיקע פּויערים און אַרבעטער, איז אַלעמאָל געווען ריינלעך צוגעקליבן, די לאָנקעס אָפּגעפּאַרבט אויף גרין, יעדעס פּיצעלע באָדן באַאַרבעט, צעשניטן אין בייטן, פֿאַרגאָסן מיט בלומען און גרינס, איינגעטונקט אין צוויט. די יידישע ווילעס אָבער זענען געשטאַנען אָפּגעלאָזענע, די גערטלעך און פֿרוכטביימער נישט אַרומגעפֿלעגט, די הייפֿלעך — פֿאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, נישט אָפּגעהיט און אין זיי — פֿול מיט געליאַרעם פֿון יידישע געזינדלעך, קיין עין־הרע.

א פּאָר וואָכן איז זיי דאָרט היימלעך געווען, צווישן די ייִדן, אין די וועלדער פון ברינוא. מען איז געזעסן אין שיטערן סאָסנע־וועלדל, באַזייט מיט אָראַנזשן־שאָלעכץ, באַנאַנען־שאָלעכץ, שטיקער פּאַפּירן פון צעפליקטע ייִדישע צייטונגען. אָבער אפילו אויף א זונטיק איז קיינער צו זיי נישט ארויסגעקומען, זעלטן ווען. האָבן זיי דאָך אויך, ווי אנדערע, געהאט קינדער, זענען אויפגעריכט געוואָרן, אָבער — עלנט ווי די שטיינער. מילא, מירל, ס׳קינד... אָבער פאַרן ייִנגל, וואָס איז אוועק קיין שפּאניע, האָבן זיי זיך שטארק געזאָרגט; און א ביסל, אז מען וויל, פאַרן איידעם, פאַר וואָלפן, אויך. ס׳האָט זיי דאָרט רואיק נישט געלאָזן איינזיצן; און דער אלטער האָט ווי ס׳לעבן באַדארפט צו האָבן ס׳ביסעלע פרישע לופט. ער איז אלע יאָרן געווען א הוסטער און פונדעסטוועגן נישט ארויסגעלאָזן דאָס סיגארעטל פון מויל. זיי האָבן געקרעכצט, די אלטע לייט, וואָס מען הערט שוין לאנג נישט פון זיי. בריוועלעך פונעם ייִנגל זענען געקומען קארג און זעלטן. די אלטע לייט האָבן געגאָסן מיט טרערן; אָבער א ביסל שטאָלץ איז ער פאָרט געווען, דער אלטער בעריש. ס׳האָט שוין דעמלט געהאלטן שמאָל אין שפּאניע. די בלעטער האָבן געשריבן, אז דער רוצח פראנקאָ פארנעמט איין שטאָט נאָך דער אנדערער. האָבן זיי שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן און זענען מיט א וואָך שפּעטער צוריקגעלאָפן קיין פּאַריז. ס׳האָט שוין געשמעקט מיט מלחמה. דער איידעם זשאַק איז טאַקע באַלד גערופן געוואָרן מיטן ערשטן רעזערוו, און אנרי, צוזאמען מיטן אָפּגעפרעמדטן איידעם, האָט מען געהערט, זאָלן זיך האָבן געפונען אין א לאַגער, צוזאמען מיט אלע פארוואָגלטע שפּאניער, ערגעץ אין דרום־פראנקרייך.

9

מען קאָן ווידער נישט זאָגן, אז דאָס, וואָס די ראָזעט האָט פלוצים געכאַפּט און אין איינע עטלעכע וואָכן חתונה געהאט, אריינגענומען זשאַקן מיט זיינע „גילדערנע“ פאָר הענט צו די מאָדעלער, צו דער ארבעט, אוועקגעלאָזן דאָס „הויז“ מיט א נייעם טעמפּאָ, האָט דעם פלוטעוואטן יונגענמאן, אוורעמלען, געלאָזן אינגאנצן גלייכגילטיק. ער איז נאָך אפילו דעמלט גענוג פארקאָפּעט געווען אין אייגענע דאגות, אָבער געארט האָט עס אים, שטארק געארט. ער איז כאָטש צופרידן געווען, וואָס די פאריזער חתונות ווערן דאָ נישט געפּראַוועט מיט אזא טארעראם, ווי אמאָל אין דער היים, נאָר שטיל, אינטים, אָן טומל; מען פארשרייבט זיך אין דער מוניציפּאליטעט און מען גייט אהיים עסן מיטאָג. ער האָט אפילו נישט באדארפט צו ווייזן זיך אויך; ווייל ס׳פירט זיך גאָרנישט, אז אויב מען פארבעט נישט, מען זאָל קומען; און ס׳וואָלט אים אויך געקאָסט נישט ווייניק געזונט מסתמא.

און שוין... ס'איז שוין אַצינד נישט געווען מער קיין שום זייטיקע סיבה גאָכוואָס אַרויסצוכאַפּן זיך אַמאָל אין אַ מיטן העלן מיטוואָך אין הויז אַריין צו בעריש, אָפּזיצן דאָרט שעהן און אָנדערהציילן זיך די נישט געשטויגענע מעשיות פון דער היים. ס'איז דאָרט בכלל אַ ביסל שטילער געוואָרן מיטן אָנגעלויף פון די אָנגעפּאָרענע לאַנדסלייט זינט די קריגערייען, זינט ווען דאָס ייִנגל מיטן איידעם זענען אוועק קיין שפּאַניע. ער האָט אַ שטיק צייט אפילו, מיט הארצקלאַפּן, גענומען אויסמייַדן די גאַס, דאָס הויז. דער בחור האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ס'איז אָבער געווען אַ פּאַרפאַלענע זאַך; איר דריי, איר קלוגערישער ווונק, די גלאַטיק אָפּגעצויגענע האָר פון איר שוואַרצן געקרויזטן קאָפּ מיטן הנעווּדיק פּאַרבונדענעם סטענגעלע פון הינטן, איר זיכערער געשטעל ביים רעדן מיט אַ מענטש, אַ רעפּרעזענטאַנט — דאָס אַלץ איז אים נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן אַזוי ווי לעבעדיק. נישט איין נאַכט האָט זיך דער בחור געוואָרפן אויפן עלנטן האָטעל-געלעגער, און ס'איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. די אַרבעט איז אויך נמאס געוואָרן, דאָס לויפן, דאָס איינרייסן. אָבער אַלץ אין לעבן מוז, זעט אויס, פאַרגעסן ווערן. האָט ער זיך אינגיכן גענומען עפּעס אַ היימיש מיידל, וואָס ער האָט געטראָפן צווישן לאַנדסלייט, אוועקגעצויגן זיך אין אַ ווייטלעכער געגנט אַרום מאָנמאַרטר און צוריק אַרייַנגעוואָרפן זיך מיט נאָכמער איַמפּעט אין דער אַרבעט. נישקשה, האָט ער זיך געזאָגט, די ראָזעט וועט נאָך אַמאָל הערן פון אים. ס'איז צוגעקומען נאָך אַ שלאָס-מאַשין, אַ צווייטע, אַ מער מאָדערנע, וואָס איז געגאַנגען כמעט אַליין, די שטיבן זענען פאַרוואַליעט געוואָרן מיט גאַרן און וואָל.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען פון סאַמע אָנהייב. ערשט שפּעטער, אין אַ יאָר אַנדערהאַלבן אַרום, האָבן זיך אַלע איינגעקוקט אין דעם צעטראָגענעם יונגערמאַן און פּלוצים דערזען, אַז ער איז עפּעס מער נישט דער זעלבער. ס'איז דאָ אַרבעט, מען האָרעוועט שווער, מען שפּאָרט, און נאָך אַ סעזאָן לייגט מען טאַקע אָפּ אַ פּאָר פראַנק אין אַ זייט; אָבער דער דאָ גייט גאָרנישט אויפן געוויינלעכן וועג. ער האָט שוין אַ פול מויל מיט דריידלעך, מיט איינפאַלן. קיין גלייכער וועג, דאַכט זיך, איז עם נישט. ער וועט אָדער גיך אויפשטייגן, האָבן זיי געזען, אָדער גאָר אַראָפּגעניזוקט ווערן און צוריקלויפן זוכן זיך אַ ביסל וואָל צו דער אַרבעט.

ווען די מלחמה האָט זיך אין יענעם זומער אומגעריכט אונטערגערוקט, און אַלע בעלווילער ייִדן זענען געלאָפן צו די אַנגאַזשירונגס-ביוראָען, צו גיין וואָס שנעלער אויפן פראָנט שלאָגן היטלערן, האָט זיך דער יונגערמאַן מער אַזוי שנעל נישט געאײַלט. נאָכדעם, ווי דער ערשטער טומל פון דער מאָביליזאַציע איז אַ ביסל איינגעשטילט געוואָרן, ווען אַ שיין ביסל ייִדן איז טאַקע אוועק צו די ווייטע, פאַרוואָרפענע מיליטער-לאַגערן, ערגעץ ביים מיטלענדישן ים און אויפן פראָנט, איז ער זיך רואיק געזעסן אין שטוב און געשמאַק געאַרבעט. די מאַשי-

נען האָבן געטראַסקעט. מ׳האָט דעמלט געריסן פון הינטער די הענט, אַלץ איז געגאַנגען פאַר דער אַרמיי. אַ שטיקל צייט האָט מען גאָרנישט געוווּסט, וווּהין ער איז ערגעץ אַהינגעקומען, אַזוי פאַרקאָפּעט אין דער אַרבעט איז ער געווען.

ס׳איז אָבער נישט געווען די איינציקע סיבה, וואָס האָט אים יענעם פאַרנאַכט, ווען די פאַריזער פייערן האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעלאָשן, ווען די שטאָט איז פול געווען מיט פּאַניק, ווידער פאַרלאָקט צו גיין אויפזוכן, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט נישט וויזן זיך, דעם אַרויפגעאַרבעטן קוזין פון רו ד׳אַבוקיר; און אין דעם קוזין האָט ער אַצינד געגלייבט מיט אַלע זיינע פיבערן. וואָס ער האָט זיך נאָך אַלץ אָנגעהערט אין דער היים וועגן אים און וואָס ער האָט זיך דאָ אַליין, מיט די אייגענע אויגן, צוגעקוקט. אין די סוחרים- און פאַבריקאַנטן-קרייזן אַרום רו ד׳אַבוקיר האָט עס געקאָכט מיטן קוזין זיינעם. יענער איז אַמאָל געהאַט „אויסגערונען" פון דער היים, מיט שיינע יאָרן צוריק נאָך, ווען די באָלשעוויקעס זענען געשטאַנען הינטער וואַרשע, ווען מ׳האָט געכאַפּט יידישע יונגעלייט און געשיקט זיי אין פייער אַריין הינטער ראַדזימין, ביי דער ווייסל. אַ שטיקל צייט האָט מען אינגאַנצן נישט געהערט פון אים. דערנאָך זענען טאַקע אָנגעקומען בריוועלעך מיט געלט פון סאַמע פּאַריז. מ׳האָט געהערט, אַז דער עוזר האָט רייך חתונה געהאַט, און אַז פּאַריז שאָקלט זיך מיט אים... ווי ענלעך, נאָך אַלעמען, האָט אוורעמעלע איינמאָל אַ טראַכט געטאָן, ס׳איז זייער גורל, זייערע וואַנדער-וועגן...

דער אַרויפגעאַרבעטער קוזין איז נישט געווען אינגאַנצן אומגערעכט. ער האָט זיך אויף אַ האָר נישט טועה געווען אין דעם פלוטעוואַטן יונגערמאַן. אַזוי ווי די מהומות האָבן זיך נאָר אָנגערוקט, איז ער גלייך געקומען צו פליען צו אים, מיט די זעלבע צעשראָקענע אויגן זיינע, ווי פאַר עטלעכע יאָרן, ווען ער איז נאָר וואָס געהאַט אַריינגעפאַלן קיין פּאַריז:

— וואָס טוט מען, עוזר? ראַטעווע מיך...

כאָטש די לאַמטערנעס און די אַלע רווישיקע ליכטער זענען שוין אָוונט-צייט אין פּאַריז געווען אויסגעלאָשן, האָט זיך נאָך פונדעסטוועגן אויף דער פינצטערער רו ד׳אַבוקיר, צווישן די ענגע, קרומע מויערן, היפּש גערודערט. ס׳איז, דאַכט זיך, געווען מער גערודער, ווי אַלעמאָל, צווישן די נידעריקע געוועלבער, פול באַלייגט מיט באַלן סחורות, אין דער ראָגאָווער קאַפע „באַלטאַזאַר" זענען די שויבן געווען געדיכט פאַרהאָנגען; אָבער אין דער טיף, אַרום די טישלעך, אונטער די גרינע אַבאַזשורן, איז מען, ווי קיינמאָל נישט, געזעסן ענג צונויפגעשפּאַרט און מ׳האָט פאַרענדיקט די רעכענונגען פון טאָג. באַלד קעגנאיבער, אויפן צווייטן שטאָק פון דעם אַלטן הויז, אונטערגעשפּאַרט מיט באַריערן, האָט ער אים נישט געפונען, דעם קוזין, כאָטש ס׳איז געווען די צייט פון אָוונט-ברויט. ער האָט שוין אָבער געוווּסט ווו צו גיין אים אויפזוכן. די וואַנט-לעמפּלעך מיט די אַבאַזשורן איבער די טישלעך אין די נישעס פון דער קליינער, היימישער ביסטראָ האָבן גע-

ווארפן א מיסטישע, גרינגע שיין אויף די ארומיזיצנדיקע, ווי אויף א ספירישואליס־טישן סעאנס. ס'איז דא, פארשטייט זיך, נישט געווען די קאפע פאר פארליבטע פארלעך, וואס זוכן אפצוזונדערן זיך אין א ווינקעלער, היימלעכער נישע. נישט בלויז וועגן וואל און שטאפן, ביליקע קאנפעקציע און פוטערווארג איז שוין דא איצט געגאנגען די רייד, נאר מ'האט שוין צוביסלעך אויך געשמועסט וועגן וואלוטע, גאלד־שטיקלעך, למשל, וכדומה. ס'האט זיך שוין באצייטנס געהאט אנגעהויבן. ווייל קיין שום וואלוטע איז איצט מער נישט געווען אזוי זיכער און ווערטיק.

אפגעפארטיקט זיך אין א ווינקל, האט ער אים געהייסן צורוקן א שטול, דער קוזין, און די דיקלעכע פאטראנקע הינטערן קאנטואר, מיטן שווארצן חן־פינטעלע, מיט דער הויך אויפגעטורעמטער פריזור און די רונדע, באקעטע הענט, האט, נישט פרעגנדיק אפילו, באלד צוגעלאנגט צוויי טיפע גלעזלעך פון איידעלן „פין“. זי האט שוין אבער געקענט די געשמאקן פון יעדן קליענט. יענער האט געשמייכלט צעטראגן. ער האט דען נישט געוווסט, אז ער וועט זיך ווידער באווייזן, דער בחור, אז ער וועט באלד קומען צו לויפן. ער האט שוין געהערט אין גאס, אז ער גייט אויף א וועג. ס'האט, אמת, קיין סך נישט געפעלט, אז ער זאל אים אינגאנצן נישט געפונען מער, נישט אין דער ביסטרא אויף ר' ד'אבוקיר און נישט אין זיין דירה קעגנאיבער, אויפן צווייטן שטאק, אין די פארוואלגערטע צימערן, פול אנגעלייגט מיט שטאפן און באלעמס, אווערמעלעס פלוטעוואטע אויגן האבן פלינק דערכאפט, אז איצט איז דער מאמענט, ווייל ס'קאן באלד ווערן צו שפעט; און יענער האט דערווייל געקוקט אויף אים רואיק, קיל, דורכדרינגלעך, באטש דאס סיגארעטל אויף זיין ליפ איז נערוועז געשפרונגען פון איין מויל־ווינקל אין אנדערן.

— כ'האב געמיינט, — האט ער געלאזן פאלן שטיל, דער קוזין, — אז וועסט כאפן און לויפן ווערן א סאלדאט...

דעם אמת געזאגט, האט ער זיך שוין, דער אווערמעלע לעצטנס געהאלטן א ביסל ווייטלעך פון די קאפעס אויפן בעלוויל, ווו מ'האט נאך אלץ נאכאנאנד דיסקוטירט פאליטיק, ווו ס'איז נאך אלץ געהאנגען אן אפגעפליקטע קארטע פון שפאניע, פול אנגעשטעקט מיט פענדלעך, און מ'האט זיי דארט יעדן טאג גערוקט און איבערגערוקט; און כאטש דער רוצח פראנקא האט דערווייל געהאלטן אין איין פארנעמען איין שטאט נאך דער אנדערער, האט מען זיך דארט שיר נישט געשלאגן און נישט געלאזט זיי איבעררוקן, די פענדלעך... דאס אלץ איז נישט מער געווען פאר זיין קאפ און פאר זיין געדולד.

— פארשטייסט... — האט ער זיך אזוי ווי פארענטפערט, — דאס לעבן דא איז שווער... א ווויסט געיעג... אויסער דעם... די פאליטישע שפרונגען זייערע... ס'איז מער נישט דאס, וואס אין דער היים...

ער האָט געפילט, אַז מען דאַרף זיך דאָסמאָל פאַרענטפערן, אפילו אָפּשאָקלען זיך.

— נו, און א ביסל געלט, פאַרשטייט זיך, האָסטו אוודאי, גרויסער צעלייגער מיינער... ווילסט לויפן... אנטלויפן...

האָט ער אים נאָכאַמאָל אָנגעקוקט מיט זיינע פלוטעוואַטע אויגן און גאָרנישט מער געענטפערט. געקוועטשט האָט אים אוודאי, אויסער אַלעמען, נאָך עפּעס, נאָר ס'איז סתם שווער געווען ארויסצוזאָגן. יענער ווידער האָט קיין סך נישט באדאַרפט צו רעדן מיט אים.

— די.. ווי רופט מען זי דאָרט... נאָך אַלץ די ראָזעט, א?... — האָט דער קוזין געלאַכט.

— ס'הייסט... פאַרוואָס זאָל איך לייקענען, — האָט ער זיך אָפן מודה געווען, — אָן איר איז, דאַכט זיך מיר, אַלץ איבעריק... ס'לוינט נישט...

— אזא יפהפיה איז זי דאָס, בעריש שניידערס מויד?...

— וואָס ווייסטו?... ווען נישט זי...

— טאָ ווער זשע האָט דיך געהייסן פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ מיט אַן אַנדער ווייבל?

— כ'ווייס?... — האָט ער געשמאָלט. — ס'איז טאקע אַ שר געווען א נארישקייט.

— נו, ס'איז אויך אַ געוווינהייט... — האָט יענער געריידט פאַר זיך, מער צום האַלב אָפּגעטרונקענעם גלעזל, — און ביי מיר, מיינסטו... — האָט ער עפּעס אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט.

— טראָגסטו זיך, הייסט עס, אָפּ, עוזר? — האָט דער בחור נאָך א פיינלעכער ווילע ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ. — מסתמא דאַרף מען אזוי... עוזר... דו, נישט קיין אנדערער, האָסט מיר דעמלט געמאַכט פאר א שטיקל לייט. דיר האָב איך אַלץ צו פאַרדאנקען.

— וואָס זשע ווילסטו?

— כ'וויל, עוזר, זאָלסט מיר נישט איבערלאָזן. כ'ווייס, איך פיל עס, אַז וועסט זיך פון דעם שווינדל אויך ארויסדרייען.

כ'האָט אים פונדעסטוועגן געשמייכלט, דעם קוזין; ער האָט מיט איין שלוק דערטרונקען דאָס גלעזל און אים קורץ א זאָג געטאָן:

— קום מאָרגן אַרויף. מירן שוין עפּעס זען...

און טאקע גלייך אויף צומאָרגנס האָט ער אים צונויפגעפירט מיט דאנציקערן. דער טראנספּער פון געלט, וואַלוטע און ווערטזאַכן, דאָס אָפּטראָגן זיך אליין וואָס ווייטער פון דאַנען איז דעמלט געווען די גרויסע זאָרג פון א סך פון דעם מין, וואָס האָבן אָבער באַלד דערשמעקט, אַז קיין גוטס וועט פון דעם אלעם נישט ארויסקומען. כאָטש אליין האָט מען זיך נאָך ווי נישט איז געדרייט, אָפּגע-

קויפט זיך דורכן בארימטן, ניי אויפגעקומענעם פאריינדל פון פוילישע יידן, ביי די מיליטערישע קאָמיסיעס, אונטערגעקויפט, פארשמירט און אויסגעמיטן די רעקרוטירונג־ביוראָען.

אָנקומען צו דאנציקערן איז אויך נישט געווען אזוי איינפאך. אָבער דער קוזין האָט, גישקשה, געהאט ברייטע פּלייצעס. אלע ווענט האָט ער אדורכגעבראָכן, אלע טירן האָבן זיך פאר אים אויפגעמאכט. פון וואנען, א שטייגער, האָט זיך דערנומען אזא ייד ווי דער דאנציקער? ווער האָט עס אים אוועקגעשטעלט צו פארוואלטן מיט די אינסטיטוציעס, ווו עס פליסן די שווערע געלטער פון די אמעריקאנער הילפס־קאָמיטעטן, ווו קיין שום געזעלשאפטלעכע קאָנטראָל עקזיסטירט, דאכט זיך, קיינמאָל נישט, ווו קיינער קוקט קיינמאָל נישט אריין, וואָס עס טוט זיך דאָרט אָפּ הינטער די פעסטע, הויכע, דעמבענע טירן, אין די רחבותדיקע לאָקאלן פון די רייכע, שטילע געגנטן אין פאריז, טאקע, וואָס קומט דאָרט פאָר, הינטער אָט די טירן, אין 16־טן אראָנדיסמאן?

די פריהארבסטיקע זון פאַלט מיט ברייטע סנאָפּעס דורך די וויטראַזשן־שויבן אויפן געוועקסטן פּאַרקעט. הינטער ווענט קלאַפּן שרייבמאַשינען; אָבער אהער דערגייט קוים האָס טויטע, ווייטע פאלן פון די קלאַווישן. פון צייט צו צייט פלאַטערט אריין א סעקרעטארין. דאנציקער זיצט יעדן נאָכמיטאָג אין א פאָטעל — אַ מאָדערן, שטיקל מעבל, נישט די אַלטע, לעדער־געבעטע פאָטעלן, — אַ נידעריקער, א ברייטער, מיט שווערע, ציגיינערישע אויגן אונטער געדיכטע צונויפגעוואקסענע ברעמען. דאָס טעלעפאָן־טרייבל אויפן טיש איז פון א מילך־ווייסקייט, עס טוט דין אַ רויש, אַ מורמל, און ער נעמט עס צום אויער. דעמלט ווערט ער שוין אפילו גאנץ געגוי, וואָס מען רעדט צו אים. ער שרייט נישט אריין, ער שטעלט נישט אָן די האנט צום פארוואקסענעם אויער־מושל, ווי אין די געציילטע אויפנעמס־מינוטן, ווען ארום די טירן דרענגט זיך דאָ אן עולם, גרויסע, מידע פּנימער פון יידן, פּליטים, וואָס זוכן אייביק צו געפינען ערגעץ א ווינקל אויף דער ווייטער וועלט, צו אנטרינען. אזעלכע יידן באגעגנט מען געוויינלעך די לעצטע יאָרן אין אַלע וואַרטע־זאַלן פון אַלע קאָנסולאַטן און יידישע הילפס־אינסטיטוציעס. דער היציקער יונגערמאן מיט די גזלנישע וואָנסעלעך אויף יענער זייט טיר פרעגט לאנג אויס: נאָכוואָס און צוליב וואָס? און דעמלט, ווען מען פירט שוין יאָ אריין אזא ייד, איז ער טויבלעך, אומגעדולדיק, דער דאנציקער.

פון וואַנען קומט ער אַהער? פון ווו האָט ער זיך דערנומען?

ווער עס האָט אין יענע 20־קער יאָר, באלד נאָך דער ערשטער בלוט־באָד, נישט געקענט די ראָמאנישע קאפע" אין בערלין, אויפן פּלאץ קעגנאיבער קורפירשטנדאם; דעם אָנגעלויף פון רוסישע, פוילישע און גאליציאנער יידן, אָפּגעוועלקטע שאנסאָנעטן, זינגערינס פון די פעטערבורגער און מאָסקווער נאכט־קאַבארעטן, בייביקע, צעוואקסענע „פאָמיעשטשיקעס", ווייסגווארדייער, יידישע

עסערן, מענשעוויקעס, טעריטאָריאַליסטן, האַלבע אינטעלעקטועלע, בערזע־ספּעקוליאַנטן, — דער וועט אָפּשר אַ סך זאַכן נישט פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר אין פיל פּאַריזער יידישע אינסטיטוציעס פון דעם מין אין 16־טן אַראָנדיסמאַן. פריער, אין די גרויסע שטעט פון אַמאָליקן רוסלאַנד, ווו אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר האָט נישט געטאָרט אַריבערטרעטן די שוועל אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש, אָן „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"; ווען סטראַזשניקעס זענען באַפאַלן אין מיטן דער נאַכט די האַלב־לעגאַלע אַכסניהס און צוריקגעטריבן פון זיי די יידן מיטן עטאַפּ צום תחום־המושב, האָבן די דאָזיקע סאָרטן יידן פונדעסטוועגן פאַרפולט די הויפּטשטעט, פאַר אַן אונטערגערוקטער מטבע אָדער דורך וויכטיקע פּראָטעקציעס אויסגעבעטעלט וווינרעכט. אַצינד זענען די זעלבע לייט מיטגעלאָפן איבער די הויפּטשטעט פון אייראָפּע, צוזאַמען מיט די אַלע ווייסגוואַרדייאישע עמיגראַנטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די הייסע רעוואָלוציע־ווינטן. אַצינד, אין געמיינזאַמען גלות, האָט מען זיך שטאַרק געחברט, מ'האָט זיך באַדויערט, מ'האָט זיך אַרויסגעהאָלפן. די סאָרטן יידן זענען אויך דאָ נאַטירלעך געווען די פלינקערע. זיי זענען געווען די מערסטע מעצענאַטן, אונטערנעמער און אָפּנעמער פון דער עמיגראַנטישער פּרעסע און בוד־וועזן, זיי האָבן פאַרפולט די קאָנצערטן פון באַרימטע אַרטיסטן און פאַרעלטערטע זינגערינס פון רוסישן קייזערלעכן טעאַטער. זיי האָבן אָנגעפילט די לאָזשעס און די הינטער־קוליסן, געקענט די הינטער־טירן צו די אָפּגעקומענע גראַפן און גראַפיניעס, וואָס האָבן דאָ געהאַלטן אין איין אַראָפּפאַרקויפן פון זיך די טייערע צירונגען און פעלצן.

דורך די בערלינער יידישע אינסטיטוציעס זענען דעמלט געפלאָסן די שווערע אַמעריקאַנער געלטער, פאַנאַנדערצעטיילן די הילפס־ביוראָען, וואָס האָבן זיך פאַרלייגט אין די חרובע שטעט פון מזרח־אייראָפּע. פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס אין דעמלטיקן בערלין, פון די דאָזיקע ביוראָען האָט ער עס געשטאַמט, דער דאַנציקער, פון דאָרט האָט ער זיך אַרויסגעגליטשט. און כאָטש ער איז נאָך דעמלט געווען אַ קליינער, גרויער באַאַמטער, אַ קליין פישל צווישן גרויסע העכט, האָבן זיינע פּראָטעקציעס, פאַרבינדונגען און איינפלוסן ווייט געגרייכט. נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָבן זיי זייערע ביוראָען שנעל אַריבערגעפּעקלט קיין פּאַריז. מער ווי אַנדערע, האָבן זיי בחוש אומעטום באַלד דערשפּירט, פון די סאַמע ערשטע, דאָס פּאָליטישע וועטער אין אייראָפּע. די רעוואָלוציע־יאָרן האָבן זיי, ווייזט אויס, באַשאָנקען מיט אַ זעקסטן, אָדער מיט אַ זיבעטן חוש באַלד צו דערשפּירן דאָס פּאָליטישע וועטער, די קאָניונקטור, די נייע ווינטן, וואָס בלאָזן. נישט אומזיסט זענען די מערסטע פון זיי שטילערהייט רייך געוואָרן פון די בערזע־ספּעקולאַציעס; זיי האָבן נישט אַלעמאָל דווקא אַליין ספּעקולירט. מען איז געלאָפן צו זיי נאָך עצות. זיי, האָט מען געוווסט, פילן פאָרויס, ווי אַ סייסמאָגראַף, ווי אַ באַראָמעטער, וואָס עס וועט זיך מאָרגן „הייבן" און

וואָס עס וועט „פֿאַלן". קיין הייזער אויפֿן קורפֿירשטנדאַם האָבן זיי נישט איינגעהאַנדלט און נישט איבערגעלאָזן, קיין פֿאַבריקן אויך נישט. זיי זענען נישט געווען אַזוי נאַריש, ווי אַ סך אַנדערע ייִדן. זיי זענען אומעטום געווען, ווי די אַקטיאָרן, ווי די גאַסטראָליערן, ווי די לייכטע פּאַסאַזשירן, שטענדיק מיטן וואַליזקעלע גרייט אין דער האַנט.

פּאַריז האָט זיך נאָך דערמלט געטונקט אין נעאָן־פֿייערן, אין ליכט און מוזיק פֿון די קאָלאָניעס. ס'איז נאָך געווען עפּעס אַ ווייטער אָפּשיין פֿון יענע נאָך־מלחמה־יאָרן, ווען די נאַכט־לאָקאַלן זענען פֿאַרהילכט געווען מיט די נעגערישע דזשאַז־קולות. די נייע, שטילע הייזער־בלאָקן אין די געגנטן אַרום מאָנפּאַרנאַס, אַרום פּאָרט ד'אָרלעאַן האָבן אויפֿגענומען די דאָזיקע אייביקע אַריסטאָקראַטישע פּליטים, אין די ליידיק געוואָרענע קאַפֿעען האָט זיך צוריק גענומען רודערן. דאָס זענען נישט געווען קיין ייִדישע אַרבעטס־מענטשן, וואָס זענען געקומען אַהער אָנצופֿאָרן מיטן פֿאַרדיכערטן „גאַר די גאָר", אומלעגאַלע, און האָבן זיך דאָ מיט גרויסע צרות איינגעגעסטיקט מיט זייער בידנע שניידער־ און שטריקער־מאַשינדלעך ערגעץ אויפֿן בעלוויל, אויפֿן פּלעצל און אויפֿן אַלטן מאָנמאַרטר. די קאַפֿעען אויפֿן מאָנפּאַרנאַס זענען אָוונט־צייט געווען פֿול באַזעצט. דאָ איז שוין אויך פֿון אַ סך פֿריער געווען אַן אָפּגעזעצטער שיכט פֿון נאָענטע און אייגענע, ווייל אייגענעם מיטן שטראָם פֿון דער ווייסער רוסישער עמיגראַציע, וואָס איז אין יענע יאָרן געלאָפֿן פֿון די קלעפּ פֿון דער רעוואָלוציע קיין פֿראַנקרייך — אָפּגעפּאָרענע גענעראַלן, אַטאַמאַנען און גרעפֿינס, זענען באַטירלעך, געווען אויך דער מין ייִדן, די אַזוי גערופֿענע „ייִדיש־רוסישע אינטעליגענץ". מ'האָט נאָך צווישן זיי אַליץ די דאַמען געקושט אין דער האַנט מיט אַ לייכטן פֿאַרנייג, מ'האָט זיך נאָך אַליץ פֿייערלעך טיטולירט: „איסאַאַק מיכאַילאָוויטש" און „ראַאיסאַ דאַווידאָוונאַ". אויך דאָ האָבן זיי פֿאַרגעשטעלט מיט זיך די וויכטיקסטע אָפּנעמער פֿון דער רוסישער עמיגראַנטישער פּרעסע, פֿון רוסישן בוך; זיי האָבן פֿאַרפֿולט די קליינע רוסישע באַרן, ווו מ'האָט געטרונקען אמתן רוסישן „96"־ער, ווו די נידעריקע האַליעס זענען פֿאַרפֿולט געווען מיט די זויערלעכע ריחות פֿון רוסישן באָרשטש און פּיראָגעס; ווו אייניקע אַמאָליקע באַרימטקייטן פֿון דער רוסישער בינע, פֿון די ספּיריטואַליסטיש־מאָדערניסטישע ליטעראַטור־שטרעמונגען האָבן טויט־שיכורע אָנגעמאַכט ווילסטע סקאַנדאַלן, ווי אין יענע אַלטע, גוטע צייטן. די ייִדן זענען געווען די מערסטע באַזוכער פֿון רוסישן באַלעט, ווו עס האָבן געמאַנצט די האַלב־פּראָסטיטואירטע טעכטער פֿון אָפּגעקומענעם רוסישן אַדל, פֿון די ציגיינער־אָרקעסטערס, פֿון וואַגען אַלערליי טונקעלע פֿאַרשוינען, אוקראַיִנישע פּאַגראָמשטשיקעס, כוליגאַנעס, אַטאַמאַנען פֿון דער „טשאָרנאַ סאָטנאַ" האָבן דאָ געצויגן זייער טרויעריקע, לאָקייאישע גלות־חיונה אין די פּאַריזער נאַכט־לאָקאַלן.

10

דאַנציקער האָט זיך אין די לעצטע טעג שטאַרק פאַרשפּעטיקט אין זיינע אויפנעם=שעהן. צו די טירן דאָרט איז מער נישט געווען צו דערשפּאַרן זיך. אויפגענומען די מערסטע האָט עפּעס אַן אונטער=סעקרעטאַרל און זיי דאָרט אַלעמען אָפּגעפּטרט מיט וואַזשנע צוזאָגן: מאָרגן, איבערמאָרגן, אַ ליאָדע טאָג... דאַנציקער אַליין איז אַ צעקאָכטער געקומען אַנצופליען אין אַ טאַקסי עחשט אַרום פינף פאַרנאַכט און האָט שוין דאָרט געטראָפן אין זייטיקן סאַלאָן וואַרטן דעם באַקאַנטן ציוניסטישן כלל=טוער חיים מיכלסאָן. אים, פאַרשטייט זיך, האָט מען קודם=כל באַדאַרפט אויפנעמען. מיכלסאָנען איז, אגב, גאָרנישט אַזוי לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן הינטער דער שווערער, דעמבענער טיר. יענער איז שוין פון פריער געווען איינפאָרמירט טעלעפאָניש, ער האָט אים שוין דערוואַרט. דער יונגערמאַן מיט די פאַרשניצטע, גלאַנישע וואָנסעלעך האָט זיך פאַרשטענדיקט דורכן סטאַנדאַרט=טעלעפאָן און אים באַלד בּרייט און שמייכלענדיק אויפגעמאַכט די זייטיקע טיר אין קאַבינעט אַריין.

הינטער זיי, אין לאַנגן, האַלב=פינצטערן פּאָדער=צימער, איז נאָך פאַרבליבן אַ היפּשע ריי פון אָט די גרויע יידן, וואָס האָבן פון פאַרמיטאָג אָן געוואַרט, צעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק ביי דער וואַנט, אָנצוקומען צום דירעקטאָר. אין די ערשטע מלחמה=טעג האָבן געוויסע יידן, אייביקע פליטים, געזוכט צו אַנטלויפן. ס'האָט זיך געטראָגן עפּעס אַ קלאַנג, אַז מען קאָן פאָרן קיין שאַנכיי. ערגעץ אין די לענדער פון דרום=אַמעריקע, קיין פּאַלעסטינע; מיט איין וואָרט — מען קאָן אַנטלויפן...

דאָ, ביים אויפנעמען מיכלסאָנען, האָט מען זיך שוין ווייניקער געשפּילט אין אָפיציעלקייטן. די מענטשן, וואָס זענען געזעסן צוזאַמען אין די זעלבע יידישע קאָמיטעטן פאַר הילף, פּראָדוקטיוויזאַציע, עמיגראַציע, געזונטהייטס=וועזן און נאָך אַזעלכע מיני קאָמיטעטן, האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק; און כאָטש אַ ביסל ווייטלעכע, אָפּגעפרעמדטע — ווייל מיכלסאָן איז געווען אַן אַלטער ציוניסט, און דאַנציקער האָט נאָך אָנגעקערט, דאַכט זיך, צו די אַמאָליקע סיימאָוצעס, מענשעוויקעס אָדער עסערן, און דערצו נאָך אַן אויסגעקאָכטער יידישיסט — איז דאָ פלוצים געווען אַ סך, ממש פאַמיליאַרע אינטימקייט.

— איר הערט? כ'האָב מורא, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול... — האָט אים דאַנציקער גלייך אויפן אָרט פאַרזיכערט; ער איז נאָך געווען צעקאָכט פון זיין פלוצימדיקן אָנפליען, — זיצט, פריינד מיכלסאָן, וועלן מיר שמועסן... כאַפּן אַ געמיטלעכן שמועס הייגטיקע צייטן, באַרואיקט, גלייבט מיר, די נערוון, נישט אַזוי?...

מיכלסאָן האָט אים אַלץ אָנגעקוקט מיט זיינע גרויע פיש־אויגן פון אונטער די צו גרויסע ברילן־גלעזער, אַרונטערגענומען דעם הוט, געווישט זיך מיט אַ טי־כעלע דעם טיפן שטערן, אונטערן הויכן, באַלעבאַטיש קראָכמאַליעטן קאָלנער און פּאַוואָליע אַראָפּגעזעצט זיך אין דער ווייכער שטול אַריין.

— איך הער דאָ מאָדנע רייד... — איז ער געווען אַ ביסל צוריקגעהאַלטן, איבערראַשט, און זיין מינע איז געווען אַזאַ, ווי ער פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט, מיכלסאָן.

ביידע האָבן זיי אַ ווײַלע אונטערגעשוויגן, ביידע האָבן זיי געשפּילט — יענער דעם טויבלעכן און דער — דעם נישט אינגאַנצן אינפאָרמירטן, וואָס וואַרט, הייסט עס, אויפגעקלערט צו ווערן אין וואָס, אייגנטלעך, גייט עס דאָ. נו, וועגן די סאָציאַליסטן איז מען, פאַרשטייט זיך, צו ביסלעך אייניק געווען. ס'איז דאָ, למשל, געווען די רייד וועגן לעאָן בלומס שטאַרק פּאַטריאָטישע אַרויס־טריטן אין פּאַרלאַמענט און צוזאַמענהאַנג מיטן רוסיש־דייטשישן אָפּמאַך, וועגן זיינע קלוגערישע לייט־אַרטיקלען אין „פּאָפּילער“, וועגן די שטרענגע מאָסמיטלען קעגן די קאָמוניסטן, זיין ענדגילטיק אויסליפערן שפּאַניע דורך דער „נישט אינטערווענץ“ און דעם פּאָלקס־פראָנט — צום ביטערן פּוקן דאַלאַדיע. פון זייע־רע רייד האָט זיך באַקומען דער אויספיר, אַז אין אַזעלכע צייטן האָט מען זיך אויף די קאָמוניסטן ווייט נישט געקאָנט פאַרלאָזן, מ'האָט זיי פּשוט מער נישט געקאָנט אָנגעטרויען... אָט האָבן מיר דאָך דעם בעסטן באַווייז — זייערע הייסע פריינד אין מאָסקווע... וואָס האָבן אונדז אַלעמען אַזוי אומגעריכט אָפּגעטאָן אַזאַ מיאוס שטיקל, געגעבן, ווי מען זאָגט, מיט אַ מעסער אין רוקן; שוין נישט רעדנדיק, וואָס פון יידישן שטאַנדפּונקט... יאָ, טאַקע פון יידישן שטאַנדפּונקט... ווי האָט דאָרטן איינער פון די פלינקע יידישע זשורנאַליסטן אין אויפגערעגטן עקסטאַז אָנגערופן דעם מאמר זיינעם אין היגן בלאַט באַלד אויף צומאָרגנס — „מ'האָט אונדז פאַרשעמט“... פאַרשעמט, הייסט עס, האָט מען אונדז... מיכלסאָן, כאָטש געוויינלעך אַ קילער, אַ באַרעכנטער, האָט זיך דאָסמאָל געקאָכט, געשוימט, אַראָפּגענומען און צוריק פאַרזעצט די האָרן־ברילן אויף דער פעטלעכער נאָז, אַ נאָז פון אַ דאָרפישן פּאָפּ, נאָכאַנאַנד געווישט זיך מיט אַ טיכעלע אַרום דעם הויכן, שטייף קראָכמאַליעטן קאָלנער דעם נאַקן. נייַן, געוויכערט האָט ער נישט, ער האָט אָפּגעזאָגט דאַנציקערן די סיגאַרעטן מיט די איידעלע גאָלדענע מונדשטוקן פון זיין שווערן, זילבערנעם פּאָרטסיגאַר; אין דער צייט, ווען יענער, מיט זיינע הייסע, ציגיינעריש אַרויסגעזעצטע אויגן, האָט זיך אינגאַנצן פאַרוויקלט אין פאַר־פוימירטן רויך. אַזוי ווייט האָט נאָך קיינער דעמלט נישט געקאָנט פאַרייסזען, אַבער דאַנציקער, מיט זיין זעקסטן, אָדער זיבעטן חוש פאַרן פּאָליטישן וועטער אין אייראָפּע, האָט שוין יאָ, זעט אויס, עפּעס געהאַט דערשמעקט. ער האָט גע־רעדט, אַ שטייגער, אַזוי פאַרבייגייענדיק, וועגן דער שווייץ ווי וועגן אַ נייטראַלער

טעריטאָריע, וועגן די פּאַראַייניקטע שטאַטן, וואָס זענען אַ ביסל ווייטלעך פון אָפּעראַציע־פּלאַץ, און ווי נייטיק ס׳איז, דווקא אין אַזאַ קריטישן מאָמענט פון יידישער העפקרדיקער באָרגלאָזיקייט און גרויסע געפאַרן, איינצושטעלן ענגערע הילפס־פאַרבינדונגען מיטן אַמעריקאַנער יידנטום. ער האָט נאָך דאָרט גערעדט וועגן וויכטיקע הילפס־שליחותן, למשל, צו די יידן פון דרום־אַמעריקע, וואו זיי לעבן ווייט פון קאָכעדיקן אייראָפּע, לעבן רואיק און באַקוועם און ס׳פעלט זיי, חלילה, גאָרנישט. מיכלסאָן האָט אים, דאַכט זיך, יאָ אויסגעהערט, נישט אויסגעהערט, אָבער פאַרשטאַנען האָט ער, נאָך ווי פאַרשטאַנען. ער האָט גלייך דערטאַפּט לויט זיינע רייד, אַז דער באָרן דאָ איז, הייסט עס, אויך וואַקלדיק. איבעריקנס, האָט עס דאַנציקער באַלד אליין פאַרזיכערט.

— איך פלי די טעג אָפּ אויף אַ פּאָר וואָכן קיין ניו־יאָרק, צו דער יערלעכער קאָנפערענץ, דערנאָך קיין בוענאָס־איירעס, דערנאָך... יאָ, מירן זיך נאָך, האָף איך, זען אינקורצן. אַזוי האָף איך... אַ ים מיט אַרבעט וואַרט דאָ אויף מיר...

וועגן דעם איבעריקן, סאַמע קלייניקייטן, האָט מען זיך ווייניקער געקאָכט. ס׳האָט זיך דאָרט געהאַנדלט וועגן געלט און ווערטן־איבערווייזונגען, נישט בלויז פאַר אים הלילה — פאַר פריינד, באַקאַנטע. נאָך מיכלסאָנס צומאַכן די טיר, האָט דאַנציקער לאַנג געשמייכלט צו זיך אַליין — „הייסט עס, אַז זיי אויך... די דאָזיקע... זיי זוכן אויך אַ וועג אָפּצוטראָגן זיך“... ער האָט זיך וויכטיק אויס־געגלייכט אין פאָטעל און געהייסן אַריינבעטן דעם נעכסטן.

דער אַרויפגעאַרבעטער קוזין פון רי ד׳אַבוקיר, וואָס האָט זיך דאָ אַריינגע־שאַרט מיט שטילע, קעצישע טריט, האָט נאַטירלעך אויך נישט געהערט צו די גרויע יידן, וואָס וואַרטן אָפּ שעהן הינטער די טירן און גייען סוף־כל־סוף אַוועק מיט גאָרנישט. ער איז גלייך נאָך מיכלסאָנען ברייט אויפגענומען געוואָרן אין געראַמען קאַבינעט. דעם יונגענמאַן מיט די פלוטעוואַטע אויגן, אַוורעמעלען, האָט ער געלאָזט אַ ווילע וואַרטן אין קאָרידאָר; אין דער לעצטער מינוט איז יענער ווידער געווען צעשראָקן.

— באַטראַכט זיך נאָר, אַוורעמעלע, — האָט ער צו אים געזאָגט קיל, — ביז מאָרגן אַרום עלף אין דער פרי האָסטו נאָך צייט. דערנאָך וועט שוין זיין צו שפּעט... זע, דער עיקר, דעם ברישעם מויד זאָל דיר ווידער נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ... מיינסט, איך זע נישט?...

דער אָנהייב־ווינטערדיקער אָוונט איז שוין געווען צוגעפאַלן. איבערן טיש האָט געברענט דער גרויסער זשיראַנדאָל, ביי געדיכט אַראָפּגעלאָזענע ראָלעטן. דאָס פולע, בלוי אויסגעגאָלטע פּנים דאַנציקערס האָט געגלאַנצט פון ראָזיקייט; אָבער זיינע אויגן זענען אומרואיק, ווי די מייזלעך, אַרומגעלאָפן אונטערן נידע־ריקן שטערן. דורך דאַנציקערן האָט ער, פאַרשטייט זיך, געהאַט וויכטיקע געלט־איבערווייזונגען דורכצופירן.

— דאָס זיכערסטע, — האָט אים דאַנציקער שטיל געראָטן, — איז אפשר אין יענע לענדלעך... אַרגענטינע, למשל, ווייל אַמעריקע... מען ווייסט נאָך נישט... מעגלעך, אַז ס'האַלט פיל ווייטער, ווי מען מיינט...

דער קוזין איז אַרויס פון דאָרט אַ ביסל אַ צערודערטער. דער פלוטעוואַטער יונגערמאַן האָט אים נאָך צוגעפירט ביז צו דער טאַקסי אויפן טומלדיקן דראָג. יענער איז באַלד געזעסן אינעווייניק. „פאָרסט מיט?“ — האָט ער אים נאָך אויפגערעגט צוגעוואָרפן. אַוורעמעלע האָט געפילט די שאַרסטקע האַנט צווישן זיינע פינגער, ער האָט מיטאַמאָל אַ טראַכט געטאָן, אַז ער זעט אים שוין אפשר צום סאַמע לעצטן מאָל. יענער האָט גלייך דערפילט די צעשראָקענע פאַרלעגנהייט ביים יונגענמאַן.

— דעם מיכלסאָגנען... — האָט ער אים נאָך צוגעוואָרפן, — זוך אים אויף... זאָג אים אין מיין נאָמען... ער איז אַ ייד, וואָס קאָן אַלעמאָל דינען מיט אַן עצה. אַ טובה... ווי עס מאַכט זיך...

און איידער וואָס, איז די טאַקסי שוין געהאַט פאַרשווונדן אין דער אויפגערודערטער גאַס, צווישן די פאַרשטעלטע, אָוונטיקע ליכטער פון די לאַמטערנעס. אַוורעמל איז אַוועק צופוס אין דער ריכטונג פון די גרויסע בולוואַרן. די טראָטואַרן זענען געווען איבערגעפאַקט, מ'האָט אים געשטויסן פון אַלע זייטן. ער האָט זיך קוים אַרויסגעקריגן פון די קיינמאָל נישט געזעענע המונים צו אַ זייטיקער געסל און האָט געשפאַנט צופוס אַהיים. ס'זענען געווען די ערשטע דעצעמבער־פרעסטלעך. ס'האָט אים צוריקגעצויגן צו דער ליבער וואַרעמקייט פון אַ היים. עס גיין זיך לאָזן אין אַזעלכע קילע, ווינטיקע וועטערן אין אַלדי שוואַרץ יאָר. עס זענען ווידער אויפגעשטאַנען פאַר אים די פינצטערע באַגינענס, די אויסגעלאָשענע נעכט, ווען ער האָט, אַן אָפגעשליסענער, אַ הונגעריקער, אַ הפקרער, געגנבעט גרענעצן, צו דערקריגן זיך קיין פאַריז. ווי ווייט דאָס אַלץ האָט שוין אויסגעזען. ווי מאָדנע דאָס לעבן פירט... קלאַמערן זיך אין דעם איז אויך, זעט אויס, קאַמף פאַרן לעבן. ליקווידירן הייסט עס און אַנטלויפן?... אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ גאָלדענע צייט!... מען זעט נאָך נישט, אַז אַלע יידן זאָלן אַזוי לויפן. דאָס גיין פאַרטיידיקן די ערד, פון וואַנען מען ציט חיונה, ווו מען לעבט, האָט אים איצט פונדעסטוועגן אויסגעוויזן גאָרנישט אַזוי נאַריש. אויסער דעם... טאַקע גיין שלאָגן זיך קעגן היטלערן...

דערווייל זענען אַלע באַקאַנטע פאַר די פאָר חדשים געהאַט אַוועק אין דער אַרמיי, די נאַטוראַליזירטע זענען גערופן געוואָרן באַצייטנס אין די פראַנצויזישע רעגימענטן, אַ שלל היימישע — אין די אויסלענדער־רעגימענטן. און ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט. ס'איז געווען אַפילו אַ ביסל פריקרע. עס זענען אונטערגעלאָפן די עטלעכע פייערלעכע ווינטער־חדשים. די צייטונג־קאָמוניקאַטן האָבן יעדן טאָג געמאָלדן פון די פראָנטן — „גאָרנישט צו סיגנאַליזירן“, און דער עולם

האָט צוביסלעך אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז סוף=כל=סוף וועט מען שוין דאָרט ווי נישט איז אַדורכקומען מיטן דייטש, אַז דאָס לעבן וועט צוריק אַוועקגיין פריילעך, ווי געווען. מ'האָט זיך שוין נישט געשראָקן, ווי אין אָנהייב, אַז אָט=אָט וועלן נעמען פאַלן דייטשישע באָמבעס איבער פאַריז. מילא, די, וואָס זענען אַוועק, זענען אַוועק.

ער איז צוריק געוואָרן אַן איינגייער אין די קאַפעס, ווו יידן, פאַרמיטלערס, וואַלוטע=הענדלער, האָבן פאַרפולט די טישלעך. עטלעכע יידן מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ האָבן דאָרט צונויפגעקליבן אַ פּאָר פראַנק פאַר די „אָרעמע ברידער“, וואָס זענען געגאַנגען פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן די טישלעך, נישט געפונען קיין היימישע פנימער, און ס'האָט אים אַרויסגעטריבן. אים האָט כסדר געהאַמערט אין מוח — ראָזעט. ער האָט געוווסט, אַז זי איז פאַרבליבן איינע אַליין, אַז זי איז צוריקגעקומען פונעם פאַרוואָרפענעם דאָרף, ווו זי איז אַנטלאָפן מיטן קינד אָנהייב סעפּטעמבער. זי קאָן זיך אוודאי אַליין קיין עצה נישט געבן. אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם „הויז“. מען לעבט פון גרייטן.

אַ האַלבן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די קאַפעס, געגאַנגען אַהין, געגאַנגען אַהער, ביז די פיס האָבן אים אָוונט=צייט אַליין אומגעריכט פאַרפירט צו איר גאַס, צו איר הויז, צו אירע שטיגן. ער האָט זיך געכאַפּט און איז אַריבער אויפן אַנדערן טראָטואַר. מיטן צופאַלן פון פריען אָוונט איז טונקל געוואָרן אין די שמאָלע געסלעך, פינצטערער ווי אומעטום; די פענצטער זענען געווען געדיכט פאַרהאָנגען. ער האָט מער נישט געדענקט, ווי אַזוי ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען פאַר אַ ברוין געפאַרבעטער טיר מיט אַ קליין מעשן בלעטל. נישט אָן פלאַטער האָט ער אַ דריק געטאָן ביים גלעקל. ראָזעט האָט נאָר וואָס געלייגט דאָס קינד שלאָפן און זיך געקליבן ערגעץ אַרונטערצוגיין, איבערלאָזן צו היטן ס'הויז דעם מיידל. אַציינד האָבן זיי שוין געוווינט באַזונדער פון טאַטע=מאַמע, אין דער זעלבער גאַס, אָבער אָפּגעטיילט פונעם הויז, ווו ס'האָט זיך אַלעמאָל געקאָכט און געדודערט. זי איז געווען דווקא אָנגענעם איבערראַשט:

— האָסט פונדעסטוועגן צייט געהאַט, אַווערעמעלע, איבערצולאָזן דיינע געשעפטן און אַרויפצוקומען? — האָט זי אים אויפגענומען אין קליינעם, בלויען פאָדערצימער. — אין אַזאַ צייט... אין אַזאַ גאָלדענער צייט...

אַ הייסע כוואַליע איז אים אָנגעלאָפן אין נאַקן אַריין, און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אין זיך אַ גרויסן כוח.

— פאַר דיר, ראָזעט, ווייסטו דאָך, האָב איך אַלעמאָל צייט געהאַט... מילא, האָסטו דאָך אָבער נישט געוואָלט...

— כ'זע, אַווערעמעלע, האָסט נאָך, אויף מיין וואָרט, נישט פאַרגעסן... — האָט זי געלאַכט שיין און מיידלעריש און אים אַריינגעפירט אין קליינעם סאַלאָן.

דער געמיטלעכער צימער האָט זיך פּלוצים אָנגעגאָסן מיט אַ צו רוישיק ליכט. די פֿענצטער זענען געווען געדיכט פֿאַרהאָנגען. אַלץ האָט דאָ געבלאַנקט; אַלץ איז דאָ געווען ניי, העל און מאָדערן. נישט אַזוי זי, ראָזעט, ווי זשאַק, האָט עס אַריינגעלייגט זיין גאַנץ געדולד אינעם הויז אַריין, צו מאַכן עס וואָס שענער, וואָס באַקוועמער; פּונקט אַזוי איבערגעגעבן און פֿלינק, ווי ער איז געווען אין דער אַטעליע, ביי די מאָדעלער, אַזוי געשיקט איז ער געווען, דער פּשוטער אַרבעטזאַמער יונגערמאַן, ביים איינאָרדענען זייער הויז, זייער אינטים ווינקל. אָבער עפּעס האָט דאָ אַווּרעמעלע נישט אָנגעזען, אַז ראָזעט זאָל זיך טאַקע פֿילן אַזוי גליקלעך. ער האָט עס גלייך דערכאַפּט. ער האָט עס דערזען אין איר גענוג נאָכלעסיקן אָנטאָן זיך, אין איר אומגעוויינלעכער פּאַדטשעניקייט, נאָכמער ווי מיידלוויז, אינעם הויז, אין דער אַטעליע. אַ פֿרוי אין איר בליענדיקן עלטער, אין איר סיטואַציע איז נישט מער אַזוי פֿאַרהאָרעוועט, וויל געניסן, אַריינכאַפּן, בפֿרט פֿון שטוביקן גליק. איר פּלוצימדיקע אויפֿגעלעבטקייט האָט עס איז גאָכאַמאָל געבראַכט אויפֿן רעיון. זיי האָבן ביידע געריכערט, און איידער זי איז געלאָפֿן אָנזאָגן דאָס שטובמיידל צו דערלאַנגען קאַפֿע, האָט ער איז נאָך באַוויזן אַ זאָג צו געבן, אַריינצוזאָגן, אייגנטלעך:

— אָט אַזוי עלטערט מען זיך אין פֿריידן, אַ?...

— געפֿינסט טאַקע, אַז כ'בין עלטער געוואָרן, אַווּרעמעלע? — האָט זי זיך, נישט אָן נייגעריקייט און צערוימלט, נאָכגעפֿרעגט. — זאָג מיר דעם אמת...

— וואָס איז די נפֿקא־מינה? פֿאַר מיר וועסטו אַלעמאָל פֿאַרבלייבן יונג און שיין, — האָט ער געענטפֿערט אויסמיידנדיק, — נישטאָ וואָס צו רעדן... מיר האָבן אפֿשר ביידע נישט גענומען דעם ריכטיקן וועג אין לעבן... נאָכוואָס לייקענען? וואָס, כ'זע נישט? כ'האָב ליב צו זאָגן אַזוי ווי ס'איז...

— הייבסט שוין אָן... — האָט זי נישט אויפֿגעהערט שיין צו לאַכן, — שאַ, לאָמיר בעסער הערן, ווי גייט עס ביי דיר, דאָס ווייבל, ס'קינד? ביסט כאָטש צופֿרידן? וועגן די געשעפֿטן דיינע פֿרעג איך נישט. מען שמועסט שוין, הער איך, אין גאַס...

— ס'טרייבט מיך אַרויס, פֿאַרשטייסט?... אַ גערויש, אַ געטומל, אַ גראַטשקע. ס'קינד וויינט... פֿריער זעט אַלץ אויס שיין און דערנאָך... די אַרבעט, די געשעפֿטן... כ'זאָל נאָר האָבן אַזויפֿיל סחורה, ווי מען רייסט ביי מיר פֿון די הענט. מען דאַרף אַריינשטעלן נייע מאַשינען. הענט פֿעלן... האָבן געכאַפּט און זענען אַלע אַנטלאָפֿן צושטעלן זיך אין דער אַרמיי. ווער האָט זיי דען געבעטן? ס'האָט זיי עמעצער געיאָגט?...

— דו לאַכסט, זע איך, פֿון אַלעמען, און מיין זשאַק פֿינצטערט דאָרט אָפּ ערגעץ אויף אַ פֿאַרוואָרפֿענעם סעקטאָר... אים איז אומעטיק, שרייבט ער, ער בענקט...

— און איך, ראָזעט, מיינסטו, בענק נישט? כ'בענק אויך...

— דיין ווייבל איז, דאַכט זיך, אין דער היים. וואָס איז אויף דיר דאָס בענקעניש?

— וואָס האָבן מיר לאַנג צו רעדן? דו ווייסט דען נישט אַליין?

— איי, מענער, מענער... מען וואָלט אייך אַלע באַדאַרפט... — און זי האָט זיך, לאַכנדיק מיט אירע גרינע אויגן, פאַרמאָסטן מיטן קליינעם, פאַרהויבענעם פויסטל אין דער לופטן.

— און ביי דיר, — האָט ער געפרעגט, — איז שטיל, אַ, זינט זשאַק איז אַוועק?

— וואָס קאָן איך דען איינע אַליין אויפטאָן? כ'בין נישט לאַנג צוריקגעקומען פון דעם פאַרוואָרפענעם העק אין דער נאָרמאַנדי מיטן קינד. טאַטע־מאַמע זענען שוין אַלטע לייט. כייבי וואָלט כאָטש מיין ברודערל דאָ געווען. זענען אים געלעגן אין זינען נאַרישקייטן... פון דיינע אַמאָליקע מענטשן... אָבער פון הונגער שטאַרב איך נאָך נישט. אַוורעמעלע, האָסט נישט וואָס צו קלאָגן איבער מיר...

אירע וויעס, דאָס גרינע גלענצל אין אירע אויגן, האָבן זיך צוריק אָנגעגאָסן מיט פרייעלעכקייט, מיט יענעם פאַרלאָקנדיקן, וואָס האָט אים אַמאָל כסדר אַזוי געצויגן צום רוישיקן הויז ביי בעריש שניידער. ער האָט איצט געקוקט אויף איר מיט זיינע פלוטעוואַטע אויגן און באַמערקט, אַז זי איז געוואָרן פולער, אויסגעפילטער, און אַזאַ מוטערלעכע, יונגע וואַרעמקייט האָט ווי געשלאָגן פון איר אינגאַנצן. מיידלוויז, האָט ער זיך דערמאָנט, איז דאָס געווען אַ פאַרגרינטס, אַ פאַרדאַרטס, אָבער אַ חנעוודיקס. טאַקע וויאַזוי האָט ער דען געקאָנט פאַרגעסן ראָזעטן? אַזוי אומגעריכט, ווי אַלץ האָט זיך עס דעמלט געטאָן אַ מאַך. אירע טאַטע־מאַמע וואָלטן דען נישט געווען באַשטאַנען? פאָרט אַ היימיש יינגל, אַן אויסטויגער. וואָס קומט דען אַרויס פון די אַלע פאַריזער לייכטע שידוכים, אויפן שפרונג? כאָטש אַלע אין דער משפחה האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז געווען אַ גליקשידוך. דער דאָ, אַוורעמעלע, האָט מען אָבער גלייך געקאָנט זען, וועט ווייט אַוועק, גאָר ווייט. אין דער צייט, ווען דאָס יידישע פראַנצויזישע בחורל זשאַק, איז געווען אַ שטילער, אַן אַרבעטזאַמער, האָט נישט פאַרמאָגט די באַזונדערע פלינקייט, וואָס די מערסטע אָנגעפאָרענע פון „דאָרט“ האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך. דאָס געיאָגטע און געפלאָגטע לעבן, זעט אויס, האָט עס זיי אַזוי אויסגעלערנט פלינק צו זיין.

— זאָג כאָטש דעם אמת, — האָט זי אים פלוצים געפרעגט, צוריקקערנדיק זיך צום טיש. נאָכדעם ווי זי האָט צוגעלענט די טיר, — נאָכוואָס ביסטו ווידער געקומען?

— כ'האָב דיך ליב, — האָט ער געלאַכט, — נישט פון היינט. דו ווייסט...

— ביסט משוגע, אויף מיין וואָרט... וואָס דיר פאַלט איין... אַוורעמעלע...

דערנאָך איז ער געווען אומעטיקלעך, האָט אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן נאָך אַ סיגאַרעט. ער האָט געזאָגט:

— כ'וויל, ראָזעט, אַז דיין ענערגיע זאָל נישט פאַרלוירן גיין, פאַרשטייסט? איך שאַץ יאָ אָפּ דיין קאָכעדיק בלוט. כ'וויל נישט, זאָלסט בלייבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. נישאַנטשען זיך מיט קינדער איז נישט געמאַכט געוואָרן פאַר דיר. כ'וויל זאָלסט מיר צוהעלפן. וואָל איז דאָ, סחורה רייסט מען.

דאָ האָט זי שוין גענומען צוהערן זיך מיט קאָפּ. ער רעדט אפשר גאָרנישט אַזוי קרום, דער צעדרייטער אַוורעמעלע. זי האָט אויך דערפילט, אַז ס'טרייבט אים טאַקע אַרויס פון דער היים. אַזאַ נאַר איז זי פונדעסטוועגן נישט געווען; און אויף אַ סתם געלעכטער האָט זי זיך אויך פאַרשטאַנען, ווייל נישט אַלעמאָל חכמעט מען זיך גלאַט אַזוי. אָבער זייגע רייד לייגן זיך פאָרט אויפן שכל.

11

צום וויכטיקן כלל-טוער, צו דעם ייד מיכלסאָן, איז מער נישט געווען צו דערשפאַרן זיך אין יענע הייסע טעג; אָבער דער פלוטעוואַטער יונגערמאַן, אַוורעמעלע, איז, נישקשה, צו אים אויך אָנגעקומען. ער האָט עס גאָר אַליין אויף אַזויפיל נישט געוווסט, אַז דעם קוזינס נאָמען איז געווען ווי אַ מין כישוף-שפּרוך פאַר אָט דעם ברייטלעכן ייד.

— ס'אי גוט... — האָט מיכלסאָן אויסגעזונגען און אַליין גלייך געכאַפּט און אים צוגערוקט אַ שטול אין זיין אָפּגעשלאָסענעם קאַבינעט, פול מיט די טוכלע ריחות פון מלוכה-ביוראָען, — צי איך קען אים... דאָס איז, מיין פריינד, אַ מענטש מיט ענערגיע... מיט איינפלוסן...

דער ייד מיטן הויכן שטערן, מיט די פאַרבלאָזע אויגן אונטער די צו גרויסע ברילן האָט איצט, קאָן מען זאָגן, געקיניגט אין ניי-געשאַפענעם פאַריינדל פון פוילישע יידן. אָן אַ שיעור עניגים האָבן זיך אין יענע בהלהדיקע פאָר חדשים געהאַט אָנגעקליבן צו דערליידיקן צווישן דעם פאַריינדל און דער פּראָוויזאָרישער פוילישער גלות-רעגירונג, וואָס איז דעמלט אויף דער שנעל צונויפגעקלאַפּט געוואָרן אין פראַנקרייך. אין פריערדיקע צייטן, נאָך גאָר נישט לאַנג, האָט מען דאַכט זיך, די זעלבע געטריבן פון דער שוועל אַראָפּ פון קאָנסולאַט, פון די אַלערליי מיסיעס, רייזע-ביוראָען, האַנדלס-פאָרשטייערשאַפטן, פון די אַמטן, וווּ געווייסע סאָרטן חניפהדיקע לייט האָבן אַלעמאָל געזוכט דורך די הינטער-טירן אַריינצושטעקן די נאָז. אָבער אַצינד, ווען דער דייטשישער שטיוול איז שווער געטראָטן אויף דער פוילישער ערד, ווען מ'האָט באַדאַרפט צו האָבן דעליקאַטע איינפלוסן אין דער וועלט-שטאָט, דער עיקר צווישן די גרויסע סאָציאַליסטישע

קעפּ, צווישן וועלכע אַ געוויסער מין ייִדן האָט נישט קיין קליינעם צוטריט, און צוליבן סאַמע וויכטיקסטן טאַקע — פּוילישע ייִדן זאָלן גיין אין דער ביי־געשאַפענער פּוילישער אַרמיי אין גלות, האָט מען פּלוצים גענומען רעדן זיסע רייד, קושן זיך ממש אין די פּיסקעלעך...

אַזאַ חשובֿע פּערזאָן ווי מיכלסאָן האָט אוודאי נישט געקאָנט שטיין אין אַ זייט פֿון דעם אַלעמען, וואָס האָט זיך פּלוצים, איבער נאַכט, געטאָן אַ מאַך. ער איז אויפֿגעריכט געוואָרן, דער ייִד, ווייל אין דער נאַציאָנאַלער פֿעדעראַציע פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן, ווו ער איז נאָך פֿריער געווען אַ גאַנצער אויפֿטוער, איז עס, מוז מען מודה זיין, לעצטנס געגאַנגען אַלץ ערגער. דער עולם פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן איז זיך פֿון דאָרט צוביסלעך פֿאַנאַנדערגעקראָכן. זינט ווען די ייִדן פֿון די סאָסיעטעס האָבן זיך איבעראָרגאַניזירט און אויפֿגעהערט צו פֿאַרנעמען זיך בלויז מיט קבֿר־ענינים, מיט רחמנות־פֿילאַנטראָפּיע, נאָר אויך אַלץ מער מיט ענינים, וואָס האָבן אַ דירעקטע און לעבנס־וויכטיקע שייכות צו דער עקזיסטענץ פֿון ייִדן דאָ אויפֿן אָרט, טאַקע אויך מיט קולטור־אָנגעלעגנהייטן, מיט געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן, מיט פּעטיציעס וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פֿון אויסלענדער, מיט הילפֿס־אַקציעס, ווי, למשל, פֿאַר דייטשישע ייִדן פֿון פּוילישער אָפּשטאַמונג, וועלכע זענען אין יענעם פֿאַרלעצטן זומער ליגן געבליבן אויפֿן נייטראַלן גרענעץ־פּאַס, צווישן פּוילן און דייטשלאַנד, אין זבאָנשין, — זינט דעמלט האָט זיך זעלטן ווען אַהין עמעצער אַרויפֿגעוויזן. די גרויסע, שטויביקע לאָקאַלן האָבן צוביסלעך גענומען פּוסטעווען.

דער סעפּטעמבער־רוף פֿון אַמבאַסאַדאָר ראַטשקעוויטש צו אַלע פּוילישע בירגער, צעקלעפּט אויף די מויערן און ווענט פֿון דער שטאָט, זיי זאָלן גיין רעגיסטרירן זיך אין דער פּוילישער אַרמיי אין פֿראַנקרייך, האָט זעלטן ווער צווישן ייִדן גענומען ערנסט: גיין זיך שלאָגן מיט די זעלבע, וואָס האָבן אין דער היים געשטיקט, פּאָגראָמירט, מיט די זעלבע, וואָס האָבן ערשט נעכטן, אָן אַ פֿאַרוואָס, צוגענומען די פּוילישע בירגערשאַפֿט ביי מאַסן ייִדן, שיקאַנירט אַפֿילו דאָ, אין דער פֿרעמד — אַזעלכע בעלנים זענען כמעט נישט געווען.

אין די פֿראַנצויזישע רעקרוטירונגס־ביוראָען פֿאַר אויסלענדישע פֿרייוויליקע איז געזעסן אַ ייִדישער דאָקטאָר, אַ וויכטיקער קאָמיטעט־מיטגליד פֿון זעלבן פֿאַריינדל, מיט אַ גרוי, שיין פֿאַרשניצט קאָמעץ־בערדל, ווי אַ בלייפֿעדער, אַ פֿאַרפֿומירטער, און האָט די ייִדישע שניידערס פֿון בעלוויל שטאַרק געמוסרט, פֿאַרוואָס זיי גייען נישט בעסער זיך רעגיסטרירן אין דער פּוילישער אַרמיי, גערעדט צו זיי שיינע רייד וועגן פּאַטריאָטיזם וכדומה. מען האָט זיך דאָרט, פֿאַרשטייט זיך, גאַנץ שיין אויסגעלאַכט פֿון אים מיט זיין פּאַטריאָטיזם. דאָס פֿאַריינדל, וואָס איז אין די לעצטע פּאָר וואָכן אין דער שנעל צונויפֿגעקלאַפּט געוואָרן, האָט דעריבער געהאַט זייער וויכטיקע אויפֿגאַבעם דורכצופֿירן צווישן ייִדן;

און מיכלסאָן האָט עס טאַקע אַליין גענומען זייער ערנסט. אין דעם יידישן בלאַט, וואָס איז גראָד רעמלט, בעתן קריג אין פינלאַנד, געווען פול מיט מיאוסע אָנפאַלן אויף די סאָוויעטן, האָט ער זיך אַפילו דערלויבט צו מוסרן די נעכטיקע פוילישע הערשער, וואָס ריכטן דאָ אָפּ גלות. פאַרט, מ'האָט פאַרן עולם געמוזט באַווייזן, אַז מ'איז נישט אינגאַנצן באַלד שוה=בשוה. מיר, יידן, האָט ער פייערלעך אויסגעפירט אין זיין וויכטיקן מאמר, ווייסן וואָס גלות הייסט, און זאָלן די, וואָס דערפילן איצט דעם טעם, אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר=השכל אויף ווייטער. יענע ווידער האָבן, מיט אַ סך צביעות, די שולד אַרויפגעוואָרפן אויף די, וואָס האָבן „ווייניק פאַרשטאַנען אין דער וויכטיקייט פון אויפריכטיקער און לאָיאַלער צוזאַמענאַרבעט מיטן מיטבירגער". מיט איין וואָרט...

אָבער אַרום דעם פאַריינגל זענען זיך גראָד צונויפגעפאַלן פאַרשידענע אינטערעסן צווישן די, וואָס האָבן זיך דאָרט געדרייט. יידישע סאָציאַליסטן, ציוניסטן, כלערליי אָפּאָזיציאָנערן, טראָצקיסטן, בפרט די פון „בונד", האָבן לייכט און אָן שום פאַרבאַהאַלטן געדרונגען, אַז וויבאַלד די נייע פוילישע רעגירונג אין גלות איז אַזוי ברייט דעמאָקראַטיש און האָט אַזוי העפלעך איינגעלאַדן אין נאַציאָנאַל=ראַט און צווישן אירע פאַרטרעטער אויך לינקערע עלעמענטן, און אַפילו יידן, ציוניסטן און סאָציאַליסטן, דאַרפן זיי אויך נישט שטיין פון דער ווייטן. אין זייער בלעטל האָבן זיי שטאַרק געלויבט די קומענדיקע „לאָנדאָנער" וועלף, פאַרמאַסקירטע אין שעפסן=פעלעכלעך, און געשאָטן פעך און שוועבל אויף די סאָוויעטן. אייניקע ווידער האָבן דאָ גאָר אָנגעשמעקט, אַז עס האָט אפשר צו טאָן מיט וויכטיקע מיליטערישע באַשטעלונגען; אָבער דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס כמעט אַלע אַזעלכע זענען דאָ אויסן געווען, איז — פשוט אַרויסצודרייען זיך פון מיליטער. זאָלן אַנדערע יידן גיין אויף זייער אָרט. וואָס?... און די פלינקע מאַכערס האָבן אַזעלכע זאכן נישט שלעכט אויסגענוצט. ס'איז שטילערהייט אָנגעגאַנגען אַ גאַנצער האַנדל.

— אייער קוזין האָב איך גוט געקענט... ווי שייך... — האָט זיך מיכלסאָן געווישט די ברילן, — אין אונדזערע אינסטיטוציעס האָט ער זיך געלאָזן ברייט קאָסטן אויף כלל=זאכן... און טאַקע פאַרן ציוניזם...

שוין דעמלט האָבן זיך די שיטערע, אויפגעבלאָזענע וואָנסן ביי אים געגרויט; אָט די פריצישע וואָנסן האָבן נאָך אוודאי באַדאַרפט צו שטאַמען פון יענע ראָמאַנטישע יאָרן, וואָס האָבן שוין איצט אויסגעקוקט אַזוי שרעקלעך ווייט, ווען ער האָט זיך דאָרט געפלעגט מיטצוטומלען אויף די סאָציאַליסטישע בערזעס — אין דער אַלטער היים נאָך, שפּעטער אין די סטודענטן=קרייזן פון דער שווייץ, אין בערן און זשענעוו, אויף די סאָציאַליסטישע און ציוניסטישע קאָנגרעסן; כמעט אַלע האָבן זיי דאָרט אין יענע יאָרן געפלעגט צו טראָגן אויפגעבלאָזענע

וואָנסן, ברייטראַנדיקע היט, לענגלעכע האָר, א סאַטינענע העמדל און צוויקערס, מיט אַ שוואַרץ שנירעלע אונטערן אויער.

ס'איז געווען אין א געוויינלעכן נאָכמיטאָג, ביי אים אין קאַבינעט, די שטאָרן זענען געווען טיף אַראָפּגעלאָזן, ווייל דער בולוואַר אונטן האָט געראַשט מיט טויזנטער קולות זינט די פּאָר מלחמה־חדשים. צום מזרח־וואָקזאַל, באַלד דערלעבן, האָבן זיך געשפּאַרט המונים אַרום די גרויע רעגימענטן, וואָס זענען אין די לאַסט־וואַגאָנען יעדן טאָג אָפּגעפאָרן צום פראָנט. מיכלסאָנען איז באַלד געפעלן געוואָרן די ענערגיע פון דעם יונגענמאַן. ער האָט, נאַטירלעך, באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס אים גייט דאָ דער עיקר. מילא, דערליידיקן דאָרט אַ שטיקל פּאַפּירל אין פּוילישן קריגס־מיניסטעריום וועגן אַ פאַרלענגערונג גערופן צו ווערן אין דער אַרמיי, אָדער וועגן צוטיילן צו דער ספּעציעלער קאַטעגאָריע פון „קריגס וויכטיקע אין הינטערלאַנד" — דאָס אַלץ דורכצופירן איז, פאַרשטייט זיך, געווען א קלייניקייט; א וואָרט אהין, ווו מען באַדאַרף, און מ'האָט עס תיכף אויסגעשטעלט, וויבאַלד ס'איז נאָר געווען אַזאַ חשובע אונטערשריפט ווי מיכלסאָנס. לויט ווי ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן פון יונגענמאַנס נישט דערזאָגטע רייד און פון זיין קוזינס רעפּוטאַציע, גייט עס דערווייל אין די געשעפטן גאָרנישט שלעכט. ווייל, ווי געוויינלעך, — ס'דאַרף קאָסטן. מען דאַרף אמאָל א שמיר טאָן דאָרט, ווו ס'איז נייטיק. אָבער זיין שיטן פלאַם און פייער אויף די סאָוויעטן, אויף די נעכטיקע חברים זיינע... ווי שיקט זיך עס? אַזאַ יונגערמאַן איז אוודאי ערשט נישט לאַנג צוריק געווען פון די פאַרברענטע... פון יענע לייט... אָבער, זעט אויס, אַז עס געפינען זיך פאָרט יונגעלייט, וואָס דרינגען ריכטיק... און כאָטש דאָ און דאָרט קומען צו גיין אַזעלכע אַנטוישטע יונגעלייט, האָט ער געפילט, מיכלסאָן, אַז די פאַרביסנקייט ביי זיי דאָרט איז נאָך אפשר א שטאַרקערע ווי פריער. אפילו תפיסות און לאַגערן שרעקן זיי נישט אָפּ. זיי זענען טאַקע אַראָפּ פון דער אויבערפלאַך, אָבער די אונטערערד... איז נאָך געפערלעכער...

— כ'מיין... — האָט ער זיך געפרוווט, — דער אָפּמאַך מיט היטלערן האָט זיי גאָרנישט... זיי זאָגן טאַקע גאָרנישט?...

— זיי זאָגן, איר ווייסט... — איז דער יונגערמאַן פון דער אומגעריכטקייט געבליבן א ביסעלע צעטומלט, — אַז מ'עט נאָך זען, ווער ס'וועט אים שלאָגן, היטלערן... אוודאי נישט די, זאָגן זיי, וואָס האָבן אים אויפגעשטעלט... איר הערט כאָטש רייד?!...

עפּעס איז פאָרט דערין, — האָט מיכלסאָן נעפּלדיק א קלער געטאָן און געוואָלט גיכער זיך אַליין פאַרשרייען...

— דאָס אַלץ, יונגערמאַן, זענען, נאָך אַלעמען, „גוישע" געשעפטן... דערווייל האָבן מיר, יידן, גאָרנישט צו טאָן דערמיט... עס גייט דער עיקר אין דעם, אַז ביי די קומענדיקע שלום־פאַרהאַנדלונגען... כ'מיין, ביים קייַלעכדיקן טיש,

הייסט עס... זאָלן יידן זיין אַ גלייכער צד מיט אַלעמען. וועגן איבעריקן וועט מען שוין ווי נישט איז אדורכקומען... והראיה — מיט אָט די פּאָליאַקן, א שטייגער... — —

פון דעמלט אָן איז דער פּלוטעוואַטער זונגערמאַן געוואָרן אַן אָפטער איינגייער צו מיכלסאָנען אין די ביוראָען פון דעם פּאַרייגדל; ס'האָט זיי איצט, קאָן מען זאָגן, פאַרבונדן א טיפערע אינטערעסן־פריינדשאַפט. ער האָט זיך, באַטירלער, געלאָזן קאָסטן, אוורעמעלע. וואָס פאר א ראָלע האָט עס דען געשפּילט? ס'האָט זיך טאקע געהאַנדלט וועגן באַשטעלונגען אויך. פאַרוואָס נישט? די פעלדגרינע מיליטערישע סוועטערס זענען געגאַנגען אין היפּשע פּאַרטיעס. כאָטש די פּרייזן זענען געווען פאַרקאָנקורירט, האָט עס נאָך אַלץ געלוינט. אחוץ דעם האָט זיך ראָזעט פאַרנומען מיט דער שניידעריי־אַטעליע. דאָ איז זי געווען אין איר עלעמענט — שינעלן, הויזן, וועסטן, אחוץ זייטיקע זאכן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ביסט פאָרט אַן אויסטויגער, אוורעמעלע... — האָט די ראָזעט, א פאַרפלאַמטע, א שיינענדיקע, אים שטארק געליבט, ווען ער איז געקומען טאקע מיט היפּשע באַשטעלונגען, ווען מ'האָט געהאַלטן אין איין ליווערן און ס'האָט זיך געקאָכט.

— הי־הי... — האָט ער געלאַכט מיט זיין פּלוטעוואַטע געלעכטער, שטאַרק צופרידן, — כ'האָב עס גאָר, הערסטו, אליין נישט געוווסט... — און ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אין זיבעטן הימל פון אירע צוגעלאָזענע רייד.

אין די ווינטער־חדשים, ארום ניי־יאָר, איז פאָרגעקומען א באַל לטובת די „אָרעמע סאָלדאטן", וואָס ליגן דאָרט ערגעץ נעבעך אויפן פראָנט, אוועקצושיקן זיי פּעקלעך, וואַרעמע אָנטאָן, און ער האָט זיך קוים איינגעבעטן ביי ראָזעטן, זי זאָל מיט אים מיטגיין. אין יענע פאָר שטילע ווינטער־חדשים, ווען מ'האָט זיך שוין מער נישט געשראָקן, אז די דייטשישע באָמבעס זאָלן פּלוצים נעמען פאַלן איבער די קעפּ, איז נאָך אין פּאריז געווען גאַנץ פריילעך. מילא, די, וואָס זענען אוועק, — זענען אוועק. מ'האָט צוריק געארבעט, מ'האָט נישט שלעכט פאַרדינט; און א היימישער באַל פאר אזעלכע וויכטיקע צוועקן איז גאַנץ גוט באַזוכט געוואָרן. די ווייבער זענען געווען אויסגעפּוצט, ווי ס'וואָלט גאָר קיין מלחמה נישט געווען אויף דער וועלט.

— א בראָך איז צו מיר... וואָס וועלן דען מענטשן זאָגן? — האָט זיך ראָזעט נישט געקענט שענקען, ווען זי האָט זיך אין יענעם ניי־יאָר־אָוונט אויסגעפּוצט מיטצוגיין מיט אוורעמעלען אויפן באַל. — אז כ'בין א... כ'ווייס אליין נישט וואָס... דער מאן ליגט ערגעץ אויפן פראָנט, און איך גיי דאָ ארום הולטייעווען...

ס'זענען אָבער געווען נאָך אזעלכע ווייבלעך ווי זי, וואָס האָבן זיך אויסגעפּוצט און געגאַנגען אויף די ניי־יאָר־בעלער. פאַרן ווייבל זיינעם, וואָס איז

דאָרט זיצן געבליבן אין דער היים מיטן פּיצל קינד, האָט אַוורעמעלע אויסגעזוכט אלערליי תירוצים, און שפּעט אין אָוונט, ארום צוועלף ביינאכט, באגלייט אין א טאקסי ראָזעטן צו די שיינע זאלן ערגעץ ארום מאָנפּארנאס, — וווּ קיין שרייענדיק ליכט האָט זיך שוין מער נישט אָנגעזען אין דרויסן — ס'איז פּאָרט געווען מלחמה=צייט. די גאַסן אַרום זענען געווען פאַרטונקלט. ס'האָט געשאָטן אַ דין, ערב=ניי=יאָר=שנייעלע, וואָס איז באלד צעגאנגען אויף דער נאָז, אויף די אויגן. מען ווייסט גאָרנישט, פון וואנען דער אוורעמעלע האָט זיך אויסגעלערנט אָט די אלע שיינע מאניערן. ער האָט ראָזעטן אין איר לאנג קלייד געפירט איבער די מארמאָרענע טרעפּן און איבער די שפּיגלדיקע זאלן מיט אזא עלעגאנץ, אז ס'איז געווען צו וווּנדערן זיך. מיכלסאָן אַליין האָט זיי דאָרט ברייטלעך אויפגענומען.

— כ'האָב דעם כבוד... אייער פרוי? — און ער האָט וואַרעם, מיט א פּארגויג, געדריקט די האנט ראָזעטס.

ביידע, אוורעמעלע און ראָזעט, האָבן זיך, קוים שמייכלענדיק, איבערגעקוקט, און ס'איז זיי אַפילו נישט געגאנגען אין גאנצן לעבן אויסצובעסערן אָט דעם קליינעם טעות. מילא, זאָל מען מיינען. פארקערט, אוורעמעלען האָט עס זייער געשמייכלט און הנאה געטאָן.

א גאנץ אייגנארטיקע געזעלשאפט האָט זיך דאָרט אין דער סילוועסטערנאכט צונויפגעטראָפן ארום די רייך=געדעקטע טישן. געווען דאָרט א פּאָרשטייער פון קאָנסולאַט, און אַפילו עפּעס אַ פאַררוסענער פּוילישער אָפיצער איז דאָרט אויך געווען. נאָך די פייערלעכע רעדעס וועגן „געמיינזאמען שונא, וואָס טרעט מיט זיינע שווערע שטיוול אויף דער פּוילישער ערד", האָט מען געזאמלט פאר די „אָרעמע סאָלדאַטן", וואָס ליגן אויף די פראָנטן. מ'האָט דערנאָך געטרונקען פארן געזונט פון פּאָטערלאנד. ווי שייך.

א ביסל האָט ער זיך פונדעסטוועגן דערפילט מאָדנע, אוורעמעלע, אין אָט דער געזעלשאפט.

— און די אלע וועלן אונדז שוין, מיינט איר, ברענגען די ישועה?... — האָט ער, שפּאַנענדיק דערנאָך זייט ביי זייט מיט מיכלסאָנען איבערן געוועקסטן זאל, צווישן די טאַנצנדיקע, אין געלעכטער כלומרשט, אים א פרעג געטאָן. — עפּעס זאָגט מיר דאָס הארץ...

יענער האָט אים א ווײַלע אומרואיק און צעטומלט אָנגעקוקט:

— איר דארפט פארשטיין, יונגערמאַן... — האָט ער זיך א ביסעלע געקרעקט, דער אלטער, — מען דארף אמאָל... ווי זאָגט מען עס... קענען צוקוקן דאָס גרייטע... יאָ, מסתמא דארף מען אזוי...

אין פינצטערן באַגינען האָט אַוורעמעלע אָפּגעפירט ראָזעטן מיט אַ טאַקסי אהיים צו זיך. זי האָט זיך מיד אָנגעלענט אין זיין אקסל. דורך דער דינער קעלט און דורך אלע קליידער האָט ער דערפילט, ווי ס'נעמט אים אדורך איר צאַפּלדיקע,

אראָמאַטישע װאַרעמקייט. איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט האָט געגרויט א
נייער טאָג. קיינער האָט נאָך אָבער נישט געוווּסט, וואָס ער וועט מיט זיך מיט=
ברענגען.

12

דער פאַרוואָרפענער לאַגער פאַר די שפאַנישע מיליציאָנערן, צופוסנס די
שניי=באַדעקטע פירענייען, האָט זיך אין יענעם סוף נאָוועמבער פון טאָג צו טאָג
אַלץ מער גענומען אויסליידיקן. דאָס זענען געווען די רעשטלעך פון דער רעפּוב=
לער רעפּובליקאַנישער אַרמיי, אַרויסגעשטויסן נאָך די שווערע, ביטערע קאַמפן
אין ריקצוג צו די פלאַכע פישער=ברעגן ביים מיטללענדישן ים אין פראַנקרייך. די
לעבעדיקע, ענג צונויפגעטוליעטע באַראַקן האָבן שווער געקרעכצט אין רייסנ=
דיקן ווינט פון טיפן נאָוועמבער. אין דער פאַרוואָרפענער פישער=בוכטע האָבן די
ווינטן נידעריק אונטערן פינצטערן הימל אויפגעהויבן דעם הוניקן זאַמד=שטויב
אין געווירבל, אין זיילן און וויט פאַנאַנדערגעטראָגן אים אַרום די ברעגן. צווישן
די מאַסטן פון די פאַרלאָזענע פישער=שיפלעך האָבן מער נישט געפלאַטערט די
משוגעם. זעלטן ווען האָט זיך שוין איצט, מיטן מלחמה=אויסברוך, געצייכנט אויפן
האָריזאָנט דער ווייטער סילועט פון א זעגלשיף אָדער דער געדיכטער רויך פון
א דאַמפער. דער גריבערדיקער וועג, לויפנדיק אין א ספּיראַל איבערן זומפּיקן,
פאַרגאָסענעם פּליין, האָט געפירט צום פאַרוואָרפענעם וואָקזאַלכל, צופוסנס די
שטילע באַרג=וועגט. פון דאָרט, פון קליינעם וואָקזאַל, זענען זיי אַלע יעדן פּאַרטאָג
אָנגעקומען, די ציווילע טראַנספּאָרטן פּריווילֿיקע, צום גרויסן, שכנותדיקן מילי=
טער=לאַגער פון פּרעמדן לעגיאָן.

איבערן האַלב פאַרלאָזענעם לאַגער פון די שפאַניער האָבן זיך נאָך געטראָגן
די רויכן פון די ערד=אייוועלעך און שייטערס, הינטער די געדיכטע שטעכל=דראָט=
צוימען האָבן זיי דורך די כמאַריקע טעג אומגעבלאָנקעט זיך אין די זאַמדן, די
אָפּגעשליסענע מיליציאָנערן אין די לאַנגע מונדירן, אויפגעבלאָזענע פון ווינט.
זיי האָבן דאָרט אויסגעקוקט, ווי די זעלטענע עקזעמפּליאַרן הינטער פאַרצוימונ=
גען פון א זאָאָלאָגישן גאָרטן. די בייניקע, פאַרוואַקסענע פּנימער, פינצטערע, זע=
גען געווען בלויז אויגן — גרויסע, הונגעריקע, פיבער=גליענדיקע אויגן. ביים
שטרענג באַוואַכטן טויערל האָט זיך עטלעכע מאָל אין טאָג געטוישט די וואַך
פון די שטייפע זשאַנדאַרמען. איבער די נידעריקע, געמויערטע קאַזאַרמע=געביי=
דעם אויפן נאָמען פון מאַרשאַל זשאָפר קעגנאיבער דעם שאָסיי האָט געקלאַפּט
אין ווינט די טריקאָלאָר=פאָן. זיי האָבן זיך שוין א ליאַדע טאָג געקליבן אַוועקצו=
גיין פון האַנען. אין די קאַזאַרמעס איז איצט געווען איינקוואַרטירט א באַטאַליאָן

פון די שווארצע סענעגאלער טרופּן. זיי האָבן עס באגלייט די שטילע, האלבנאכטיקע טראנספּאָרטן פון די שפּאניער; מ'האָט זיי דאָ דורך הונגער און שיקאנעס אָנגערעגט צו גיין „פרייוויליק" אנגאזשירן זיך אין פרעמדן לעגיאָן. ס'איז פאר א סך פון זיי קיין אנדער ברירה סייווי נישט געווען. אויסער דעם...

די אָנגעפּאקטע מיליטערישע קאמיאָנען האָבן זיי נאָך האלבער נאכט באגלייט צום נאָענטן מיליטערישן קרייז, צו די אויספאָרש־ביוראָען.

די עטלעכע פארבליבענע „באַטווינצעס" און „דאָמבראָווטשאקעס" צווישן די שטילע, פארביסענע שפּאניער האָבן כמעט אלע געהערט צו די לעצטע, די באַזונדערס פאַרדעכטיקע, וואָס זענען אונטער אַ פאַרשטאַרקטן קאָנוואָי צוריקגעברענגט געוואָרן פון דער מיליטערישער אויספאָרשונגס־ביוראָ. אין די ספּעציעלע ביוראָען האָבן זיי דאָרט געזוכט, געניסטערט, דער עיקר צווישן אָט דער אָפּגעשליסענער חברה, די געוועזענע אָפיצערן, די פּאָליטישע קאָמיסאַרן, און די אַלע, וואָס האָבן אַמאָל אומשולדיק געלאָזן פאַלן אַן איבעריק וואָרט.

דעם לעצטן זומער זענען זיי דאָ אָפּגעלעגן, פארגראָבן אין די זאמדן. טויזנטער זענען זיי צוערשט געווען, באלאָדן און אויסגעשטאט מיטן גאנצן קריגס־מאטעריאל. די פארוואונדעטע האָט מען אָפּגעטיילט אין קראנקע־באראקן. זיי זענען דאָרט ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען אין היץ, אין אומפלייט און פון הונגער. מען האָט זיי באערדיקט באלד דערלעבן, אויפן זאמדיקן צווינטער. אזא „פריינדלעכע" אויפנאמע אין לאנד, „די לעצטע פעסטונג פון דער דעמאָקראטיע", האָבן זיי זיך אוודאי נישט געריכט...

ווער וואָלט דען איצט דערקענט דאָס ייִנגל אנרי, וואָס איז מיט קאָרגע דרייטהאלבן יאָר צוריק פארשוווּנדן פון דער טומלדיקער היים אין פאריז? כאָטש אלע האָבן אין די קורצע עטלעכע חדשים ממש געזען, אז די מלחמה קומט, רוקט זיך אָן ווי אַ פינצטערער וואָלקן, האָט זי דעם עקזאַלטירטן ייִנגל געטראָפן אַזוי ווי אין אומגעריכטער צעטומלעניש. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אַ וועלט פון זיסע, ווייטע דערמאָנונגען, און זיך אויפגעכאַפּט ווי אין דער מיט. ער האָט זיך נאָך אַלץ פאָרגעשטעלט, אז זיי וועלן דאָ סוף־כל־סוף באפרייען, ס'וועט זיך אָנהייבן א ניי לעבן — פאריז... בערט... די פריילעכע אילומינירטע נעכט פון 14־טן יולי, די קליינע באלמיזעטן ארום פיגאל און אויפן אלטן מאָנמארטר; די רוישיקע מיטינגען און דעמאָנסטראציעס אויף די פלעצער פון פאריז, דער יוגנט־קלוב מיט די פייערלעך־פארצויגענע פאפיר־קרענץ ערגעץ אין די געדיכטענישן פון די אלטע געסלעך... ווי אלט איז ער דען אינגאנצן געווען?

אָבער דאָ האָט זיך עס אויף אַן אמת אָנגעהויבן. גיי ווייס... ער איז איצט קוים געווען אין מיליטער־עלטער, אָבער די פּראַקטיק האָט ער שוין, ווי אלע דאָ, געהאַט פון אַן אלטן סאָלדאַט. בארצעלאָנע... גוואדאלאכארא... און טערועל... דאָס שטורעמען די עברע... דאָרט טאקע, ביי טערועל, האָבן זיי ביים שטורעמען

די הויכקייטן פֿאַרלוירן דעם בעסטן חבר פֿון יוגנט־קלוב, שלמהלען. דער טויט איז דאָרט, נאָך אַלעמען, געוואָרן זייער א וואָכעדיקער עניין. מ'האָט שוין מער נישט אויסגעשאָסן איבערן פֿרישן בערגל ערד פֿון א חבר, וואָס איז געפֿאַלן, מ'האָט שוין מער נישט פֿייערלעך געשווירן מיט דער פֿאַרהויבענער פּויסט. ס'איז שוין געווען בעתן בהלהדיקן ריקצוג. אַלעמען אָבער האָט זיך נאָך איין מאָל געוואָלט צוריקזען די שיינע, פֿריילעכע, זוניקע שטאָט ביים בלויען אייגוס, די אומפֿאַרגעסלעכע שטאָט באַרצעלאָנע. דאָס האָט אים טאַקע וואָלף אָפּט געזאָגט:

— נאָר דו, מען ווייסט דען, וואָס ס'איז טייערער אין לעבן?... — נאָר אזא שטעטל פֿאַרגעסט זיך נישט לייכט... ניין...

— מיר וועלן זיי נאָך האָבן! — האָט זיך דאָס יינגל איינגעשפּאַרט.

— אין דעם בין איך אויך זיכער, — האָט וואָלף מסכים געווען, — אָבער ווען?

מיט עטלעכע חדשים פֿריער איז נאָך צייט געווען שטיל אַרויסצוגליטשן זיך פֿון הינטער די שטעכל־דראָטן, פֿון גודנעם לאַגער־לעבן, וואָס האָט זיך איינגעפֿרעסן ווי א זשאַווער. אָבער אַצינד איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע. ס'איז געווען מלחמה. ס'האָט געשמעקט מיט פֿאַרשאַרפֿטע דעקרעטן. אַרומדרייען זיך אַזוי אָ, אָן א פּאַפּירל ביי דער נשמה, איז שוין איצט געווען א גרויס געפֿאַר. אומעטום — אָבלאַוועס, רעוויזיעס.

— ביי מיר האָבן זיי גאָכנישט געפֿועלט... — האָט וואָלף געזאָגט פּאַוואָליע, מיט איבערצייגונג, ווי זיין טבע. מ'האָט אים געמעגט גלייבן. ער איז געשטאַנען און האָט זיך געמאַטערט אַרויסצורייסן א קלעצל פֿון אונטער א ליידיקער, פֿאַרלאָזענער נאָרע, וווּ קיינער איז סיייוו מער נישט געשלאָפֿן; ווייל א שטיקל האָלץ צו באַקומען אין לאַגער איז איצט געוואָרן אַלץ שווערער. מ'האָט באַדאַרפֿט אונטערהאַלטן דעם קליינעם שייטער אין דער מיסט־גרוב הינטער די באַראַקן, אָפּצובראָטן א קאַרטאָפֿל אָדער דערוואַרעמען זיך אין די קילע באַגינענס; כאָטש געווינלעך זענען זיי געווען צעזעצט הינטער די ווענט פֿון באַראַק, באַשיצט פֿון ווינט, איינגעוויקלט אין לעכערדיקן ישינעל אָדער אין א קאָלדרע. די וואַסערדיקע זופּן, ווו עס זענען אַרומגעשווומען א פּאָר ליגדזן, זענען געוואָרן אַלץ שיטערער, די קאַרג צוגעטיילטע ברויט־פּאָרציע — קנאַפּער. די פֿלינקע שפּאַניער, וועלכע יענען אין פֿינצטערן באַגינען אַרויס אויף די לאַסט־קאַמיאָנען צו די אויפֿרייסאַרבעטן אין שכנותדיקן מיליטער־לאַגער, אַן אָנגעפֿילטן אַצינד מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן געליאַרעם, האָבן אַלעמאָל עפּעס אַריינגעשמוגלט אומבאַמערקט פֿון דער וואַך. מ'האָט זיי דאָרט, צווישן די פּריוווּיליקע, געהאַלטן אין איין אונטערוואַרפֿן פֿון אַלע זייטן. ס'איז אָבער נישט געווען מיט וואָס עפּעס אָפּצוקאָכן: זיי האָבן דאָ דעריבער ביסלעכווייז אַרויסגעריסן די אינעווייניקסטע ווענטלער, צע־

שלעפּט די ברעטלעך פֿון די נאַרעס. די הינטערשטע ריי אָפּגעלייזיקטע באַראַקן, נאָענט צום ים, האָט זיך שוין איצט קוים געהאַלטן אין רייסיקן געוועמבער־ווינט. אָבער אַלץ איינס האָט זיך שוין איצט קיינער מער נישט אומגעקוקט אפילו. מ׳האָט געוואַרט, אַז עפּעס זאָל דאָ אינגיכן געשען.

פֿון פֿינצטערן, דורכגעווייקטן באַראַק איז וואָלף אין נעפּלדיקן באַגינען אַרויסגעקראָכן צום אַפּעל. ער האָט אָנגעיאָגט אַנרין אין די הינטערשטע, צעשאָטענע רייען. די גאַנצע נאַכט איז ער כמעט ווי נישט געשלאָפֿן. די גרויסע, מיט בלוט אָנגעטרונקענע פֿליי האָבן געמאַטערט, די זלידנע טראַכטענישן האָבן געמאַטערט. ער איז געלעגן אויף דער נאַרע לעבן לאָפּעזן און פּאָנסעקאַן — די צוויי שטילע, פֿאַרביסענע לייטענאַנטן פֿון דער דיוויזיע אויפֿן נאָמען פֿון גאַרסיא לאָרקאַ. ס׳איז אים עפּעס איינגעפֿאַלן. ער איז אין דער שלאָפֿלאָזער נאַכט לאַנג געלעגן און אַריינגעטראַכט: מירל... ס׳קינד... זיין קינד, וואָס האָדעוועט זיך אָן אים. „ס׳ליגט אין בעטעלע — האָט זי אים אַנומלטן, שוין זייער לאַנג אוודאי, געהאַט געשריבן, מירל, — און פּלאַפּלט זיס: דיא־דיא־דיא... ווען דו קאָנסט כאָטש פֿילן, וואָס איך פֿיל, וואָלף... כ׳וועל עס אַמאָל דערציילן פֿאַרן קינד... וועגן דיר... און אַלץ“...

צי האָט ער דען געקענט פֿאַרגעסן, וואָלף? זי האָט נאָך אין זיין פֿאַרבלאָסטער פֿאַרשטעלונג אַלץ געהאַט די לאַבנדיקע אויגן, פֿול מיט זון. איר פּלאַטער איז אים אומפֿאַרגעסלעך נאָכגעגאַנגען. זי איז געווען אַ פּעסט, געזונט מיידל. פֿון איר אינגאַנצן, מיטן בלאָנדלעכן שויבער, האָט געשפּראָצט מיט דאָרפֿישקייט. ס׳האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר אים לעבעדיק די פֿריילעכע אָוונטן, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון די מיטינגען, ווען ער האָט זי אָפּגעוואַרט אויפֿן ראָג ביים סקווערל.

אַנרי האָט פֿונדעסטוועגן אין פּאַריז אַ היים, פֿאַרבינדונגען. צי דען וועלן זיי פֿאַרלוירן גיין? ער איז יונג און היציק, דאָס ייִנגל, ס׳טראָגט אים. טיילמאָל שטייגט אויף אַזאַ פֿייכט גלענצל אין זיינע הייסע, הונגעריקע אויגן, אַ פֿיבער הייבט אים אונטער און ער פֿאַלט צו צו אים; אָבער קיינמאָל דערעדט ער זיך עפּעס נישט.

די אַלטע לייט, זיי הער עיקר, האָבן אים ווי געטאָן, אַנרין. וועגן דעם טייערן שוועסטערל, וועגן ראָזעטן, האָט ער מער נישט געוואָלט געדענקען. מילא — מירל. וואָלף האָט אים נישט ווייניק באַאיינפֿלוסט. דאָס ייִנגל האָט אַפֿילו געפֿונען ביי אים קרובישס מיט זיין טאַטן. ער איז געווען אַ פּאָליטישער עמיגראַנט. וואָלף, האָט זיך דאָ יאָרנלאַנג געוואַלגערט אין די אומלעגאַלע פּאַריזער זייטיקע האָטעלן. דאָס אַלץ האָט די מענטשן פֿאַרבונדן מיט אַ באַזונדערער פֿאַמיליאַרישקייט.

אומגעריכט האָט זיך וואָלף אין שפּאַניע אַרויסגערוקט פֿאַר אַ פֿעיִקן צום קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פֿון מאַשין־געווער פֿון קליינעם מאָרטיע־קאַנאָן. איבערהויפּט אין די געפֿערלעכע באַרג־קאַמפֿן. ער איז דאָרט אויסגעוואַקסן צו אַן אָרגאַניזאַטאָר אין דער קאָמפּאַניע אויפֿן נאָמען פֿון יידישן אַרבעטער, דעם העלד נפתלי באָטווין. ער איז זייער שנעל געשטיגן אין ראַנג. אויפֿן פֿראָנט, אין פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן די פֿאַשיסטן, האָט ער באַקומען דעם גראַד פֿון לייטענאַנט. מ'האָט געלייגט אויף אים גרויסע האָפֿענונגען.

ווען ער האָט זיך מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק אַראָפּגעיאַוועט קיין פּאַריז אויף די פּאָר וואָכן אורלויב, איז ער באַשיידן און שמייכלענדיק אַריינגעקומען אין דער היימישער קאַפֿע אויפֿן בעלוויל. אַראָפּגעקומען איז ער אָבער, זעט אויס, מיט באַזונדערע צילן; ווייל מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז פּלוצים אין דער קאַפֿע אויפֿן בעלוויל געוואָרן ליידיקלעך; אויסער די שטילע געווער־טראַנספּאָרטן, וואָס זענען געגאַנגען דורך דער „גרינער“ גרענעץ אין די אויסגעלאָשענע נעכט. וואָלף, דער זעלבער וואָלף, וואָס האָט בלאָז געשמייכלט און נישט דרייסט געדריקט די האַנט פֿון די היימישע, באַקאַנטע מיידלעך, די שניידערקעס און די „הענט“ פֿון די אַטעליעס, ווו ער איז פֿריער געווען אַ מאַשינער.

דאָ אָבער האָט זיך אָנגערוקט אַ מאָמענט, ווען מ'האָט ווידער באַדאַרפֿט האַנדלען ענערגיש, נישט וואַרטן מער, נישט אָפּלייגן. די לאַקאָנישע בריוועלעך, וואָס זענען דורך ערגעץ אַריינגעקומען פֿון יענער זייט שטעכל־דראָטן, האָבן — מער צווישן די שורות — געהייסן זיין גרייט, אָפּוואַרטן. וואָס האָט ער דען געקאָנט זאָגן אַנדערן? דאָס יינגל איז אים מיט צוטרוי נאָכגעגאַנגען יעדן שריט. ער איז גרייט געווען, אָן רייד, אומעטום אים נאָכצוגיין. וואָלף האָט אים איינמאָל אין אַ פֿינצטערער נאַכט אַ ריר געטאָן ביים אַקסל, און זיי זענען דערקראָכן ביז צום ים אַרונטער. אין געדיכטן חושך איז אַהין די שיין פֿון די רעפֿלעקטאָרן נישט דערגאַנגען. פֿון דאָרט, פֿון הינטער די האַלב־איינגעפֿאַלענע באַראַקן, איז לייכטער געווען אויסצומיידן דאָס אויג פֿון דער וואַך, פֿון די לייכט־טורעמס, ס'איז געווען אין דער נאַכט פֿון ניי־יאָר. אין שכנותדיקן מיליטער־לאַגער פֿון די פֿרייוויליקע זענען געווען אילומינאַציעס, עס האָבן זיך געטראָגן שיכורע געזאַנגען. ערגעץ האָט אין יענעם עק געברענט אַ באַראַק אין ווינט, ווי אַ קינדל, און אַ סך שאָטנס האָבן זיך געלאָזן לויפֿן אַהין.

ביידע האָבן זיי געהאַט אויף זיך די ציווילע בלויע אַרבעטס־קליידער, וואָס זענען זיי באַזאָרגט געוואָרן פֿון פּאַריז. אין אַזאַ צייט... אַרומדרייען זיך צווישן די אַבלאַוועס... אָבער ס'האָט זיך מער נישט געוואָלט צופֿיל אַריינטראַכטן. ערגערע פֿייערן זענען זיי שוין דורכגעקראָכן. די שטרעקע ביז צום קליינעם וואָקזאַל האָבן זיי נישט געקענט גענוי. זיי האָבן זיך זיכער אָריענטירט לויט די ווייטע ליכטער אויפֿן אויפֿגעהעלטן הימל. זעקס מיט אַ פֿערטל גייט דער צוג אויף טו=

לוז. צווישן די נידעריקע קוסטן פון די גאַקעטע אַראָפּגעקליבענע ווייַנטרויבן־בײמלעך זענען זיי לאַנג געלעגן. אויפן שאָסיי האָבן לאַסט־אויטאָס דורכגעיאָגט. מיט זייערע בלויע ארבעטס־קליידער וואָלט מען זיי אוודאי אָנגענומען פאַר פערמער־ארבעטער אין דער אומגעגנט. אין קליינעם וואָקזאַל איז זיי נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן. באַלד דערנאָך האָט דער לײדיקער, פאַרשלאָפענער צוג געריררט. זיי זענען געזעסן אָפּגעזונדערט און אונטערגעדרימלט מיט וואַכע, אָנגעשפּיצטע חושים.

אין טולוז האָבן זיי איבערגענעכטיקט אויף אַן אָפּגעלעגענער פאַבריק־פאַרשטאָט, אין אַ זייטיקן נידעריקן האָטעל מיט אַ קרומער שויבן־טיר צו דער גאַס און כאָטש ס'איז שוין לאַנג געווען די שעה פון אויסלעשן די פייערן, איז נאָך אונטן, ביי פאַרשפּאַרטע לאָדנס, געווען רוישיק און הײמלעך. ס'האָט געשפּילט א האַרמאָניקע, ס'האָט געדרימפּלט א גיטאַרע, מ'האָט געטאַנצט. אנרי האָט זיך פאַרשרומפּן אין פרעמדן, אויסגעקילטן בעט לעבן דער פייכטער וואַנט און לאַנג נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. דאָס האַרטע, שמאָלע בעט איז געווען פאַר אים צו ווייך און צו באַקוועם.

— ווען כ'שרייב כאָטש אָן א בריוול... — האָט ער געלאָזן פאַלן.

— וועסט נישט פגרן... שלאָף... האָט אים וואָלף צוגעוואָרפן, — אין דער פרי פאָרן מיר אריין קיין פאַריז... אויב, נאַטירלעך... זיי זאָלן נישט פאַרהאַלטן די אויסוורפן...

13

די בלעטער־וועלדער ארום קליינעם האַמשע־שטעטל האָבן אין יענעם יאָר פרי געגומען גרינען. כאָטש ס'איז געווען מלחמה אויף דער וועלט, האָבן שוין אין לינדן מעריך צו ביסלעך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען זיך די פאַריזער יידן אין שטעטל אריין. א לוילעכע זון איז ארויס פון הינטער א באַגילדעטן וואָלקן איבערן טו־רעמל מיטן האָן. דער נאַציאָנאַלער שאָסיי, וואָס שניידט דורך ווי א פייל־שאָס די וועלדער ביזן האָריזאָנט אויפן וועג קיין פאָנטענבלאָ, איז מער ווי אַלעמאָל געווען פאַרפּאַקט, קוים אַדורכצוקריגן זיך. דורך האַנען האָט דער וועג געשניטן זיך אין א גלייכער ליניע צו די קאָמפּאַקטע פאַבריק־פאָרשטעט ארום פאַריז; צו די גרויסע אויטאָבוסן־גאַראַזשן, צו די מעטראָ־וואַרשטאַטן, צו די פאַרריכערטע מעטאַל־פאַבריקן, צוואָרפענע ארום די הויכע, רעגולירטע ברעגן פון דער סען, דער מאַרנע און דער נעץ דורכגעשניטענע קאַנאַלן.

זונטיק איז די ראָד־באַוועגונג אויפן שאָסיי געווען א נאָכמער געדיכטערע. ס'איז דאָרט אויף ווי לאַנג געשטאַנען א פּייפערי פון אויטאָ־טרויבן, א הילכיקע

זידלעריי. ביים פּיראַמיד, אויפן אויטאָבוסן־פּלעצל, האָט דער פּאָלים מיט די ווייסע אָנגעצויגענע הענטשקעס טויט־ערנסט, ווי אַ מאַגיקער, רעגולירט, ווי אין פרידן־צייט, דעם געדיכטן פאַרקער. דער פאַרווײַלונג־פּאַרק „שע זשערווע" האָט, צו אַלעמענס איבערראַשונג, צוריק אויפגעמאַכט זיינע טירן. דאָרט איז געווען אַ רונדע צירק־עסטראַדע, ווו די זונטיק־געסט האָבן זיך שטאַרק פאַרווײַלט מיט די ראָוערן אויף די הויכע רעדער, מיט די פּאַנאָפּטיקום־שפּיגלען און רולעטקעס שבת און זונטיק פלעגן דאָרט געווײַנלעך קומען אָנצופאָרן אָן אַ שיעור אויטאָס, באַלייגט מיט קרענץ און גירלאַנדעס. עס זענען דאָרט געפּראַוועט געוואָרן רוישיקע חתונות, און מ'האָט געטאַנצט אין דעם קלײנעם, אָפענעם זאַל, אונטער די אַקאַציעס, פאַרצויגענע מיט קרענץ און פילקאָלירטע לאַמפּיאָנען, ביז נאָך האַלבער נאַכט. די געסט זענען אַראָפּגעקומען אין קאָמישע קאַרנאַוואַל־מיצלעך אויף די קעפּ און שטאַרק אונטערן גלעזל. אַצינד האָט מען ווייניקער געפּראַוועט אַזעלכע פריילעכע חתונות. די סאָלדאַטן, וואָס זענען געקומען אויף אורלויב פון פראָנט, האָבן אָן שום איבעריקער צערעמאָניע דורכגעפירט דעם חתונה־אַקט אין קאַלטן, פאַרדומפּענעם זאַל פון דער מוניציפּאַליטעט.

אין די יידישע ווילעס איז מען שוין דאָ און דאָרט אַרויסגעקומען אין אַ זונטיק, אויסגעלופטערט די פאַרדומפּענע צימערלעך, וועלכע מ'האָט פאַרלאָזט אין בהלה דעם לעצטן סעפּטעמבער, אויפגעשפּאַרט טיר און פענצטער און צוגעגרייט זיך באַצייטנס אויפצונעמען די זומער־געסט. אין דעם יידישן קאַפּערעסטאָראַן „די אַלטע ווינטמיל", ביי דער דיקלעכער פאַני, ווו עס זענען אַלע זומערן געווען אַ סך ענגע, דעמפּיקע שטיבלעך צום פאַרדינגען פאַר יידישע געזינדלעך, קיין עין־הרע, האָט זיך אין די זונטיקן שטאַרק גענומען רודערן. אין פאַריז איז דאָס לעבן פאַר די עטלעכע מלחמה־חדשים געווען שווערלעכער און אָנגעשטרענגטער. מ'האָט זיך געריכט, אַז מיטן פרילינג וועט אוודאי פאָרקומען אַ שאַרפער קער אין דער „קאָמישער מלחמה", אַז נישט נאָכאַנאַנד וועלן די קאָמוניקאַטן מעלדן טעגלעך — „גאָרנישט צו סיגנאַליזירן". די, וואָס האָבן נאָך געדענקט יענע מלחמה, האָבן דעריבער באַצייטנס אַ טראַכט געטאָן, אַז אין אַזעלכע צייטן איז אפשר גלייכער צו געפינען זיך וואָס נעענטער צו אַ דאָרף, צו אַ פערמע, ווו מען קאָן אַלעמאָל זיך לייכטער פאַרזאָרגן מיט אַ ביסל שפּייז.

אנרי האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי פריי, ווי אין יענע פּאָר חדשים. ער האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין סטאַבילע היים. אַ פּאָר טעג אַרבעט האָט מען נאָך אַלעמאָל באַקומען ביי איינגענע שניידערס, וואָס האָבן איצט געאַרבעט מערסטנס פאַר דער אַרמיי. כדי אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכקייטן, וואָס האָבן געקאָנט טרעפן ביים דורכשאַרן זיך אָוונט־צייט אַ זייטיקע גאַס, האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן אַ פּאָר קורצע, אויסגעוואַקסענע הייזלעך, אָן איינגעצויגן ספּאָרט־סוועטערל און ביז ראָז אויסגעגאָלט זיין פּוכיקן אויסשיט אויף די באַקן.

ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון די פּאַריזער פלינקע ייִנגלעך, וואָס פליען אַרום איבער די גאַסן אין געדיכטסטן פאַרקער אויף די וועלאָס און חלומען אוודאי פון די באַרימטע ספּאָרט-העלדן, וואָס זייערע פאָטאָס ווערן געוויזן אין די צייטונגען. אַהיים, האָט מען אים געזאָגט, זאָל ער זיך דערווייל נישט אַרויסווייזן. אוודאי, ס'האָט א ביסל וויי געטאָן, — א מאַמע, א טאַטע. דערפאַר אויך אפשר האָט עס אים פאַרלאָקנדיק געצויגן צום אָפּגעלעגענעם הייזל זייערס אין ווילד-פאַרוואַקסענעם גאָרטן, אין דאַטשע-שטעטל, ווו זיי פלעגן זיך דאָ אין די זונטיקן פאַרבײַשטן מחותנותוויז אויפן שאָסיי מיט די ראָווערן.

צווישן אָט די ייִנגלעך, וואָס האָבן דאָ געטאָן א וואַקס אונטער און זענען נאָך דערווייל נישט אַלע געווען אין מיליטער-עלטער, זענען אין די לעצטע חדשים פיל פון זיי אוועק אַרבעטן אין די מאָביליזירטע מעטאַל-פאַבריקן אַרום די פאַרדרייכערטע פאָרשטעט פון פּאַריז. מ'האָט זיך איצט אין לאַנד שטאַרק גענייטיקט אין וואָס מער אַרבעטס-הענט אין די פולווער-פאַבריקן, אין די מעטאַל-טאָקערייען, ווו עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַרשיידענע טיילן פון געווער, אַמוניציע, מאָטאָרן פאַר אויטאָס און לאַסט-אויטאָס. אין די זונטיקן האָבן זיי פרײַ אַרומגעיאָגט זיך מיט די ראָווערן איבער אַלע שאָסייען, וואָס שניידן זיך צו דער שטאָט-געדיכטעניש. ס'איז געווען נישט ווייניק וואָס צו טאָן נאָך דעם, ווי די אַרבעטער-באַוועגונג אין לאַנד איז דערשטיקט געוואָרן, איז אַראָפּ אין אונטערערד. מ'האָט באַדאַרפט איבערוואַרפן פעק מיט אויפרופן, צייטונגען נעענטער צו די פאַבריק-שטעט. ס'איז שוין געהאָנגען אין דער לופט עפּעס פון די שפּעטערדיקע פּאַרטיזאַנען-קאַמפן.

אין דער פּוסטער דירה ביי מאָריסעטן איז אַנדרי געשלאָפן די לעצטע זיבן-אַכט וואָכן. מאָריסעט האָט געאַרבעט אין דער מעטאַל-פאַבריק „היספּאַנאָסואיזע" אין קאָלאָמב. האָט איצט איינער אליין באַוווינט זייער גרויסע, אָפּגעלאָזענע דירה ביי פּאָרט דע לאַ שאַפּעל, ביי די שעכטהייזער, ווייל זיינע עלטערן זענען זינט סעפּטעמבער געווען עוואַקואירט אין ליאָן. מאָריסעט איז געווען אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט פון יונגן, טומלדיקן קלוב צווישן די ענגע געסלעך פון בעלוויל.

זיי האָבן שוין איצט געלעבט כמעט א געמיינזאַם לעבן, כאָטש מ'האָט זיך אַזוי אָפט נישט געזען. עס זענען געווען באַשטימטע, אָפּגערעדטע טעג, שעהן, מינוטן און ווינקלען פון אָפּגעשטאָרבענע גאַסן, ערגעץ אויף א ווייטער פאָרשטאָט; דאָס אומרואיקע קלאַפּן פון א האַנט-זייגערל, אָפּגעשלאָסענע דירות מיט צוגעלעגטע לאָדן, פאַרלוירן צווישן קרומע, הינטערשטאָטישע גאַסן. אין יענע טעג איז מען אויף לעבן און טויט פאַרבונדן געווען.

וואָלף איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער. אַנדרי האָט געהאַט דאָס שאַרפע געפיל, ווי דער מענטש וואָלט זיין לעבן געשניטן אין רויען שטיין — יעדער טריט איז אים אָנגעקומען שווער, אָבער ער האָט אַלץ אין זיך און אַרום זיך סוף-כל-

סוף אַדורכגעבראָכן. בכלל איז אין די עטלעכע יאָר אויף זיי אַלעמען אָנגעוואַקסן אַן אַנדער מין הויט — די הענט האָבן זיך אָפּגעוויינט פון דער נאָדל, פון מאַשינרעדל, פון גאָרן. קורץ — זיי זענען געווען סאָלדאַטן, כאָטש אָן אוניפאָרמען.

זונטיק נאָכמיטאָג האָבן מירל און וואָלף זיי שוין אָפּגעוואַרט אין גריגעם דאַטשע=שטעטל. זי האָט זיך געזעצט אָפּרוען קעגנאיבער דעם פאַרווײַלונגספּאַרק „שע זשערווע". מאַריסעט האָט אין דער אָנגעבונדענער טעקע מיטגעהאַט אַ פלאַש רויטן ווײַן, קעז, ברויט. מירל האָט צעלייגט איר געבלימט האַלדזטיכל, און זיי האָבן געגעסן מיט פולע באַקן. אַזוי האָבן זיך געפירט די מערסטע, וואָס האָבן אין די זונטיקן געוואַנדערט אויף די וועגן, ווײַל אין די רעסטאָראַנען און קליינע האַרבעריקן איז מער גאָרנישט כמעט געווען צו באַקומען. מאַריסעט, דער פרײַלעכער מאַריסעט, וואָס האָט פאַרמאָגט געזונטע, שאַרפסטע הענט פון פײַלן מעטאַלן, פון הייבן שווערע אײַזן=בלאָקן, איז געווען אַ ביסל פאַרזאָרגט. ער האָט זייטיק געבליקט צו די צווייט אָנגעפּאַקטע טעקעס, אָנגעבונדענע הינטערן זיץ פון זײַן וועלאָ און אומגערן געלאָזן פאַלן:

— אַדורכקריגן זיך די באַוואַכטע בריקן פון מעזאָן=אַלפאָר מיט העם=אָ... ווען מ'וואָלט עס דאָ ערגעץ כאָטש געקאָנט דערווײַל באַשטאַטן...

מירל האָט געהאַט אַ פול מויל פון אײַנגעביסענעם סאַנדוויטש און אַ פול מויל געלעכטער. זי איז גאָר יונגער און שענער געוואָרן אין די עטלעכע וואָכן. אַלע זאָרגן האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון קאָפּ, ווײַבאַלד וואָלף איז געווען; און כאָטש וואָלף האָט זיך אין דער היים נישט באַדאַרפט צו ווײַזן, האָט זי אין די זונטיקן איבערגעלאָזן ערגעץ דאָס קינד און איז צוריק, ווי אַ מיידעלע, אַרומגעלאָפן מיט דער חברה איבער די וועגן. אַנרי האָט אומרואיק גערייכערט און זיך לסוף אָפּגערופן...

— ס'איז מיר עפּעס אײַנגעפאַלן... ס'וועט אפשר זײַן אַן עצה...

אָן רייד האָט ער זיך אויפגעהויבן, און זיי זענען אים אַ שטיקל צייט נאָכגעגאַנגען בײַם ראַנד פון וואַלד, צווישן די צוזאַמענגעקלעפּטע הילצערנע ווילעס, הינטער זשאַווערדיקע דראָטן און געדיכט פאַרוואַקסענע קוסטן. די אָפּגעקראָכענע לאָרגנס זענען געווען האַלב אַרונטערגעריסן, די טירן — אויסגעקרומט, די שטעגן — געדיכט פאַרוואַקסן מיט פאַראַיאָריקע אָפּגעוועלקטע, שטעכיקע ווילד=גראָז. דאָ באַלד דערלעבן האָט ער ערגעץ אַ שפּאַר געמאַן אַ פאַרזשאַווערט דראָט=טירל, און די פאַרראָסטע זאַוויאַסעס האָבן לייכט נאָכגעגעבן. די טיר צום הינטערשטן אַרײַנגאַנג אין אײַנשטאָקיקן הײַזל איז אָבער געווען פעסט פאַרהאַמערט. אַנרי האָט זי געפּרוּווט אינטערהייבן, נאָר זי איז, זעט איר, געווען פאַרקײַטלט פון אינעווייניק. ער האָט זיך לאַנג געדרייט אַרום די נידעריקע, טוכלע ווענט, צעוויקטע פון די פוילע, ווינטערדיקע רעגנס, געזוכט אַ שפּאַרע, געשניפּערט, און

איז באַלד צוריקגעקומען צו זיי, אין דער אַלטאַנע, וווּ זיי האָבן זיך געהאַט פֿאַרשטעקט.

— ווען מען קאָן כאָטש קריגן, — האָט ער זיך געקראַצט אין נאַקן, — אַ שטיקל לייטער.

ער האָט אַרויפֿגעקוקט צום בוידעם-פֿענצטערל, וווּ ס'האָט געשוידערט אין לייכטן ווינט אַן אויסגעבראָכענע שויב. אַהין דערקריגן זיך איז איבערן דעכל פֿון פֿאַרעדהייזל נישט שווער געווען. אָבער די רעגן-רינווע האָט זיך קוים געהאַלטן. דורכן האַר-פֿענצטערל האָט ער זיך סוף-כל-סוף אָנגעכאַפּט ביי אַ לייסט און איז מיט איין פֿוס שטעקן געבליבן אינעווייניק. געטראָטן איז ער דאָרט איבער בערג מיט אַלטע זאַכן, פֿאַרגעסענע שטוב-כלים. ער האָט גענוי פֿאַרגעדענקט דאָס טירל, וווּ מען לאָזט זיך אַרונטער אין קיך אַריין. פֿון אינעווייניק האָט ער זיך דערקריגן צום פֿאַרעדהייזל און אָפּגעשפּאַרט די ריגלען. אַלע האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין דער טונקעלער פֿינצטערניש, געטרעטן איבער די סקריפּענדיקע ברעטער...

פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך אין די נעכטן עטלעכע מאָל צוריקגעקערט צו דער אָפּגעלעגענער ווילע אין פֿאַרלאָזענעם דאַמשע-שטעטל. זיי האָבן זיך אַריינבאַקומען צווישן טאָג און נאַכט, נישט באַמערקט צו ווערן פֿון אַ זייטיק אויג. אונטער דער אויפֿגעשפּאַרטער פּאַדלאָגע-ברעט אין פֿאַרעד-הייזל איז געווען אַ זייער קליינער לאַגער. די שלעכט באַדרוקטע בלעטער, נישט זייער לייענבאַר, האָבן זיך אָפֿט באַוויזן צווישן די אַרבעטער פֿון די פֿאַבריק-פֿאַרשטעט, אַרום פּאַריז. זיי זענען געפֿלויגן אין פֿרילינגדיקן ווינט איבער די אָפּגעשלאָסענע פֿאַבריק-הייף און פֿאַר די פֿאַרהעמערטע טויערן, ווען דער גרויער אַרבעטס-מענטש שיט זיך אַרום.

וויפֿל מאָל, צוריקגייענדיק איבער די פֿאַרוואַקסענע סטעזשקעס, האָט עב אַ דערמאָן געגעבן דעם טאַטן, דער מאַמען, וואָס פֿלעגט זיך דאָ אָפּרוען אין די הייסע זומערן. זיי זענען אין די לעצטע פֿיר יאָר שטאַרק געעלטערט געוואָרן. די הענט האָבן ביי זיי אונטערגעציטערט. זיי פֿלעגן דאָ אין די דעמפּיקע זומערן, ווען אין פּאַריז איז דער ברוק צעגליט, ווען מען קאָן מער נישט אָטעמען אין די ענגע שטאָטישע גערטלעך, אָפּזיצן צוזאַמען מיט נאָך ייִדן, אויסגעמאַטערטע לייט, וואָס האָבן אין פּאַריז אין די קאָכעדיקע סעזאָנען געוואָלט וואָס מער אַריינכאַפּן. אַלע קרענקען האָבן זיך געקלעפּט צו זיי, אָפּגעשפּאַרט דורך די יאָרן שווערער האָרעוואַניע. אַלע האָבן זיי דאָרט אָפֿט גערעדט וועגן דעם קאָמישן דאָקטער פֿון בעלוויל, וועלכער האָט זיי געווידלט מיט זיין שאַרפֿן ליטווישן ייִדיש מיט דער בלאָטע צוגלייך, די מענער גערופֿן „משהלע“, די ווייבער — „יאַכנע“; און וויאַזוי ער האָט דאָרט אייגעם אַ בלייכן יונגעמאַן, וועלכער האָט געטענהט צום דאָקטער, אַז ער קען זיך נישט אין סאַמע ברען פֿון סעזאָן נעמען פֿלוצים און

אוועקלייגן זיך אין בעט אריין, קורץ אָפּגעהאַקט: „מיישע, וועסט נישט ליגן אין בעט, וועסטו ליגן אין דר׳ערד“...

אויף אזא אומגעריכטער באגעגעניש מיטן אלטווארג האָט זיך אנדרי אין יענעם לעצטן זונטיק נישט געריכט. ס׳איז געווען נאָך א ווארעמען טאָג אין סוף אפּריל. זיי האָבן זיך צוריקגעקערט מיטן שאָסיי און, נישט באמערקט צו ווערן, געשניטן דעם וועג מיטן שיטערן וואלד צום הייזל. ס׳איז צייט געווען אָפּצורוען נאָך א גאנצן טאָג ארומיאָגן זיך איבער די אומרואיקע, אויפגערודערטע פּאַרשטעט. קיין פּאריז איז ווייט געווען. ס׳איז אויך נישט געווען דער מאָמענט. זינט עטלעכע טעג ווי די שטילע בהלה אויף די וועגן האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן. קיין גענויע ידיעות האָט מען שוין מער נישט געוווסט. פּאָרזיכטיק האָבן זיי געטראָטן איבערן ווילד פּארוואקסענעם גראָז, ביז הינטער די לאָדנס פון הייזל. פון ערגעץ האָבן רעפלעקטאָרן באטאפּט און געגישטערט דעם אָוונטיקן הימל. ווי פון אונטער דער ערד, זענען פון ערגעץ געקומען ווייטע אָפּהילכן. טרעטנדיק איבער די שטיינדלער, האָט מירל די ערשטע מיטאמאָל באמערקט ליכט דורך די לאָדנשפּאַלטן און זיך פלינק צוריקגעצויגן אין שאָטן פון דער וואנט. אנדרי האָט איינגעהאלטן דעם אָטעם, אזוי ווי אָפּגעזיפצט און באלד געוואָלט אויסדרייען זיך צוריק. אָבער ער איז נאָך עפּעס שטיינגעבליבן.

— און אפשר צוויג נישט?... — האָט ער א שעפּטשע געטאָן וואָלפּז.

— גיי... — האָט איט מירל אָנגערירט ביי דער האנט, — גיי...

זיי האָבן זיך געכאפּט, אז ס׳איז שוין גאָר איצט א געפאר פאר די צוויי קליינע טעקעס, אָנגעבונדענע אין הינטערשטן זיץ פון די ראָווערן.

דער שטארק געעלטערטער ייד בעריש איז פונקט געשטאנען אין קיכל, אונטער די טרעפּ, און געהאַקט מיט ציטערדיקע הענט שפּענדלעך, געוואָרפן זיי אין פלאמענדיקן אייזעלע. איבערן ווינטער האָבן זיך די הילצערנע ווענט פון דעם הייזל אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט. אין פרילינגדיקן אָוונט איז אָנגעפאַלן א נעפּל, די ביינער האָבן געבראָכן. די אלטע איז ערגעץ געווען אויבן, פאנאנדערגעבונדן די קישנס, אויסגעקלאפּט זיי. זיי זענען ארויסגעקומען אין דעם זונטיקדיקן טאָג, קוים אדורכצוקריגן זיך די פארפאקטע בריקן ארום מעזאָן־אלפאָר און ווענסען. אויף די וועגן איז שוין געשטאנען א בהלה.

די עלנטקייט איז פאר די פאָר יאָר אָנגעפאלן אויף די אלטע לייט. ער האָט עס דאָ באלד דערפילט, אנדרי, ווי נאָר ער איז אריבערגעטראָטן די שוועל. דאָס שטיקל האָלץ איז ביים אַלטן פּלוצים ארויסגעפאַלן פון דער ציטערדיקער האנט. קיין איין וואָרט האָט ער נישט געקאָנט ארויסברענגען, ווען דאָס יינגל איז צוגעפאלן צו אים און האָט באַרירט מיט זיינע פארטריקנטע ליפּן זיין דארן, פארוואקסענעם קין.

14

ער איז ביז איצט נישט געלאָפֿן, אָוורעמעלע, איז ער אויך ווייטער נישט געלאָפֿן. מ'האָט שוין גאַנץ שיין געזען, וואָס עס קומט דאָרט אַרויס פֿון די אַלע לויפֿעגישן. ס'איז פֿונדעסטוועגן נאָך אַ וועלט. מען קאָן נאָך צעפֿירן זיך די הענט; אַ שטיקל סחורה האָט נאָך אַ ווערט, אַ טאָפּלטן, אַ הונדערטפֿאַכן, ס'האָט דען אַ שיעור, אַבי מען באַקומט עס נאָר? אין די קליינע, פֿאַרוויכערטע קאַפֿעס אויף די פּואַסאָניער און די רישע, וווּ ס'איז באַלד אין די ערשטע וואָכן נאָכן באַזעצן פּאַריז דורך די דייטשן ווידער געדיכט געוועזן פֿון יידן, האָט מען דעם פּלוטעוואַטן יונגענמאַן אָנגעקוקט אַ ביסל מאָדנע, מיט גרויס חידוש. אַ ניי פּנים, אָבער מיט אַ היפּשער רעפּוטאַציע הינטער זיך. אַלע זענען זיי נאָך אין די ערשטע טעג געווען אַ ביסעלע צעמישט, אָבער נישט ער. ער האָט געהאַלטן אין איין אויפֿקויפֿן, וואָס נאָר ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט און געצאָלט פֿעסטע פּרייזן. נישט אַלע האָבן זיך באַלד געכאַפּט, אַ סך האָבן זיך טאַקע געשטיקט צוליב די לעבעדיקע פּאָר פֿראַנק. אַזאַ צייט איז געווען.

וויפֿל שטרויכלונגען ער איז נישט אַדורך, איז ער אָבער אַלעמאָל אַרויס גאַנץ, האָט זיינס דורכגעבראָכן, אַזוי צעהושט און פּלוטעוואַטע ווי ער איז נישט געווען. אויך אַצינד, האָט זיך אים געדאַכט, איז ער אַ טריט צו דערגרייכן דאָס גרויסע גליק. וואָרעם כאָטש די מאַנצבילש־קלוגע ראָזעט איז נאָך אַזוי ווייט, אַזוי אומצוטריטלעך, האָט ער אָבער געוווסט, אַז דער טאָג וועט קומען, מוז קומען. זי איז איצט, קאָן מען זאָגן, געלעגן אין זיינע הענט. אירע וויכטיקע קענטעניש און ספּעציאַליטעטן אין דער קאָנפֿעקציע, אירע פֿאַרצווייגטע פֿאַרבינדונגען און קאַנטשאַפֿטן האָבן איצט שוין איצט נישט גענוגט, ניין. מענטשן האָבן זיך כמעט מער נישט אָנגעטאָן, ס'איז נישט געלעגן אין זינען, מ'האָט נישט באַדאַרפֿט. די פּראָווינצן זענען געווען אָפּגעשניטן, די קאָלאָניעס — ווייט, פֿאַרמאַכט, אומצוטריטלעך. איינמאָל אַריינגעקראָכן אין זעלנערישן אוניפֿאָרם, האָט דאָס לאַנד, אַפֿילו נאָך דעם טרויעריקן ווישי־וואָפֿנשטילשטאַנד, נאָך אַלץ געלעבט מיטן אָרעמלעכן לעבן פֿון אַ סאָלדאַט.

די גרויסע טריקאָ־פֿוריער־, לעדער־ און שניידער־אַטעליעס האָבן דערפֿאַר געקלאַפּט. פֿון אונטער דער ערד האָט אָוורעמעלע אויפֿגעזוכט די אַלע, וואָס האָבן נאָך געהאַט באַהאַלטענע לאַגערן מיט סחורה, שטאָפֿן, לעדער, וואָל, און געצאָלט אין טאָג אַריין. די אַלע גליטשיקע פֿאַרמיטלערס האָבן זיך איצט גענומען דרייען אַרום אים, חנפֿענען אים, אונטערטראָגן אים. זיי האָבן, חלילה, נישט דערלייגט. דאָ, אויף דער רוישיקער האַנדלס־גאַס, איז ער געווען באַלעבאָס. ער איז שוין באַזאָרגט געווען מיט וויכטיקע פּאַפּירן און אויסווייזן. טאַקע דאָ, אין דער געדיכטער האַנדלס־געגנט, אַרום פּאַבור פּואַסאָניער און די רישע, אין

צענטער פון קאַבאַרעטן און מאָדערנע פרויען, ווו ס'האָט געווימלט פון דייטשישע אָפיצערן, האָט זי געקלאַפּט, די אַטעליע זייגע. איבער די גרויסע, וואָלקנדיקע שטובן איז געשטאַנען אַן אייביקער רעש, אַ טומל, אַ גראַטשקע. די מאַשינען האָבן גערוישט, „קופערס" זענען געשטאַנען און געשניטן, מ'האָט געבריגט און געליווערט. אין די זייטיקע, אָנגעפּראַפּטע צימערן איז געווען דער סחורה=לאַגער. די דייטשישע פאַרבינדונגס=לייט האָבן אויפגעקויפט, זענען געקומען אָנצופאָרן מיט קאַמיאָנען און אויפגעלאָדן זיי, אָבער פונדעסטוועגן האָט איר שכל געשטעקט הינטער דעם אַלעם. קיין ריר האָט ער זיך נישט געטאָן אָן ראָזעטן. זי האָט איצט גענוג צייט געהאַט צו קומען אַהער און צו קאָמאַנדעווען. ס'קינד איז געווען ערגעץ אַרויסגעשיקט אויפן דאָרף, זי איז געווען פריי.

— אַווּרעמעלע, — האָט זי אים אָבער אַלעמאָל, מיטן שמייכל אין אירע גרינע אויגן, געסטראַשעט מיט אַ פינגער, — די זיי נאָר נישט, כ'בעט דיך, צופיל צעקאָכט. אַ ביסעלע רואיקער. הערסט?...

— וואָס ווילסטו, ראָזעטע... כ'בין דען צעקאָכט? — האָט ער זיך אַ פאַרבלענדטער אויפגעריסן פון איבער די פאַרפּאַטשקעטע פּאַפּירלעך און אַ שפּאַן געטאָן נענטער צו איר, — כאָטש מען קאָן דאָ טאַקע, אויף מיין וואָרט, צעמישט ווערן... — און ער האָט געלאַכט מיט זיין נאַריש געלעכטער.

— דערפאַר זאָג איך טאַקע, — האָט זי אים שוין קיל און פרעמד אָנגעקוקט, — אַ ביסעלע רואיקער...

אָבער אַזוי נאָענט איז ער צו איר נישט צוגעגאַנגען. אַ קליין ביסעלע דיסטאַנץ, פונדעסטוועגן; אַזוי, האָט ער גלייך אַרויסגעפילט, פירט זי זיך אויף מיט אים. דאַכט זיך — אַ דאַרס, אַ פאַרגרינטס, און אַ מאָדנער כוח האָט אים געצויגן צו איר. ווען האָט זי דען אַזויפיל שיין און חנעוודיק געלאַכט, אַז אַלעמאָל איז זי דאָרט ביי זיך געווען פאַרטראָגן און פאַרפאָרעט, האָט אים אפילו נישט באַמערקט. וויפל מאָל ער האָט אַזוי אומגערן, דאַכט זיך, פאַרבלאָנדזשעט צו איר אין די שיינע, ליידיקע, אומעטיקע צימערן אָוונט=צייט, ווען ס'איז שוין געווען אַ געפאַר צו באַוועגן זיך איבער די גאַסן, האָט זי אים אָבער אויפגענומען ווי אַ פרעמדלעכן גאַסט, געקלאָגט נאָכאַנאַנד איבער איר זשאַקן, וואָס פינצטערט דאָרט נעבעך אָפּ ביי די דייטשן. ער האָט זיך אפילו איינמאָל אַרויסגעכאַפּט, און ס'האָט אים באַלד באַנג געטאָן.

— כ'קען, הערסטו, — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט, אַ דייטש, אַ גאַנץ פיינער קערל... ס'וואָלט זיך אפשר געלאָזן עפּעס מאַכן וועגן דיין זשאַקן... ער איז, זאָגט ער, אַ גאַנצער אויפטוער...

— ווער איז ער? — האָט זי געוואָלט וויסן און איז באַלד געוואָרן צוגעזאָגט. זי איז גרייט, האָט זי געזאָגט, באַדאַי צו לאָזן אָפּקאָסטן זיך אַ פאַרמעגן, אַבי אַרויסצורייסן אים פון זייערע הענט אַרויס. אַזוי האָט זי געזאָגט...

ווייל אַליין, האָט זי געוווּסט, דרייט ער זיך אַרום מיט „אייזערנע פּאַפּירן“ און פּאַרזיכערונגען, אַוורעמעלע, זיך אַליין האָט ער, נישקשה, גוט באַזאָרגט.

כ׳ווייס?... כ׳וועל מיט אים אַדורכרעדן, — האָט ער שוין פּאַרזיכערט צוריקגעהאַלטן, — מאָרגן אפשר. ער דאַרף קומען נאָך אַ פּאַרטיע הענטשקעס און פּעלצלעך.

ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך, און ער האָט זיך נאָך גאָרנישט געאײַלט אהיימצוגיין צו ווייב און קינד. מילא, וואָס מ׳האָט דאָרט נישט אויסגערעדט אויף אים אין גאַס, איז אים קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען. ווייניק שונאים האָט ער איצט פּאַרמאָגט? סתם נישטפּאַרגינערס און טאַקע די יונגעלייט, וואָס האָבן נאָר געטענהט, אַז מען זאָל נישט אַרבעטן פּאַרן דייטש, שייגע חכמים, זעסטו! איך וועלן זיי דאָרט קיין מעשיות נישט דערציילן. ער קען זיי. טאַקע, פּון וואָס זאָלן יידן לעבן? אויב ס׳וועט באַשערט זיין איבערצולעבן ס׳אומגליק, זאָל מען כאָטש פּאַרמאָגן אַ פּאָר פּראַנק ביי דער נשמה...

„און אפשר דאַרף מען טאַקע אָפּהאַקן?“... — האָט ראָזעט נישט איינמאָל, עפּעס אַן אומרואיקע, אַ פּאַרטייעטע, אַריינגערעדט אין אים. זיי זענען געזעסן ביי איר אין געמיטלעכן סאַלאָן, אונטערן דיסקרעטן אַבאַזשור, ביי פּאַרהאָנגענע פּענצטער, און האָבן זיך קוים אַרויסגעפּלאָנטערט פּון די לאַנגע טאָג־רעכענונגען.

— ראָזעט... — האָט ער זי אָנגעקוקט, — צי האָב איך דיך שוין אַמאָל פּאַרפירט? דער קאָפּ זאָל נאָך אַזוי לעבן... דו הערסט?... אָפּהאַקן... כ׳ווייס שוין... — און ווי אַלעמאָל, איז ער געבליבן שטעקן אין דער מיט, אַן רייד.

ואפילו די אלטע מאַמע איז עטלעכע מאָל געקומען צו לויפֿן מיט תחנונים און געוואָלד צו איר.

— ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע... — האָט זי דאָרט געמאַכט קולות, די אַלטע. — מענטשן רעדן... אַ יונג ווייבל... דער מאַן איז אין געפּענגעניש... ביים דייטש...

— זאָל זיי נאָר נישט דאַרן דער קאָפּ, דיינע מענטשן, — האָט זי דער מאַמען קורץ אָפּגעפּטרט און געוואָלט איר פּאַרשטופּן מיט נאָך אַ פּאָר טויזנטערס, — זאָלן זיי רעדן, די נישטפּאַרגינערס...

— כ׳וויל נישט דיין געלט... — האָט איר די מאַמע צוריקגעוואָרפּן די טויזנטערס, וואָס זי האָט איר געשטופּט אין האַנט אַריין, — ס׳איז טריף געלט... דו הערסט? דער טאַטע וויל אויך נישט וויסן פּון דיר... ווי איז מיר... אָנשטאָט די מערדערס אונדזערע מיט יידישער האָרעוואַניע... איצט זע איך שוין... ער איז דען נישט געווען גערעכט, דאָס יינגל? דו, נישט קיין אַנדערע, האָסט אים פּאַרטריבן פּון שטוב אַרויס... און מירל... און וואָלף...

און זי האָט דאָרט געקלאַפּט מיט די טירן, די אַלטע.

אויף צולהכעיס אַלעמען האָט זיך ראָזעט אויסגעסטראָיעט אין די שענסטע שטעטער, אַרומגעפירט זיך פראַנק און פריי מיט אַווערמעלען איבער די קאַפעען, איבער די געדיכטע בערזעס, ווו יידן האָבן זיך געקליבן און געמסחרט.

—אין דר'ערד האָב איך זיי אַלעמען, דו הערסט? — האָט זי געלאַכט מיט איר גרין געלעכטערל. — זאָלן זיי אַלע פּלאַצן.

אפילו אַן אייגענעם פראַנצויז האָבן זיי געהאַט, אַ געוועזענעם קאָמיסיאָנער און איצט וויצע-דירעקטאָר פון אַ גרויס האַנדלס-הויז, וואָס מ'האָט געשמועסט, אַז די מערסטע אַקציאָנערן דאָרט זענען יידן. דער מעסיע בריסטו האָט עס ווייטער געפירט די געשעפטן מיט די קאָנפעקציע-שטאָפן; ווו מ'האָט באַדאַרפט און ווו ס'האָט געטויגט, איז ער געווען דער פאַרטרעטער. ביליקע, פאַרביק-שיינע שטאָפן זענען אויפגעקומען צום פרילינג-סעזאָן, האַלץ-שטאָפן, אין וועלכע די עלעגאַנטע פאַריזערינס האָבן זיך פאַר באָנען און פונקטן, וואָס זענען נישט לייכט אָנגעקומען, ווידער געצירט. איבער די בולוואַרן האָבן ריטמיש געקלאַפּט די האָלץ-שיכלעך. אַלע מיני ביליקע מלחמה-מאָדעס זענען אויפגעקומען. דער מעסיע בריסטו איז געווען אַן אויסגעקאָכטער קאָמערסאַנט, ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך דערפינדערישקייט אין די מלחמה-מאָדעס. ער האָט שוין אויך פון לאַנג פאַרשטאַנען, אַז אין האַנדל מיט יידן דערלייגט מען קיינמאָל נישט. ער איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען אַן אָפטער איינגייער אין יידישע קאָנפעקציע-„הייזער". בפרט איצט, ווען אַלץ איז געוואָרן הפקר, ווען מ'האָט ביי זיי אַלע געשעפטן אויף די בולוואַרן אַוועקגענומען, קיין זאַך טאָרן זיי נישט מער און מען שמועסט נאָך, אַז... מאַלע, וואָס מען שמועסט אַלץ.

אפילו אַקעגן די היימישע יונגעלייט, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין סטראַשן, איז גוט געווען צו האָבן צו טאָן מיט אַ פראַנצויז. זיי האָבן פונדעסטוועגן דרך-ארץ. צָבער סייווי — וואָס מען הערט זיך אַלץ אָן יעדן טאָג — שיסערייען, איבערפאַלן, עריבניקעס און די לעצטע זאַלפּן אויפן מאָן-וואַלעריאַן. ס'איז נישט קיין שפּילעכל. ראָזעטן איז נישט איינמאָל אַדורך אַ גרויל איבערן לייב. צי מיינט מען טאַקע בלויז זיי, די דאָזיקע... אָבער די יידישע יונגעלייט זענען האַרט און פאַרביסן צוגעשטאַנען, געקומען אינמיטן העלן טאָג, געפאָדערט, געוואָרנט, געדראָט. דאָ האָבן זיי ביי איינעם, האָט מען געהערט, קאַליע געמאַכט שיינע עטלעכע פעקלעך סחורה, די שטאָפן באַגאָסן מיט וויטריאָל, פשוט פאַרברענט, געפטרט. די ווינטער-הענטשקעס אַזוי פאַרשניטן, אַז אַפילו אויף אַ קינדעריש הענטל וועלן זיי מער נישט אַרויף; כאָטש די דייטשן האָבן אַלץ גענומען, האָבן אפילו נישט באַקוקט די סחורה, אַלץ איז גוט געווען פאַר זיי. אַווערמעלע ווידער איז אויך אַרומגעגאַנגען אַ צעדרייטער. ער האָט גוט געוווּסט מיט וואָס דאָס אַלץ שמעקט. אפילו מיכלסאָן, זיין אַלטער גוטער-פריינד מיכלסאָן, האָט אים

דאָ מער נישט געקאָנט עצהנען. אָבער אויפגערעגט האָט ער זיך, מיכלסאָן, גאָר שטאַרק, אַ סימן, אַז ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די ברילן און זיי לאַנג געווישט מיטן טיכעלע.

— פּלאַטער־קעפּ!... — האָט מיכלסאָן אַוועקגעמאַכט און איז געווען אויסער זיך, — אַבי „קעמפן“... אַבי ווייזן, אַז מע טוט עפּעס... אָנשטאָט איבערצוװאַרטן אין אַ ווינקעלע און אָנקוקן דאָס גרייטע.

— אָט דאָס טאַקע שרייַ איך צו זיי, צו די צעלייגערס, פריינד מיכלסאָן, — האָט זיך דער פּלוטעוואַטער יונגערמאַן הײם אָנגעכאַפּט, — שווייגט כאָטש, שרייַ איך צו זיי, עפנט כאָטש נישט ס׳מויל.

דער ייד איז געווען פאַרפאָרעט געווען מיט ווייכטיקע עסקים, — עפּעס הילפס־אינסטיטוציעס, ווי געווייגלעך... העלפן די יידן, וואָס זענען געבעד פאַרוואָגלט אין די לאַגערן... צוזאַמען מיט די גליטשיקע לייט פון „אוזשיף“, דעם אָפיציעלן יידישן פאָרשטייער פאַר דער דייטשישער מאַכט. עפּעס האָט אים אַוורעמעלע פאָרט געפונען א פאַרענדערטן, אַן עלטער געוואָרענעם, אַן איינגעבויגענעם, אַ פאַרטייעטן. יענער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף זיין שווערן, אַלטמאָדישן קעשענע־זייגער, געקוקט צו דער טיר פון זיין געראַומען קאַבינעט, ווו אַלץ איז שוין געשטאַנען און געלעגן אָנגעוואָרפן, אָנגעשליידערט, ווי מען וואָלט שוין יאָרן דאָרט נישט געראַמט, און, דאַכט זיך, סתם אַזוי געלאָזט לסוף פאַלן:

— און איר... איר מיינט, אַז ס׳וועט נאָך טאַקע אַזוי לאַנג אָנהאַלטן?... כ׳מיין די גאַנצע שפּיל מיט דער „יידן־פראַגע?“...

וואָס האָט ער געוואָלט, דער פּלוטעוואַטער יונגערמאַן? ס׳איז גראָד געווען אין יענע פאָר חדשים, ווען מ׳האָט מאַסנווייז געגומען יידן אין די לאַגערן אַריין, כלומרשט צו באַשעפטיקן זיי, צו „פּראָדוקטיוויזירן“ און צו מאַכן פון זיי ענדלעך „נוצלעכע מענטשן פאַר דער געזעלשאַפט“...

מ׳האָט שוין עפּעס געאַנט מיט וואָס דאָס אַלץ שמעקט. מיכלסאָנען האָט ער שוין באַלד דערנאָך נישט געזען מער. ער איז פּלוצים ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז טאַקע צו אַווּרעמלען דערגאַנגען, אַז ער האָט זיך קודם־כל גאַנץ שיין אַריבערגעפּעקלט אויף יענער זייט דעמאַרקאַציע־ליניע, ווו די אַרבעט פון די קאָמיטעטן איז געווען אַ ביסל אַ פרייערע. מ׳האָט דאָרט אָבער סוף־כל־סוף אויך גענומען יאָגן און פאַרפאָלגן. לאַגערן, לאַגערן; און פון די לאַגערן האָט ער זייער נישט געהאַלטן, דער אַווּרעמעלע. ווי לאַנג ער האָט נאָך געקאָנט שמירן מיט געלט, באַזאָרגן זיך מיט „אייזערנע“ פּאַפּירן און פּאַפּירלעך, האָט ער זיך נאָך אַלעמאָל געקאָנט אַן עצה געבן...

און דאָ ווידער זענען זיי נאָכאַנאַנד צוגעשטאַנען די יונגעלייט, געלעגן אויף זיין קאַרק, געקומען צוערשט סטראַשען מיט גוטע ריידעלעך, כלומרשט איינטענהען זייער תורה. געוווּסט האָט ער אָבער, אַז מיט זיי שפּילט מען זיך

נישט. אפילו ראָזעטן האָט ער אַ ביסל אָנגעשטעקט מיט זיין פלאַטער. ער האָט זי אָוונט־צייט געטראָפן אַ פאַרפלאַמטע און אַ שטאַרק צעטרודערטע, גאָרנישט לויט איר טבע. די מוטער איז דאָרט, זעט אויס, ווידער געווען ביי איר און האָט, ווי געוויינלעך, אָנגעמאַכט ווילדע סקאַנדאַלן, געקלאַפט מיט די טירן, געשריגן. ראָזעטע האָט געהאַט רויטע פלעקן אונטער די אויגן. ער האָט שוין אַ ביסל געוווסט, וואָס די רויטע פלעקן באַדייטן. אָבער אַזוי צעגלאָזן איז זי נאָך קיינמאָל ווי אין דעם אָוונט נישט געווען צו אים. ער האָט עס באַלד דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ ווידער געשען. ס'איז נישט גלאַטיק. ווי זי וואָלט זיך פאַר דער גאַנצער צייט, דערפילט מיטאַמאָל אַליין און נישט באַשיצט. ווייל געוויינלעך האָט זי זיך דאָרט קיינמאָל פון קיין שום זאַך נישט צופיל גענומען צום האַרץ, געטאָן זיך אירס און ביי קיינעם נישט געפרעגט. דאָס מאָל אָבער איז זי געווען פול מיט שלעכטע פאָרגעפילן.

— כ'האָב עפּעס געהערט, — האָט זי דערנאָך געלאָזן פאַלן, — אַז מיין שוואָגער... דו ווייסט... וואָלף... זאָל זיך ווידער געפינען ערגעץ אין פאַריז... דו פאַרשטייסט...

— נו, איז וואָס? — האָט ער נישט באַלד פאַרשטאַנען — ווי קומט איינס צום אַנדערן?

ס'איז איר נישט לייכט אָנגעקומען צו געבן אים צו פאַרשטיין. טאַקע — וויאַזוי? עפּעס געשיכטעס... משפחה־קריגערייען. ער האָט זיך גלייך אויסגעלאַכט דערפון. אָבער די שלעכטע פאָרגעפילן זענען פון איר נישט אָפּגעטראָטן. אים ווידער האָט עס אי פאַרדראָסן, אי ער איז געווען נישט אומצופרידן — וויפל זי האָט עס פריער נישט אַרומגעאַרבעט וועגן אַרויסרייסן איר זשאַקן פון די דייטשישע הענט, האָט זי שוין איצט אַפילו פאַרגעסן איבערצופרעגן, ווי עס האַלט דאָרט. כאָטש דער „פיינער" דייטש זיינער האָט דערווייל געשלעפּט ביי אים געלט, מתנות, כסדר צוגעזאָגט, און מ'האָט גאָרנישט געזען, אַז ס'זאָל זיך עפּעס אויסלאָזן. „יודע?... — איז ער איינמאָל געקומען, איינגערוימט אים און דערביי שטיל און דין געשמייכלט אין זיך אַריין. — ס'איז גלייכער... זאָל ער שוין דערווייל פאַרבלייבן. יאַ־יאַ"... וואָס האָט ער דען געקאָנט מיינען דערמיט, דער דייטש? — האָט ער זיך דערנאָך אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון צעטומלעניש. ער האָט שוין מער גאָרנישט געוואָלט איבעררעדן דערוועגן מיט ראָזעטן. אָבער דער אומרו איז שוין סיווי געהאָנגען איבער די יידישע שטובן. מ'האָט אַלץ פאַרעקשנט געשמועסט, אַז מען וועט אַ ליאַדע נאַכט קומען און אַרויסנעמען אַלעמען פון די בעטן. ער איז געווען אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט אַפילו דאָס אויך פאַרביינגלאָזן פאַרן אויער.

כאָטש ס'איז דאָרט געווען גענוג גערוים אין אירע צימערן, איז איבער די שטובן געשטאַנען אַ שווערע דעמפּיקייט אין דעם צוגעפּאַלענעם פּריליגגדיקן

אָוונט; די פֿענצטער זענען נאָך פֿון בײַטאָג אַזוי געווען געדיכט פֿאַרהאָנגען, קיין ליכט־שפּאַרע זאָל נישט אַרויסקומען אינדרויסן. די שלייפֿן האָבן פּלוצים גענומען האַמערן. ביידע האָבן זיי זיך מיטאַמאָל דערפֿילט ווי אין אַ פֿאַרמאַכטער פּאַסטקע, נישט צו אַנטלויפֿן, און מאָרגן נאָענט איז זייער גורל. שוין לאַנג, אַז די פּאָליציי־שעה איז געהאַט צוגעפֿאַלן אַרום די אַלטע געסעלעך פֿון פּלעצל. זי איז פּלוצים צו, האָט אויסגעלאָשן די ליכטער און אַ ביסל איבערגעשפּאַרט די פֿענצטער אין טיפֿן מויער־געוועלב פֿון אַלטן הויז. די אויסגעלאָשענע הייזער־סילועטן האָבן אָפּגעדעקט די פּערספּעקטיוו פֿון אַן אָפּגעליידיקטער גאַס. דער לעבלעכער אָטעם האָט אפֿילו נישט אַ באַוועג געטאָן די פֿאָרהאַנגען. איבער די אָפּגעהאַקטע רעכער האָט דער הימל געהויערט שווער, פּאַרנע, ווי אויף אַ רעגן, און די בולטע שטערן איבער די אַלטע מויערן פֿון פּאַריז האָבן דאָס מאָל אויסגעזען אומגעוויינלעך גרויס. ס'האָט אַ דערמאָן געטאָן עפּעס אַ פֿאַרוואָרפֿן, נאַכטיק דאָרף, ווייט פֿון אַ באַנליגיע. גרילן האָבן ערגעץ געזעגט אין די אַלטע ווענט. ווער ווייסט, ווי די גאַסן האָבן דאָ אויסגעזען מיט אַוועלכע הונדערט יאָר צוריק, וויפֿל שטורעמס און איבערבראָזן עס זענען דאָ אַדורך, ביז זיי האָבן טרויעריק דערלעבט ווידער צו פֿאַרנעמען די האַרטע, פֿרעמדע, דייטשישע סאָלדאַטן־טריט.

פֿאַרקוקט אין דער טיף פֿון דער אָפּגעליידיקטער פּערספּעקטיוו, האָט זי זיך פּלוצים געכאַפּט, אַז דער, וואָס שטייט לעבן איר, איז אַוורעמעלע, זיין לאַנגער, אויסגעצויגענער שאָטן. זי האָט אויפֿגעציטערט. טאַקע, ווהי'ן איז זי דאָ פֿאַרקראָכן? נאָכוואָס האָט זי עס אַלץ באַדאַרפֿט? ס'איז שוין אָבער שווער געווען צוריקצוכאַפּן — אַזוי האָט זיך איר אַלץ אויסגעדאַכט.

15

צי האָט ער דען געקאָנט איינרעדן, אַנרי? אַן אַלטער פֿאַרדרוס, נישט איינגעצושטילן, האָט געברענט אין אים. איצט איז שוין אַלציינס געווען. אויב זיי האָבן עס נאָך אַלץ נישט פֿאַרשטאַנען, די נאַרישע... עטלעכע מאָל האָט ער אפֿילו געלאָזט באַפֿוילן צו דער מאַמען דורך מירלען, אַז זי זאָל דאָרט אַרויסגיין צו איר, איר וואָרענען, ראָזעטן. צי וואָלטן, ווידער, האָט ער צום לעצטן מאָל אַזוי אַ זאָג געטאָן:

— נאַר דו... ווען מען לאָזט מיך... וואָלט איך זיי דאָרט אונטערגעצונדן, הערסט? כ'וואָלט... דו ווייסט דען, ווער זי איז?...

ס'איז פּשוט אַ חרפּה און אַ שאַנדע געווען בלויז, אַשטייגער, פֿאַרן סטראַשען מיטן רופֿן פּאָליציי אין אַזאַ צייט.

זיי זענען געווען סאָלדאַטן אין דער געדיכטעניש פון די יידישע געסלעך, אין דער געדיכטעניש פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט שווער געקרעכצט אונטערן דייטשישן שטיוול. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער מאַניפעסטאַציע אין לאַטיינישן קוואַרטאַל, מיטן אַוועקלייגן דעם ערשטן דייטש ביים מעטראָ באַרבעס, מיטן באַפאַלן און אונטערצינדן די דייטשישע גאַראַזשן אַרום די סען=מאַרטען=קאַנאַלן, מיט די איבערפאַלן אויף דייטשישע אָפיצערן, סאָלדאַטן=היימען, ביים אַרויסגאַנג פון די סינעמאַס, אויף קלאָגנעם אָנגעפּאַקטע קאַמיאָנען און באַן=קנופּן.

ווען וואָלף איז ווידער געקומען אויפזוכן אַנרין אין זיין באַהעלטעניש, ווו ער איז געווען פאַרשטעקט צוזאַמען מיט מאָריסעטן, ערגעץ ביים פאַררויכערטן פּאָרט דע לאַ ווילעט, האָט דאָס ייִנגל שוין מער נישט אויסגעקוקט ווי דעמלט, ווי איינער פון די פלינקע צייטונגס=יאַטן, וואָס יאָגן זיך אַרום אויף די ראָוועדן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון גאַסן=פאַרקער. אַנרי האָט איצט געטראָגן אויף זיך אַ פאַרפעטסטן אַרבעטס=קאָמבינעזאָן, אַ קאַסקעט, און מ'האָט אים לייכט געקאָנט אָננעמען פאַר איינעם פון די פאַבריקס=אַרבעטער אין דער אומגעגנט.

ס'איז געווען מיט אַ קאַרג יאָר צוריק, אין פאַרכמאַרעטן פרילינג 1941. ער האָט אָבער דעם קוים געצייכנטן שמייכל וואָלפס גוט שוין געקענט — ער האָט באַלד געוווסט, אַז ער קומט דאָסמאָל אין אַ וויכטיקער שליחות. די אַנעמישע ביימער ביים פלאַנט, אונטער די פאַררויכערטע באַן=בריקן, האָבן קוים גענומען אַרויסשיסן בלייכע קנאָספּן. די אַלטע, פילשטאָקיקע באַן=געביידעם הינטער דער וואַנט נאַקעטע צווייגן זענען געשטאַנען ווי אָפּגעשונדענע. די פאַרטראָגענע רויכן האָבן זיך כסדר געלייגט אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט.

— ווער לויט דיר, באַהאַרף צו זיין דער דריטער? — האָט וואָלף קורץ געפרעגט.

— וואָס הייסט?... מירל... — האָט ער אפילו קיין איין מינוט נישט אַ קלער געטאָן.

— ס'איז מיילמאָל בעסער... אַ פרוי.. — האָט זיך וואָלף אַ ווילע פאַרקלערט.

און אַנרי האָט אומגערן אַריינגעקוקט אין וואָלפס שטאָליק=פאַרבלויטע אויגן, האָט אָבער באַלד דעם בליק ווי פאַרשולדיקט אַוועקגענומען. ער איז נישט דרייסט געווען צופיל אַריינצוקוקן צו יענעם, דערכאַפּן דאָס אינטימע, דאָס ציטערדיקע.

ס'האָט פונדעסטוועגן ווי געטאָן — דער יונגער, דורכזיכטיקער פרילינג אויפן פּאַריזער הינטער=שטאָטישן בולוואַר, די גאָלדענע זון=פלעקן, וואָס האָבן מאָדנע אויפגעלויכטן, די שורה אַלטע הייזער הינטער דער נאַקעטער ביימערוואַנט. מיט אַ וועלכע צען=צוועלף יאָר צוריק וואָלט אים אַוודאי נישט איינגעפאַלן,

וואָלטן, אַז זיין אייגן לעבן וועט נאָך אַלץ זיין דאָס לעבן פון אַ הפקרן סאָלדאַט; און אָט — ס'הייבט זיך, אייגנטלעך, ערשט אָן...

מירלען מיטן קינד האָט ער מער נישט באַדאַרפט צו זען. זיי האָבן דאָרט אין יענע עטלעכע חדשים נאָך אַלץ געלעבט אין האָטעל אויפן בעלוויל. ס'האָט אַפילו נישט געשטאָרט ווי טאָן, ס'איז געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך. ער האָט נישט געהאַט דאָס גליק צו טראָגן אויף זיך דעם ליבן, זיסן עול פון אַ פרוי, אַ קינד אין אַזאַ אומברחמנותדיקער צייט. וואָלט זי כאָטש בייז געווען אויף אים, מירל, באַשאָטן אים מיט פאָרווורפן, ווי אַנדערע. גאָרנישט. זי האָט אַלץ שטילערהייט פאַר ליב גענומען. זי איז דאָרט אַלץ פאַרפאָרעט געווען אין די סאָלידאַריטעט־קאָמיטעטן, אַרומגעלאָפן איבער די יידישע שטובן, איבער די פאַרשטעקטע גאָרעס, געהאָלפן, אָנגעזאָגט, געוואָרנט. דאָס בלייכע מיידעלע האָט זי געפירט ביי אַ הענטל איבערן בולוואַר אָדער אַרייַנגעזעצט עס אין אָפּגעקלאַפּטן וועגעלע, ווו ס'וואָלט קיינעם גאָרנישט איינגעפאַלן אַ בליק צו טאָן אונטער די אָנגעוואַלגערטע קישעלעך אין קאָלדרעס, וואָס פאַר אַ פאַפּירלעך ס'וואַלגערן זיך דאָרט. אַז מ'האָט באַדאַרפט, האָט זי דאָס קינד איבערגעלאָזן ערגעץ ביי אַ שכנה. ס'מיידעלע האָט געהאַט פונקט אַזעלכע שמייכלענדיקע גריבעלעך, ווי וואָלף, און אַ קאָפּ העלע לאָקן. ס'האָט גערופן „פאַפּאַ“ יעדן צופעליקן מאַן — אויף די שטיגן, אויף דער גאַס, אין אַנעמישן גערטל הינטערן קלויסטער...

אַ סך נסיונות זענען זיי בייגעשטאַנען, אַנרי אין מאָריסעט. זיי האָבן דאָרט ערגעץ געלעבט פאַרשטעקט אין די אַלטע הייזער ביים פלאַנט, אונטער אַלערליי אויסגעטראַכטע פראָפעס'עס און נעמען. פון דאַנען זענען זיי איינמאָל אַוועק צום סינעמא „דעלטא“, ווו ס'האָט געשפּילט דער נאַצישער פילם „ייד־זיס“. אַוועקצולייגן עטלעכע אָפיצערן; פון דאַנען זענען זיי אַוועק אָנגרייפן דעם האָטעל ביים סקווער מאָנטאָלאָן. ס'איז געווען אין דעם טאָג, ווען מירל איז צוריקגעקומען פון גאַס און פון אירע שטאַמלענדיקע רייד איז קוים געווען אָנצושטויסן זיך:

— אויפן מאָן־וואַלעריאַן... פאַרטאָג... מוניען...

ס'איז געווען אַ פאַרכמאַרעטער טאָג אין מערץ. אַ גאַנצע נאַכט האָט גענאָסן אַ וואַרעמער רעגן. די טראָטואַרן האָבן אין גרויען פרימאָרגן שטאָליק אויפגעגלאַנצט אין דער אומזעבאַרער זון פון הינטערן קלויסטער־טורעמל. געפלעקטע טויבן האָבן זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופטן פון איבער דער לאַבּנדיקער „גריזעט“־סטאַטוע אין גערטל צופוסנס. דאָס האָט זיי דער איינגעהאַלטענער, געצוימטער צאָרן אומבאַמערקט געטראָגן איבער די גאַסן און בולוואַרן. דער סטראַטעג פון דער גרופּע איז געווען מאָריסעט. ער האָט לאַנג אויסגעפאָרשט יעדן פאַרדריי, דעם אָפּשטאַנד פון אַרויסגאַנג ביז צום ראָג ליניקס, ווו עס וואַרט אַלעמאָל די שורה קליינע מיליטערישע אויטאָס. דאָס איז אויך אומגעריכט געווען אַ זיכערע באַריקאַדע ביים צוריקציען זיך; ווייל אַרום זענען די גאַסן און

פּלעצער געשטאַנען ליידיק, ווייט און ברייט אָפֿן. וואָכנלאַנג איז דאָס אָרט אויסגעקוקט געוואָרן. זיי האָבן שוין געוווּסט די פּינקטלעכע מינוט, ווען דער ביוראָ־שעף פֿאָן מילער קומט צו גיין פֿון זיין האָטעל אויף די לאַפּאַיעט. ער פֿאָרט נישט, ער האָט באַזונדערס ליב דעם פֿרימאָרגנדיקן שפּאַציר־גאַנג איבער די פּאַריזער גאַסן. נישט אין זיין שטייפֿן אָפֿיצערן־מונדיר, וואָלט מען אים לייכט געקאָנט אָנגענומען פֿאַר אַ באַשיידענעם באַאַמטן פֿון עפּעס אַן אַדמיניסטראַציע־ביוראָ. ער גליטשט זיך פֿאַרביי אומבאַמערקט צווישן די מאָגערע פֿרויען, וואָס איילן אין פֿרימאָרגן צו שטעלן זיך אין דער ריי מיטן מילך־קענדל און מיטן קינד אויפֿן אָרעם; צווישן די אַרבעטער, וואָס איילן אין די מעטאַל־פֿאַבריקן אַרום מעטראָ באַרבעס. ער אַנטשולדיקט זיך, ווען ער רירט אומגערן עמעצן אָן, ער שמייכלט מילד צו אַ פֿאַרוויינט קינד אויף דער מוטערס אָרעם.

ווי אויסגעפּרוווט מען זאָל נישט זיין, טראָגט מען מיט זיך אַלעמאָל אַ קליין ביסל פּלאָנטער. מירל איז געווען אָנגעטאָן ווי איינע פֿון אָט די גרויע פֿרימאָרגן־פֿרויען, וואָס איילן צו שטעלן זיך אין עפּעס אַ ריי, — אַן אָפּגעבליאַקעוועט זשאַקעטל איז געווען אויף אירע אַקסלען, קלאַפּנדיקע האָלץ־שיכלעך אויף אירע יונגע ראָזע מיידלשע פֿיס. זי האָט זיך צעקושט מיט אַנרין ביים סאַמע אַריינגאַנג צום קליינעם גערטל הינטער דער קירכע. ער האָט דערביי, אַזוי ווי אומגערן, אַ נעם געטאָן דאָס פּאַקעטל פֿון איר קיישל און פֿאַרשטעקט עס ביי זיך. אַליין האָט זי באַלד פֿאַרקערעוועט צום ראָג און אויסגעמישט זיך מיטן גרויען שטראָם, וואָס האָט געאיילט איבערן טראָטואַר. זי האָט נאָך באַוויזן צו באַמערקן מאָריסעטן צוקומען פֿון יענער זייט גאָרטן־שטאַכעטן. ער איז געגאַנגען נישט געאיילט. זיין אַקסל האָט זיך געהויקערט, ווי ס'וואָלט געשפּריצט איבער אים אַ פּאַריזער האַרבסטיק רעגנדל; און מער האָט זי שוין נישט געזען.

אין דער געפּלדיקער שויב פֿון דער קאַפֿע קעגנאיבער, וווּ מירל איז אַריין עפּעס אויסטרינקען, האָט זי זיך דערנאָך צוזאַמען מיט אַלעמען געשטופּט, און איבער קעפּ דערזען דעם געלויף פֿון אַ סך פֿיס אַרום גערטל, דאָרט, וווּ ס'וואַרט געוויינלעך די שורה קליינע מיליטערישע אויטאָס. די גאַס איז באַלד דערנאָך געוואָרן מאָדנע פֿריי און אָפּגעליידיקט, ווי אויסגעקערט. דער לאַנגער, וואָנסיקער פּאַטרון אין בלויען פֿאַרטעך האָט דאָרט געשטעקט איבער אַלעמען און געלאָזן פֿאַלן מיט אַ שווערן באַס:

— גאָרנישט... ס'ברעכן זיך דאָרט די שטוב־כלים...

אין פֿאַרציענדיק ענערגיש דאָס אָפּגעברענטע סיגאַרעטן־עקל, וואָס האָט אים שיר נישט אָפּגעסמאַליעט די וואָנסן, איז ער צוריק אַוועק הינטערן קאָנטואַר.

מירל איז נישט באַלד אַוועק צו דער פֿאַררויכערטער פֿאַרשטאָט. זי האָט ווייט אויסגעמיטן די מעטראָ, די אויטאָבוסן, זיך דורכגעקערעוועט הורך זייטיקע

דורכגעגאַנגען דורך די געסלעך צום הויכן מאָנמאַרטר. זי האָט גוט געוווּסט, אַז אין אַזאַ טאָג באַפֿאַלן זיי אומגעריכט אַלע מעטראָ־איינגאַנגען, אַלע געדיכטע פּאַרקער־פּונקטן, און ס'איז גלייכער צו האַלטן זיך וואָס ווייטער פֿון די געזעמלער. זי האָט גאָר באַוויזן צו דערכאַפּן, אַז ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן אָפּצוטראָגן. אָבער צי ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן ביזן סוף?... זי איז אַרויף די געדרייטע קרומע טרעפּ. ווען די ערשטע שאָטנס זענען געפֿאַלן, האָט זי זיך לאַנג איינגעהערט צו דער טיר. ס'איז געווען, ווי א פֿייגל־נעסט, הארט אונטערן דאַך — אַן אָפּגעלעגענע מאַנ־סאַרדע אין אַ לאַנגן קאָרידאָר. זי האָט אָבער באַלד דערפֿילט, אַז עמעץ איז דאָ שוין געווען פֿאַר איר. אַ דרויסנדיקער, פֿרעמדער אַראָמאַט איז געווען אָנגעטראָגן אַהער. זי האָט געמאַכט ליכטיק און באַלד דערזען דאָס אָפּגעריסענע שטיקל פּאַפּיר אויפֿן טיש: „זאָלסט אויף מיר נישט וואַרטן, — האָט זי דערקענט אַנ־רים ציטערדיקע ווערטער, — מיט מאָריסעטן איז אַלץ ווי אַמבעסטן“. מער גאָרנישט.

ערשט איצט איז צוריקגעקומען צו איר דער פּלאַטער. הייסט עס, אַז... אַבי כאָטש אַ לעבעדיקער גרוס; און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן איינגעפֿאַלענעם בעט אין ווינקל, אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן ביידע יונגע, שטאַרקע הענט, קורץ אַ וויין געטאָן פֿון פֿרייד און זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. ס'האָבן פּונקט אויפֿגעעפֿנט... — אַז זי דאַרף אים אפֿילו נישט לויפֿן אויפֿזוכן. נו, מסתּמא דאַרף מען אַזוי. דאָס פּאַפּירל האָט זי באַלד פֿאַרברענט און דאָס אַש פֿאָרזיכטיק פֿאַרבלאָזן דורכן אָפֿגעלעגטן דאַך־שייבל. דער ווייטער סאַקרע־קער־טורעם אויפֿן בערגל פֿון מאָנמאַרטר האָט נאָך אין ליכט־פֿאַרשוווּמענעם נעפּל געגליט אין לעצטע אָפּ־שייגען צווישן די שוואַרצע פֿאַבריק־קוימענס און קלויסטער־שפּיצן אין ווייטן הינטערגרונט. אַ בלייכער הימל, אַזאַ ווי מען זעט אין ערגעץ נישט, האָט גע־הויערט איבערן האַלב־אויסגעלאָשענעם פּאַריז. דאָס האַרץ איז אָבער אַלץ געווען שווער, פֿאַרקלעמט.

מיט אַנרין איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך ערשט אין אַ וואָך אַרום. אויף די פּאָרויס באַשטימטע ראַנדעוו־ערטער. מער ווי אַ מינוט פֿינף האָט זי נישט באַדאַרפֿט צו וואַרטן ביים אַריינגאַנג צום קליינעם קוואַרטאַל־סינעמאַ אָונט־צייט, באַקוקנדיק די אויסגעשטעלטע סטאַרן. די שטילע אַרבעטס־לייט פֿון קוואַרטאַל זענען פֿאַרנאַכט, נאָך אַ טאָג האָרעוואַניע, געקומען אין די שטעק־לאַטשן אין קליינעם פּראָווינצער סינעמאַ; די מוזיק פֿון הינטער די קאָרטינעס — דאָס אַלץ האָט עפּעס אַ דערמאָן געטאָן אין פֿאַרגאַנגענע זומערן. זי האָט מיט־אַמאָל דערפֿילט אַנרינס ווייכן באַריר אויף איר אַקסל און אויפֿגעציטערט. אָן רייד האָט ער זי אָנגענומען אָרעם מיט דער לייַדיקער אָונט־גאַס. ברודער און שוועסטער זענען צוגעפֿאַלן איינער צום אַנדערן.

— כ'האָב אין דער לעצטער מינוט... פאַרשטייסטו... די קוילן זענען גע־פלויגן, — האָט ער זיך אָפּן און יינגליש מודה געווען, — נאָר געטראַכט וועגן דיר, וועגן וואָלפן... בערט... דערנאָך האָב איך שוין מער גאָרנישט געזען. די ווייסט, מאַריסעטן איז בעסער... דער פּוס בלוטיקט נישט מער. ס'איז געווען אַ קליינע אָפּעראַציע. מ'האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ערשט די אַנדערע וואָך וועל איך אים אפשר קאָנען זען.

— וויאַזוי?... — האָט זי געשטאַמלט און איז געווען בלויז פּלאַטער.

— ווייסט גאָרנישט? מאַריסעט איז שוין געווען ביי זיי אין די הענט... האָב איך זיך צוריקגעקערט, געשפּרונגען צווישן די אויטאָס און אים אָפּגעשאָסן פון די ציווילע לייט. כ'האָב נאָך באַוויזן צו זען, ווי ער האָט אַ כאַפּ געטאָן עמעצנס אַ וועלאָ ביים טראָטואַר... ערשט צומאָרגנס איז מען מיר געקומען אָנזאָגן...

— און אַז פאָן מילער לעבט טאַקע נישט, ווייסטו?

— ערשט היינט האָבן זיי געברענגט די ציימונג.

זי האָט עפּעס דערפילט, אַז עפּעס וואַרגט אים נאָך. אַזוי אָנגעשפּיצט פּיל־באַר ווי זיי זענען עס אַלע געווען, אַז ס'איז כמעט גאָרנישט געווען מער אויסצו־באַהאַלטן איינער פאַרן אַנדערן. ס'איז ווידער אויסגעקומען אָפּצוגעזעגענען זיך שטום, אָן איבעריקע רייד, דאָ באַלד, ביי אַ פינצטערן ראָג. ס'האָט אים געטראָגן. אָבער נאָך איידער ער איז פאַרשוווּנדן, האָט ער שטיל צוגעגעבן:

אויף וואָלפן זאָלסטו נישט וואַרטן... דאָס האָב איך דיר טאַקע געוואָלט זאָגן, — ער וועט עס דיר אפשר אַליין צווויסן געבן... ער איז מער נישט אין פּאַריז...

און ער האָט דאָרט ערגעץ אוועקגעאיילט מיט די הינטער־גאַסן. „זאָלסט זיך כאָטש וויזן אַמאָל“, — האָט זי אים צוגעוואָרפן. אַ ווילדער כוח האָט אים אוועקגעטראָגן דורך די פינצטערע הינטערשטאָטישע פּלעצער. ביי אים איז שוין פאַרטיק געווען דער באַשלוס אָפּצוּוואַשן די חרפּה, אונטערצינדן די אַטעליע אַוורעמעלעס, אָבער ביי די איבעריקע...

אין די קאַפעס פון יענע גאַסן ארום די בולוואַרן, וווּ יידן האָבן זיך אַלעמאָל געריכט געקליבן און געמסחרט, איז שוין געווען עפּעס א געמורמל. ס'האָט זיך ווידער געטראָגן עפּעס אַן איינגעשפּאַרטער קלאַנג, אַז מען וועט היינט־מאָרגן באַפאַלן יידישע שטובן. אַנדערע האָבן זיך אויסגעלאַכט. נישט געגלויבט, גע־ברענגט ראיות...

ס'איז געווען אין דער איינגעשטילטער מיטאָג־שעה, ווען אַנרי און מאַרי־סעט זענען לאַנגזאַם אַרויף אויף די שטיגן, וווּ ס'האָט געקלאַפּט אַוורעמעלעס אַטעליע. ס'איז געווען אויפן דריטן שטאָק פון אַן אַלט האַנדלס־הויז. די מאַשינען הינטער אַלע טירן האָבן מער נישט גערוישט. מאַריסעט האָט נאָכגעהאַלטן דעם טראָט. דאָ האָט מען שוין אַנרין אַליין נישט באַדאַרפט צו לאָזן. ער האָט זיך דער

ערשטער אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, באַקוקט אַ ווײַלע דאָס אָפּגעריבענע בלעטל און מער ווי מיט די ליפּן, מיטן בליק אַ וויז געטאָן — „דאָ איז עס“. זיי האָבן פאַרבייגעלאָזן עטלעכע צעטומלטע יידן, וואָס זענען מיטאַמאָל אַראָפּגעקומען פון אַ העכערן שטאָק: יענע זענען געווען אַזוי פאַרנומען, אַז זיי האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט.

— דערלאַנג... — האָט אַנרי אַ בעט געטאָן.

אַליין האָט ער אין דער אַלטער, איבערגעפאַרבטער טיר מיטן קורצן עקבייער גענומען בויערן אַ לאָך. דאָס אויסגעטריקנטע פּאַפּיר־האָלץ פון דער אייבערשטער שיכט האָט לייכט אַ קריץ געטאָן, באַלד נאָכגעגעבן. אַ האַלבע פלאַש בענזין האָט איינגעזויגן די היפּשע מאַשין־בוימל־שפּריץ. ער האָט זי אויסגעקוועטשט ביזן דנאָ. דאָס שטראָמל, האָט ער געפילט אין זיינע הענט, איז צוערשט צוגעפאַלן אויף עפּעס ווייכס, דערנאָך האָט עס אַ רויש געטאָן איבערן האָלץ פון אַ זייטיקער וואַנט. דאָס שוועבעלע האָט באַלד דערנאָך אויפגעפלאַמט צווישן אַנריס קורצע, פאַרשטייפטע פינגער. ס'איז גענוג געווען עס אַריינצוּוואַרפן. ווי אַ ליכטל האָט עס דאָרט אינעווייניק באַלד אַ סיקע געגעבן און אויפגעפלאַמט. ס'איז דאָרט מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיק, ווי אין אַ בעקערשן אויוון...

אַראָפּ פון די אַלטע שטיגן, האָט עם זיי געטראָגן ווי אַ ווינט. הינטער אַלע טירן איז מאָרנע שטיל געווען אין אָט דער מיטאָג־שעה. דאָס זענען געווען מערסטנס סאָלידע טירן פון האַנדלס־ און אַרבעטס־הייזער, וואָס זענען אַלעמאָל פאַרזיכערט און באַוואָרנט מיט אַ טאָפּלטן שלאָס. ביי דער הויזוועכטערין, אין דער נידער, האָט דאָס געלע פאָרהענגל, ווי קיינמאָל גאָרנישט, נעדרעמלט איבער דער שויב.

די פייערלעשער־וואָגנס זענען אָנגעפלויגן, ווען דער מיטלסטער שטאָק איז שוין אינגאַנצן געשטאַנען אין פלאַמען. די אַלטע הויזוועכטערין האָט צו זיי הייזעריק, מיטן ציינלאָזן מויל, אַ מורמל געטאָן אויף דער שוועל:

— ס'איז נישט אַזוי אייליק, מיינע ייִנגלעך... די דייטשן האָבן דאָ אַרום פיר נאָכמיטאָג געזאָלט קומען אויפצולאָדן די קאַמיאָנען... זיי וועלן אוודאי בייז זיין, נאָר איך קאָן זיי גאָרנישט העלפן...

16

ניין, ס'האָט קיינעם מער גאָרנישט געהאָלפן; ס'איז גאָרנישט געווען אויסצוקויפן זיך פאַר עפּעס זייער שווערע זינד, וועלכע נישט זי, נישט אירע אַלטע טאַטע־מאַמע, אפילו נישט איר שוועסטער מירל, וואָס מ'האָט זיי אַלעמען אין יענעם פאַרטאָג פון טרויעריקן 16־טן יולי אַראָפּגענומען פונעם אַלטן הויז, פאַר־

שפּאַרט אין „וועלאַדראָם ד'היווער", זענען קיינמאָל, דאַכט זיך, נישט באַגאַנגען.
און וואָס איז דען, נאָך אַלעמען, שולדיק געווען דאָס שוואַרצע ייִנגעלע מאָריסל,
מיט די יידישע אויגן, וואָס האָט אַזוי זיס געפּלאַפּלט וועגן „פּער נאָעל", וועגן
„זיינע" פּאַרצייטיקע עלטערזיידעס, די לאַנגוואָנס'יקע, קריגערישע, האַלב־נאַקעטע
גאַליער, מיט די פּאַנצערס מיט די שפּיזן... ס'איז פּשוט אַ רחמנות געווען אויפן
קינד, צו נעמען און אָנצוואַרפן עס נאָך עפּעס אַ נייע, פרעמדע, יידישע לאַסט;
שוין בלויז דערפאַר האָט זי זיי נישט געקאָנט מוחל זיין, די דייטשן...

און אַזוי, האָט זיך ראָזעטן אפילו אָפּט אויסגעוויזן, אַז די ציימונגען און די
מיטינג־לייט האָבן פריער נישט ווייניק געהאַט איבערגעטריבן. זיי זענען געווען
העפלער, קאָרעקט, מ'האָט געקאָנט מיט זיי האַנדלען, מ'האָט זיך אויך געקאָנט
מיט זיי צוזאַמענרעדן. זיי האָבן זיך נישט געדונגען. אָבער ווער זאָל זיך עס געווען
ריכטן?

זי האָט שוין אַציַנד גאָר מער אפילו נישט געוווּסט, וווּ אַוורעמעלע איז מיט
איינמאָל ערגעץ אַהינגעקומען; ער איז אין די טעג פאַרפאַלן געוואָרן אַזוי ווי אין
וואַסער אַריין. אַזוי, מיט זיינע פלוטעוואַטע אויגן, איז ער אין די לעצטע טעג
אַרומגעלאָפן, נאָך מער צעחושט ווי פריער, איבער די פוריער־קאַפעס. מען קאָן
נישט זאָגן — זי האָט טאַקע פון אים גרויסע טובות. טאַקע, וויאַזוי וואָלט זי זיך
דען אָן עצה געגעבן אין אַזאַ צייט? אַציַנד איז אַלץ געווען אויס. אַ פייער האָט
אַלץ אָפּגעווישט, וואָס מענטשן האָבן דאָרט דערנאָך אַלץ אָנדערציילט זיך און
אויסגערעדט...

ס'איז געווען נאָך יענעם בהלהדיקן 16־טן יולי אין פּאַריז, ווען ס'איז אויס־
געקומען מיטאַמאָל אַלץ צו וואַרפן און לויפן ערגעצווו אויסבאַהאַלטן זיך צוזאַ־
מען מיטן קינד. זי האָט אָבער גלייך פאַרשטאַנען, וואָס ווייניקער אויסצומישן
זיך מיט די אַלע צעפּלאָשעטע און איבערגעשראָקענע בעלווילער יידן. זיי זענען
אַלע אַרומגעלאָפן, געבישטערט, געזוכט צו פאַרשטעקן זיך ערגעץ, געלאָזן זיך
כמאַרעסווייז איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע, ס'רוב טאַקע אומגליקלעך אַריינ־
געפאַלן אין די דייטשישע הענט אַריין. ס'האָט אָבער מער נישט געטויגט אפילו
דאָס פאַרבן זיך אויף בלאָנד, דאָס אָנהענגען אַ צלמל אויפן האַלדז, דאָס איינ־
שאַפן זיך פאַר גוטע געלטער אַרישע פּאַפּירן. איר אויסזען, איר יידישע צעמישט־
קייט האָט באַלד געקאָנט פאַראַטן.

נאָך גוט, וואָס זי איז נישט געווען דאָרט צוזאַמען מיט זיי, אין הויז ביי
אירע עלטערן. און ס'האָט זיך איר לעבעדיק אַ דערמאָן געגעבן, וויאַזוי די מאַמע
האָט לעצטנס געפּלעגט צו פלאַטערן איבערן מיידעלע מירלס. זי האָט נישט גע־
רוט, די אַלטע. עטלעכע מאָל אין דער וואָך איז זי דאָרט געלאָפן אַהין צו איר אין
האָטעל אַריין זען דאָס אייניקל מיט דער טאָכטער. און אַזעלכע בייזע צייטן

האָט זי איר דאָרט אַרויסגעהאָלפֿן, מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט. אַצינד האָט זי שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז וואָלף איז מער נישטאָ אין פּאַריז, אַז ער שלעפּט זיך ווידער אַרום ערגעץ אין אַלדי שוואַרץ יאָר און קאָן אַפילו נישט קומען זען דאָס קינד. זי האָט געגאָסן מיט טרערן, די אַלטע, געקושט און געהאַלדזט דאָס מיידעלע מיט אירע צעשאָטענע, בלאָנדלעכע לאָקן, ווי ביי אַ פּופּע, מיט אירע גרויסע אומעטיקע אויגן. זי האָט שוין גאָר מער אַזויפֿיל נישט געוואָלט רעדן און פֿרעגן. מירל האָט, ווי געווייגלעך, געשוויגן, ווייניק גערעדט. ס'איז אַלעמאָל געווען עפּעס אַזאַ ווייטער פּלאַם אין אירע אויגן. פֿון וואַנען, — האָט זי זיך געפֿרעגט, די אַלטע, — דערנעמען זיך צו מיר אַזעלכע קינדער? און זי איז פֿונדעסטוועגן אַלעמאָל אַוועק אַ באַרואיקטע, נאָכדעם ווי זי האָט זיך זאַט אָנגעפֿרייט מיטן אייניקל. אָבער אין דער היים האָט זי ווידעראַמאָל איבערגעקלערט, און ס'האָט איר נישט געלאָזן אײַנרוען, ביז זי איז נאָכאַמאָל נישט געלאָפֿן צו דער טאָכטער מיטן אייניקל, ביז זי האָט זיי נישט געבראַנגט צו זיך אין שטוב אַריין. הלוואַי וואָלט זי זיי דעמלט נישט געבראַנגט צו זיך אין שטוב אַריין; נאָר ווער האָט דען געקאָנט זיין אַזוי קלוג?

ביים וויצע-דירעקטאָר פֿון ריזיקן האַנדלס-הויז אַרום די גרויסע בולוואַרן, וואָס מ'האָט געשמועסט, אַז די מערסטע אַקציאָנערן פֿון דעם געשעפֿט זענען ייִדן, און צו וועמען ראָזעט איז באַלד צומאָרגנס געלאָפֿן זיך אויסבאַהאַלטן, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז לענגער ווי אַ צוויי-דריי וואָכן האָט זי דאָרט אויך נישט געקאָנט פֿאַרבלייבן. מעס'ע בריסטאָ איז געווען כמעט זייערער אַ הויז-פֿריינד, ער האָט דורך זייער האַנט נישט קיין קליינע געשעפֿטן געמאַכט. ער איז געווען, מוז מען זאָגן, זייער אַ לאָיאַלער מענטש, אַ געווייסנהאַפֿטער פֿאָרשטייער פֿון מיטלן האַנדלס-קלאַס, אַ געוועזענער פֿראָנט-קעמפֿער אין יענער מלחמה, און האָט די ייִדישן, פֿאַרשטייט זיך, נישט איבעריק ליב געהאַט. אַצינד אָבער, ווען זיי האָבן פֿריי אַרומגעשפּאַצירט אויף די בולוואַרן פֿון פּאַריז, און די געשעפֿטן זענען ווייטער געגאַנגען — דווקא נישט שלעכט געגאַנגען — האָט מען געמוזט שמייכלען און שווייגן. ער האָט אָבער בשום אופֿן נישט פֿאַרשטאַנען, למשל, פֿאַרוואָס דער גאַנצער כעס ווערט אויסגעלאָזן דווקא צו די ייִדן. פֿאַרקערט, ער האָט גאָר איינגעפֿונען, אַז די ייִדן זענען אומעטום אַ זייער נוצלעכער עלעמענט, אַ רירעוודיקער, מיט זייער פֿעיִקייט און פֿלינקייט, דער עיקר אין דער פּאַריזער קאָנפֿעקציע, זיי האָבן מיט זיך פֿון זייערע מזרח-לענדער מיטגעבראַנגט קיין פֿראַנקרייך אַ סך קאָכעדיקע ענערגיע, איינפֿאַל, עקשנות, אַרבעטזאַמקייט. ער האָט, צום ביישפּיל, איינגעפֿונען, אַז די שיינע פּאַריזער מאָדעס, אויף וועלכע די גאַנצע וועלט פֿאַרקוקט זיך אַזוי, אימיטירט זיי, האָבן אין די לעצטע יאָרן אין אַ גרויסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען דווקא אָט די ייִדן, פֿול מיט לעבעדיקן, אונטערנעמערישן און אייַנפּאַלערישן גייסט. ער האָט, וואָס שייך די ייִדן, ציוריש געמיינט, אַז דאָב

איז נאָר אן איבערגייענדיקער טומל, און עגין פון פראָפּאַגאַנדע, ס'וועט זיך איינשטילן.

ער האָט דעריבער ראָזעטן מיטן יינגעלע צוערשט אויפגענומען ביי זיך, טרעגן אויף פּאַסי, אין זיין קליין, אָפּגעשלאָסן הויז, מיט אָפענע אָרעמס, קאָן מען זאָגן. דאָס הויז האָט ער ערשט מיט א קורצער צייט צוריק געהאט איינגע־אָרדנט מיט גרויס קאָמפאָרט, אין אַ שיטלער ביימערדיקער גאַס פון 16־טן אראָנ־דיסמאַן, פול מיט געשניצטע פּאַסאַדן און אָפּגעשלאָסענע ווילעס. אהין וואָלט קיינמאָל קיינעם גאָרנישט איינגעפאלן צו קומען זוכן באהאלטענע יידן. כאָטש יידן האָבן דאָרט, אין יענע געגנטן, געוווינט נישט ווייניק, דער עיקר די רייכע, די אַנטלאָפענע רוס'שע יידן, וואָס זענען אמאָל געהאט אריבערגעקומען אהער מיטן שטראָם אנטלאָפענע פון דער רעוואָלוציע. די דאָזיקע האָבן זיך אָבער באצייטנס שוין געהאט אָפּגעטראָגן קיין אמעריקע און אין ערגסטן פאַל — אין דער שווייץ.

— מאדאם, — איז ער געווען פול מיט לייטזעליקייט, — מיין הויז שטייט פאר אייך אָפן... און אזוי שטארק וואָס מורא צו האָבן באדארפט איר אויך נישט. איבעריקנס, כ'פארשטיי זיי איבערהויפּט נישט... דער, וואָס פאָלגט נאָך דעם נאגג פון דער פראנצויזישער אינדוסטריע, פון אונדזער אלגעמיינעם פּראָגרעס מוז קומען צו גאנץ אנדערע אויספירן, ווי אָט די טרוקענע הערן, אָן מוח און אָן גייסט. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען אָן דעם נאטירלעכן צופלוס פון ענערגיע און גייסט...

באלד פון אָנהייב איז ער געווען זייער שטארק איבערראשט און צופרידן פון דער אָנגענעמער געזעלשאפט ביי אים אין הויז. אין זיין אייגן פאמיליע־לעבן האָט זיך, זעט אויס, אויך נישט געהאט אלץ איינגעגעבן. ער האָט געהאט א טאָכטער פון ערשטן ווייב און עפּעס אַ פּלאָנטער פון גט־פּראָצעסן; און געווען איז ער אַ מענטש ערשט אין די מיטעלע פערציקער.

די איצטיקע מאנצביליש־גרויסע מאדאם בריסטו איז אמאָל געווען, האָט מען דערציילט, די ערשטע פארקויפערין אין די קאָנפעקצ'יע־הייזער ארום די גרויסע בולווארן; און כאָטש זי האָט זיך צום יינגעלע ראָזעטס באלד זייער שטארק צוגעבונדן, איז אָבער אין הויז, האָט מען געפילט פון הינטער טירן, געווען א שטיקל גערודער. לאנג, האָט זי באלד פארשטאנען, ראָזעט, וועט זי דאָ נישט קאָנען פארבלייבן. אירע שרייענדיקע פּיזשאמעס און פּעניוארן האָבן אים א ביסעלע צופיל היימיש געמאַכט מיט איר, דעם קאָרעקטן מעסיע בריסטו. נו־נו, מער האָט איר נישט געפעלט... דער מאַנצביליש־גרויסער מאַדאַם בריסטו, וואָס אירע מאָגערע באקן האָבן ביי א ליאדע וואָס אויפגעפלאמט...

דאָס יינגעלע איז, נאָך די אַלע לויפעניש'ן אין מיטן דער נאַכט און פון די אַלע אויסבאהעלטעניש'ן, געווען זייער בלייך און איבערגעשראָקן. ביי א ליאדע שאָרך אינעם הויז האָט עס אויפגעשטעלט די אויערן, ווי א העזעלע, און אַן אומרו

האָט אַרויסגעקוקט פֿון זיינע שוואַרצע, איבערגעשראָקענע אויגן — גרויסע, שוואַרצע אויגן, ווי ביי זיינע יידישע זיידעס און עלטערזיידעס; נישט, פֿאַרשטייט זיך, די לאַנגוואָנסיקע, קריגעריש, האַלב־נאַקעטע גאַליער, מיט די פּאַנצערס און שפּיזן... צי איז עס דען שולדיק געווען, דאָס קינד, וואָס געקומען איז עס אויף דער וועלט אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן?

ראָזעט האָט אָבער איינגיכן איינגעזען, אַז ס'טויג נישט, ס'האַלט שמאָל. גאַדיר גאָר אַנומיטן דריינען אַ ניי אָנשיקעניש; אַ מענטש האָט זיך גענומען צוטשעפּן מיט הנדלעך, מיט קאָמפּלימענטן, מיט זיסע ריידעלעך, מיט קליינע מתנות, ווי זיי קענען עס אַזוי געשיקט מאַכן; זיי האָבן נאָך, זעט אויס, אַ לייכטן קאָפּ צו די אַלע זאַכן. טאַקע, צי האָט ער דען געקענט פֿילן איר האַרץ, איר צעבראָכן יידיש געמיט?

וואָס האָט זי דען אַזוינס איבערגעלעבט אין דעם אָפּגעשלאָסענעם הויז, אַז זי זאָל זיך פּלוצים אויפֿהייבן און דורך אַלע געפֿאַרן לויפֿן אַהערברענגען דאָס אָפּגעראַטעוועטע מיידעלע דער שוועסטערס? צי איז עס בלויז געווען דאָס ווייטע געפֿיל איינצונעמען די מאַנצבילש־גרויסע מאַדאַם בריסטו, וועלכע האָט אַליין קיין קינדער נישט געהאַט און וועלכע האָט זי גענומען שאַרף אויסמיידן ביים טיש אָוונט־צייט? אָדער האָט זי אפֿשר אויך געדענקט אין וואַלפֿן און איז מאָדנע זיכער געווען, אַז דער שטילער עקשן, וואָס קאָן אַזוי שיין און מילד שמייכלען, וועט פֿון אַלע פֿייערן אַרויס און וועט נאָך אין איינעם אַ טאָג קומען צו איר מאָנען רעכענונג? זי איז אין די גרעסטע געפֿאַרן צוריקגעגאַנגען צו יענע שמאָלע געסעלעך, אַרומגעלאָפֿן, געקלאַפּט אין אַלע אָפּגעשלאָסענע טירן, געלאָזן זיך אין דער געפֿערלעכער רייזע מיט דער באַן ביז צו יענעם פֿאַרוואָרפֿענעם דאָרף אין דער סאַרט, ביז זי האָט דאָס מיידעלע געבראַכט צו פֿירן אַהער אין הויז אַריין. ערשט דעמאָלט האָט זי זיך דערפֿילט אַ ביסל באַרואיקט. ס'איז געווען אַ בלינד, אינסטינקטיוו געפֿיל.

דער צוג האָט זיך מיטן פֿאַרנאַכט צוריק געהאַט דערנעענטערט צו פּאַריז. ס'איז געווען זונטיק פֿאַרנאַכט. אין דער קופּע, צווישן די אַלע זונטיקדיקע פּאַריזער מיטפֿאָרער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון דער נאָענטער פּראָווינץ מיט אַ ביסל שפּייז, האָבן די מיטלסטע באַנק אין אָנגעכאַפּט וואַגאָן פֿאַרנומען דריי דייטשן. זיי זענען געווען אַ ביסל שיכורלעך, זיי האָבן האָרט עפּעס גערעדט צו די אַרומזיצנדיקע און אַלעמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. ווי ענג ס'איז נישט געווען, האָט מען זיך ביסלעכווייז אָפּגערוקט פֿון זיי. ראָזעט איז אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען אויסגעדרייט צו דער שויב, צוגעדריקט צום מיידעלע, און געזען פֿאַרבייפֿליִען די קליינע, אָפּגעליידיקטע, האַלב־אויסגעלאָשענע וואָקזאַלן פֿון די פֿאָרשטעט. זי האָט זיך געהאַלטן אין דער טונקל, נישט צו וואַרפֿן זיך צופֿיל אין די אויגן מיט איר פּראָפֿיל; מיטן דערנעענטערן זיך צו פּאַריז, האָט זיך דער־

געענטפערט צו איר דער אומרו. דער אומרו איז דאָס מאָל אויך געווען דער מעסיע ווייל, וועלכן זי האָט דאָרט אין דעם הויז צום ערשטן מאָל באגעגנט.

מיט איין מאָל האָט זיך דאָרט אַלץ טאַקע געענדערט. נישט נאָר פאַרן מיידעלע האָט די מאנצבילש־גרויסע מאדאם בריסטו געזאָרגט, נאָר אויך פאר איר מיטן ייִנגעלע, כאָטש זי האָט שוין דערנאָך גאָרנישט מער בדעה געהאט דאָרט צו פארבלייבן אין דעם הויז, אָבער פארן מיידעלע איז דאָזעט געווען רואיקער ווי פאר זיך אליין.

פון זשאקן האָט מען שוין לאנג נישט געהערט. ער איז געווען ערגעץ ווייט, אין א געפאנגען־לאגער אין דייטשלאנד. אצינד האָט זי שוין די בריוו זיינע אויך מער נישט אָנגעקוקט. זיי זענען דאָרט אוודאי אָנגעקומען אויפן אדרעס אין הויז אריין. נאָך די מאָמענטן פון שארפער שרעק, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין יענער נאכט, ווען זי האָט דערהערט פון אומעטום, אין אלע יידישע טירן, א ווילדע קלאפעריי, א טראסקעריי, ווען די פאָליצייאישע שיין־וואָרפערס האָבן או־מעטום געשיטערט, ווען די ארומיקע גאסן זענען געווען אָפגעשלאָסן, — נאָך דעם אלעמען האָט אויך זשאק אָנגעהויבן צו ווערן פון איר ווייט און אָפגעפרעמדט.

כאָטש דער וויצע־דירעקטאָר, מעסיע, בריסטו, איז געווען אַן איידעלער און א פיינער, האָט זי פונדעסטוועגן איינגיכן איינגעזען, אז ער שפילט וואָס אמאָל א מער וויכטיקע ראָלע פון א באלעבאָס אינעם האנדלס־הויז, וואָס מ'האָט גע־שמועסט, אז די מערסטע אקציאָנערן זענען דאָרט יידן. און אזוי ווי די מלחמה האָט זיך פארצויגן, האָט זיך אָנגעהויבן צו דערקענען אין זיינע רייד גאָר אן אנ־דער טאָן.

— אפשר לעבן מיר טאקע פאָרט, — האָט ער זיך איינמאָל ארויסגעכאפט,
— אין דער דייטשישער ערע, ווי זיי זאָגן... — איר זעט דאָך אליין — זיי זענען שטארק, זיי נעמען איין לאנד נאָכן אנדערן...

פון אזעלכע רייד איז איר אויך נישט זייער היימלעך געווען. פארוואָס קומט איר צו ליידן פאר עפעס אַ ווייטער, פרעמדער יידישקייט? — האָט זי זיך נישט געקאָנט שענקען. דער מעסיע וויל, אשטייגער... מיט וואָס, האָט זי זיך באלד געכאפט, זענען זיי דען אינגאנצן יידן, די דאָזיקע? מילא, די צעטראָגענע בעלווילער יידן, וועלכע מען דערקענט פון א מייל די ווייט...

אָט דער מעסיע וייל איז לעצטנס עטלעכע מאָל אריינגעקומען צו דער אָוונט־קאַפע. נישט פון קיין נחת איז ער מסתמא געקומען. ער איז טאקע געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איינער פון יענע יידישע מיטאַקציאָנערן. ער האָט געקאָנט זיין א מענטש פון א יאָר צוויי־דריי און פערציק. קיין שום באזונדערס איז אין דאָ־זיקן עלעגאנט געקליידעטן בלוּיאויגיקן מאן נישט געווען. פארקערט, לויט זיין העלן בלאָנד, לויט זיינע פארשפיצטע ליגיעס, וואָלט מען אים גיכער געקענט אָננעמען פאר איינעם פון די לייט פון נאָרד־פראנקרייך. אין זיין לאץ האָבן אויך

נישט געפעלט עפּעס בעגרלעך, אָפּצייכנס. נאָך ביי מיטאָג האָט מעסיע בריסטו אָנגעזאָגט ראָזעטן, וואָס פאר א גאסט ער דערוואַרט היינט צו דער אָוונט־קאַפּע.

— דאָס איז א מאַן פון האנדלס־קלאַס מיט א סך שוווּנג, — האָט ער זי פאַרזיכערט, — און אייעריקער... ס'הייסט, אַן „איזראַעליט"...

און כאָטש דער קאָפּ איז איר גאָרנישט געלעגן דערביי, האָט זי זיך פונדעסט־וועגן אויסגעפּוצט אין אַן אָוונט־קלייד, איינס פון די אָפּגעראַטעוועטע פון איר הויז, אָנגעהאָנגען זיך די בראַסלעטן, די פינגערלעך, דאָס גאָלדענע זייגערל, מיט די אָנגעזעצטע בריליאַנטלעך, וועלכע זשאַק האָט איר געבראַכט אין טאָג, ווען זיי זענען געוואָרן חתן־כּלה. אָבער איר בלאַנד־געפאַרבטער קאָפּ איז פאַרבליבן א ביסל צופיל חשודיק געקרויזט. ס'איז שווער געווען מער נאָך אָפּצוציען די האָר, וואָס האָבן זיך ווילד געריסן פון אַלע זייטן, אָנגעשטעקט מיט קעמלעך און שפּילקעלעך. ס'איז לייכט צו באַמערקן, אַז דער נאַטירלעכער בלאָנד גיסט זיך בוואַליעסוויז ארונטער אין גלייכע, שיין־פאַרקעמטע לאָקן און לעקעלעך. ביי דער אָוונט־קאַפּע האָט זי זיך באוויזן אין קליינעם סאַלאָן, ווען זי האָט מיטאַמאָל דערהערט הינטער טירן די איינגעהאַלטענע, העפלעכע רייד פון דעם גאַסט.

א ביסל איבערראַשט איז ער פונדעסטוועגן געווען, מעסיע וויל. ער האָט זיך קיל פאַרנייגט און זייטיק אַ בליק געטאָן אין אירע אויגן אַריין. דערמיט אַליין שוין האָט ער אין אַזעלכע צייטן באַלד אויסגעגעבן זיין יידישקייט; און צי איז דען שווער געווען באַלד צו דערקענען דאָס באַזונדערע אין די ביסל פאַרנעפּלטע יידישע אויגן? אויסער דעם, האָט ער אין דער ערשטער רגע אַ־בערהויפּט נישט פאַרשטאַנען, וויאַזוי זי דערנעמט זיך דאָ אהער, אזא היימישע, ווי זי וואָלט דאָ געווען נישט סתם עפּעס א צופעליקער גאַסט אין דעם הויז. נאָר מעסיע בריסטו, א ברייטער, א לאַנגדיקער, ווי שטענדיק, מיט א טיפן, גלאַטיקן שאַרבן, וווּ ס'זע־נען אין דער קווער געווען אויסגעלייגט עטלעכע שיטערע האָר, האָט פיינט גע־האַט צו שפּילן קאָמעדיעס.

— כ'האָב דעם כּבוד אייך פאָרצושטעלן, איינע פון אייערע פאַרפאָלגטע שוועסטער... — איז ער געווען פול מיט לייטזעליקן שמייכל, — מיין הויז, ווי איר זעט, איז אָפן פאַר די קרבנות פון אונדזער געמיינזאַמען שונא.

ער האָט אין דעם מאָמענט שיר אַליין נישט אויסגעזען ווי אַ ייד. דער ברייטלעכער מויל־שניט. די אַ ביסל געהאָרבטע פּלייצע און דער בוימלדיקער, לייטזעליקער שמייכל, וואָס האָט געשפּילט אין אַלע זיינע גלאַטע אויסגעגאָלטע קניימשעלעך, האָבן געקאָנט אַרויסרופן אַ סך חשד ביי די פּראַקטיצירטע פּיזיאָ־נאָמיסטן, וועלכע די געשטאַלט האָט אויסגעשולט און פאַנאַנדערגעשיקט זיי אין אַלע אָקופּירטע געביטן. און מעסיע בריסטו, דאַכט זיך אַ פּראָווינץ פון דור־דורות, האָט טאַקע שפּעטער דערפון נישט ווייניק געליטן. ער האָט צענומען די

הענט און אויף זיי רויט, צעשמייכלט פנים איז מיטאַצאָל געווען ממש אונטער־טעניקייט.

— אין שווערע צייטן, מיינע פריינד... ווי אַזוי נישט טאָן פאַר געיאָגטע מענטשן... כ׳מיין, אויף אַזוי ווייט...

דורך דער טיר האָט זיך שוין פון ערגעץ געטראָגן דער שאַרפער, שמעקנ־דיקער אַראָמאַט פון עכטער קאַפע, דאָס איינגעהאַלטענע קול פון דער אַלעמאָל אויפגערעגטער מאַדאַם בריסטו, און ער האָט זיך באַלד גענומען פאַנאַנדערגיסן דעם ראָם אין די קליינע גלעזלעך.

— ווען די אַלע יידן פון יענע לענדער וואָלטן זיך מיט אַ ביסל מער פאַר־שטענדעניש באַמיט צוצופאַסן צום שטייגער, צו דער רעכטלעכקייט פונעם לאַנד, וווהין זיי קומען, נישט וואַרפן זיך, אַשטייגער, צופיל אין די אויגן, וואָלט אפשר צו דעם אַלעמען, מיין איך, נישט דערגאַנגען... — אַזוי האָט ער פון זיין זייט זייער וויכטיק באַמערקט, מעסיע וויל, און האָט אויסגעזען צו באַרירן דעם דע־ליקאַטן ענין נישט לויט זיין טבע — די אַטענטאַטן אויף די דייטשן, למשל... די פּראָצעסן, ווו אַזויפיל לענדער זענען פאַרמישט...

— דאָס זענען פונדעסטוועגן פאַטריאָטן, מעסיע וויל... כ׳מיין... — האָט שוין מעסיע בריסטו אויך נישט געקאָנט מער, — טוט, למשל, אַ טראַכט, מיר קאָמערץ־לייט שווייגן, אָבער לענגער וועלן מיר אויך מער נישט קאָנען... זיי רואי־נירן דאָס לאַנד. זיי רויבן אויס פראַנקרייך. עס גייט ביי זיי בלומרשט אין „מיט־אַרבעט“, אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן באָלשעוויזם, פאַר עפּעס אַ נייַ אייראָפּע. וואָס דאַרף קומען... אָבער מיר אַלע זעען דאָך וווהין עס פירט...

— איך מיין אויך, אַז מעסיע וויל האָט אַ ביסעלע איבערגעטריבן, אָבער איינגאַנצן אומגערעכט איז ער פאָרט נישט... אפשר וואָלטן זיי גאָר אונדז נישט געמיינט...

אַזוי האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט, ראָזעט, און דורכגעפלויגן איז איר — טאַקע דאָס אייגענע ברודערל אירס, וואָלף און די אַלע איבעריקע דאָרט... זי האָט אָבער אָפּגעהאַקט און נישט גערעדט ווייטער. ווי זי האָט נעפלדיק געהערט, זאָל ער זיך אפילו נאָך איצט געפינען אין פּאַריז, דאָס ברודערל אירס. וועגן אים האָט זי שוין איצט אַמווייניקסטנס געזאָרגט. געוויס האָט זי געהאַט אויסצושטיין, ביז דער לעצטער מינוט... צוערשט זענען זיי געקומען, געוואָלט צעברעכן די מאַשינען, אָנמאַכן אַ חורבן. זיי האָבן אונטערגעהעצט די פּאַסאַזשירן, זיי זאָלן נישט ליווערן די אַרבעט. אַזוינס איז אפילו אין 1936 נישט געשען. מ׳האָט זיי טאַקע דערנאָך נישט ווייניק אויסגעכאַפּט, ווייל זיי זענען געקראָכן דעם וואָלף אין פּיסק אַריין מיט זייער טומלען, מיט זייער יידישקייט, וואָס זיי האַלטן עס אין איין צעפּויקן און באַרימען זיך נאָך דערמיט... און צולעצט, דאָס אונטער־ציגדן די אַטעליע...

זי האָט זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט, אַז מיט איר אָנוועזנהייט ביים טיש איז גאָר מעסיע בריסטו אפשר אויסן געווען צו פֿאַרמאַכן אים דאָס מויל, דעם מעסיע ווייל, ער זאָל נישט צופֿיל צושטיין. געגוי, ווי ס'איז געשען ביי איר אַליין.

אָבער מעסיע ווייל האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַ פֿאַרנונפֿטיקער מענטש, אַ קילער, אַ דורכגעטראַכטער, ער איז דאָסמאָל צופֿיל נישט צוגעשטאַנען. ער האָט זיך דערנאָך קאַלט אָפּגעזעגנט, טרוקן, העפֿלער, האָט זי נאָך איין מאָל, אין דער טיר שטייענדיק, שאַרף אָנגעקוקט און דערביי קוים געשמייכלט.

נאָכדעם, ווי מ'האָט אַלץ געהערט, וואָס ס'טוט זיך אָפּ מיט יידן, איז מעסיע בריסטו סוף־כל־סוף אויך געוואָרן אַ ביסל אומרואיקער. מען ווייסט דען, וואָס ס'קאָן זיך אַמאָל אַ מאַד טאָן? מ'האָט זיך אָנדערציילט וועגן יענעם שרעקלעכן טאָג אין „וועלאָדראָם ד'היווער“, וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין די לאַגערן פֿון דראַנסי און פּיטיוויע, וועגן די טרויעריק־געפּאַקטע צוגן מיט יידן, וואָס גייען ערגעץ אָפּ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. מ'האָט אַפּילו אים אַליין, בעת אַ פֿלוצלינגער אָבלאַווע אָנגענומען פֿאַר אַ ייד, פֿאַרהאַלטן אים לעבן אַ מעטראָ, געהייסן זיך וויזן די פּאַפּירן און, צוקוקנדיק אים מיט חשד, אָפּגעפֿירט אין אַ קעמשל. צום גליק, האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזן צום גוטן. זיי האָבן זיך דאָרט אפֿילו נישט אַנטשולדיקט פֿאַר אים, אויפֿגעמאַכט די טיר און געהייסן אים גיין. ער איז אין דעם אָוונט אַהיימגעקומען אַ שטילערער ווי געווייגלעך, אַ בלייכער, אַ פֿאַרטייעטער. ער איז אין יענעם אויפֿדערנאַכט ווירקלעך ענלעך געווען צו אַ ייד...

— כ'האָב עפּעס געהערט... — האָט ער דערנאָך גערעדט צו ראָזעטן מיט אַ טאָן נידעריקער, — ס'וועט אפשר זיין אַן עצה...

— וואָס פֿאַר אַן עצה? — האָט זי זיך אָנגעכאַפּט.

ווייל ער איז נישט באַלד דרייסט געווען פֿאַרצולייגן עס איר. ס'הייסט: מיט איר אַליין איז נאָך ווי נישט איז... מיטן בלאָנדן מיידעלע — אויך. אָבער דאָס יינגעלע, וואָס האָט אַזעלכע יידישע אויגן... מען קאָן ס'קינד, למשל, פֿירן אין קירכע אַריין, כדי אַרויסצובאַקומען אַ טויף־צעטל. ער האָט עפּעס געהערט...

און ער האָט נאָכאַמאָל נייגעריק אָנגעקוקט דאָס בלייכע, צעשראָקענע יינגעלע, און ס'איז אים איינגעפֿאַלן, אַז — ניין, ווער ווייסט, צי ס'וועט העלפֿן. אַ קינד מיט אַזאַ צעשראָקענעם יידישן בליק! ס'איז צומאָל גאָרנישט ענלעך געווען צו דער מאַמען אויך, כאָטש ער האָט איר אַ סך מאָל, געלעגנהייטלעך, אַ זאָג געטאָן דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט...

מען האָט איר אָבער נישט באַדאַרפֿט קיין סך איבערצורעדן. זי האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אין דעם.

ס'איז געווען אַ שטילער, זונטיקדיקער פֿאַרנאַכט, ווען ער האָט זי מיטן קינד געפֿירט איבער דער ביימערדיקער גאַס צום נאָענטן פֿאַראַפֿיע־קלויסטערל. דער אַלטיטשקער פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר איז געווען זייגס אַ לאַנגיאָריקער

נומער=פריינד. ער איז אין דער פרי געווען ביי דער זונטיק=מעסע און האָט זיך אומגעקערט אַ שיינענדיקער. שוין לאַנג, אַז ער האָט זיך אין דער קליינער קירכע נישט אַריינגעוויזן. ער האָט זיך דערוווּסט בסוד, אַז שוין נישט איין יידיש קינד אין דורך זיין האַנט אויף אַזאַ אופן און אויך דורך פאַרשטעקן זיי ערגעץ ביי פראַנצויזן געראַטעוועט געוואָרן. מיט אַזאַ טויף=צעטל איז אויך לייכטער געווען צו באַשטאַטן עם ערגעץ אין אַ דאָרף.

אַרויסבאַקומען אַזאַ טויף=פּאַפּיר פאַרן קינד, האָט זי מיטאַמאָל באַשלאָסן, ראָזעט, אַז מער פאַרבלייבט זי דאָ נישט. ס'איז איר דאָרט מיט איין מאָל ענג געוואָרן, זי האָט מער נישט געהאַט קיין לופט צו אָטעמען, און די זיכערקייט איז אויך שוין באַלד געהאָנגען אויף אַ האָר.

אָבער דאָס מיידעלע מאַרלען, צו וועלכן די מאַדאַם בריסטו האָט זיך גלייך אין די ערשטע טעג אַזוי שטאַרק צוגעבונדן, האָט זי מיט אַ רואיק געוויסן איבערגעלאָזן אין דעם פרעמדן הויז.

17

און מוטערל זשאַנאַ מיטן געלן, אָנגעפּרעסענעם קאָטער „קיקי" מיטן גלעקעלע אויפן האַלדז, וועלכער האָט אין די גוטע צייטן געגעסן נאָר פישלעך און לעבער, האָבן נאָך אַלץ פאַרנומען די טונקעלע, נידעריקע, פול אָנגעשטעלטע שטוב ביים אַרויסגאַנג צו דער שטיג, אויך נאָכן טויט פון אַלטן אירן. זינט ווען מ'האָט דאָ גענומען צוטיילן דעם שאָפּין=ווין אויף טיקעטן, האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ס'איז דער סוף, ער וועט עס מער נישט אויסהאַלטן; און ער איז טאַקע אין צווייטן יאָר פון דער אָקופּאַציע אָוועקגעשטאָרבן. וויי=וויי, וויפל וואַסערן עס זענען שוין פאַר דער צייט אָפּגעפלאָסן, וויפל לאָקאַטאָרן עס האָבן זיך שוין דאָ געטוישט, געקומען און פאַרשוואונדן, אין די גרויסע, אומהיימלעכע, פינצטערע דירות אויף די זעקס שטאָק שטיגן אין דעם אַלטן הויז. איין גאָט איז איר עדות — קיין פישלעך און קיין לעבער האָט זי דעם אָנגעפּרעסענעם קאָטער „קיקי" איצט, אָקופּאַציע=צייט, מער נישט געהאַט צו געבן. זי האָט נעבעך געשפּאָרט פאַר אים פון איר אייגענעם ביסן, די אַלטע. ער האָט געגעסן מיט איר צוזאַמען פון איין טעלער, און אין די נעכט האָט ער פון זיין קישעלע, אויבנאָן, פאַרלויכטן די שטוב מיט זיינע קוילעכדיקע, בורשטינענע פאָספאָר=אויגן, ווי ביי אַ גזלן. ער איז אָבער פאַר דער צייט היפּש מאָגערער געוואָרן און מיט די לאַנגע, שטעכיקע וואָנצן זיינע שיר נישט ענלעך געווען צום לאַנג=וואָנסיקן, אימפּעריאַלן אוזאַר פון דער פאַרביקער, אַלטמאָדישער פאָטאָגראַפיע — עפּעס אַ ווייטער קרוב אין אַ שאַרלאַד=

ייִטער אוניפֿאָרם, וואָס האָט אין דער שווערער, באַגילדעטער ראַם אַראָפּגעקוקט איבערן משפּחה־בעט פֿון אומפֿאַרגעסלעכע צייטן.

מוטערל זשאַנאַ האָט זיך נאָך אַלץ געפֿאַרבט די דינע, פֿאַרטריקנטע ליפּן, אויסגעשטראָיעט זיך אין דורכזיכטיקע זאָקן, אין עלעגאַנטע מלחמה־שיכלעך מיט הילצערנע, קלאַפּנדיקע זוילן אויף די הויכע, שלאַנקע פֿיס, איז אַפּגעזעסן פֿאַרן טויערל מיטן צעפֿליקטן „מיזעראַבל“ פֿון וויקטאָר הוגאָ, אָדער אין דער קעגנאיבערדיקער קאַפֿע, ביים הויכן ברעטאָן, וווּ מען קריגט אויך קוילן און האָלץ אויף טיקעטן.

איינמאָל, פֿאַרנאַכט, האַרט פֿאַר דער פּאָליציי־שעה, האָט צו מוטערל זשאַנאַ אין פֿאַרהאַנגענעם שייבל אָנגעקלאַפּט עפּעס אַ יונגערמאַן. זי האָט עס האַלב אַ פֿאַרשאַר געגעבן און, אָן אַ ברעקל צוטרוי, אָנגעקוקט דעם שאָטן, וואָס האָט געשטעקט אויף יענער זייט פֿאַרהענגל. ווייניק פֿון די פֿאַרדעכטיקע לייט זענען עס דעמלט נאָכאַנאַנד געקומען אַזוי אומשולדיק נאָכפֿרעגן זיך, אויספֿרעגן זיך געוויר ווערן?... איבערהויפּט איז מען אָפֿט געקומען געוויר צו ווערן וועגן די יידישע שכנים, די שניידערהס, די שטריקערס, וואָס כמעט קיינער פֿון זיי איז שוין פֿון לאַנג אין דעם הויז נישט געווען בנמצא. כמעט — ווייל עפּעס האָט זיך נאָך דאָרט אויפֿן הויכן שטאָק יאָ עמעצער אויסבאַהאַלטן אין איינער פֿון די טונקעלע מאַנסאַרדעס, די „שאַמבר דע באָן“־צימערלעך, אונטערן קרומען דאַך, מיטן פֿליגל־פֿענצטערל, נאָר קיינער האָט דערפֿון, חלילה, נישט באַדאַרפֿט צו וויסן, גאָט באַהיט...

זי האָט אַ פֿלאַטער געגעבן, ווי אַ קראַנקער פֿויגל, אָבער איז פֿונדעסטוועגן באַלד פֿאַרבליבן אומשולדיק־קיל — אַ קילקייט, מיט וועלכער נאָר פּאַריזער הויזוועכטערינס קאָנען אַזוי אָפֿיציעל־טרוקן אַ פֿרעג טאָן:

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר, מעסיע?

דער יונגערמאַן אויף יענער זייט שייבל האָט זיך אָבער פּלוצים היימיש גענומען נאָכפֿרעגן אויף ראָזעטן, אויפֿן קינד, אויף די עלטערן אירע. אין זיינע שטאַמלענדיקע, איבערגעשראָקענע רייד האָט זי באַלד דערפֿילט, אַז דאָס איז אוודאי אַ היימישער לאָקאַטאָר פֿון די פֿאַרשוווּנדענע אין יענע אומרואיקע טעג, און האָט פּלוצים אָנגעצונדן דאָס גלי־לעמפּל איבערן קוק־פֿענצטערל, דאָס געלע פֿאָרהענגל פֿאַרהויבן אַ ביסל העכער. און דעמלט האָט זי אים, כאָטש אַ ביסל שווערלעך, דערקענט, זשאַקן, ווי דען?

— מיין גאָט! — האָט זי אויסגערופֿן, — מעסיע זשאַק... דאַכט זיך... דאָס זענט איר? נאָך יענע וואָך איז אָנגעקומען אייערס אַ בריוו־פֿאָרמוליאַר... יאָ, פֿון סטאַלאַג... וויאַזוי פּלוצים?...

— ס'איז גלייכער, אַז מען פֿרעגט נישט, מאַדאַם... — האָט ער זיך זייטיק אַרומגעקוקט איבערן אומהיימלעכן, פֿינצטערן קאָרידאָר.

זי האָט אים באַלד אַריינגעבעטן צו זיך. אויפמאַכנדיק אַ שפּאַרע טיר, האָט זי אויסגעלאָשן דאָס גלי־לעמפּל איבערן שייבל, און ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אין אויסגעריבענעם פאָטעל אין ווינקל. זי האָט באמת נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן אים וועגן דעם גורל פון ראָזעטן מיטן קינד. זי איז אָבער גלייך פול געווען מיט שלעכטע פאַרדאַכטן און פאַרגעפילן און האָט זיך געהיטן מיט אַן איבעריק וואָרט אים וויי צו טאָן. זי האָט נאָך געוווסט צו דערציילן, אַז מיט איבער אַ יאָר צוריק האָט מען אירע עלטערן מיט דער ייִנגערער שוועסטער מירל אַוועקגענומען פון דאַנען קיין דראַנסי, אַז דאָס מיידעלע מאַרלען איז געראַטעוועט געוואָרן, און ראָזעט איז נאָר איינמאָל צוריקגעקומען אהער, און עטלעכע מאָל האָט זי געשיקט עמעצן זוכן אירע בריוו.

— ס'איז אַ געפערלעכער מאָמענט פאַר די אייעריקע... — האָט זי נאָך צוגעגעבן, — מיין גאָט, וואָס די דייטשישע באַרבאַרן האָבן אַלץ אָפּגעטאָן...

דערווייל איז געוואָרן שפּעטלעך, און זי האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז אפשר געפערלעך, ער זאָל זיך גאָר אַצינד דרייען אין די גאַסן. ווערליק זי האָט אים געקענט פון פריער, האָט זי לויט זיין אָפּגעטראָגענער, צעקנייטשטער הלבשה פאַרשטאַנען, אַז אויך ער איז נישט אינגאַנצן כשר.

— אייער פרוי באַדאַרף זיך אַוודאי צו געפינען ערגעץ אין פאַריז, — האָט זי זיך גאָר צולעצט אַרויסגעכאַפּט, מער אים צו טרייסטן, ווי אויס זיכערקייט, און אויך דאָס האָט איר באַלד באַנג געטאָן, — אָבער ווו, ווייס איך נישט, מיין אָרעמער מעסיע...

אליין האָט זי אים דערנאָך אין דער פינצטער געפירט איבער די אַלטע שטיגן צום הויכן שטאָק. פאַר דער טיר, ווי ראָזעטס עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט, ווי ס'האָט געקאָכט אַ פריילעך לעבן, האָט ער זיך אינסטינקטיוו אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. כאָטש ס'איז געווען פינצטערלעך, האָט ער, אין שיין פון בלוי־פאַרשמירטן לעמפּל אונטערן סופיט, באַלד דערקענט די טיר און ס'האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם שלאָס, אָנגעטאַפּט אויבן דעם רויטפאַרליאַקעווען שטעמפּל, וואָס איז שוין געווען אַ ביסל אָפּגעקרישלט, און איינגעהאָרכט זיך אַ ווײַלע. פרעמדע לאָקאַטאָרן האָבן שוין דאָרט איצט געוווינט. די אַלטע האָט אים באַלד אַ צי געטאָן נאָך זיך. זיי זענען ארויף העכער. דאָרט האָט זי אין טונקלסטן ווינקל אויפגעשלאָסן אַ קעמערל און אים אָנגעזאָגט, אַז למען השם באַלד אין דער פרי זאָל ער זיך פון דאָרט שטיל אַרונטערקריגן, נישט באַמערקט צו ווערן פון קיינעם.

ווי נאָר ס'האָט גענומען בלויען, האָט ער זיך געהוועז אַרומגעקראַצט דעם ווילדן אויכוואָקס פאַרן קרומען דאַך־שייבל און זיך באַלד שטיל, ווי אַ שאָטן, אַרונטערגעגליטשט פון דער אַלטער שטיג. ער האָט אָבער באַלד געפילט, אַז ער דאַרף ראָזעטן ערגעץ אָפּראַטעווען, און ערגעץ ווו געפינט זי זיך פאַרשטעקט

אין דעם פרעמדר געוואָרענעם פּאַריז, וואָס איז פול מיט געפאַרן און וואָס האָט פלוצים פאַרלוירן פאַר אים אַלע רייצן פון אַ מאָל. אָבער באַנג געטאָן, וואָס ער האָט זיך ארויסגעגליטשט פון הינטער די דייטשישע שטעכל־דראָט־צוימען, האָט אים אויף אַ האָר נישט, פאַרקערט. ס'האָט שוין אַלץ אויסגעזען ווי אַ ווייטער קאָשמאַר. אַ טאָג מיט אַ נאַכט איז ער דאָרט אָפּגעלעגן אין אַ קאַרטאָפל־טראַנס־ספּאָרט־וואַגאָן. נאָענט ביי נוישאַטעל האָט זיך אים אין דער פינצטערער נאַכט צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי גליקלעך איינגעגעבן אַדורכצוגליטשן זיך די פאַרשאַרפטע גרענעץ־וואַך צו דער שווייץ. ער האָט נאָך מער געברענט, ווי די צוויי פּאַריזער יינגלעך, די פראַנצויזן. פון זשענעוו ווידער איז ער אין משך פון איין וואָך אַריבערגעקומען קיין ליאָן, דעמאָביליזירט געוואָרן און האָט זיך באַלד געלאָזן קיין פּאַריז, כאָטש מ'האָט אים דאָרט געוואָרנט נישט אַזוי שטאַרק צו איילן זיך. אָבער צי האָט ער דען געקאָנט רוען? ראָזעט... די נישט דערזאָגטע בריוועלעך אירע... גיי פאַרשטיי...

ער איז אַלעמאָל געווען אַ שטילער, שטענדיק אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, נישט קיין טענצער, ווי אַנדערע. זיין ביז איצטיק לעבן איז קיינמאָל נישט געווען צופיל קאָמפּליצירט. פּאַריז האָט אים די גאַנצע צייט געלאָקט מיט טויזנטער רייצן. ער איז דאָ אויפגעוואָקסן, אַפילו נישט געדענקט אַזוי גענוי די אַלטע היים, פון וואַנען די עלטערן האָבן אים איינמאָל געהאַט אַריבערגעבראַכט נאָך גאָר אַ פיצל. די שול, די גאַס, די מיידלעך פאַר אַ לייכטן פלירט — צי האָט דען געפעלט אַ סך ער זאָל חתונה האָבן מיט דער בלאָנדער זשאַנעט, דער טאָכטער פון דער אַלמנה פון קליינעם שפּיז־געוועלבל אין ראָג? דאָס מיידל האָט גאָר אַנדערש נישט גערעכנט און איז אַפילו נאָך דער חתונה מיט ראָזעטן נישט איינמאָל געקומען אָפּוואַרטן אים פאַרן הויז פון זיין פאָטער, „שערי“, — האָט זי אים פאַרבענקט גערופן, ווי ס'רופן מיידלעך פון זיין קוואַרטאַל די יינגלעך, מיט וועלכע זיי גייען פאַרנאַכט אין קליינעם סינעמאַ, מיט וועלכע זיי לאָזן זיך זונטיק אויסער דער שטאָט פאָרן אויף די פריילעכע קאַרנאַוואַל־יאַרידן און די עלעק־טרישע אויטאָס, ווען שלאָגן זיך אַלע ווילדע צונויף און ס'טראָגן זיך קוויטשיקע, יונגע געלעכטערס. מ'קאָן זאָגן, אַז אומגעריכט איז עס געשען. די משפחה האָט זיך אַריינגעלייגט, די מומעס האָבן זיך אַריינגעלייגט און דער שידוך איז דורכ־געפירט געוואָרן.

די אַטעליע — דאָס איז געווען זיין זאַך. מיטן איבעריקן דאָרט האָט זיך ראָזעט פאַרנומען. פון דער מלחמה האָט ער זיך צוערשט גאַנץ שיין אויסגע־לאַכט. ער האָט נישט געהאַלטן פון דער פּאָליטיק, פון די מיטינגען, פון די פּאַר־טיי־לייט, ער האָט צופיל נישט אַריינגעקלערט. דאָס לעבן אין פּאַריז איז, נאָך אַלעמען, געווען לייכט און שיין. ערשט הערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט. ווער זאָל עס געווען וויסן? די עלטערן זיינע האָט ער יאָ אַ ביסל פאַרשטאַנען — זיי האָבן

גאָר דאָרט אַלץ געלעבט מיט ווייטע זכרונות פון פּוילן, פון קרובים, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקענט און האָט געוווּסט פונדעסטוועגן זייער א סך וועגן זייער גליק אָדער אומגליק אין לעבן. דאָס האָט ער אָבער געפילט — ביי די פּראַנצויזן איז טיף אין האַרצן איינגעבאַקן די היימישע לאַנדשאַפט, דער קוואַרטאַל, דער קלויסטער מיטן האָן, די היימישע ביסטראָ אפילו. אין די פּאָר יאָר, וואָס ער האָט זיך געוואַלגערט מיט זיי אין די פּאַרלייזיקטע לאַגערן, האָט זיך די געוואַלדיקע בענקשאַפט זייערע אים שאַרף איבערגעגעבן, ווייל ס'איז, נאָך אַלעמען, אויך געווען זיין בענקשאַפט. אָבער צי האָט ער דען געפילט גענוי ווי זיי? — וועגן דעם האָט ער נישט איינמאָל א טראַכט געטאָן. מאַמעלעד מיינע, מאַ וואָס זשע פאַר א בענקשאַפטן טראָגן זיי עס מיט זיך און אויך די, וואָס זענען אמאָל געקומען אהער אָנצופאָרן פון א שטאָט צי פון א שטעטל אין פּוילן? צי קאָן ער זיי דען באַגרייפן? וועלכע בענקשאַפט, האָט ער זיך געפרעגט, איז אים נענטער? וועלכע איז זיין בענקשאַפט? אַזוי טרויעריק האָט זיך דאָס לעבן פון זיינע עלטערן ערגעץ פאַרענדיקט...

אויף ראָזעטן האָט מען פונדעסטוועגן דאָס זעלבע נישט געקאָנט זאָגן. זי איז דאָ, ווי ער אַליין, כמעט אויסגעוואַקסן, אָבער עפּעס האָט ער זי, האָט זיך ארויסגעוויזן, נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. ער האָט איר קיינמאָל נישט אינגאַנצן געקענט באַגרייפן — איר איינרייסן, איר צעקאָכטקייט. צי קאָן מען דען אזוי אריינקריכן א מענטש אין דער נשמה? די שוואַכקייטן פון די היימישע מיידלעך צווישן זיינע ייִנגלשע באַקאַנטשאַפטן האָט ער שוין מער ווייניק געקענט. אָבער וועגן איר האָט ער זיך בשום אופן אַצינד נישט געקאָנט פאָרשטעלן, נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. זי איז ווידער געווען פאַר אים א פרעמדע, אויסבאַהאַלטן ערגעץ און פאַרבאָרגן אין אַט דער גרויסער, איינגעשילטער, פאַרטייעטער און פרעמד געוואָרענער שטאָט. ווי אַלץ האָט זיך דאָ געענדערט. צי וועמען גיין? ווו זי אויפזוכן?

די פיס האָבן אים אַליין אַוועקגעטראָגן איבער די גרויסע בולוואַרן, פאַרביי די מאַגאַזינען מיט די פאַרריסענע שויפענצטער. אהין, ביז אראָפּ צו דער אָפּערע, האָט עס אים אָבער אַלעמאָל מאָדנע געצויגן, נאָך פאַר דער מלחמה, אין די זעלטענע פרייע טעג. ס'איז געווען ביי אים מער ווי א שפּאַציר; אַזוי איז עס אויך געווען אין דער משפּחה פון כמעט לויטער שניידערס. ער האָט נאָכגעקוקט די שמאָלע פרויען, זייערע ענג־איינגעצויגענע האַרבסט־מאַנטלען, באַטראַכט זייער איינפאַכן עלעגאַנטן שניט. מ'האָט דאָ אַצינד, האָט ער באַלד דערטאַפּט, געשפּאָרט שטאָפן — ווייניק פאַלדן, פעלדעלעך, קליאָשן, ווייניק קימאָנע־אַרבל. די פאַריזער געשיקטקייט אָנצוטאָן זיך איז, הייסט עס, נישט אַוועק, כאָטש די אָרעמקייט האָט ממש אראָפּגעצשריגן פון זיי. ער איז, גאָר אַליין נישט וויסנדיק, אזוי לאַנג נאָכגעגאַנגען דאָס מיידל מיטן פאַרבאַפנדיקן בלאָנד, אין דעם גלאַם. אָבער

עלעגאַנט=געשניטענעם האַרבסט=מאַנטל, כאָטש פון געמיינעם האָלץ=שטאָף, ביי
יענע האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַטראַכטן אַ שויפענצטער, זיך אומגעדרייט
און אומגעריכט צוגעוואָרפן אים אַ דיסקרעטן שמייכל. די פּלאַסטיקע קאָלירן פונעם
שטאָף האָבן אים פאַרכאַפּט. די גלאַטיקע נעטלעך אין דער טאַליע, די שפּאָרזאַמע
פליגל=אַרבל. אויף איר האָט ער גאָר איגגאַנצן נישט געקוקט. ערשט דערנאָך
האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט; ס'איז אויך אמת, אַז יעדע פרוי האָט אין די אויגן
פון אַזאַ, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויסגעריסן פון הינטער די שטעכל=דראָט=
צוימען, געקאָנט אַרויסרופן טויזנט רייצן. ער האָט נאָך נישט געוווּסט, אַז די
דאָזיקע פאַרפילן אַצינד מער ווי שטענדיק די גרויסע בולוואַרן, ווו עס באַוועגן
זיך די דייטשישע סאָלדאַטן, דייטשישע אָפיצערן.

ער איז פונדעסטוועגן געשטאַנען לעבן דער פרוי מיטן גאָלדיקן שימער אין
די האָר ביים שויפענצטער און האָט זיך פאַרגאַפט איינגעקוקט אין די אָנגע=
טוענע מאַנעקינען צום ווינטער=סעזאָן. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי די
בלאָנדע, שמייכלענדיקע פרוי איז דערנאָך לאַנגזאַם צוריק ערגעץ אַוועקגעשווו=
מען איבער די געדיכט פאַרפאַקטע טראָטואַרן. אַ סך פון די געשעפטן האָט ער
נאָך גוט געדענקט פון פאַר דער מלחמה. ראָזעט איז נישט איינמאָל געקומען פון
די געשעפטן מיט אָנגענומענע באַשטעלונגען פון זיינע מאָדעלער. מ'האָט אים
געלויבט, האָט זי דערציילט. ער האָט שוין געוווּסט, אַז פון די יידישע באַלע=
באַטים איז קיין שפור נישטאָ, אַז אומעטום זענען אַריינגעזעצט געוואָרן „אַרישע“
זשעראַנטן און אַז זיי באַלעבאַטעווען דאָרט איצט.

אַ סך זאַכן וואָלטן אים דאָ אפשר ווייניקער געוווּנדערט, ווען ער וואָלט
כאָטש געקאָנט צוריקבליקן בלויז אויף די אויסערלעכע ענדערונגען, וואָס די
דאָזיקע געגנט, די גרויסע בולוואַרן, למשל, האָבן דורכגעמאַכט פאַרן לעצטן קאָרגן
יאָרהונדערט — צי איז דען אַכציק=ניינציק יאָר אַזויפיל אין לעבן פון אַן איינ=
געזעסן פאָלק, וואָס פאַרגעסט נישט אַזוי לייכט זיין געשיכטע? די קאַפעען און=
טער די אָפּדעכלעך, די הייזער=פאַסאַדן, די פאַיעטאָנען, וואָס האָבן זיך דאָ פאַר=
נאַכט געפלעגט אויסצושטעלן אין לאַנגע שורות פאַרן אַלטן טעאַטער „אַמ=
ביגו“, די קרינאָלינעס, די לאַנגע שלעפּעס. דאָס שאָרכנדיקע זייד, די אימפּער=
יאַלע אָפיצערן מיט די רויטע הויזן, און די באַראָנען מיט די שטייפע צילינדערס.
ס'וואָלט אים אוודאי לייכטער געווען, דעם אָרעמען, צו פאַרשטיין, וואָס דאָ איז
פאָרגעקומען אין משך פון אַזאַ קורצער צייט, זינט ווען דער דייטשישער שטיוול
האָט שווער געטראָטן איבער די ברוקן פון פּאַריז. עס האָבן עס אפשר אויך נישט
אַלע פראַנצויזן פון דור=דורות געוווּסט. זיי האָבן עס אָבער געהאַט אין זייער
בלוט, אין דעם אַטאַוויזם פון זיידעס און עלטערזיידעס, וואָס האָבן זיך פאָרמירט
אין קעמפערישע באַטאַליאָנען בעת דער קאָמונע און אוועק שטורעמען די באַרי=
קאַדן פון טיערס געדונגענע סאָלדאַטן, פון די דייטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט

פּאַריז. אַ סך מער, ווי ער, זשאַק, וואָס איז דאָ אַהערגעקומען אַ קינד נאָך, האָבן עס באַלד דערפֿילט די ייִדישע שניידערס, די שטריקערס, די לעדער־אַרבעטער פֿון בעלוויל. די מערסטע פֿון זיי האָבן צוזאַמען מיט די פֿראַנצויזישע ווידערשטאַנדלער איצט געלעבט פּאַרטייעט אין דער אונטערערד פֿון די פֿאָרשטעט און געלויערט אויפֿן שונא, באַקומען קלעפּ און דערלאַנגט קלעפּ. זיי האָבן פֿאַר דער מלחמה, אין די פֿייערלעכע טעג, מאַרשירט אין די לאַנגע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון נאַסיאָן ביז באַסטיל, זענען אין די אָוונטן, ערב אַ שטרייק, אָפּגעלעגן אין די פֿאַררויכערטע צימערלעך פֿון סינדיקאַט, זיי האָבן זיך דערפֿילט ווי אַ טייל פֿון דעם פּאַריזער אַרבעטער־פֿאָלק.

דערפֿאַר האָט ער אייך נישט באַלד פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען צו די ייִדן. עפּעס האָט ער יאָ געהערט, אָבער אַזוי שרעקלעך האָט מען זיך עס, וואָס אַן אמת, נישט פֿאָרגעשטעלט. וואָס הייסט? ער איז אפֿשר נישט פּונקט אַזאַ פֿראַנצויז ווי זיי אַלע, מיט זייערע גוטע פּאַפּירן? אַזאַ געדאַנק האָט אים רעוואָלטירט. הייסט עס, אַז אַ ייִד... וואָס איז ער דען שולדיק, אַז ער איז אַ ייִד?

אַזאַ עלנט האָט אים אין יענע טעג אַרויסגעטריבן אויף די גאַסן פֿון פּאַריז, וווּ די געפֿאַר האָט געלויערט אויף טריט און שריט.

18

עס פֿרעגט זיך נאָר: צי האָט טאַקע ראָזעט באמת נישט געוווּסט, צי האָט זי, ליגנדיק דאָרט אין איר נייער, זיכערער באַהעלטעניש, טאַקע נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז זשאַק, דער טאַטע פֿון איר קינד, דרייט זיך אַרום אַ הפֿקר, אַן אומגליקלעכער, אין אַזאַ געפֿערלעכער צייט אין פּאַריז, ווען ס'לויערט אויף טריט און שריט די געפֿאַר? אַז ער קוקט זיך אויס די אויגן אָפּצוגעפֿינען זיי? שוין נישט זי אַליין, לאָמיר זאָגן, נאָר ס'קינד? אין יעדן בריוו האָט ער ממש געצאַפּלט זיך איבערן קינד. אין יענעם טרויעריקן סעפּטעמבער, ווען ער איז מיט דער מאָביליזאַציע פֿון זיין יאָרגאַנג צום לעצטן מאָל אַוועק פֿון שטוב, איז עס קוים דרייטהאַלבן יאָר אַלט געווען. ס'האָט געקוקט פֿון אונטערן נידעריקן שטערן אַפּער מיט אַזעלכע גרויסע ייִדישע איבערגעשראָקענע אויגן; ס'איז אויך באַלד פֿון געבורט אָן געווען אַ שוואַכס, אַ נעבעכדיקס, און האָט זיך שפּעט אָ שטעל געטאָן אויף די דינע פֿיסלעך. צי האָט זי אים דען געקאָנט אַרויסשרייבן, וווּ דאָס קינד האָט זיך אַלץ אַרומגעוואַלגערט, אויסגעשטאַנען צרות, אין דער צייט, ווען זי איז דאָ, צוזאַמען מיט אַווּרעמעלען, פֿאַרפֿאָרעט געווען מיט די געשעפֿטן, ווען זי האָט געמוזט לויפֿן אויסבאַהאַלטן זיך? און צולעצט — דאָס פּירן, ס'בלייבע

יינגעלע מיט די גרויסע איבערגעשראָקענע יידישע אויגן, צום אַלטן פּאַסטאָר פֿון דער פּראָטעסטאַנטישער קירכע...

אין א געווויסן מאָמענט האָט זי זיך אָבער אליין דערשראָקן דערפֿאַר — אפֿשר האָט זי טאַקע גענומען און אומבאַרעכנט אָפּגעטאָן כ'ווייס אליין נישט וואָס?... אַ זאַך, וואָס איז שוין מער נישט צוריקצוכאַפּן... נאָר באַלד האָט זי זיך פֿון דעם אַלעם אויך אויסגעלאכט; אַ גלייכגילטיק, הייזעריק געלעכטער, וואָס איז געקומען צו איר אין דער לעצטער צייט. צי האָט עס דען, נאָך אַלעמען, געהאָלפֿן? וויפֿל צרות האָט זי דערנאָך געהאַט מיטן קינד צו פֿאַרשטעקן עס? און זי אליין — מיט איר בלאָנד געקרייזלטן קאָפּ, מיטן צלמל אויפֿן האַלדז, מיט די אַרישע פּאַפּירן, וואָס האָבן אָפּגעקאָסט אַ פֿאַרמעגן? קיין שום אויסקויפֿן זיך האָט נישט געהאָלפֿן, און דאָס האָט איר מער פֿון אַלץ פֿאַרדראָסן. אַזאַ מין כאָרט האָט האָט איר געוואָרגן, פֿאַרפֿאָלגט. נאָר פֿאַר אים, פֿאַר זשאַקן, האָט זי זיך פֿאָרט עפּעס געשראָקן, ער זאָל זיך עס דערוויסן. ווער ווייסט, וויאַזוי ער וואָלט רעאַגירט? ווייל נישט בלויז אינעם קינד איז אפֿשר געגאַנגען, נאָר אין פֿיל מער — ס'הייסט הפֿקר לאָזן אַלץ, דאָס גאַנצע פֿריערדיקע לעבן, מיט איין וואָרט — אַלץ מעג מען, אַלץ איז דערלויבט. זי האָט זיך געפֿאָרכטן און געפּלאָנטערט שוין דעמאָלט וועגן זיין צוריקקערן זיך אַמאָל. בפֿרט, אַז עפּעס האָט זי יאָ געהערט. ווי דען? ס'איז צו איר אין דער באַהעלטעניש דערגאַנגען, אַז ער דרייט זיך אַרום אין פּאַריז. זי האָט נישט געקאָנט נישט וויסן; דורך אַלע ווענט איז עס צו איר דערגאַנגען.

ווייל אין וועלכע טירן האָט ער דען נישט אָנגעקלאַפּט, זשאַקן? וויפֿל געפֿאַרן האָט ער דען נישט אויסגעמיטן, זוכנדיק זי? אַ באַקאַנטער ייד, אַן אַמאָליקער אַרייננגייער אינעם הויז, האָט אים, אַנטרעפֿנדיק אין אַ ווינקל גאַס, ווי אַ שאָטן, איינגערוימט, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן; אַפֿילו צום וויצע־דירעקטאָר, מעסיע בריסטאָ, האָט ער זיך דערפֿרעגט. יענער איז נאָך אַלץ געווען בלייך און איבערגעשראָקן. אונטערן טיפֿן שטערן האָבן זיך געדרייט זיינע מבֿולבלע אויגן פֿון אַזאַ אומגעריכטן וויזיט. ער האָט דעם יונגעמאַן באַלד געוואָלט זען אויף יענער זייטן טיר.

— כ'ווייס נישט... נישט געהערט... — האָט אים מעסיע בריסטאָ קורץ און טרוקן אָפּגעפּטערט, קיל באַגלייט אים ביז צו דער שוועל, אים כמעט אַרויסגעוואָרפֿן.

אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז שוין אויף אירע שפּורן; ס'איז געגוג געווען, אַז עמעץ זאָל אים אַ זאָג טאָן, אַז מ'האָט זי געזען, מ'האָט עפּעס געהערט; און אָט האָט ער די שפּורן ווידעראַמאָל פֿאַרלוירן. די איינציקע האָט אים נאָך מיטעגל זשאַנאַ אַלעמאָל געטרייסט מיט ווייטע, אומבאַשטימטע צוזאָגן;

— ס׳איז נישט מעגלעך, מיין ליבער מעסיע... אַלע וועלן זיי נישט אויסמאָרדן... זייער טאָג איז שוין נאָענט...

אַזעלכע ווערטער האָבן אים אָבער מער נישט געטרייסט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און האַמעטנע געשוויגן. ער האָט פון צייט צו צייט, ווי אַ שאָטן, אַריינגעשלייכט זיך צו איר דאָרט אין פאָרהויז. פון יענער זייט געלן פאָרהענגל האָט זי שוין באַלד דערקענט זיין בלייכן שאָטן. גאָט מיינער, ווי דער מענטש האָט זיך עם געענדערט פאַר די קורצע פאָר וואָכן — נישט צום דערקענען. ער איז געווען הויט און ביינער, און אַזאַ פרעמדער גלי אין זיינע אויגן. ווי אַ מערדער צום אָרט פון פאַרברעכן, האָט עס אים אָבער אַלעמאָל צוריקגעפירט — צום אַלטן הויז אין די שמאָלע געסעלעך. איצט האָט זי שוין אַ ביסל אָנגעשטויסן זיך, מוטערל זשאַנאַ, און נישט געוואָלט מער אָנטאָן אים קיין עגמת־נפש; זי האָט אים שוין אפילו נישט געוואָלט דערציילן, אַז אינגאַנצן מיט אַ פאָר טעג פריער איז מען געווען נאָכפרעגן זיך אויף בריוו, אויף קליניקייטן. הייסט עס, אַז ערגעץ ווו באַהאַלט זי זיך נאָך אויס. ווייל אין אַזעלכע צייטן פרעגט מען זיך געוויינלעך נישט צופיל נאָך. זשאַק האָט דאָרט אַלעמאָל איבערגענעכטיקט אויף דער מאַנסאַרדע און אין דער פרי ערגעץ פאַרשוווּנדן געוואָרן, נישט באַמערקט צו ווערן פון קיינעם.

אין אַזאַ דעליקאַטן מאָמענט וואָלט דאָס צונויפטרעפן זיך מיט אים, האָט ראָזע געוווּסט, שטאַרק קאָמפּליצירט איר לאַגע, זייער אַלעמענס לאַגע. אָ, ס׳איז שוין געווען צו שפּעט. צו לאַנג האָט עס געדויערט. און אפשר, אַז מע וויל, איז איר אויך נישט געווען צו נעמען פאַר אומגוט. ווייל נאָכדעם ווי זי איז פּטור געוואָרן פון דעם צעדרייטן, צודרינגלעכן מעסיע בריסטו, האָט זיך איר אַווּרעמעלע ווידער געיאַוועט. ביז אין עק וועלט וואָלט ער זי אויפגעזוכט. ער האָט זי גיך אָפּגעפונען אין דעם פאַרלוירענעם הויז, ערגעץ אויף אַ וויטער פאָרשטאָט, און זיך גענומען קלאָגן מיט ביטערע טרערן, אַז שוין, ער האָט שוין נישט נאָך וואָס צו לעבן, אַז די מערדערס האָבן אים אין יענער נאַכט צוגענומען ס׳ווייב מיטן קינד. דערנאָך איז ער שטיינגעבליבן פאַר איר אויסגעלאָשן, שטום און פאַרשולדיקט, ווי אַ ייִנגל, וואָס האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט.

— און וועגן מיר האָסטו אויך נישט אַזויפיל געזאָרגט... — האָט זי אים באַלד פאַרמאַכט דאָס מויל מיט אַ שטאָך, — אַבי האָסט מיך איבערגעלאָזן און ביסט ערגעץ אויסגערונען... רעדן קאָנסט איר אַלע שיין...

— אָבער... ראָזעט... — האָט ער זיך, אַן אומגליקלעכער, נאָך געפּרוּווט נעמען פאַרענטפערן.

זי האָט אים אָבער מער אפילו נישט געוואָלט אויסהערן. זי איז געווען ווילד, זי האָט אים געוואָלט צערייסן. בייז איז זי געווען נישט נאָר אויף אים, נישט נאָר אויף זשאַקן, נאָר אפילו אויף אירע אַלטע טאַטע־מאַמע, און אויף דער שוועס־

טער מירל, וואָס מ׳האָט זיי אַלעמען געהאַט אַוועקגענומען קיין דראַנסי, אויפֿן ברודערל, אויף וואַלפֿן, אויף דער גאַנצער וועלט. נאָך וואָס, האָט זי געשריגן, האָט מען איר אָנגעוואָרפֿן עפּעס אַ פֿרעמדע לאַסט, אַ פֿרעמדער אומגליק אויף איר קאָפּ? פֿאַרוואָס זאָל זי ליידן? וואָס האָט זי דען צו טאָן דערמיט? וואָס ווילן זיי אַלע פֿון איר לעבן האָבן?...

אורעמעלע האָט איר נאָך דעמלט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, מיט אירע טענות, מיט אירע היסטערישע רייד. וואָס הייסט? ער האָט נישט געוווסט, וואָס איר צו זאָגן, מיט וואָס איר איינצונעמען. וואָס מיינט זי — אַז אים טוט שוין גאָרנישט וויי?...

אין די מינוטן פֿון שאַרפֿער שרעק, ווען זי איז אין יענעם באַגינען געשטאַנען מיט ציטערניש און איינגעהערט זיך, ווי זיי רייסן דאָרט ווילד די שכנותדיקע טירן, ווי זיי לויפֿן אָן מיט די שווערע טריט איבער די קאָרידאָרן, איבער די טרעפּ, מיט זייערע רויע קולות, איז עס פֿאָרגעקומען אין איר אַזאַ שאַרפֿע ענדערונג. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען, נישט געוואָלט פֿאַרשטיין. זי האָט מיטאַמאָל מאָרנע מקנא געווען די אַלע אָרעמע פּראָווינציאַלישע שכנים, וואָס האָבן קוים דעם טאָג איבערצולעבן. האָט מקנא געווען אַ הונט, אַ קאַץ, אַ פֿויגל. טאַקע, מיט וואָס איז זי דען ערגער פֿון זיי? דער ביטערער כעס האָט איר לאַנג געוואָרגן, אַפֿילו נאָך דעם ווי זי איז געלאָפֿן אויסבאַהאַלטן זיך מיטן קינד ביים מעסיע בריסטו, ווען זי איז אויך פֿון אים לסוף אַנטלאָפֿן.

דערנאָך, אַז זי האָט אָנגעקוקט אורעמעלעס פֿלוטעוואַטע אויגן, האָט זי זיך פֿונדעסטוועגן אַ ביסל באַרואיקט. זי האָט פֿאַרשטאַנען — צופֿיל באַדאַרף מען נישט. זי האָט שוין אָבער געוווסט, אַז ער וועט פֿון איר נישט אָפּטרעטן. זי האָט אָבער די גאַנצע צייט געוווסט, אַז ער וועט קומען. ער האָט נישט גערוט. דער קאָפּ איז אים געפֿלויגן.

— ראָזעט, — איז ער מיט אַ טאָג שפּעטער ווידער געקומען אָנצולויפֿן, — ס׳וועט שוין, אויף מיין וואָרט, גוט זיין... נאָר זאָג נישט...

ער האָט איר געוואָלט כאַפּש מיט עפּעס איינגעמען, אַרויסווייזן זיין זאָרג פֿאַר איר. ער איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן מיטן זוכן וועגן, וויאַזוי צו אַנטלויפֿן פֿון דראַנסי, אַז ער האָט שוין אַפֿילו מער נישט דערמאָנט וועגן זיין אייגן ווייב מיטן קינד, פּונקט ווי זי האָט שוין מער נישט גערעדט וועגן זשאַקן. אָבער זי האָט אים אַפֿילו רעכט נישט געענטפֿערט. מיט איר בלאָנד געקרויזטן קאָפּ און מיטן פֿרעמדן צלמל אויפֿן האַלדז, איז זי אים מיטאַמאָל ווייט געוואָרן און — נאָכמער צוציענדיקער. עפּעס אַ ווילדער כוח, האָט ער געפֿילט, שטעקט אין איר. ער איז געווען גליקלעך, אַז זי האָט אים אַמאָל געזאָגט אַ וואַרעם וואָרט.

דערנאָך האָט זי אים אַוועקגערופֿן אין אַ ווינקל און אים שטרענג, כמעט באַפֿעלעריש, אַ זאָג געטאָן:

— כ'וויל זאָלסט אים אויפֿזוכן, הערסט?... ניין, וואַרט, — האָט זי זיך באַלד צוריקגעכאַפּט, — ס'הייסט, זאָלסט אים זען צו באַזאָרגן מיט אַ פּאָר פֿראַנק... אַז ער זאָל גאָרנישט וויסן...

— וועמען — אים? — האָט ער זי אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן און נישט באַלד פֿאַרשטאַנען.

— זשאַקן... — האָט זי אים קאַלט אָפּגעמאָסטן, — דו ווייסט נישט, אַז... ער דרייט זיך אַרום אין פּאַריז?...

— אַזוי גאָר!... — האָט ער זיך באַלד גענומען קראַצן אין נאַקן, נאָדיר גאָר אַזאַ מעשה...

— און אַליין פֿאַרשטייסטו נישט?... — האָט זיך מיטאַמאָל געפֿילט ווייכקייט און, דאַכט זיך, אויך טרערן, אין אירע רייד, — אַז אַצינד... אין אַזאַ לאַגע, ווי כ'בין... ער קאָן אונדז נאָך אַלעמען אומברענגען... קענסט אים נישט... ער איז אַ שטילער און — אַ כעסן...

פֿאַרפֿאַלן; ער האָט גענומען נעמען אויף זיך אַזאַ דעליקאַטן ענין. אָבער אַזאַ זאַך דורכצופֿירן איז אויך נישט געווען אַזוי איינפֿאַך. ער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע געקווענקלט, נאָכגעטראַכט און פֿאָרט אונטערגענומען זיך, אמת, נישט מיט אַזאַ לײַכט האַרץ, אָבער עפּעס איז ער פֿאָרט געווען צופֿרידן. ראָזעט... אַזאַ שטיק טײַוול... פֿון וואַנען, האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט, האָט זי זיך דערנומען? נאָר פֿאַרשטאַנען אירע משוגעתן האָט ער אָסור נישט... אַזאַ זאַך... פֿינדעסטוועגן...

נאָך דער גאַנצער בהלה האָט ער נאָך געקענט עטלעכע הײַזער אויפֿן בעלוויל, ווו ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן באַקאַנטע ייִדן, אַמאָליקע פֿאַסאָניערס. זיי קענען אים, זשאַקן, זיי וועלן עס אים שוין באַזאָרגן. אָבער — פֿון וואַנען? — וועט ער זיך דאָרט אוודאי סוף־כּל־סוף פֿרעגן, און ס'האָט אים נאָך אַלץ געקוקבערט און נישט געלאָזט רוען.

נישט ראָזעט און נישט ער האָבן אָבער נישט געוווּסט, אַז נאָך מיט אַ פּאָר טעג פֿריער האָט מען דעם אָרעמען זשאַקן פֿאַרהאַלטן בײַם פֿאַרפֿאַפּטן אַרויסגאַנג פֿון מעטראָ און אָן שום איבעריקע אויספֿרעגענישן אָפּגעשיקט קיין דראַנסי.

ווען אַוורעמעלע איז איר געקומען דאָס דערציילן, האָט ראָזעט קורץ אַ וויין געטאָן און זיך אָוועקגעדרייט. מער איז צווישן זיי קיין רייד וועגן זשאַקן נישט געווען. ס'איז אויך קיין געמיט נישט געווען, ווײַל מיט די צוגרייטונגען אַריבערצופּעקלען זיך אין דער שווייץ איז אויך נישט צוגעגאַנגען אַזוי לײַכט. אַוורעמעלע איז עטלעכע מאָל שיִר נישט אַרײַנגעפֿאַלן בײַם אַרומזוכן די מאַכערס, די דײַטשישע באַקאַנטשאַפֿטן. מ'האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַרמעגנס בלויז אַריבערצופֿירן זיי ביז ליאָן, איבער דער דעמאַרקאַציע־ליניע, אין אַ לאָקאָמאָטיוו פֿאַרשטעקט. די וועגן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל באַשווערטער. מען האָט אַלץ געהערט וועגן פֿאַר־

טיעס ייִדן, וואָס זענען געבעד אַרייַנגעפאַלן; מ'האָט אַלץ געהערט וועגן דעפּאָרטאַציעס, דערשיסונגען, וועגן אָנפאַלן אינמיטן העלן טאָג פון די באַוואָפנטע ווידערשטענדלער. ער האָט זיך נישט געקענט שענקען, אַוועקמעלן; מילכסאָנס פּאַרטייעטע רייד, אײדער ער איז פון דאַנען צום לעצטן מאָל פאַרשוווּנדן, זענען אים אָבער נישט אַרוים פון זינען, האָבן אים געברענט. אַזאַ איבערגעשראָקענעם, ווי דעמאָלט, האָט ער אים נאָך קיינמאָל נישט געזען, מיכלסאָנען. דאַכט זיך דערפון אַליין האָט ער שוין באַדאַרפט צו דרינגען, ווו מען האַלט ערגעץ אין דער וועלט... דער ייִד האָט אָבער באַצייטנס שׂכל געהאַט. ער זיצט זיך דאָרט אין דער פרייער שווייץ און לייענט זיך אין די בלעטער, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ, אין דעם גיהנום. לעבן אים האָט ער זיך די גאַנצע צייט באַדאַרפט צו האַלטן, ווי דעמאָלט, אָנהייב מלחמה, נישט אָפּלאָזן אים פון אויג, דעם פאַרטייעטן ייִד מיט די אײדעלע גוטע ריידעלעך... אָבער דער ניכטערער שׂכל איז אַ קריכער, ער קומט אַלעמאָל אַ ביסעלע צו שפּעט.

19

די וויכטיקע געשעענישן, וואָס זענען דאָרט ערגעץ אין דער גרויסער וועלט דערווייל פון טאָג צו טאָג געלאָפן מיט אַזאַ אימפּעט, האָבן דעם חשובן כּלל־טוער, מיכלסאָנען, איינעם פון די ערשטע צוריקגערופן קיין פּאַריז. ווי האָט ער דען געקאָנט אײַנרוען? אין יענעם פרילינג האָבן אַלע וועגן פון דער שווייץ צוריקגעפירט צו דער קאָכעדיקער וועלט־שטאָט, אַ באַפרייטע, אַ צוריקגעוווּנענע, אַן אַרויסגעריסענע פון וואָלפס פּיסק דורכן פאָלק פון פּאַריז גופא. די צוגן זענען נאָך דעמאָלט געגאַנגען נישט גאַנץ רעגולער, מיט אָפטע איבעררייסן, מיט היפּשע פאַרשפּעטיקונגען, צוליב די שלעכטע וועגן, אויפגעריסענע בריקן און דער נאָכאַנאַנדיקער באַוועגונג פון מיליטער.

אין די טאָלן פון ראָן און פון איזער, צופוסנס די אַלפּן־בערג, האָבן זיך געגאָסן לעבלעכע שטראָמען. די טײַכלעך און די ריטשקעס האָבן געשפּיגלט אין זיך אַ בלויען, לויטערן הימל. אַרום די אויפגעריסענע וויאַדוקטן, פּראָוויזאָריש צונויפגעשטיקעוועטע בריקן איז שוין געגאַנגען אַ פיבערדיקע אַרבעט, ווי פון מוראַשקעס. מ'האָט דערפילט, אַז דאָס לאַנד אָטעמט צוריק אויף מיט אַ בייעם, יונגן טעמפּ. מיטן פאַרנאַכט, מיטן דערנענטערן זיך צו די פּאָרשטעט פון פּאַריז, האָט זיך מיכלסאָן אַלעמאָל געוואָרפן צום פענצטער. ער איז, ווי קיינמאָל נישט, געווען אומרואיק, צעטראָגן. ערגעץ אויף יענער זייט ריין, האָט ער געוווּסט, איז די דייטשישע חיה שוין געלעגן אַ טויט־פאַרוווּנדעטע, ביי די פיס פון דער העלדישער רויטער אַרמיי. ס'איז געווען דער אַזוי לאַנג אויסגעקוקטער סוף.

אויך דאָס, וואָס מ'האָט זיך אַלץ אָנגעהערט פֿון די ווידערשטענדלער, פֿון זייערע העלדישקייטן אין די קאָמפּאַקטע שטעט, אין די מינען־געביטן און אין די בערג, האָט אים עפּעס נאָכאַנאַנד באַאומרואיקט. פּאָרט — ס'איז נישט אָנגענעם געווען. ער וועט נאָך אפֿשר — האָט ער ווייטן אַ קלער געטאָן — אין איינעם אַ טאָג באַדאַרפֿן אָפּגעבן אַ חשבון פֿאַר עמעצן. ס'איז די העכסטע צייט צו זיין אויפֿן אָרט, האָט ער זיך געזאָגט. נישט דאָס אַריינקומען אין דער שווייץ און נישט דאָס כמעט באַלדיקע אַרויספֿאָרן איז, פֿאַרשטייט זיך, אָנגעקומען אַזוי לייכט; אָבער דורך דער אינטערווענץ פֿון די דאָרטיקע אָנגעזעענע יידישע סאָציאַליסטן, כּלל־טוערס מיט ווייטע פֿאַרבינדונגען אין די אינסטיטוציעס פֿון אַמעריקע, האָבן זיך פֿאַר אים אַלע טירן ברייט געעפֿנט.

ס'איז פֿאַר אים גלייך אין די ערשטע טעג, נאָך איידער ער האָט זיך דאָ רעכט באַוויזן אַרומצוקוקן, געווען ממש אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. ווידער צו געפֿינען אַ קאָכעדיק לעבן אין 16־טן אַראָנדיסמאַן, ס'הייסט אין די געוועזענע ביוראָען פֿון די הילפֿס־געזעלשאַפֿטן, וווּ עס זענען געפּלאַסן די אַמעריקאַנער געלטער. די גרויסע, נאַקעטע לאָקאַלן, וווּ עס זענען נאָך ביז גאָר נישט לאַנג געווען די „אוזשיף־ביוראָען“, זענען נאָך געשטאַנען ליידיקע, אויסגערוימטע, כמעט אָן מעבל. מען איז דאָרט געזעסן אויף אַ צופֿעליקן, סקריפּענדיקן פֿאָטעל, אויף אַ שול־באַנק; אויף אַ פּראָסטן הילצערנעם טיש זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן די צעשיטע קאַרטאָטעקעס, די פּאַפּירן, די דאָקומענטן פֿון די פֿריערדיקע קאָמיטעטן, און ס'איז נאָך דערווייל קיינעם נישט איינגעפֿאַלן אויפֿצורוימען זיי באַצייטנס; ווייל אַלע זענען זיי דאָ אָקופּאַציע־צייט אַרונטערגעפֿאַלן אונטערן „אוזשיף“, דער יודענראַט פֿון פּאַריז, געאַרבעט אונטער זיין שטרענגער, געאָרדנטער אויפֿזיכט. ס'האָט שוין פֿונקציאָנירט עפּעס אַ צונויפֿגעשטוקעוועטער פּראָוויזאָרישער טעלעפֿאָן, און דער הויזוועכטער איז ווידער געווען דער זעלבער הויכער רוס פֿון דעניקינס אַמאָליקע צעקלאַפּטע אַרמייען, אַנדריושקאַ. ער האָט אין די קאָרידאָרן געקאָכט טיי אויף אַ פֿאַרקאָפּטשעטער גאַז־מאַשינקע און אַריינגעטראָגן די פֿאַרעדיקע גלעזער אויף אַ טאַץ אַהין דאָרט, הינטער די פֿעסטע, אָפּגעשלאָסענע דעמבענע טירן. ס'איז ווידער געווען אונטערטעניקייט פֿון אַ הונט אין זיינע העלע פֿיש־אויגן, ער האָט נאָך מער ווי פֿריער געבייגט זיין אינגאַנצן גרוי געוואָרענעם קאָפּ מיטן טיפֿן העפֿט ביים לינקן שטערן־ווינקל, אַ וווּנד, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט באַקומען אין שלאַכט אויף באַגנעטן ביים באַרימטן פּערעקאָפּ, אין קאַמף קעגן די אָפּטיילן פֿון דער רויטער אַרמיי.

נאָך אָנצוטרעפֿן דאָ אַזוי אומגעריכט און פּלוצים דאַנציקערן, דאָס האָט ער זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, מיכלסאָן. ס'איז געווען דער זעלבער דאַנציקער, דער צעקאָכטער, אייביק פֿאַרפֿאָרעטער לייטער פֿון עמיגראַציע־אַמט, מיטגליד פֿון אַלע קאָמיטעטן — פֿון פּראָדוקטיוויזאַציע, פֿון די הילף־פֿאָנדן, פֿון גע־

יונגטהייטס-וועזן ביי יידן און פון ווי נישט? בייליס אַליין, דער אַלטיטשקער לייטער פון דער פּראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג, האָט מיכלסאָנען געפירט אונטערן אָרעם איבער די פאַרדומפענע, אויסגעליידיקטע זאַלן אַרויף, צום ערשטן שטאָק, איבער די נאַקעטע טרעפּ. די טעפּיכער זענען געווען אַרונטערגריסן. דאָרט אויבן האָט שוין געקלאַפּט די פּראָוויזאָרישע „אייראָפּעישע צענטראַלע“. דאָס גרויסע צימער, מיט די הויכע ווענעציאַנישע פענצטער אין גאָרטן אריין, איז דאָרט געשוווימען אין אַ וואָלקן פון זיסלעכן רויך פון אַמעריקאַנער „לוקי-סטריק“, „טשעסטערפילד“ און „קאַמעל“, און ס'איז גאָר קיינעם אפילו נישט איינגעפאַלן אויפצומאַכן אַ פענצטער. פון נעפּל אַרויס איז בלייך אָנגעשוווימען אויף אים דאַנציקער, מיט זיינע ציגיינעריש-אַרויסגעזעצטע אויגן, מיטן דינעם, שוואַרצן וואָנסעלע, און אַן אוני-פאָרם פון אַן „אונרא“-אָפיציר; מיט זיין היפּש צעוואַקסענעם בויך, כאָטש איינגעשטייפט אין אַ גאַרטל-פּאַס, איז אים נישט לייכט געווען צו וואַרפן זיך אויף מיכלסאָנען קושן זיך.

— וואָס האָב איך אייך דעמלט געזאָגט, אַ?... איר געדענקט? — האָט ער באַלד אָנגעהויבן, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן פּאַסירט. — אַז ס'איז אַ שפּיל פאַרן טייוול... יאָ, צי ניין? מיר האָבן זיי אָבער איבערגעכיטרעוועט, די דייטשן... אפשר נישט אַזוי די רוסן, אָבער די יעקעס...

— נו, אַבי מען זעט זיך כאָטש צוריק לעבעדיק?... — האָט דער אַלטיטשקער בייליס, מיטן קליינעם פּליכל אינדערמיט פון גרויען קאָפּ, ווי ביי אַ קאַר-מעליטן-גייסטלעכן, געפּאָנפּעט אין די אַריסטאָקראַטיש-צראָפּהענגעדיקע בעקלעך, וואָס זענען געווען ראָז.

— אַ וועלט מיט אַרבעט!... האָט דאַנציקער שוין געקאָכט — אַזוי ווי פון הימל זענט איר מיר אַראָפּגעפאַלן, מיכלסאָן, איר הערט? אַזוי ווי פון הימל...

ער איז, וויגנדיק זיך שווער, ווי אַ מאַטראָס, מיט קרומע, ברייטע שפּריזן באַלד אַרונטער פון די טרעפּ, מיטגעשלעפּט מיט זיך מיכלסאָנען, און ביי דער אָפענער טיר צום דרויסן מיט אַ פייף צווישן זיינע דיקלעכע ליפּן אַ רוף געטאָן „עם דרעמלדיקן נעגער אין רזשיפּ, וואָס האָט געוואַרט ביים טראָטואַר.

— קודם, פאַרשטייט איר מיך, פאַרפאָרן מיר אין האָטעל אַריין. כ'בין ערשט דאָ אַ טאָג צוויי-דריי מיטן אַוויאָן פון ניו-יאָרק... מיר האָבן נאָך הייגט אַ וועלט מיט ענינים אַדורכצושמועסן... דער בייליס, ער זאָל אונדז מוחל זיין, איז טאַקע אַ ייד אַ בטלן... נישטאָ מיט וועמען אַפילו אַ וואָרט אויסצורעדן... אַלע זענען זיי נאָך אין דער שוויץ...

— נישט אַלע. איר ווייסט דען נישט? זיי זענען קלוגער געווען פון מיר, זעט איר... איר האָט זיי דאָרט אַוודאי באַדאַרפט צו באַגעגענען. אָבער צוריקגערעדט — און זשענעווע האָבן מיר אַ ביסל געהערט פון אייער וויכטיקער אַרבעט, וואָס

איר האָט דאָרט אַוועקגעלייגט אין די שטאָטן... מען קאָן נישט זאָגן, איר זענט דאָרט נישט געשלאָפן...

— נו־נו... — האָט ער פֿונדערסטוועגן באַשיידן אַוועקגעמאַכט, —מירן נאָך שמועסן...

מיכלסאָן האָט זיך באַלד שווערלעך איינגעגעסטיקט אויפֿן האַרטן זיץ פֿון דזשיפּ און זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אַ ביסל וויכטיק אין דער געזעלשאַפֿט פֿון רויך, בענזין און אוניפֿאָרמען.

— וואָס ווייסט איר?... — האָט אים דאַנציקער געהאַלטן אין איין פֿאַרבלאָזן מיטן פֿאַרפֿומירטן רויך, — מיר מעגן זיך יאָ זאָגן דעם אמת... דאָס אַמעריקאַנער יידנטום, פֿאַרשטייט איר מיך... איר מיינט ס'איז אַזוי איינפֿאַך? די פּשוטע יידן אונדזערע פֿון נאָדל־פֿאַך שטורעמען דאָרט יעדן טאָג און שרייען... איר ווייסט וואָס דאָס הייסט — אַזאַ שחיטה?... און אויסער דעם... ס'איז אָבער נישט קיין צייט צו פֿראַווען סענטימענטן...

דער דזשיפּ איז ווילד געפֿלויגן איבער דער רחבותדיקער שאַנז־עליזיי, דורכן עטואַל־בויגן, צווישן אַ ים אויטאָס, דזשיפּן און הויכע לאַסט־וועגן, באַזעצט מיט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן. די פֿאַרנאַכטיקע אַוועניס, בולוואַרן און אַלעען האָבן געווימלט אין רעגנבויגנדיקע קאָלירן. ס'האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז פּאַריז האָט ווידער, ווי פֿאַר דער מלחמה, אויפֿגעליכטן און צופֿאַלנדיקן אָוונט.

— מיט אייך און מיט אייער ציוניזם וועלן מיר, האָף איך, אויך אַדורכקומען... — האָט דאַנציקער, לאַכנדיק ברייט, אַריינגעשריגן אים אין די אויערן, — נישט געפֿערלעך... דער עיקר, מען דאַרף זיך אַ נעם טאָן אָרגאַניזירן די הילף פֿאַרן רוסישן און פּוילישן יידנטום... נישט וואַרטן, נאָר באַלד...

ס'איז געווען נאָך פֿאַרן אָפּשטייגן ביים גרויסן רעקווירירטן האָטעל, באַזעצט פֿון בלויז אַמעריקאַנער אָפֿיצערן, ווי מיכלסאָן האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעקוקט פֿון דער זייט. ער האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז ס'טראָגט זיך פֿון דעם ייד עפּעס אַ שאַרפֿלעכער ריח פֿון קאָניאַק, צי פֿון אַן אַנדער מין געטראַנק, אויסער דעם זיסלעכן ריח פֿון זיינע סיגאַרעטן.

פֿליענדיק אַזוי ווילד מיטן דזשיפּ, האָט אים דאַנציקער אין דעם אָוונט סוף־כל־סוף פֿאַרפֿירט אין עפּעס אַ רעסטאָראַן פֿון 1־טער קאַטעגאָריע, ערגעץ אַרום איפֿל־טורעם. ס'איז נאָך דאָ אומעטום געווען מלחמה־רעזשים — פּונקטן, באָנען, קוויטלעך; אַלץ איז נאָך דערווייל געווען צוגערעכנט און צוגעטיילט, פֿון אַ שטיקל ברויט ביז אַ שטיקל צוקער, פֿאַרוויקלט אין אַן עטיקעטל צו דער וואַסערדיקער קאַווע. אָבער אין די רעסטאָראַנען פֿון דער 1־טער קאַטעגאָריע האָט מען באַקומען אַלץ, פּונקט ווי פֿאַר דער מלחמה, פֿאַר ספּעציעלע פּרייזן, נאַטירלעך, און — אויפֿן ווינק, ס'הייסט האַלב־לעגאַל.

ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, מיכלסאָן, ווי ער האָט שוין באַוויזן, דאַנציקער, צו קענען די אַלע ערטלעך אין פּאַריז, גאָרנישט ווי קיין גאַסט. דער טיפֿער זאַל מיט די שפּיגלען אונטער דער קאָלאָנאַדע איז ביז אַרויף פֿול באַזעצט געווען מיט ענגלישע און אַמעריקאַנער אוניפֿאָרמען, מיט דאַמען פֿון אַ ספּקדיקן מין. דורך דער דריי־טיר האָט מען געהאַלטן אין איין גיין און קומען.

— מען וואָלט געזאָגט, אַז איר קריכט איצט אַרויס פֿון הינטערן אָרון, — האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו קוועלן, דאַנציקער, אָנקוקנדיק מיכלסאָנס מבֿול־בעלע אויגן. זיין אָפּיצערן־קעפּי האָט ער פֿאָרזיכטיק אַראָפּגענומען און איבער־געגעבן זי דעם שטייפֿן, טויט־ערנסטן גאַרסאָן, אין שוואַרצן סמאָקינג, מיטן האַנ־טעכל אויפֿן אָרעם; יענער האָט אַלץ אונטערטעניק געוואַרט אויף דער באַשטעלונג.

דעם אמת געזאָגט איז טאַקע מיכלסאָן געווען נישט קיין קליין ביסל צעטומלט פֿון דעם אַלעם דאָ און טאַקע פּשוט אויך אויסגעהונגערט נאָך די פּאָר יאָר גלות אין דער שווייץ. און קיין זייער גרויסן קאָמפֿאָרט האָבן אויך זיי דאָרט אַוודאַי נישט געלעבט.

— די שווייצער, פֿאַרשטייט איר מיך, זענען פּראַקטישע, קאַרגע און כיטרע לייט, — האָט מיכלסאָן דערציילט, — כמעט דייטשן... זיי האָבן אונדז טאָלערירט, נאָר אויך אַזוי־פֿיל, אויף וויפֿל זיי האָבן געזען, ווי דאָס רעדל דרייט זיך... זיי האָבן שוין אָבער צולעצט פֿאַרשטאַנען...

נאָכן אַפּעריטיוו האָט ער זיך אַ ביסל צעוואַרעמט, איז געוואָרן כמעט סענ־טימענטאַל, די אויגן האָבן זיך אים איבערגעגאָסן מיט אַ ווייך גלענצל, און די געדיכטע וואָנסן האָבן דאָס פּנים זיינס פּלוצים געמאַכט זייער מילד:

— כ'וויל דאָ נישט, גלייבט מיר, רעדן בלויז ווי אַ נאַציאָנאַלער ייִד, כ'מיין... נאָר מיט ארץ־ישׂראל באַדאַרף איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל קומען צו אַ שטיקל טאָלק... ווען זיי פֿאַרלייכטערן כאָטש אַביסל די עליה... נאָך אַלעמען, זענען די ענגלענדער אונדזערע אַלירטע... און אויך ווי ווייט... מיר מוזן זיך האַלטן און זיי ווי ביי אַ מאַמעס פֿאַרטעך... אָבער דאָס, וויל איך, זאָלן זיי פֿאַרשטיין...

דאַנציקער האָט זיך דערווייל געהאַט אָנגעשטאָפּט פֿולע באַקן מיט געשני־טענע אייער, מיט סאַלאַט און מאַיאָנעז און אַ וויש געטאָן די מיניאַטור־וואָנסעלעך מיטן סערוועטל, זייער קאָמיש און זייער פֿאַרטון, ווי טשאַרלי טשאַפּלין:

— איר זענט, אויף מיין וואָרט, אַן אמתער באַנטשע שווייג... ס'גייט איצט אין וועלט־ענינים, און איר זענט בלויז אייער בולקע מיט פּוטער... קיינער וועט עס אייך נישט זשאַלעווען, פֿאַרקערט... איר זעט אָבער נישט, האָב איך דעם איינ־דרוק, ווו מיר האַלטן ערגעץ אין דער וועלט... די צייט איז נישט געשטאַנען אויף קיין אָרט... אַז „פּאָניע“ זיצט אין בערלין, אין צענטער פֿון אייראָפּע, דאָס זעט איר נישט. אַלעמען האָבן זיי אָבער איבערגעכיטרעוועט, אַפֿילו אונדזער רוזוועלטן.

נאָך אַ בליק, וואָס מיר האָבן אַזאַ ענערגישן און קלוגן מאַן, כ'מיין טרומאַנען... ער וועט זיך נישט לאָזן. איר וועט אָנקוקן...

— נאָך אַלעמען, די רוסן... דער געפֿיל ביי אַלעמען איז, אַז די רוסן... מען מוז פֿאָרט מודה זיין, אַז די מערסטע יידן האָבן זיי דאָרט געראַטעוועט...

— איר לויפֿט אַ ביסעלע צו שנעל, אַזוי טאָר מען איצט נישט רעדן, פֿריינד מיכלסאָן. אָ, איר זענט געווען און פֿאַרבליבן, זע איך, אַ נאַאיווער מענטש, כ'לעבן, — איז דאַנציקער אַזש אונטערגעשפּרונגען, — ווי, פֿרעג איך, איז אייער פֿאַרשאַרפֿטער פּאָליטישער חוש? צי דען גייט עס בלויז אין איינצלנע, ווען אַ שיף טרינקט זיך?... איר זענט, אויף מיין וואָרט, געגליכן צו יענעם ליטוואַק, וואָס לאַכט זיך אויס פֿון אַלעמען אינמיטן שטורעם און טענהט, אַז די שיף איז נישט זיינע... היטלער איז טאַקע געווען אַ גרויסער רשע, אָבער די רוסן... „פֿאָניע"... איר ווייסט, וואָס די באָלשעוויקעס זענען? פֿרעגט ביי מיר, וועל איך אייך זאָגן...

— און די ענגלענדער... — האָט זיך מיכלסאָן געהאַלטן ביי זיינס, אַזוי ווי פֿאַרחושט, — זיי נעמען עס כאָטש אין אַכט, די ענגלענדער?...

— אייערע ענגלענדער?... — האָט דאַנציקער זיך געהאַלטן ביי די זייטן פֿין געלעכטער, — זייער וועלט־הערשאַפֿט קרישלט זיך... זיי ווערן מער נישט גענומען אין אַכט... אַז מיר וועלן אָבער גיין מיטן שטאַרקערן, וועלן מיר אויך נישט דערלייגן. איבעריקנס, ווען נישט די אַמעריקאַנער, ווי וואָלטן דען אפילו די רוסן אויסגעזען?... און די ענגלענדער — מען וועט מיט זיי אויך אָדורכקומען.

— יאָ, די ענגלענדער... — איז מיכלסאָן געווען פֿאַרלוירן, — כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיר אינטערעסירן פֿונדעסטוועגן — יידן...

— איר זענט נאָך דערצו אַ ייד אַן עקשן. יידן... יידן... בקיצור, זאָל זיין יידן... איז שטעלט זיך, למשל, פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ גרויסע און וויכטיקע איניציאַטיוון עס שטייען נאָך פֿאַר אונדז אין איצטיקן מאָמענט? איר האָט געפּרוווט, אשטייגער, אַ רעד טאָן מיט די אַלע אָנגעלאָפֿענע פּליטים פֿון דאָרטן?... פֿון די מזרח־לענדער... סיי יידן און סיי נישט־יידן... גרויליקע זאַכן, איר הערט?...

ער האָט פּלוצים אָפּגעריסן פֿון זיך מיט ענערגיע דעם טעלער מיט די גענוי אויסגעקריזשעטע ביינדלעך און איילנדיק גענומען זיך פֿאַרציען מיט אַ סיגאַרעט.

— קומענדיק אָנצופֿליען אַהער, האָב איך גלייך אַ טראַכט געטאָן וועגן אייך. ווי דען? איר וועט זיין, האָב איך געטראַכט, דער סאַמע פּאַסיקסטער מענטש. די לאַגערן אין דייטשלאַנד... זיי אַנטלויפֿן פֿון דאָרט, ווי פֿון פֿייער... מען דאַרף די מענטשן פּשוט זען אַרויסצוראַטעווען פֿין זייערע הענט אַרויס... אַ ביסל קיין אַמעריקע און אַז איר ווילט — טאַקע קיין ארץ־ישראל אויך, פֿאַר וואָס נישט?...

און ס'איז געבליבן, אַז מיכלסאָן פאָרט אין די דייטשישע לאַגערן און אויך קיין פוילן. די מוסיע איז געווען אַ גענוג דעליקאַטע. ער איז נישט באַלד מסכים געווען. ער האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, אָבער אפילו אין די אייגענע קרייזן האָט מען עס אים געגעבן צו פאַרשטיין, און זיי האָבן זיך דאָרט היפּש געוווּנדערט, פאַר וואָס די רייד פון אַזאַ וויכטיקן כלל־טוער אין די אַמעריקאַנער קאָמיטעטן, ווי דאַנציקער, האָבן זיך אים באַלד נישט געלייגט אויפן שכל. מ'האָט שוין דעמלט אַ סך גערעדט אין די קרייזן וועגן „יציאת פוילן“, וועגן ליקווידירן דעם גלות־אייראָפּע, וועגן דער שארית הפליטה, די רעשטלעך געראַטעוועטע ייִדן. דער עיקר די קינדער... די קינדער... ס'איז אָבער, ווײַט אויס, נישט געגאַנגען בלויז אין דעם אַליין. ג ײן.

20

פון אַוורעמלען ווידער האָט זי זיך שוין איצט גאַנץ שיין אויסגעלאַכט, ראָזעט. זײַנע וויכטיקע אויפטוען, זײַן אײַנרײַסן און זײַנע גרויסע גליקן האָבן איר שוין מער נישט געקאָנט פאַרלאָקן; און אַוודאי נישט זײַן נאַרישעוואַטע צושטיין, ווײַל נאָך אַלעמען איז ער טאַקע פאַרבליבן אין אירע אויגן דער נאַאיוועווער פּראָווינצער יונגערמאַן. אַזוי צי אַזוי, האָט זי שוין איר לעבן געזען גאָר אַנדערש ווי פריער, ווי ביז איצט. נאָך אין די מינוטן פון שאַרפער שרעק האָט עס איר אָבער דעמלט באַלד אונטערגעזאָגט, אַז ס'איז גלײַכער צו אַנטלויפן פון די אַלע, וואָס ווײַטער צו אַנטלויפן. נישט זייערע געשעפטן און נישט זייערע פרעמדע ווילדע אידעען, וואָס זיי טראָגן דאָרט מיט זיך, רעדן וועגן זיי טאָג און נאַכט, קאָכן זיך, שטעלן זיך אײַן פאַר זיי, פלאַם און פייער, האָבן קיינמאָל קיין גרונט נישט געקאָנט ברענגען. אַז ס'איז גאָרנישט געווען אויסצוקויפן זיך פון זיי. זי האָט אָבער מער קיינעם נישט באַדאַרפט. זי האָט גיך איינגעזען, אַז אַ פּשוטער שמייכל, וואָס געפעלט עמעצן, אפילו אַ ווילד־פרעמדן, העלפט אָפטמאָל טויזנט מאָל מער ווי די אַלע אייזערנע באַוואָרעניש.

באַלד אין די ערשטע פּאָר וואָכן נאָך דער באַפרײַונג איז אויסגעקומען צו וואַלגערן זיך ערגעץ אין אַ זײַטיקן פּאַריזער האָטעל. מ'האָט באַדאַרפט צו גיין, אײַנרײַסן, לויפן אין די געריכטן, זוכן פּראָטעקציע, וואַרפן זיך מיט געלטער, צוריק אַרויסצוקריגן כאָטש די דירה, די באַקוועמע פיר ווענט. זי איז קורם געלאָפן צו מעסיע בריסטו. זי האָט אים אָבער מער אין ערגעץ נישט געפונען, נישט אין די מאַגאַזינען אַרום די גרויסע בולוואַרן, נישט אין זײַן אָפּגעשלאָסענער ווילע. וווּ זענען זיי מיטאַמאָל ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן? וווּ איז דאָס מיידעלע? דורך אים האָט זי קודם געהאָפט צו געפינען וויכטיקע פּראָטעקציע און טאַקע אַלע פאַרלעגענע חשבונות צו ליקווידירן. האָט מען אָבער דערציילט, אַז ער איז

פֿאַרמישט געווען אין גרויסע ליפֿערונגען פֿאַר די דײַטשן, אין אויסרוימען באַהאַלטענע לאַגערן פֿון שטאָפֿן, אַז ער אַליין האָט זיך ערגעץ אויפֿגערוימט און מען קאָן אים נישט געפֿינען...

אָבער אײנגאַנצן מיט איין טאָג שפּעטער איז מעסיע בריסטאָ אַליין געקומען אויפֿזוכן זי; און ס׳האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז אַצינד האָט ער זי באַדאַרפֿט מער, ווי זי — אים. ביז אין דעם זײַטיקן האָטעל איז ער געקומען זי אויפֿזוכן. ער האָט זיך אומגעריכט אַרײַנגעשלײַכט, ווי אַ גנבֿ, גענוי ווי זי האָט מיט אַ פּאָר יאָר פֿריער, אין שפּעטן פֿאַרנאַכט אָנגעקלונגען צו אים אין דער אָפּגעשלאָסענער ווילע, געקומען אויסבאַהאַלטן זיך בײַ אים. ס׳איז אָבער מער נישט געווען דער זעלבער מעסיע בריסטאָ. ווי דער מענטש האָט זיך פֿאַר דער קורצער צײַט פֿאַרענדערט; אַן אָפּגעמאַטערטער אָנצוג, אַ ביליק קאַשקעטל פֿון אַ פֿאַבריק־אַרבעטער טיף איבער די אויגן, וואָס ווײַניקער צו ציען די אויפֿמערקזאַמקייט. דער נאָכאַנאַנדיקער, קיינמאָל נישט געזעענער געזשום פֿון דער איבערגעלעבטער גאַס, וואָס איז געגאַנגען הינטער די פֿענצטער, האָט אים געשראָקן; די אײַנגעשטילטע גאַס האָט אין יענע טעג באַזונדערס אויפֿגעלעבט — מאַניפֿעסטאַציעס, מיטינגען, געדענק־אַקאַדעמיעס. די העלדן פֿון דער אונטערערד זײַנען מיטאַמאָל אַרויס אויף דער ליכטיקער שײַן, געזעסן אין אַלע אַמטן, אויף אַלע אָפֿיציעלע פּאָסטנס און אַפֿילו אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. ס׳איז געווען אַלץ פֿאַרויסצוזען, אָבער אַזוי ווײַט זען האָט ער שוין נישט געקאָנט, ווײַזט אויס. אַ מענטש פֿון האַנדלסקלאַס, איז אַלדאָס איבעריקע אַלעמאָל געווען פֿאַר אים — פּאָליטיק. אַזוי איז ער אײנמאָל אין אָוונט אויסגעוואַקסן בײַ איר שוועל:

— מאַדאַם... האָט ער אָפּגעריסן אַ שטאַמל געטאָן און שנעל צוגעמאַכט די טיר פֿון יענער זײַט.

איבערגעשראָקן האָט זי זיך נישט, אויף אַ האָר אַפֿילו, זי האָט אים באַלד דערקענט אויך. זי האָט אים לאַכנדיק פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט נאָך אַלץ ווײַניקער וואָס מורא צו האָבן און צו פֿאַרכטן זיך, ווי, אַשטייגער, זי דעמלט, ווי בכלל — זיי אַלע. ס׳איז נאָך אַלץ געווען דער ביטערער געלעכטער אין אירע גרינע אויגן.

— נישט אַזוי שרעקלעך, מעסיע בריסטאָ... — האָט זי אים צוגערוקט אַ שטול — מיר זײַנען שוין גענוג געפּרוּווט געוואָרן, עס צו וויסן...

ס׳איז איר אַפֿילו נישט אײַנגעפֿאַלן אַזוי שטאַרק צו באַאומרויִקן זיך און נאָכצופֿרעגן וועגן דעם אָנגעראַטעוועטן מײַדעלע וואָלפֿס, ווײַבאַלד ער האָט זי נאָך פֿאַרזיכערט, אַז זיי געפֿינען זיך ערגעץ אויפֿן דאָרף, און אַז די מאַדאַם בריסטאָ זאָרגט זיך זייער שטאַרק פֿאַרן קינד.

— אונדזערע ראָלן, — איז ער געווען בלײַך און איבערגעשראָקן אויף דער שוועל פֿון אָרעמלעכן האָטעל־צימער, — האָבן זיך, הייסט עס, אין אַ געוויסן

זײַן איצט געבויטן... איך דאַרף אַצינד זייער נייטיק האָבן, האָט מען מיר פאַרזיכערט, אייער טובה און איך האָף...

זי האָט אים נישט געלאָזן זאָגן ס'אַנדערע וואָרט און באַלד געלאָזן וויסן, אַז אויב ס'איז נאָר אין אירע מעגלעכקייטן... עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אים אַרויסהעלפן... וואָס הייסט?... אַז די וועלט עקט זיך נאָך נישט, אַז פראַנקרייך איז נאָך נישט פאַרלוירן, אַז דער „קאָמערס" וועט, האָפט זי, ווידער אַוועקגיין ווי פריער. אָבער זי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַראַ טובות, אַשטייגער, איז זי עס ביכולת צו טאָן א... פראַנצויז, א נישט־ייד, אין דער צייט, ווען ערשט נעכטן נאָך איז זי געווען דיער סאַמע רעכטלאָזסטער מענטש. ס'האָט איר, מוז מען זאָגן, אַפילו נישט קיין קליין ביסל געשמייכלט.

איר בלאָנד געקרויזטער קאָפּ איז אים אַצינד פונדעסטוועגן פאָרגעקומען א סך היימישער ווי פריער, אַפילו דאָס גאָלדענע צלמל, וואָס זי האָט ווידער געלאָזן אַזוי חנעוודיק וויגן זיך אויף איר ווייסן, פאַרכאַפּנדיקן האַלדז און האָט אים דאָ באַלד א פינקל געטאָן אין די אויגן.

— ווער ס'קאָן אַ ביסל די געשיכטע פון אונדזער לאַנד, — האָט ער לייכט אָפּגעזיפצט, כמעט שעפּטשענדיק, אַראָפּגעלאָזן זיך אויף אַ ווינקל שטול, — ווייסט ווי פיל וואַנדלונגען אַזעלכע מיר האָבן שוין אַדורכגעמאַכט, איבערהויפּט אין צייטן פון מלחמות און רעוואָלוציעס... געווען צייטן, מיין ליבע מאַדאַם, ווען די רייכסטע און נאָבלסטע פון לאַנד האָבן געמוזט אַוועק אויף עמיגראַציע, ערגעץ אין דער פרעמד, אָדער לעבן דאָ, פאַרמאַסקירן זיך און דרייען זיך ווי בעטלער הינטער די פענצטער פון זייערע אייגענע שלעסער, פּאַלאַצן און רייכטימער... גאָט מיינער, און אַזעלכע זאַכן חזרן זיך איצט אין אַ געוויסער מאָס איבער. צי קאָן מען קלוג זיין?...

ס'האָט אים שוין באַנג געטאָן אויך — אפשר האָט ער זיך צופיל אַרויסגעכאַפּט? אין אַזעלכע צייטן? זי האָט אים אָבער אויסגעהערט מיט קאָפּ, געפּרוווט צו דערכאַפּן און נישט באַלד פאַרשטאַנען דעם ווייטן צוזאַמענהאַנג. זי איז דער עיקר אַלץ נייגעריק געווען צו וויסן, אין וואָס אייגנטלעך קאָן באַשטיין זיין פאַרלאַנג צו איר, כאָטש פון זיינע צעטומלטע רייד האָט זי זיך שוין צו ביסלעך אָנגעהויבן אָנשטויסן.

— דע־גאָל, ווידער... — האָט ער נאָך דאָרט עפּעס געשטאַמלט, — ס'איז נישט גאַנץ צו פאַרשטיין, פונדעסטוועגן... מילא, קענען דייטש זענען מיר אַלע געווען... אפשר נישט אַלע... איר געדענקט אַוודאי, וואָס כ'האָב אייך אַמאָל געהאַט געזאָגט... אַז ס'איז, נאָך אַלעמען, א פראַגע פון גענוי איינטיילן זיך מיט די ראָלן... איך בין, אַזוי צו זאָגן, געווען אויפן אינערלעכן פראָנט. נו, מילא, האַנדלען מיט זיי... אויך דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע ראָלע, גלייבט מיר... ער וועט אָבער, האָף איך צוריק איינשטעלן אָרדענונג. ס'קאָן דאָך פונדעסטוועגן נישט געמאָלט

זיין... כ'מיין, די קאָמוניסטן... זיי האָבן טאַקע געקעמפט, באַצאָלט מיט קרבנות, אָבער קיין באָלשעוויזם, האָף איך, וועלן זיי אונדז נישט אָנגוואַרפן... מיר וועלן זיך נישט לאָזן...

— אָ, אזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט! — האָט זי לאַכנדיק, אים בארו־איקט.

אָבער מיט וואָס האָט זי אים דען געקענט העלפן? ס'האָט זיך אויף אַן אמת געהאַנדלט אין אַ קלייניקייט — באַווייזן, למשל, אַז דאָס האָט ער אין די ערגסטע יאָרן פון דער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן זיך מיט ביידע קינדער, פּשוט געראַטעוועט זיי; אַז דאָס האָט ער געראַטעוועט אַ טייל פון איהע און מעסיע ווייליס פאַרמעגנס, און די פאַרמעגנס פון נאָך אַנדערע אויסבאַהאַלטענע יידן. און אַזאַ צייט איז עס געווען נישט קיין קלייניקער זכות, כדי ריינצוואַשן זיך פון בלעראַייזיגד. די קאָלאַבאָראַטאָרן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף דער פריי, האָבן נישט אַלע געהאַט אַנצווייזן אויף אַזאַ זכות, און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אויך אַן עצה געגעבן. זיי האָבן זיך איינגיכן באַהאָנגען מיט פאַרשידענע בענדלער, אָפּצייכנס, פאַרמאַסקירט זיך מיט שיינע רייד און זענען גאָר אָנגעגאַנגען פאַר וויכטיקע פּאַטריאָטן און ווידערשטענדלער קעגן אָקופּאַנט, אויב מ'האָט זיי באַצייטנס נישט געכאַפּט ביי דער האַנט...

יאָ, ס'איז אויך פון דערגעגן קאַפּויער געקומען מעסיע ווייל. ער איז שוין איצט ווידער געוואַלדיק פאַרטון געווען אין געשעפטן, און אויך ער האָט זיך זייער שטאַרק איינגעשטעלט פאַרן מעסיע ברוסטו. דאָס עדות זאָגן פון צוויי געליטענע יידן, פאַרפאָלגטע פון דייטשישן אָקופּאַנט, האָט נישט וויינוק געהאָלפן; ס'האָט שוין דערנאָך כלומרשט אפילו געהייסן, אַז ער איז געווען אַ פאַרמאַסקירטער ווידערשטענדלער. אין די מאַגאַזינען האָט ער זיך טאַקע מער נישט אַריינגעווויזן, מעסיע ברוסטו, ס'האָט נישט געטויגט, ווייל עס האָבן זיך נאָך פאַר דער צייט געמאָלדן געליטענע בעלי־חובות, אַקציאָנערן. אָבער אין דער ווילע זיינער האָט ער זיך איינגיכן צוריק באַוויזן און לכבוד דעם האָט מען דאָרט נישט איין פלאַש שאַמפּאַן פון זיינע קעלערן אונטערן הויז צוזאַמען אויסגעטרונקען. ער האָט גאָרנישט געוווסט מיט וואָס זיי אָפּצודאַנקען.

ס'איז באמת נישט פאָרצושטעלן זיך, וואָס ראָזעט האָט אַלץ צעאַרבעט אין די פאַר וואָכן. זי איז טאָג און נאַכט אַרומגעלאָפן, האָט קיין שום באַקאַנטן יידן נישט געזען און נישט געוואָלט זען, כאָטש קיין סך זענען סיי ווי נישט פאַר־בליבן. הונדערטער פון אירע באַקאַנטע, פריינד, צושטעלערס, „פּאַסאַזשיערס", מאַ־שינערס, „הענטי" זענען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, אומגעקומען, פאַר־שוואונדן אָן אַ שפור נאָך זיך. איין וואָלפן האָט זי דערמלט געהאַט באַגעגנט אויף דער ערשטער יידישער פאַרזאַמלונג, וואָס איז גערופן געוואָרן אין הויף אויף די רי ראָזיע. ווי דאָס האַרץ וואָלט איר אָבער געזאָגט, אַז וואָלף וועט נאָך קאַפּויער

קומען. זי האָט עפּעס אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז דער מענטש וועט אין פֿייער נישט פֿאַרברענט ווערן, אַז עפּעס אַ ווילדער כּוח שטעקט אין אים. ווי אַלע אַלטע וויי־טיקן וואָלטן זיך מיטאַמאָל אויפֿגעמאַכט אין איר.

זי האָט אײַנגיכן צוריקבאַקומען די גערוימיע דירה די עלטערנס אין די שמאָלע געסעלעך פֿון יענעם אַלטן קוואַרטאַל, די גרויסע שטובן, די אָפּגעלאָזענע, וואָס זענען אַצינד, נאָכן אַרויסציִען זיך פֿון די פֿרעמדע, אָנגעלאָפֿענע שכנים, געשטאַנען נאַקעטע און אַרומגעשליסענע. אין דעם אַלעמען, האָבן איר שוין ביידע, ברישטו און וויל, נישט ווייניק געהאָלפֿן. די זייטיקע פֿאַרבינדונגען און וויכטיק־סטע אײַנפֿלוסן, וווּ מען באַראַט, האָבן זיי נאָך אַלץ פֿאַרמאָגט. אין דעם פֿייער־לעכן אָוונט, ווען זיי זענען דאָ געזעסן ביים מעסיע ברישטו אין שיינעם אָפּגעפּריש־טן סאַלאָן, איז זי ווידער געווען אַ שייַנענדיקע, ווי אַ מאָל, ווי אין יענע יאָרן. ער האָט, דאַכט זיך, קוגן זיין טבע זייער שייך געשמייכלט צו איר, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, דער שטייפֿער מעסיע וויל, כאָטש קאָרעקט און צוריקגעהאַלטן, ווי תּמיד...

— מילא, היטלער... — האָט ער לייכט געגעבן אָנצוהערן — אָבער מיר אַליין דאַרפֿן אויך וויסן ווי זיך צו האַלטן... ס'איז געווען אַ טרויעריקע לעקציע, מײַנע פֿרײַנד...

ביים טיש האָט מען ווידער גערעדט וועגן מסחר, וועגן מאָדעלער. ביי מעסיע ברישטו, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען נאָך געבליבן פֿאַרשטעקט אַ שיין ביסל שטאָפֿן, נישט פֿון די ביליקע האַלב־שטאָפֿן, נאָר די פֿאַרמלחמהדיקע. אַרום די פּאַרלעגענע רעכענונגען מיטן מעסיע וויל איז מען אויך ווי נישט איז דורכגע־קומען. מענטשן האָבן זיך איצט אויסגעזיי באַדאַרפֿט אָנצוטאָן. נישט פֿון די שוואַ־כע און קנאַפּע צוטיילונגען דורכן ווירטשאַפֿטס־מיניסטעריום האָט מען געקאָנט בירן געשעפֿטן און נישט לויט די אָפֿיציעלע פּרייזן. די הינטער־טירן, סיי פֿון מיניסטעריום, סיי פֿון די גרויסע פֿאַבריקן, וואָס האָבן ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק נאָך געאַרבעט פֿאַרן דייטש, זענען דאַרט אַלעמאָל געבליבן אָפֿן, מ'האָט אַלץ באַקומען, נאָר פֿאַר גוטע פּרייזן. דער שוואַרצער מאַרק איז געשטאַנען אין זיין פֿאַמער בליונג.

באַרוישט פֿון די קליינע, אייַדעלע גלעזלעך אַרום פֿרײַלעכן און ליכטיקן אָוונט־טיש, איז מעסיע ברישטו ביי אַזאַ געהויבענער געלעגנהייט געווען ממש סענטימענטאַל.

— איר, כ'וויל זאָגן... די וואַיעריקע... מיט אייער ענערגיע, האָב איך שוין איינמאָל אונטערגעשטראָכן, וועלן לחלוטין נישט דערשאַצט ביי אונדז... ס'איז מיר נאָך אַלץ ליבער אַ פֿראַנצויז פֿון האַרץ און איבערצייגונג, ווי די פֿון הויכן יחוס און פֿון בלויען בלוט... ראַסיזם קאָן מען ביי אונדז נישט טרייבן, מײַנע הערן

און דאַמען... דאָס איז איבעריקנס, פּאָליטיק, און מיט פּאָליטיק, ווייסט איר, האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן...

נאַטירלעך האָבן אַזעלכע אומשולדיקע רייד מער אָנגערירט מעסיע ווייל, ווי ראָזעטן. פאַרקערט, ראָזעטן האָט עס אַפילו נישט קיין קליין ביסל געשמייכלט — אַבי מען נעמט זי כאָטש אַריין אין דער משפחה אַריין. מיטן איבעריקן וועט מען שוין ווייטער זען. אָבער מעסיע ווייל... איבעריק צו זאָגן, אַז אַן אָפּשטאַמיקער פון די עלזאַסישע ייִדן, די האַלב־פאַרגעסענע עלטערזיידעס זיינע, וואָס האָבן נאָך דער ביסמאַרק־מלחמה פון 1870 אַראָפּגעטירט פראַנקרייך און נישט דייטשלאַנד אַלס פאָטערלאַנד,— האָט ער זיך באַטראַכט פאַר אַ פונקט אַזאַ פראַנצויז ווי אַנדערע. מעג זיך מעסיע ברייסטו באַציען ווי לאָיאַל. מיטן אָנגענומענעם ווערטל אין זייער מויל — „איר, די אייעריקע“... און פונדעסטוועגן איז עס אויך געווען ביי אים אַ געפיל פון וועלן זיך אויסקויפן און פאַרענטפערן; און כאָטש אין די געשעפטלעכע שטאַנד־אינטערעסן האָט עס אים שטאַרק פאַרבונדן מיטן מעסיע בריסטו, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן אַ באַמערק צו געבן:

— נאָך אַלעמען. איז פאַריז אַ קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט. טוט, למשל, אַ גוטן זוך אין ערשטן און צווייטן דור פון אַ סך דורכשניטלעכע פראַנצויזן און אַפילו אַזעלכע, וואָס פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָזיציעס, וועט איר לייכט געפינען, אַז דער און יענער איז אַן אָפּשטאַמיקער פון איטאַליע, פון פּאָרטוגאַל, פון די סלאַווישע לענדער, צי גאָר אַפילו פון דייטשלאַנד...

נאָר מעסיע בריסטן איז געווען אַזוי פאַרשיכורט פון מאָמענט, אַז ער האָט שוין אַפילו גענוי נישט אויסגעהערט, וואָס יענער האָט אים אַזוי אייפעריק אַנטוויקלט זיינע מאָדנע טעאָריעס. ער האָט צוגערוקט צו זיך דאָס גלעזל מיטן בלאָנדן, באַרוישנדיקן געטראַנק, וואָס האָט געשוימט און איבערגעשוימט, צווישן זיינע פוכיקע פינגער, אויף וועלכע ס'איז געזעסן דער מאַסיווער, איינגעשטייפטער, גילדענער חתונה־רינג.

דאָס מיידעלע מאַדלען, וואָס איז היפש אונטערגעוואָקסן פאַר דער צייט, האָט שוין צוריק פאַרנומען איר ראָזן שלאָפצימער; און איבערן קינדערשן שלאָפצימער האָט מיט פעדאַנטישער, שטרענגער אויפזיכט געוואַכט די מאַנצבילישגרויסע מאַדאַם בריסטו. יענע האָט גאָרנישט אויסגעזען צו זיין אַזוי איבעראַשט פונעם גילדענעם צלמל ביי ראָזעטן אויף דער ברוסט. ס'איז געווען אַ בוימלדיקער גלאַנץ אינעם בליק פון דער איבערגעוואָקסענער פרוי, מיטן פלאָם אין די מאָגערע באַקן, ווי מען באַמערקט עס טיילמאָל אונטער די ווייסע, שטרענג קראָכמאַליעטע הויבן פון די קלויסטער־שוועסטער. די מאָגערע פרוי האָט פונדעסטוועגן מיט אַ סך מוטערלעכן נחת דערציילט וועגן דער קליינער:

— ביינאַכט, ווען זי וועקט זיך געוויינלעך איבער, שרייט זי: „מאַדאַם לואי, כ'האָב מורא“... אָבער לעצטנס שרייט זי נישט מער פון שלאָף...

— ווען די מוטער וואָלט געלעבט... — האָט זי עפּעס אָנגעהויבן, ראָזעט, האָט אפילו לייכט אָפּגעזיפצט און נישט געוווסט וואָס ווייטער צו זאָגן, גלעטנדיק דערביי מיט קילע פינגער דעם קינדס בלאָנדלעכן קעפּל.

דאָס מיידעלע מיט די גרויסע, איבערגעשראָקענע אויגן האָט קוים באַרירט מיט אירע ליפּן דער מומע ראָזעטס באַק און זיך אַליין געטוליעט צו דער גרויסער. וואַרעמער מאַדאַם בריסטאָ.

זי איז אוועק פונעם הויז, ראָזעט, מיט אַ מאָדנעם געפיל, מעסיע וויל האָט זי קאַוואַלעריש און פייערלעך באַגלייט; און אין קאָפּ ביי איר האָט זיך אַליין געפּלאָנטערט — וואָלף... דאָס מיידעלע מיט די גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן...

21

אזוי האָט וואָלף אין אַ פאַרנאַכט פון יענעם אומפאַרגעסלעכן סוף-זומער זיך דערזען אויף די איבערגעפּאַקטע טראָטואַרן, צווישן קיינמאָל נישט געזעענע המונים, ווען זיי שטראָמען געדיכט אָן און אויפהער פון די אונטערערדישע מעטראָ-איינגענג. מ'האָט אים צו ביסלעך אונטערגעשטויסן פון אַלע זייטן. זו האָט ער אומגערן אָפּגעטראָטן עמעצנס אַ פוס, דאָ אַ פאַרטשעפּע געטאָן עמעצנס אַן אַקסל. אויטאָ-טרובן און פּאָליציי-פייפלעך האָבן זיך געריסן הינטער אים. ער האָט מער נישט געהערט, געשפּאַנט צווישן אָנפאַרנדיקע אויטאָס, איז אומגעריכט און פלינק אונטערגעלאָפן, ווען ס'איז מיטאַמאָל שטיינגעבליבן אַ דראָגענדיקע ליידיקייט צווישן אים און דעם נאָענטן טראָטואַר. ער איז צוגעשפּאַרט געוואָרן צו אַ וואַנט, ער איז געווען אין אַנגסטן. דאָס אייבערשטע העמד-קנעפּעלע ביי זיין קראַוואַט איז געווען אָפּגעריסן, דאָס אויסגעצויגענע פּנים — אין אַ שטעכיקן, צווייטאָגיקן אָנוווקס. אַרום די פאַרשטאָפּטע אַרטעריעס ביים רעפּובליק-פּלאַץ, וווּ ס'איז אַלעמאָל אַ געדיכטע פאַרקער פון אַלע אַרומיקע קרייץ-גאַסן, פון די ווילד אָנפליענדיקע מ.פּי.-דזשיפּס, פון די הויכע לאַסט-וועגן, באַזעצט פון אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, וואָס האָבן אין יענעם זומער באַפרייט די הויפּטשטאָט, האָט ער זיך אַ רגע באַדאַכט פאַרהאַלטן; און ווען די רויטע סיגנאַל-פייערן האָבן זיך באַלד דערנאָך ווידער אָנגעצונדן, איז ער בלינד מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן גרויסן שטראָם. זיינע פיס האָבן אים כמעט פון זיך אַליין אויסגעטראָגן דורך אַ זייטיקער, שטילערער גאַס, וואָס פירט אַראָפּ צו די אַלטע קוואַרטאַלן, ערגעץ אַרום די בריקן פון דער סען. איבער די שמאָלע געסעלעך האָט זיך אַראָפּגעלאָזן דער אָוונט.

ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, דאָס פאָרהענגל אויפן פערטן שטאָק האָט ער גלייך באַמערקט, איז אַ ביסל אונטערגעהויבן — דאָס געצווייגלטע פאָרהענגל

ביים דורכגאַנג צום עסצימער. עס שפּיגלט זיך אין דער שויב. דער זשיראַנדאָל ברענט. אַלע ליכטער זענען אָנגעצונדן. זי פּלאַפּלט דאָרט אַוודאי, ווי געוויינלעך, אַרום און איר אָוונט-פּעניואַר. די שטוב איז פול מיט געסט. אָבער פון דער קעגנ-איבערדיקער מויער האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקענט אָפּרייסן. וויפל מאָל די פיס האָבן אים בלינדערהייט אַליין געהאַט פאַרפירט אַהער. „ס'איז נישט אַזוי איינפאַך, — האָט עס נאָכגעגאַנגען געהאַמערט אין זיין מוח, — דער חשבון איז אַ לאַנגער... נישט גענוג, הייסט עס, וואָס פרעמדע מערדערישע הענט האָבן געטאָן צו אונדז... אַזוי באַקומט זיך“...

ווי לאַנג דען, אַז אַלץ איז נאָך געווען פאַר דעם, ווי ער איז אַזוי אומגעריכט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם נייעם, נאָכמלחמהדיקן פיבער? אָנגעהויבן האָט זיך עס באַלד נאָך אין יענע הייסע אויגוסט-טעג, ווען דאָס פאָלק פון פאַריז האָט זיך אויפגעהויבן קעגן אָקופּאַנט; ווען די תפיסה-מויערן האָבן זיך אויפגעמאַכט פאַר די פאַרמשפטע צום טויט, וואָס מ'האָט זיי נישט באַוויזן מער צו פירן אויפן באַרג וואַלעריאַן. אַרום רעפּובליק-פּלאַץ זענען שוין געווען אויפגעשטעלט באַריקאַדן. די פלי-גרופּעס האָבן אַטאַקירט די גרויע קאַזאַרמע-געביידע, צעלייגט אין דער מיט פּלאַץ. פון אַלע אַרומיקע דעכער האָבן זיך צעבילט די מאַשין-געווערן. ביז דער לעבלעכער אויגוסט-אָוונט האָט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזן איבער די געסלעך. און אפשר — האָט ער צום ערשטן מאָל באַקלערט — איז נאָך גאָר די מלחמה נישט פאַרענדיקט, ווייט נישט פאַרענדיקט...

דאָס גלעקל אויפן פערטן שטאָק האָט דאָרט, ווי אַמאָל, דין און היימיש אַ רויש געטאָן איבער די גרויסע, ליידיקע שטיבן. ער האָט באַלד דערקענט אירע טריט. זי אַליין איז געקומען אויפמאַכן. ער איז פּלוצים אויסגעוואַקסן פאַר איר אין דער ראַם פון דער נידעריקער טיר, און זי האָט אים באַלד דערקענט. ווי דען? זי האָט זיך אָבער די גאַנצע צייט גערעכנט, אַז ער וועט סוף-כל-סוף קומען אָנקלאַפּן אין איר טיר. זי האָט שוין אַוודאי אַלץ געוווּסט, אפילו וועגן דער אונטערגעצונדענער צעטעלע — אַזוי האָט ער באַלד אַרויסגעלייענט פון אירע גרינע אויגן. ס'איז געווען אין זיי איבעראַשונג און שמייכל; און דאָך האָט זי, אויפן ערשטן בליק, אויסגעזען נישט צו טראָגן אויף אים קיין שום האַס. מאָדנע, ווי ס'וואָלט קיינמאָל גאָרנישט געשען. אַזוי האָט ער אויך עפּעס אַרויסגעפילט סיי פון אירע רואיקע רייד, סיי פון איר גענוג היימישן נאָכפרעגן און אויספרעגן זיך, ווען זי האָט אים געפירט נאָך זיך צו אַ זייטיקן צימער. וועגן יינגל אַנדרי האָט זי אַלץ אויסגעמיטן, און וועגן קינד גופא האָט ער אַליין דער ערשטער געמוזט פרעגן.

זי האָט זיך נאָך אַלץ געטוליעט אין פּעניואַר מיט די שרייענדיקע קווייטן, אַ בלייכע, און אומשולדיקע, ווי אַ מיידעלע. זי איז אָבער אַלע ווײַלע אומרואיק געלאָפן פאַרמאַכן די טיר הינטער זיך, איין טיר, נאָך אַ טיר; ווייל פון גרויסן

עסצימער האָט זיך אַלץ געטראָגן אַ לעבהאַפֿטע, אָפּגעהאַקטע רעדערײַ; און װען עמעץ האָט באַלד דערנאָך שטיל אָנגעקלאַפּט, האָט זי אין אײַל געגעבן, אַרײַנגעקוקט אין שפּאַלט פֿון דער טיר, איז אַ רגע אַרױס און באַלד װידער שטײַנגעבליבן אױף דער שװעל מיט אַ האַלב־אָפֿן מױל, נאָך אומרואיקער װי פֿריער.

זי האָט זיך אַנטשולדיקט. זי איז קודם געגאַנגען אױסקוקן די געסט, װאָס האָבן זיך געװײנלעך שבת אָװנט געקליבן בײַ איר אין הױז. אַ סך װיכטיקע געסט — מעסיע בריסטאָ מיט זײַן מאַגנאַטיש־אַבערגעװאַקסענער פֿרױ, דער חשובער ייִד מיכלסאָן, נו, און, װי געװײנלעך, אורעמעלע... ס'איז דאָרט אַ היפּשע װײַלע געװען אַ פֿאַרשטיקטע גערעדערײַ הינטער די טירן. אָבער צוריקקומענדיק, האָט דאָס שמײכעלע פֿונדעסטװעגן נאָך אַלץ געשפּילט הינטער אירע פֿאַרשאָטנטע װיִעס, אין דער טיף פֿון אירע גרינע אױגן. זי איז עפּעס יאָ געװען די זעלבע און נישט די זעלבע — דער אומפֿאַרגעסלעכער, משפּחהדיקער שניט פֿון איר קלײן, זאַפֿטיק מױל, דער ראָזער, אָפּגערעקטער אױער. און אַלץ. דער העלער שימער פֿון איר גאָלד־געקרױזטן קאָפּ איז אים אָבער פּלוצים פֿרעמד געװען. ס'איז, דאַכט זיך, געלעגן אין אים די גאַנצע נאַקעטע פֿרעכקײט פֿון דער צײַט. פֿון אַלע װערטער, װאָס האָבן אים געבריט אין די עטלעכע שלאָפֿלאָזע נעכט, איז אים דאָס מױל פֿאַרבליבן שטום און אַזױ װי פֿאַרהאַקט. ס'זענען כמעט מער נישט געװען קײן רײד. טאַקע, נאָכװאָס רײד? צי איז דען נישט אַלץ, נאַקעט און ברוטאַל, קלאָר געװען? די רײד זענען געקומען ערשט דערנאָך.

ער האָט זיך צעמישט אַרומגעקוקט. אַלץ איז דאָ נאָך געװען אַזױ הײמיש אײַנגעבאַקן און אין דער זעלבער צײַט — װילד־פֿרעמד: דאָס שלעקל מיט די פֿליענדיקע גענדז, די אָפּגעריבענע אָרנאַמענטיק אינמיטן סופֿיט. אין מאַטן שפּיגל איבערן העלן געשניצטן קאַמין האָט אַ ביסל קרומלער, װי אין נעפּל, געציטערט דאָס האַלב־אײַנגעמאַכטע פֿענצטער — די אײַנגעבאַקענע לאַנדשאַפֿט פֿון די קלײנע, פֿאַרכמאַרעטע קױמענס. די שיפֿע דעכלעך אין אָנגעפֿאַלענעם אָװנט־בלױ פֿון פּאַריזער הימל.

— כ'האָב געטאָן אַלץ פֿאַר מײַן קינד און... פֿאַר מירלס קינד, אַז ס'זאָל װי גאָרנישט געשען... — זי האָט פֿרום פֿאַרצױגן די ליפּעלעך, — כ'האָב אַפֿילו מײַן קינד געפֿירט אין קלױסטער אַרײַן, איר הערט? אין קלױסטער אַרײַן... כ'לאַך זיך אױס, פֿאַרשטײט זיך... פֿון אַלע אײַערע אַמאָליקע און הײַנטיקע אידעען... צופּאַסן זיך, נישט אױפֿרײַסן די אױגן מיט אונדזער אומגליקלעכער ייִדישקײט... װער דאַרף זי? װען מ'האָט געקלאַפּט אין די ייִדישע טירן אין יענעם באַגינען, און כ'בין געשטאַנען, און ס'האַרץ האָט זיך אין מיר געװאָרפֿן, האָב איך אין אַלעמען פֿאַרגעסן, אַפֿילו אין מײַן אײגן קינד איך. דאָס איז דער נאַקעטער אמת.

זי האָט מיטאַמאָל דערפֿילט. אַז אפֿשר האָט זי זיך צופֿיל אַרױסגעכאַפּט פֿאַר אים, אין װעלכן זי האָט אַלעמאָל געזען דעם שונא פֿון אַלע אירע טואונגען,

צו ווערן זי איז אָבער — פאַרפאַלן — קיינמאָל נישט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק. זיינע אויגן, האָט זי געהאַט דעם איינדרוק, זענען שטאַר, כאָטש זי האָט שוין געקאָנט זיין פאַרשלאָסענע גלייכגילטיקייט, ווען אַלץ קאָכט אין אים; און ז האָט מיטאַמאָל עפּעס מורא געקריגן.

— אָבער ס'קינד... — האָט ער אויפגעהויבן צו איר דעם לייִדיקן בליק.

— ס'קינד? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט אָפּגעדעקטע גלייכע, שאַרפע ציינער. — ס'איז דאָ, ס'קינד... מען וועט עס אייך ווייזן...

— ווייזן?... וואָס הייסט — ווייזן?...

— יאָ, ווייזן... — האָט זי נאָכאַמאָל לייכט אונטערגעשטראָכן, — און עס וועגדט זיך נאָר, אויב זי וועט אייך איבערהויפּט וועלן זען, מאַדלען... איר זאָלט אָנקוקן, ווי שיין זי איז אויסגעוואַקסן... זי איז אַפילו געראָטן אין אייך, די קליינע. אָבער זי איז שוין מער נישט קיין קינד. זי וויל נישט וויסן מער, זאָגט זי, פון אַזאַ טאַטן, וואָס האָט זי געלאָזן אויף הפקר, אָנגעוואָרפן... אָ, די קליינע איז אומגליקלעך געווען, שוין באַלד ווי זי איז געקומען אויף דער וועלט...

ער האָט דערפילט, ווי זי האָט אים מיטאַמאָל קראַנק געמאַכט. וואָס וויל זי האָבן? שוין יאָרן, אַז זי טוט אָפּ אַלצדינג, אַבי אים ווי צו טאָן... מירלען... אַלעמען...

— ס'איז איצט, אַז מען וויל, — מאַכט זי ווייטער, — אַזוי גוט, ווי גאָרנישט אייער קינד... זי אָנערקענט אייך נישט. וואָס, זאָגט מיר, האָט איר געטאָן פאַר אייער קינד? מיט וואָס קענט איר איבערהויפּט באַווייזן אייער פאָטערשאַפט? אַפילו קיין פּאַפּירל צו ווייזן האָט איר נישט... איר האָט זיך דערמאָלט אויסגעלאַכט פון די אַלע בורזשואַזע פאָראורטיילן און פאָרמאַליטעטן... די קליינע טראָגט גאָרנישט אייער נאָמען... איר ווייסט עס כאָטש? אין דער צייט ווען איר האָט זיך דאָרט ערגעץ אַרומגעשלעפט און אָנגעוואָרפן מיר און מיינע עלטער; אייער פרוי מיטן קינד...

— ס'איז נישט אמת... מירל... — האָט ער זיך געריסן צו איר, — זי האָט געאַרבעט, מירל; זי האָט צו קיינעם נישט באַדאַרפט אָנקומען... און אַוודאי נישט צו אייך...

— אַפילו מירל איז אויך געווען אַ פרעמדע... — האָט זי אויסגעזען נישט צו דערהערן און האָט ווייטער געשפּילט מיט אירע שמייכלעך, — אַ פרוי, מיין פריינד, לאָזט מען נישט איבער אַזוי לאַנג אַליין... איבערהויפּט, אין אַזאַ שטאָט ווי פּאַריז...

קעגן אַלעמען, האָט ער נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, איז ער שטאַרק געווען, אָבער נישט אַזוי שטאַרק קעגן אַזוי פיל אויסגעריכטן גיפט, וואָס שפּריצט פון אירע רויִקע, גלאַטיקע רייד'לעך און שמייכלעך.

— רעדט נישט אַזוי וועגן מירלען! — האָט ער פּלוצים געשריגן נישט מיט

זיין קיל, או זי האָט זיך א רגע דערשראָקן, איז נאָכאַמאָל געלאָפן צו דער טיר און ערשט איצט דערזען אין זיינע אויגן ממש רציחה.

זי איז צוריקגעקומען אויף די שפּיץ פינגער, האָט א ווייע געטאָן ארום אים מיטן פּעניואַר, אָנגעווייעט אויף אים עפּעס אַן אומבאַשטימטן אַראָמאַט, דערשטיקט אַ ן זיך די האַלבע טענער פון איר מאָדנע לאַכן און זיך אַראָפּגעלאָזן ביי זיינע פיס, אין דער נידעריקער סאָפע.

— ס'וואָלט, — איז זי מער נישט געווען די זעלבע, — געווען איין גוטער אויסוועג, וואָלף... וועלפעלע... ווילסטו דאָך נישט... האָסט מיך אויסגעמיטן נאָך דעמלט, ווען אַלץ וואָלט נאָך געקאָנט זיין אַנדערש... גאָט מיינער, וויפל נעכט בין איך געלעגן און געקלערט דערפון... אַזאַ שטוב, אַזאַ אַטעליע... אויף וועמען, זאָג דו אליין, האָב איך זיך דען געהאַט צו פאַרלאָזן? דו... מיט דיין ענערגיע... מיט דיינע פלינקע פּאָר הענט... צי וואָלט דען נישט גלייכער געווען, אז די קינדער אונדזערע זאָלן זיך דערציען אין איין היים, האָבן איין טאַטן און איין מאַמען... כ'בין נאָך אַלץ אליין... מילא, זשאַק... — ס'איז דאכט זיך, אפילו געווען כמעט אין איר קול, — אַלץ, געדענקסטו דאָך, איז דעמלט געשען אזוי איילינק, מער מיט נישט באַרעכנטקייט, מיט אַמביציע, ווי מיט קאָפּ... זע, ווי מענטשן זענען צום שכל געקומען... די, וואָס האָבן פאַרמאָגט געלט, האָבן זיך נאָך אין די ערגסטע מאָמענטן געקאָנט אָפּראַטעווען... צי האָבן זיי דען אַלע באַדאַרפט אומקומען?...

געענטפערט האָט ער נאָכדעם, ווי ס'איז הענגען געבליבן אַ מאָדנע און אַ קלינגענדיקע שטילקייט. ער האָט שיין אַצינד פאַרשטאַנען און אָפּגעמאַכט מיט ביטול:

— געלט... ווידער מיטן געלט... דו נאַרישע... און צוליב דעם אַלעם, — האָט ער זי קאַלט אָנגעקוקט, — נעמט מען ביי מיר צו דאָס רעכט צו זען מיין קינד...

ער איז מער נישט אויפגעשפּרונגען, נישט געשריגן מער, ער האָט אפילו נישט געקלאַפּט מיט די טירן. ער האָט זי נאָך איין מאָל שאַרף אָנגעקוקט און איז אַראָפּ פון דאָרט אַן אויסגעלאָשענער, אַ רעזיגנירטער. אַלץ און אים איז געווען כמעט אויסגעקלאָרט. ער האָט קוים געפינען די פּאָרעטשע אויף דער אַלטער שטיג. „וואָס זשע פאַר אַ מענטשן זענען עס? — האָט ער זיך ענדלעך באַהערשט. — די קאַלטע אומבארחמנותדיקייט, דער גאַנצער פּלאַנטער. נישט אומזיסט, הייסט עס, האָט זי עס אים דעמלט, אינעם הויף, אויף רו דע ראָזיע, א זאָג געגעבן... ווער ס'האָט איר פריער נישט געקענט. קיין שום מאָראַלישע מאָסן גילטן מער נישט, הייסט עס, ביי די דאָזיקע. אַלץ מעג מען, אַלץ איז דערלויבט. און ווען קינד... האָט ער גיך איינגעזען, אז ס'איז גאָרנישט אזוי איינפאַך. דאָס אומגעריכט צוריקגעפינענע זיסע געפיל האָט זיך ביי אים אין די פּאָר טעג

אויסגעמישט מיט אַ סך ביטערניש. אויף אַזוי ווייט האָט ער זיך פֿונדעסטוועגן די מענטשן נישט פֿאָרגעשטעלט. אַ קינד... אַ יידיש אָפּגעראַטעוועט קינד... און מען וואָגט אים נאָך פֿאַרצוואַרפֿן, אַז ער האָט זיך מיטן קינד נישט פֿאַרנומען... ווען זיי אַלע זענען געלעגן אין די לעכער... געלאָפֿן אין דער שווייץ... ווי לייכט זי שפּילט זיך מיט לעבנס... אָפּקויפֿן, הייסט עס... כ'געפֿעל איר..."

אויף אַזוי ווייט האָט ער זי נישט געקענט. ער איז אָבער געגאַנגען צו איר מיט אַן אומבאַוווּסטן פּלאַנטער. ס'איז באַלד געווען צו פֿאַרשטיין, אַז דאָ האַנדלט זיך אפֿשר גאָרנישט בלויז וועגן קינד אַליין, און ס'זענען פֿאַראַן נאָך אַנדערע, זייטיקע אינטערעסן, און עס האַנדלט זיך אפֿשר אויך אײַנצושפּאַנען אים אין אַן אַנדער געשעפֿט; און דאָ שטעקן נאָך אַלץ אַלטע, טיפֿערע האַסן, אינטערעסן און ווער ווייסט וואָס נאָך און — ווער נאָך...

ס'האָט זיי געטאָן; ווײַל אַפֿילו ווו דאָס קינד זײַנס געפֿינט זיך, איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן אַן אומדורכדרינגלעכער סוד, מיט וועלכן די אַלע האָבן זיך אַרומגערינגלט. ס'איז בײַ קיינעם גאָרנישט געווען צו דערגיין, און דאָס קינד געפֿינט זיך אינעם הויז בײַ עפּעס אַ פּראָווינציאַל־פֿון מיטעלן האַנדלס־קלאַס, אַזאַ איינער, וואָס האָט בײַ די דײַטשן געמאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפֿטן, האָט מען אים פֿון דער זייט שוין געהאַט אינטערעסירט. אָבער ווו? בײַ וועמען? דאָס טאַקע האָט ער געוואָרפֿן אין פּנים אַרײַן דעם שיינעם ייד, מיכלסאָנען, ווען ער איז אים ווידער געקומען אויפֿזוכן ערגעץ אין די ביוראָען פֿון 16־טן אַראָנדיסמאָן; ווײַל איך צו אים, האָט וואָלף שוין איצט געוווּסט, אויף זיכער געוווּסט, ציען זיך אַלע פֿעדעם.

— איר ווילט, זאָגט איר, ראַטעווען יידישע קינדער פֿון גוייִשע הענט אַרויס... זעט, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן...

מיכלסאָן האָט געפֿינטלט מיט די פֿאַרבלאָזטע אייגן פֿון אונטער דער בריל. ער האָט, נאַטירלעך פֿון גאָרנישט אָנגעהויבן צו ווייסן. ער האָט אים גאָר געוואָלט אײַנגעמען, געבן אים צו פֿאַרשטיין, רעדן צום שׂכל־הישר, אַז פֿאָרט... אַז אפֿשר וואָלט טאַקע געווען, כ'מיין... אַן אויסוועג...

— פֿאַרוואָס, נאָך אַלעמען, — האָט ער נעפֿרעגט מיט מאָרגנעם חידוש, — אַזױפֿיל האַס צווישן אַן אייגענער משפּחה?... כ'קען זי... זי איז אַן עלנטע פֿרוי... אַן ענערגישע... און, דאַכט זיך, גאָרנישט אַזאַ מיאוס ווײַבל...

— איר פֿאַרנעמט זיך מיט שדכנות אויך? — האָט ער אים נאָר אַ פֿרעג געטאָן, וואָלף, און צוגעקלאַפּט די טיר.

שוין דערמלט האָט אים דאָרט עמעצער, ער געדענקט אַפֿילו נישט ווער, אַ זאָג געטאָן, פֿאַרוואָס זאָל ער זיך טאַקע נישט אַרײַנכאַפּן צו אָט דעם היימישן ווינקל־אַדוואָקאַט, צו וואָלפֿערן, נאָכפֿרעגן זיך, עצהנען זיך; ווײַל מיט גוטנס, מיט רעדן צום געוויסן וועט ער דאָ גאָרנישט אויפֿטאָן, ס'איז אַרויס־געוואָרפֿענע מי.

דעם ווינקל־אַדוואָקאַט, וואָלפערן, האָט מען נאָך אין די לעצטע פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה גוט געקענט אין דער געדיכטער יידישער געגנט אַרום רעפּובּ־ליק; מ'האָט געוווּסט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט די אַלע קאָפּפאַרדרייעניש אין די געריכטן, ער הייסט זיך טאַקע גוט באַצאָלן, רייסט די הויט, אָבער דערפאַר איז ער פלאַם־פייער, ער געפינט שוין אויס פון אונטער דער ערד די אַלע גליטשיקע דרייודלעך אין די געריכט־ענינים.

דער וואָלפער האָט נאָך אַלץ, אין זיין גאַנג און אין זיין הילוך, געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל אין דעם שטיב פון אַן אַלטן בחור — געלע, שיטערע קרייזעלעך האָבן באַזוימט זיין שפּיציקן שאַרבן, אַ שאַרפער וואָלטער־פּראָפיל, אַ צו לויזער קאָלנער פון אַן אייביקן סטודענט. ער האָט שוין איצט צוריק פאַר־נומען דעם ערשטן שטאָק פראָנטאָווע פענצטער אין דער געדיכטעניש פון די יידישע געסלעך. אין קליינעם וואַרטע־צימער ביי אים האָט שוין וואָלף אָנגע־טראָפן אַ געזעמל היימישע יידן; אַלע זענען איצט געלאָפן צו אים, דער עיקר וועגן צוריק אַרויסרייסן זייערע באַראַבּעטע דירות. ס'איז דאָרט, אין ענגן, נישט איבעריק ריינעם כאַלאָן, געווען גאַנץ געמיטלעך און היימישלעך. מ'האָט גערייד־בערט, געבלעטערט יידישע צייטונגען, געשמועסט וועגן יידישע צרות. דערנאָך האָט דער אַדוואָקאַט, ווען ס'איז געקומען זיין ריי, אַ רוף געטאָן וואָלפן דורכן זייטיקן טירל.

וואָלפער האָט צוערשט געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך, ווי געוויינלעך, וועגן צוריקבאַקומען עפּעס אַ דירה, און ער האָט אים באַלד אויפן אָרט פאַרזיכערט, אַז ס'איז ווי אויף דער האַנט, נאָר אוודאי — ס'דאַרף קאָסטן... אָבער אַז וואָלף האָט אים אין איין אָטעם אַלץ אויסדערציילט, האָט ער זיך אַ רגע פאַריקלערט, אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל פון טיש אַראָפּ און אָנגעקלונגען צו מיכלסאָנען; געהערט, געשטאַמלט, געגעבן אָנגצוהערן, עטלעכע מאָל אויסגעשריגן „אַהאַ... כ'פאַרשטיי"... אַ ביסל פאַרטראַכט אוועקגעלייגט דאָס טרייבל און האָט אים, וואָלפן, צולעצט געהייסן אַריינקומען אין אַן אַכט־ניין טעג אַרום; מען וועט די זאַך גוט באַטראַכטן, מען וועט זען, ס'זענען דאָ גוטע האָפענונגען, אומבאַדינגט.

מען קאָן זאָגן, אַז אָט דעם וואָלפערן איז אויך נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען דורכצוקעמפן זיך און צו דערשלאָגן זיך צו אַ שטיקל סיטואַציע אין פּאַריז דער שטאָט. ער איז מיט לאַנגע יאָרן צוריק, מיט געציילטע, צונויפגעקלעפּטע גראָשנס אין קעשענע, פון אָרעמע לעקציעס, וואָס ער האָט געפלעגט צו געבן אין זיין גאַליציש היימשטעטל, איינמאָל געהאַט אַריבערגעקומען קיין פּאַריז. האָט דאָ גע־הונגערט, געוואַלגערט זיך אין די ביליקסטע האָטעלן פון לאַטייניש קוואַרטאַל און קוים מיט צרות באַוויזן צו ענדיקן אויף יורי. זיין מאַניע צו ווערטערביכער און צו טרוקענע, פאַרשטויבטע, פאַרפּלאָנטע פּאַראַגראַפן האָט אים דאָ אָבער שטאַרק צוגעדינט. ער האָט שנעל באַהערשט די שפּראַך און אַלע קונציקע דרייד־

לעד אין די קאָדעקסן. ער האָט זיך אָבער צולעצט אַרומגעזען, אַז ער איז, נאָך אַלעמען, פאַרבליבן אַן אויסלענדער, אָן רעכט צו פּראַקטיצירן, אָן אַ היים און אָן אַ משפּחה. יאָרן נאָכן ענדיקן האָט ער זיך דאָ אָפּגעוואַלגערט אין אַ פאַרשטויבטער ביוראָ פון עפּעס אַ נאָטאַר, וואָס האָט אים איינגענוצט פאַר אַ פּאָר אָרעמע פראַנק. ער האָט אָבער זיינס נישט אויפגעגעבן. ערשט אין די לעצטע פאַרמלחמה־יאָרן האָט ער זיך, קאָן מען זאָגן, דערשלאָגן צו אַ שטיקל ברעג. דורך אַלערליי דרייידלעך און פּראַקטיקעס האָט ער זיך שנעל נאַטוראַליזירט, צונויפגעגאַנגען זיך מיט עפּעס אַ ווייבל אַ גרושה, וואָס האָט פאַרמאָגט, האָט מען דערציילט, אַ סך געלט, זיך גענומען אַנאָנסירן אין יידישן בלאַט, פאַרנומען אַ דירה אַרום די געדיכטע יידישע קוואַרטאַלן לעבן רעפּובליק, געגעבן יורידישע קאָנסולטאַציעס פאַר אַרטיזאַנען, סוחרים און קליינהענדלער אין דער פעדעראַציע פון די יידישע סאָסיעטעס, און טאַקע מיט דער צייט אַריינגעצויגן צו זיך אַ היפשע קליענטעלע. מלחמה־צייט האָט ער זיך אויך מיטגעדרייט אַרום דעם באַרימטן פאַריינדל פון פּוילישע יידן, וואָס האָט געהייסן יידן, זיי זאָלן נאָך גיין אין דער פּוילישער גלות־אַרמיי, איז געווען איינגעקאָכט מיטן קאָנסולאַט, מיט דעפּוטאַטן און אָפיצערן, אפילו מיט מיניסטאָרן; און ווען ס'איז שמאָל געוואָרן, ווען די דייטשן זענען אַריין קיין פּאַריז, האָט ער איינער פון די ערשטע גענומען און אַריבערגעפּעקלט זיך אין דער שווייץ. דאָס ווייב מיטן דאַרן, געלן בחורל, וואָס זענען געלאָפן באַלד נאָך אים, האָט מען דאָרט ערגעץ פאַרהאַלטן, זיי דעפּאָרטירט, און אַ שפּור ביזן היינטיקן טאָג.

איצט, באַלד נאָך דער מלחמה, בעת דער גאַנצער גראַטשקע צוריק אָפּצונעמען יידישע דירות, איז ער ווידער אַרויפגעשווומען אין יידישן פּאַריז; נישט בלויז אין די געריכטס־דרייידלעך, נאָר טאַקע אויך אין די אינסטיטוציעס פון 16טן אַראָנדיסמאַן, וווּ ס'האָבן זיך באַוויזן אַ שלל פרישע פּנימער; יידן — אויפן וועג קיין אַמעריקע, קיין ישראל און אין דער וועלט אַריין. אין די קאַסעס דאָרט איז געפלאָסן אַ נייער שטראָם פון אַמעריקאַנער געלטער פאַר די הילפס־קאָמיטעטן, און אַרום אַזעלכע קאַסעס, האָט ער געוווּסט, וואָלפער, איז גאָרנישט אַזוי קרום צו פאָרען זיך.

אזוי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן וואָלפס לויפענישן צו אָט דעם פלינקן אַדוואָקאַט, צו וואָלפערן; ווייל מער ווי צו פאַרדרייען אים אומזיסט דעם קאָפּ, וואָלפן, איז ער, זעט אויס, נישט אויסן געווען. כאָטש ער האָט אים יעדעס מאָל איפּסניי; מיט שיינע ריידעלעך און מיט שמייכעלעך, פאַרזיכערט, אַז ס'איז ווי אויף דער האַנט, געגעבן אים גוטע האָפענונגען און וואַרעמע צוזאָגן. דערווייל זענען יעדן טאָג געגאַנגען די טעלעפאָנען פון וואָלפערן צו מיכלסאָנען, פון מיכלסאָנען צו ראָזעטן, פון ראָזעטן צו מעסיע בריסאָ. דער ענין האָט גענומען

ווערן א ביסעלע געפּערלעך אייך, ווייל געזעצלעך... יאָ, טאַקע געזעצלעך... איז דער עניין, הייסט עס... נישט זייער גלאַטיק... דאָס האָבן זיי שוין אַלע געוווּסט און קיין מינוט נישט געצווייפלט, אַז אויך וואָלף בייקין, אַזאַ אויסגעקאָכטער יונגערמאַן ווי ער, איז מסתמא נישט ווייניקער אינפאָרמירט ווי זיי אַלע. דערפאַר זענען זיי געווען צופרידן. ווען דער וואָלפער האָט זיי פּלוצים צוגעקלונגען. איז דער עניין, הייסט עס, דערווייל אין אייגענע הענט; אפשר וועט זיך נאָך פּאָרט עפּעס לאָזן מאַכן...

פּונקט ווי די דיקלעכע ווייבער, אויסגעסטראָיעט אין פּיטערס, און זילבערפוקסן, זיצן אָפּ גאַנצע אָוונטן אויף די טעראַסן פון די שאַרף־באַלייכטענע, רוישיקע קאַפעען אויפן רעפּובליק־פּלאַץ, מוטלען וועגן דעם און וועגן יענעם, אַזוי איז צווישן מיכלסאָנען און וואָלפערן געוואָרן לעצטנס אַ קליינער, איינגעשטעלטער מנהג: סוף וואָך, שבת אָוונט, אַזוי צווישן אַכט און ניין, ווען אַלע וואָכעדיקע געשעפטן אינעם פּאַריזער יידישן געזעלשאַפטלעכן קעסל רוען אַ ביסל אָפּ, אַ מוטל צו טאָן דורכן טעלעפאָן אויפן טיש, פאַרזונקען אין טיפן פאָטעל.

ס'איז צווישן אָוונט־ברויט און דער אָוונט־קאַפע. אינדרויסן איז פאַריקעריש־האַרבסטיק, נעפּלדיק פאַרשווימען און אַ ביסל רעגנדיק. עס דרעמלען פאָרהענגלעך אויף ליכטיקע שויבן פון אויסגעוואַרעמטע היימען. דער ראַדיאָ שפּילט לייכטע פאַרווײַלונגס־מוזיק.

דער אַדוואָקאַט וואָלפער זיצט אין זיין גרינלעכן אויסגעריבענעם מאָרגןראָק. קיין קליענטן, וואָס זאָלן קומען קלינגען ביי דער טיר, דערוואַרט ער מער נישט היינט. מיטן דאַרן פינגער באַוועגט ער בלינדערהייט און פויל, פון אַלטער געוווינהייט, צווישן די ציפערן פון אַפּאַראַט. עס טוט א דינער הויש, א מורמל, און ער דערקענט באַלד די פאַרבלאָזע שטימע פון יענעם עק דראָט.

— וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס? — גלעט זיך וואָלפער דאָס שיטער באַזוימטע פּליכל, פאַרשטעקט די בלייכע האַנט אין בוזעם, און ציט זיך אויס נאָך טיפער אין אָגלען פון אָפּגענוצטן שטיקל מעבל.

אויף יענער זייט דראָט כאַפּט מיכלסאָן שנעל די ברילן פון טיש אַראָפּ, ווייל אַנדערש, דאַכט זיך אים, וועט ער גאָרנישט זען צו ענטפערן; ער דערהערט נישט באַלד יענעמס רייד, זאָמלט אָן די ברילן, און אין קיינע אָפּגעריסענע רייד פילט זיך א באַזונדערע אויפגעלעבטקייט:

— מען מאַכט... מען מאַכט... אָט אַזוי, שער מעטר, זשיפּעט מען צו ביסלעך... שאַ, כ'האָב טאַקע באַדאַרפט זייער נייטיק איבעררעדן מיט אייך מכוח יענעם יונגענמאַן...

— נו־נו... — ווערט וואָלפער אָנגעשפּיצט, נישט צו פאַרליזן קיין איין וואָרט.

— ס'וואָלט אפשר גלייכער געווען, איר פאַרשטייט?... — רעדט ער פאַרטרוילעך אריבער צו וואָלפערן, — אזא מין סאָרט ענערגישער יונגערמאַן... כ'מיין, צו באַאײַנפלוסן אים... קיין גרויסע געניטשאַפט אין זײַנע א ביסל האַמעטנע רייד געפין איך נישט... כאָטש, צוריקגערעדט, אוועקמאַכן אינגאַנצן מיט דער האַנט קאָן מען זיי אויך נישט. זיי האָבן דאָ באַוויזן אַ סך איניציאַטיוו... מיט די קינדער... טאַקע, ווהין ווילן זיי עס דערפירן מיט זייערע קינדער?...

— לאָזט מיך, פריינד מיכלסאָן, — ווערט וואָלפער פּלוצים אויפגעלעבט, — לאָזט מיך...

— דערפאַר מיין איך — דער פּריוואַטער צוגאַנג איז אַלעמאָל דער גלייכסטער. אייך באַדאַרף איך עס נישט צו לערנען. כ'מיין, דאָס ווייבל דאָרט... אפשר איז ער טאַקע צו איר נישט זייער גלייכגילטיק... ווי זאָגט מען עס — דאָרט, וווּ מען רייסט זיך, דאָרט ליבט מען זיך... מיט א היימישן מענטשן... און זי איז דווקא גאָרנישט קיין מיאוס ווייבל, ווייט נישט קיין נאַר און — נישט מיט קיין ליידיקע הענט... ס'וואָלט כ'לעבן געווען גאָר אַ גלייכע זאַך...

וואָלפער איז אויפגעפלאַמט. ער, וואָס האָט ל ב ווי ס'חיות אַזעלכע פאַרפלאָנטערטע זאַכן און פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, בפרט, אַז ס'האָט אויך א שטיקל שייכות צו אַ געזעלשאַפטלעכן ענין, כאַפּט זיך גאָר אָן אין דעם.

— וואָס הייסט? — קאָכט ער זיך אויף יענער זייט דראָט, — ס'איז ווי אויף דער האַנט, פריינד מיכלסאָן,... לאָזט נאָר מיך צו...

— דאָס ווייבל, — מאַכט ווייטער פּאַוואָליע מיכלסאָן, — באַנערט אים... זי האָט פשוט געוויינט פאַר מיר... און צווייטנס, איר פאַרשטייט, וועלן זיי דאָרט אפשר מער נישט קענען אַזויפיל אַרומרודערן, די יונגעלייט... ער וועט, אַזוי צו זאָגן, אַריין אין דער משפחה. זאָל ער נאָר זיין אינעווייניק... נישקשה, זי וועט אים שוין האַלטן אין דער האַנט... און מיטן קינד, איז אויך דאָס זעלבע, אַנדערש זע איך גאָרנישט, ער זאָל עס ביי זיי אַרויסקריגן...

— אַזוי ווי אין פינטל אַריין... — איז זיך וואָלפער מחיה. — מען דאַרף טאַקע א פרעג טאָן ביי דער בעל־דברטע גופא...

— נו, פאַרשטייט זיך, מיט איר אַליין...

— לאָזט מיך, פריינד מיכלסאָן, ... — בעט ער זיך אַלץ.

אַזוי טאַקע האָבן זיי לעצטנס צובאַקומען נאָך אָן אָנגענעמע מיטשמועסערין — ראָזעטן. ווייל דאָס, וואָס זי האָט אים, וואָלפן, צוערשט אויסגענומען אַזוי כאַלט און שטעכיק, דערנאָך אויסגעפרוט אים מיט אלע אירע ווייבערישע הנהלעך, געערדט צו אים אפילו רייד, מיט וועלכע מען וואַרפט זיך נישט געווינלעך סתם אַזוי; דאָס, וואָס ער האָט צולעצט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, האָט איר אָבער נאָך אַלץ נישט פאַרדרייט דעם קאָפּ, נישט אָפּהענטיק געמאַכט. זי האָט געוווסט, אַז ער וועט נאָכאַמאָל צוריקקומען אויף איר שוועל, אַז ער מוז

צוריקקומען. אפילו דאָס, וואָס ער איז געלאָפן צו וואָלפערן, האָט איר נישט אָפּגעשראָקן, פאַרקערט. נאָך מיכלסאָנס וויזיטן אינעם הויז האָבן זיך מיטאַמאָל אַלע אַלטע ווייטיקן צוריק אויפגעכאַפּט אין איר. זי האָט שוין דאָ פאַר מיכלסאָנען מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו באַהאַלטן, טאַקע ווי פאַרן פאָטערלעכן גייסטלעכן, פאַר וועלכן מען איז זיך מתוודה. ווען ער וואָלט אָבער דעמאָלט א ביסעלע קליגער געווען, וואָלף. און זי האָט אים ווידער דערזען ווי א מאָל — א שטילער, א פלינקער, א פאַרביסענער און — ווי ער האָט זיך אויף איר אפילו קיינמאָל רעכט נישט אומגעקוקט. ס'האָט, געדענקט זיך, פאַרדראָסן און ווי געטאָן... אפילו אינעם אַוואָרף געבן אַנומלטן צו מיכלסאָנען: „וועגן מיין שוועסטערס אָפּגעראַטעוועט קינד האָב איך נאָך דערווייל צו זאָגן... ניין, פאַר מיר איז ער קיין טאַטע נישט"... — איז נישט שווער געווען ארויסצופילן, אז ביי איר, ביי ראָזעטן, איז עס א סך מער ווי שׂנאה און פאַרביסנקייט...

אָבער אפּנים זיי האָבן אים קיינס נישט געקענט, וואָלפן.

22

א זייטיקער וואָלט טאַקע געקאָנט פרעגן זיך מיט חידוש: פאַרוואָס, אשטייגער, איז עפּעס אַזאַ ייד ווי מיכלסאָן אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט אין וואָלף בייקינס אָפּגעראַטעוועט מיידעלע, אין דעם גאַנצן, פרעמדן, נאָכמלחמהדיקן משפּחה־פּלאָנטער?

ס'האָט ווי געטאָן און פאַרדראָסן. אַזוי אומבאַהאָלפן האָט ער זיך נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט דערפילט, וואָלף. ס'איז גאָרנישט געווען אין זיין טבע פאַרפאַלן צו ווערן אין זיסן ווייטיק פון סענטימענטן און נישט צו האַנדלען ענערגיש, מיט א זיכערער און פעסטער האַנט, ווי ער איז געוווינט געווען. ביי נאַכט, ליגנדיק ערגעץ אויף א צופעליק האָטעל־בעטל, איז אים א הייסער נעפּל אַנגעלאָפן אין מוח. א קינד...

דאָס רירנדיקסטע זענען געווען די אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדער פון דערשאָסענע און דעפּאָרטירטע. זייערע דערשראָקענע סאַרנע־אויגן זענען נאָך אַלץ געווען אָנגעפילט מיט יענעם פאַרטייעטן אומצוטרוי, מיט אַזויפיל שטומען צער. דורך אַלערליי גליקלעכע צופאַלן זענען זיי אַרויסגעריסן געוואָרן פון טייוולס פּיסק ארויס. ווער ס'האָט זיי נישט געזען אַפּאָרן, די לאַנגע, שטומע, טרויעריקע פּלאָמבירטע צוגן, ערגעץ צו א ווייטער, פרעמדער, אומברחמנותדיקער ערד!... פון אַלע פאַרשטעקטע נאָרעס איבערן לאַנד האָט מען זיי איצט צוזאַמענגעברענגט, די האַלב־פאַרווילדעוועטע, אויסגעהונגערטע, קראַנקע, איבערגעשראָקענע קינדער, אין דעם ליכטיקן הויז אריין, ביים גרינעם ברעג פון דער מאַרנע, נישט

ווייט פון פאריז, אין דעם אלטן שלאָס, וואָס איז איינגעקויפט געוואָרן פאר אָרעמע, געזאַמלטע געלטער; פשוטע יידן האָבן געגעבן, מ'האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן און געגעבן. מען האָט אצינד די קינדער באַדאַרפט דערציען, אָנגעוויזן זיי א וועג אין לעבן, פארנעמען זיך מיט זיי, פארטרעטן זיי א טאַטן מיט א מאַמען, וואַשן זיי, אויסלערנען זיי א לידל, שיקן זיי אין שול אריין, מאַכן זיי פארגעסן דעם דורכגעלעבטן שוידער, וואָס האָט שווער געדריקט אויף זייער קינדערישן געמיט.

ער איז שוין גאָרנישט געווינט געווען צו שטיין אויף אזעלכע פרידלעכע פּאָזיציעס, וואָלף. ער האָט געפירט א קאַמיאָן און איינער אליין, אן איינגעשמירטער, א גליקלעך פארפאָרעמטער, געשלעפט שטאָק אראָפּ און שטאָק ארויף די קליינע, ווייסע בעטלעך, די טישלעך, די שטולעכלעך, צעשטעלט זיי אין די ליכטיקע אויסגעווייסטע צימערן; האָט זיך ציביסלעך פארנומען מיט דער ווירטשאַפט אין די קינדער-קאָלאָניעס. ס'איז רעווען אייך, אז מען וויל, א מין פארגעסן זיך. ער איז יינגער געוואָרן, האָט געלאַכט ווי א אַמאָל צווישן דעם פלאַטלענדיקן קליינוואַרג. זיין לעבן, האָט זיך אים א ווייל געדאַכט, האָט מיטאַמאָל באַקומען א נייעם, ליכטיקן זינען; און דאָך איז נאָכאַנאַנד געהאָנגען איבער אים א פינצטערער וואָלקן.

דער מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט אויף זיין אייגענער הויט אלע אומגליקן, האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַרואיקן און שענקען. פאַרוואָס? — האָט ער זיך געפרעגט. ערשט איצט האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך. אפילו אין זיין אָנמאַר זיך. האָט ער זיך געראַטעוועט, איז נאָך אַלץ פארבליבן עפּעס פונעם סאָלדאַט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די ענג איינגעצויגענע וועטש. די שווערע שיך, איינגעטערט צו ווירלען מיט פאדערייטע פינגער סיגאַרעטלעך, אוועקגעוואָרפן דעם אלטן, אויסגעריבענעם טאַבאַק-ביטל און צו זיך אליין פריין א זאָג געטאָן, נישט אָן איראָניע: „מיר עוואַקואירן און פאַרטיק"... ס'איז געווען נאָך איין זאַך — נישט פאַרמאַכן זיך בלויז אין דער צעלע פון יידישע צרות און ווייטיקן. ער האָט געוואונען, ווען ס'האָט זיך אים צוערשט אויסגעוויזן, די לעצטע שלאַכט; אָבער צי דען איז עס שוין טאַקע געווען די לעצטע?

אין דעם הויז, ווו ס'האָט איצט געקאָכט א נייע, יידיש געזעלשאַפטלעך לעבן, האָט ער זיך דערפילט מיאָדנע אָנצוטרעפן אין די ביוראָען, אויף די טרעפּ די נעכטיקע חברים פון ווידערשטאַנד, אָנצוטרעפן זיי אויף פרידלעכע פּאָזיציעס; מ'האָט געשריבן, גערעדט, אויסגעקלערט, געוואָלט דערגיין, געוואָלט אויסגעפינען און מאַכן אריין, אויסשפּירן די נייע געפאַרן, פארמיידן, אז מער זאָלן זיך שוין די אומגליקן נישט איבערחזרן. מ'האָט אים צוערשט געשיקט אין די געמיינזאַמע אינסטיטוציעס צו פאַרזאָרגן די אָפּגעראַטעוועטע קינדער פון דערשאָסענע און דעפּאָרטירטע. אָבער אפילו דאָרט איז אין זיינע אויגן די מלחמה נאָך אַלץ אָנגע=

גאַנגען. מיכלסאָן... די איבעריקע... אפילו די מאָדנע רירעוודיקע טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ, וועלכע איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער קאָמיטעטן... מ׳האָט קיין סך נישט באַדאַרפט אַרייַנצוקוקן.

ער האָט זיך צוערשט אויך א ביסל געפאָרכטן, ווען מ׳האָט אים צוגעטיילט צום אַלגעמיינעם קאָאָרדיניר=קאָמיטעט. די דאָזיקע מינים ייִדן, וואָס זענען דאָרט ברייטלעך געזעסן הינטער די שווערע, דעמבענע טירן, זענען אים אַלעמאָל פרעמד געווען. אַצינד האָט ער זיי שוין, פון זייַנע אייגענע אַרומלויפענישן געווייר צו ווערן וועגן קינד, אַ ביסעלע געקענט אויך. ער האָט נאָר צוערשט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט געפינען מיט זיי די געמיינזאַמע שפּראַך, אַז ער וועט זיי דאָרט א זידל טאָן, ווי וואָלף קען.

— גיי, — האָט מען אים קורץ געזאָגט, — וועסט זיך שוין דאָרט אַן עצה געבן... דווקא ווייל ס׳טוט דיר פערזענלעך אַזוי שטאַרק וויי...

און ער איז געגאַנגען.

די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, וואָס זענען נאָכאַנאַנד אַראָפּגעקומען, האָבן נאָך דעמאָלט געהערט זיסע רייד, צוגעזאָגט הילף פאַר אַלעמען, אָן אויסנאַם פאַר אַלעמען. טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ, וועלכע איז ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט אריבערגעקומען פון אַמעריקע מיט דער ספּעציעלער מיסיע צו פאַרנעמען זיך מיט דער פאַרטיילונג פון די הילפס=פּאַקן אויפן אָרט, אַט די ענערגישע טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ האָט אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש; כאָטש אָפטמאָל איז זייטיק אויסגעקומען צו הערן, טאַקע פון אים, פון מיכלסאָנען:

— אביסעלע פאַרזיכטיקער מיט די לייט שאַדט נישט...

— וואָס וועלן זיי דען מאַכן מיט די קינדער?... — האָט ער שטיל געוואָרנט — אָנשטעקן זיי מיט פרעמדע אידעען?...

אַצינד, ווען מיכלסאָן האָט דעם זעלבן יונגענמאַן, וואָלפן, עפּעס דערזען דרייען זיך אין די קאָלאַרן און אין די רחבותדיקע צימערן פון די ביוראָען פון 16טן אַראָנדיסמאַן, זיצן צוגלייך מיט אַלעמען הינטער די פעסטע, דעמבענע טירן ווי אַ פאַרשטייער פון די קינדער=הייזער, וועלכע מען דאַרף העלפן, האָט ער זיך, דעם אמת געזאָגט, דערפילט אַ ביסעלע מאָדנע, און פאַרשידענע מחשבות זענען אים גראָד געקומען אויפן געדאַנק. דערפאַר אָבער טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ האָט זייער דין און זייער קלוג געשמייכלט. זי איז אויך אַוודאי נישט אָפּהענגיק געווען בלויז פון זיך אַליין. סוף=כל=סוף זענען די געלטער געזאַמלט געוואָרן אין אַמעריקע ביי פּשוטע ייִדן, אַרבעטס=מענטשן ס׳רוב, וועלכע האָבן אַליין פאַרלוירן גרויסע, פאַרצווייגטע משפּחות. זיי האָבן דאָרט שטאַרק געוואָלט דאָס געלט זאָל כאָטש גיין פאַר ייִדישע קינדער, פאַר געליטענע ייִדן, וואָס קומען צוריק צום לעבן. זי האָט זיך אפילו שטאַרק איינגעשטעלט אויף די פאַרזאַמלונגען, פאַרטיידיקט ווי מ׳האָט באַדאַרפט און צוגעזאָגט הילף פאַר אַלעמען, אָן אויסנאַם

פאַר אַלעמען. זי איז, דאַכט זיך, גאָרנישט געווען דער שטייפער, אַמעריקאַניזירטער טיפּ. זי האָט גערעדט א פרישן, קלינגענדיקן רוסיש, געלאָזן זיך רופן היימיש — טאַניע.

און פאַרוואָס האָט זי זיך גראָד אויך געלאָזן רופן מאַדמואַזעל? צי האָט זי ווירקלעך קיינמאָל קיין מאַן נישט געהאַט, די פאַרכאַפּנדיק רעפּרעזענטאַטיווע טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ, אַ שלאַנקע, מיט דורכזיכטיקע צעלולאָיד־ברילן, איבערן דינעם נעזל, וועלכע איז נאָך איצט, מיט א ספק צווישן פערציק און פופציק, אַלץ שיין געווען מיט איר מאַטער הויט און טיף שוואַרצער, הויך־געטורעמטער פריזור. זי האָט זיך נישט געקליידט, ווי ס'רוב געשמאַקלאָזע אַמעריקאַנערינס, אין שרייענדיקע פאַרבן, אין זיידנס און צירונג. אין דעם זייער ליבלעכן שמייכל אירן איז דאָך פאַרבליבן עפּעס פאַרבאָרגנס און פאַרפירעריש און גלעטנדיקס און שטרענגס צו דער זעלבער צייט. ס'איז שווער געווען פאַרצושטעלן זיך, ס'האָט אומגעריכט און נישט ווילנדיק, פאַרפאַלגט, וויאַזוי אזא פרוי האָט, למשל, געקאָנט אויסזען מיט אַ וועלכע צוואַנציק צי פינף און צוואַנציק יאָר צוריק.

דאָרט, אין די ביוראָען פון 16־טן אַראָנדיסמאַן, האָט זיך וואָלף אומפאָרמיידלעך ווידער צוזאַמענגעטראָפן מיט די שיינע יידן. ער האָט אָנגעקוקט מיכלסאָנען מיט די זילבערדיקע וואָנסן, דעם ציגיינעריש פלינקן דאַנציקערן מיט די בולט אַרויסגעשטעלטע אויגן. דער אַדוואָקאַט וואָלפער איז, ווי געוויינלעך, געלאָפן פון איין טיר אין דער אַנדערער, איז מיט אַלעמען געווען אויסגעקאָכט, אַלץ האָט ער געוווסט, אַ ביסל האָט ער פריער אויך געהערט פון זיי. מ'איז געווען העפלעך ביז גאָר, קאָרעקט און — שטייף. זיי האָבן שוין דאָרט געוווסט, וועמען ער פאַרטרעט. זיי האָבן אויך געוווסט פון וואַנען ער קומט — פון די שפּאַנישע פראָנטן, פון די פאַרלויזיקטע לאַגערן אין פראַנקרייך, פון דעם ביטערן ווידערשטאַנד; אין דער צייט, ווען זיי זענען דאָרט מערסטנס געווען ערגעץ פאַרשטעקט אין זיכערע באַהעלטענישן.

וואָלפער, אַשטייגער, און אפילו מיכלסאָן, ווען ס'איז נאָך אויסגעקומען אָנצוטרעפן זיך אין די קאָרידאָרן, האָבן זיי נאָך אַלץ געניגט זיך און געפּרוּווט אַריינציען אים אין ענגערע וויכוחים.

— זאָגט מיר, אדרבא, — האָט וואָלפער געוואָלט וויסן, — ווי קאָנען מיר זיך צונויפגיין? און ביי אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו יידישע אינטערעסן, שפּרינגט איר פּלוצים אַרויס מיט דער „וועלט“, מיט דער „מענטשהייט“ און ווייס איך נאָך וואָס... איי, יונגערמאַן...

וואָלף האָט געשמייכלט. אין גרונט גענומען, האָט ער איינגעזען, קומען זיי זיך ערגעץ וווּ צונויף — ביי דאָס פחדנותדיקע אַנטלויפן, דאָס עגאָיסטישע דערזערטירן פון אַזעלכע ווי ראָזעט מיטן ציוניזם פון אַזאַ מיכלסאָן. ס'איז גיכער פון אַלץ די אייגענע מינדערווערטיקייט, וואָס פירט די אַלע צו מאַסקירן זיך.

זיי זענען אפילו גאָרנישט פעיק צו פאַרטיידיקן זייער פשוטע יידישע ווירדע. הייסט עס, אַז ס'איז ווייט נאָך נישט פאַרענדיקט. זיי באַווייזן זיך אונטער אַלערליי פאָרמען, אין אַלערליי געשטאַלטן. די ערשטע יידישע צונויפזאַמלונג אין פּאַריז, ערגעץ אין די צלמע געכעלער, איז אים ווידער געשטאַנען פאַר די אויגן. שוין לאַנג, אַז ער האָט דאָרט מער נישט געדענקט אין דעם. וואָס זשע איז דערמלט, באַלד נאָך דער באַפרייונג, געווען, און וואָס האָט זיך דאָ געענדערט? די ראַזיגס, די מיכלסאָנס, די דאַנציקערס, די וואָלפערס... צי האָבן זיי טאַקע גאָר נישט געלערנט? האָט פּראָקלאַמירן זיך מיט זייער יידישקייט האָט אים נאָכמער איפגערעגט, האָט אים ממש אַריינגעברענגט אין ווילדן צאָרן, ווער־ווער, נאָר ער האָט זיי שוין געקענט, אפשר א ביסעלע צופיל געקענט...

די אַלע אמעריקאַנער לייט, וואָס זענען אהער אָפּגעפאַלן — די דעלעגאַטן, די באַפולמעכטיקטע, די טוערס, די מאַכערס, האָבן נאָך דערמלט געשמייכלט צו אַלעמען, אפילו צו אים, צו וואָלפן, אין זייער באַשיידענעם, אָרעמלעכן אָנטאָן. זיי האָבן אים אָנגעקוקט אַ ביסעלע מאָדנע. ס'האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן פון אים מיט פולווער, מיטן רויך, מיט סאָלדאַט, מיט לויער, און טרוקענער באַפעל איז געווען אין זיינע אַ ביסל האַמעטנע, געוויינלעכע רייד, אָבער לאָגיש פעסט, נישט צום אָפּוועגדן. ס'איז נאָך דאָרט, אויף די זיצונגען, טיילמאָל א פאַל געטאָן א פראַגע וועגן דערציונג, וועגן נאַציאָנאַלער יידישער דערציונג; טאַקע פון אים, פון מיכלסאָנען דער עיקר. דאָ האָט ער זיך שוין איינמאָל אויפגערעגט, וואָלף:

— מיר טוען אַלץ צו געבן די קינדער א יידישע דערציונג. אָבער קודם־כל — דאַרפן די קינדער וויסן, פאַרוואָס מ'האָט זייערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער און שוועסטער געקוילעט, פאַרברענט און דערשאָסן. צי וועט עס זיי דען לאָזן רוען, ווען זיי וועלן אויסערוואַקסן? לאָזן זיי וויסן צו פאַרטיידיקן זיך, אויב ס'וועט אויסקומען... דאָס איז פאַר אַלעם אונדזער הייליקער חוב.

מיכלסאָן האָט שטילערהייט געגראָבן, באַאיינפלוסט, אונטערגעמורמלט. וואָס האָט ער דען געהאַט דערויף צו ענטפערן? אָבער הינטער אַלעמענס פלייצעס האָט ער דאָרט איינגעלייגט וועלטן הינטער די שווערע דעמבענע טירן, גערעדט מיט דאַנציקערן, געפרווט אַריינרעדן אין דער סימפּאַטישער טאַטיאַנאַ איסאַקאָווגאַ, וועלכע איז נאָך דערמלט געווען אַ נייער מענטש אין די אינסטיטוציעס.

— אין איצטיקן געשיכטלעכן גורל־מאָמענט — האָט ער זיך געקאָכט, — יידישע קינדער... דאַרפן מיר האָבן פאַר זיך... געגוג יידישע קינדער האָבן מיר אויסגעגעבן פאַרן גלות... אַז מען קען אפילו נישט רעדן מיט זיי...

טאַטיאַנאַ איסאַקאָווגאַ האָט זייער שיין געשמייכלט און קלוג צוגעשוויגן. מיט איר, האָט מען געפילט, איז פאָרט נישט אַזוי איינפאַך. ער האָט זיך געוונדערט, וואָלף, אויף זיך אַליין, ווי גיך ער האָט געפונען דאָס לשון און דעם

טאָן מיט די אַלע. ער האָט זיי פֿריער צו נאָענט נישט געקענט; אָבער צי זענען עס, נאָך אַלעמען, נישט די זעלבע, וואָס האָבן, דירעקט, אָדער אומדירעקט, מיטגעאַרבעט מיטן „אוזשיף"?... מילא וועגן זיינע אייגענע ווייטיקן...

טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ איז אים אין דער ערשטער צייט פֿאַרגעקומען אַפֿילו סימפּאַטיש. זי האָט דאָ אַרויסגעוויזן אַ סך וואַרעמע פֿאַראינטערעסירטקייט און צוגעלאָזנקייט. זי האָט זיך איינמאָל אַפֿילו באַמיט און איז אַרויסגעפֿאָרן אין די קינדער־הייזער, אין דעם שלאָס ביי מאַרנע. וואָלף אַליין האָט זי באַגלייט אין וואָגן. ער האָט זיך דערפֿילט אַ ביסל מאָדנע לעבן איר אויפֿן ווייכן זיץ. זי האָט געשמייכלט דין און ליבלעך און אויף אַלעמען געפֿונען די פּאַסיקע אָנגענעמע באַמערקונג, האָט זיך געהאַלטן אין איין צונמציקן און איז צוריקגעפֿאָרן, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, מיט די וואַרעמסטע איינדרוקן. זי האָט אויך אויסגעזען צו זיין זייטיק אינפֿאָרמירט וועגן וואָלפֿס פֿאַל מיט זיין אייגן קינד. זי האָט אָבער נישט געלאָזן פֿאַלן וועגן דעם קיין איין וואָרט, רעדנדיק וועגן מיכלסאָנען; און דאָס האָט אים גלייך געוווּנדערט, שוין נישט רעדנדיק, וואָס זי אַליין... אַ פֿרוי, פֿינדעסטוועגן. דער גאַנצער פּלאָנטער איז נאָך דערמלט אַלץ געהאָנגען אין דער לופֿט. ער איז אַלע פּאָר טעג געלאָפֿן צו דעם אַדוואָקאַט וואָלפֿער, און יענער האָט אים געהאַלטן אין איין באַרויקן און צוזאָגן.

מ'האָט באַדאַרפֿט צו פֿאַרמאָגן אַ סך קאַלט בלוט, אָנקוקנדיק סיי וואָלפֿערן, סיי דעם ייד מיכלסאָנען. זיינע פֿאַרבלאָזטע אויגן אונטער די ברילן, מיכלסאָנס, האָבן געפֿינטלט גלייכגילטיק און אומשולדיק ווי ביי אַ סאָווע, ווען ער האָט זיך אַדורכגעדרייט די קאָרידאָרן. עפּעס איז דאָרט געגאַנגען אַן אָפּשטימונג. הינטער אים איז אויסגעוואַקסן וואָלפֿער. דער אַדוואָקאַט מיטן שיטער באַזוימטן פּליכל אויפֿן שפּיציקן שאַרבן איז אַרויס פֿון דער אַנדערער טיר און האָט אים נישט באַלד באַמערקט, וואָלפֿן. זיי האָבן דאָרט אויך געהאַט זייערע זייטיקע טוענישן וואָס שייך יידישע קינדער. ס'האָט זיך דעמולט געקאָכט מיט פּאַרטיעס געשמוגלטע קינדער קיין ארץ־ישראל.

— ס'וואָלט נישט געשאַדט אַדורכצושמועסן זיך אַ ביסל... אינטימער, — איז וואָלף געווען איבערראַשט פֿון דער אומגעריכטקייט, — כאַפּט זיך אַרויף צו מיר...

— כ'וועל קומען... — האָט אים וואָלף אָנגעקוקט, און ס'איז באַלד אויפֿגעגאַנגען אין אים אַ ווייטער פֿאַרדאַכט.

און אָט זיצט ער ווידער אין אַ מיטנוואָכיקן טאָג ביי וואָלפֿערן אין אַרומגעשיילטן, שטויביקן קאַבינעט, אויפֿן סקריפּענדיקן שטיקל מעבל. ס'איז אים שוין נעפּלדיק קלאָר, וואָס זיי ווילן פֿון אים, דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אָט דעם ביטרען אַדוואָקאַט.

— ס׳איז מיר אַ וווּנדער אויף אייך... — האָט וואָלפֿער צוגערוקט זיין שטול, ער האָט דאָסמאָל פריער אָפּגעפּטרט אַלע אינטערעסאַנטן, כדי צו קאָנען בלייבן מיט אים אַ ביסל לענגער, — וואָלטן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַבי וועמען דאָרט, איז דער וועג דורכן געריכט אפשר דער גלייכסטער... איז אויבעט... ס׳איז אַ גורל און אַ צופֿאַל-זאַך... דאָס זאָג איך אייך פֿון גאַנצן האַרצן, אָן פּניות פֿון אַ מענטש, וואָס איז אויסגעקאָכט זינט יאָרן אין די אַלע ענינים...

„וווהין צילט ער, דער כיטרער פֿוקס?“... — האָט וואָלף אַ טראַכט געטאָן און אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָגט מיר דעם אמת, זי האָט גערעדט מיט אייך... מיין שווענערין?...

— יאָ, האָט ער זיך אייפֿריכטיק מודה געווען, — און נישט איין מאָל... זי האָט פּשוט געוויינט פֿאַר מיר, די פֿרוי... טאַקע... דאָס וואָלט באמת געווען אַ גליקלעכער צופֿאַל... אין מיין לאַנגיעריקער פּראַקטיק...

— אויב אַזוי, וועל איך גיין דורכן געריכט, — האָט וואָלף אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט, — כ׳פֿאַרשטיי שוין מער, ווי איר האָט עס מיר געזאָגט... קיין פֿינגער אין מויל באַדאַרף מען מיר אויך נישט אריינלייגן...

— צי קאָנט איר אָבער צושטעלן באַווייזן, אַז זיי באַהאַלטן אויס פֿון אייך אייער קינד? — האָט ער וואָלפֿן צולעצט אַ פֿרעג געטאָן און צוריקגעוואָרפֿן זיך אין אָנלען פֿון אָפּגעריבענעם פֿאָטעל, — דעמלט איז... פֿאַרשטייט זיך... אָבער איר קאָנט עס נישט באַווייזן.

דאָ איז וואָלף צום ערשטן מאָל שטיינגעבליבן אַן אומבאַהאָלפֿענער. ס׳האָט זיך אים אַ רגע געדאַכט, אַז ער וועט באַלד צופֿאַלן צו אים און אים דערשטיקן. דאָס האָט ער, נאַטירלעך, נישט געקענט באַווייזן. ניי הייב זיך אָן מיט פֿאָרמאַליטעטן און מיט לויפֿענישן. אָבער ער איז שוין אַצינד זיכער געווען דערין, אַז אויך דער דורכגעטריבענער אַדוואָקאַט איז מיט עפּעס פֿאַרמישט און פֿאַראינטערעסירט אין רויב פֿון זיין קינד; אַז אַלע זענען דאָ קעגן אים. אַ דינער שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפֿן שטערן. ער האָט זיך אומבאַהאָלפֿן אַרומגעקוקט איבער די ווענט. עס זענען דאָרט געהאָנגען עטלעכע פֿאַרשטויבטע געריכט-קאַריקאַטורן פֿון דאָמיע. אַן איינגעראַמטער דיפּלאָם הינטער גלאָז. ער האָט אַ בלאָנדזשע געגעבן צו דער טיר, איז מיט פֿעסטע טריט צו, זי אַ פֿאַרקלאַפּ געגעבן הינטער זיך און איז אַראָפּ פֿון די שטיגן. ס׳איז געווען ווי דעמלט, ווען ער איז אַראָפּ פֿון ראָזעטן. ער האָט נאָך געהערט, ווי מען רופֿט אים, ווי עמעץ לויפֿט אים נאָך אַ פּאָר טרעפּלעך, אָבער ער האָט זיך אפֿילו נישט אומגעקוקט.

„וווהין גייט מען? — האָט ער זיך געפֿרעגט, — צו וועמען לויפֿט מען?“.

23

מיט אַזאַ איילנקייט, ווי זי האָט אַלץ אין איר לעבן אַלעמאָל דעצידירט, אַזוי איילנדיק האָט זי אויך דאָס מאָל געכאַפּט און אַלץ אָפּגעטאָן. דאָס איבעריקע איז שוין דערנאָך פֿאַרלאָפֿן זיך אין די געציילטע פּאָר וואָכן. ראָזעטע האָט אויפֿסניי איבערגעלעבט דעם פֿיבער פֿון איילנקייט, ווי ס'געשעעט אָפֿט ביי מיטל־יעריקע פֿרויען איבערצולעבן דעם קורצן צוריקקום פֿון דער יוגנט. אַזעלכע זאַכן, האָט זי זיך דערמאָנט, האָבן איר מיט זייער האַסטיקייט אויך דעמאָלט אפֿשר א ביסעלע צו ווייט געהאַט פֿאַרפֿירט. זשאַק... נישט אומזיסט האָט ער, דער אָרעמער, כּסדר געלעבט מיטן געפֿיל, אַז פֿון גאָרנישט איז זי פֿאַרכאַפּט, פֿון גאָרנישט איז זי, ווי ער אַליין איז עס געווען, קינדעריש באַגייסטערט. אפֿילו אין די באַמען אינטימסטע מינוטן האָט זי מיט אים גערעדט נאָר וועגן פּראַקטישע זאַכן, וועגן דער אַטעליע, וועגן מאַשינען. וואָס איז דען פֿאַרבליבן דערנאָך, ווען דער שטורעם האָט זיך אַזוי פּלוצים אָנגערוקט? גאָרנישט מער האָט זיי פֿאַרבונדן. ער איז איינמאָל געהאַט אַוועק פֿון דער היים, און אַלץ האָט זיך שנעל אויסגעוועפּט. ער האָט ערשט דערנאָך פֿאַרשטאַנען, אַז אפֿשר איז ער נאָך אַלעמען געווען ביי איר נישט מער ווי אַ נעבנזאַך; ווייל אינעם שידוך האָבן זיך דעמאָלט געהאַט אַריינגעלייגט מומעס, קרובים, משפּחה; אָדער דער איינפֿאַכער, גוטער און פֿלייסיקער יונגערמאַן האָט זיך דעמאָלט שנעל צו איר צוגעוווינט, האָט זי ליב באַקומען. ס'איז געווען אַ וואַרעמע, רויִקע היים. ס'איז אַפֿילו קיין איבעריקע צייט נישט געווען אַריינצוקלערן אין די אַלע זאַכן. דערפֿאַר אויך האָט עס אים מיט אַלע פֿיבערן צוריקגעצויגן אַהיים, צו ראָזעטן, צום קינד, ווייל ער האָט אַלץ געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער מוז נאָך עפּעס זען צו פֿאַרכאַפּן, אָפּצוראַטעווען; און דאָס האָט אים צום לעצטן מאָל פֿאַרפֿירט אין די לאַגערן, שוין קיינמאָל מער נישט אומצוקערן זיך.

איצטער איז שוין אַלציינס געווען. זי האָט צעבראָכן, פּונקט ווי זי האָט געקאָנט בויען, אַזוי האָט זי מיט די אייגענע הענט געקענט צעברעכן; און ווער ווייסט, צי איז עס שוין געווען דאָס לעצטע מאָל אין איר לעבן.

געשעענישן, וואָס באַדאַרפֿן טיילמאָל דעם דויער פֿון יאָרן, ביז זיי פֿירן זיך אויס, קומען אין אַזעלכע אומנאָרמאַלע צייטן מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק, מיט אַ צופֿעליקן שמייכל. מען קאָן אָבער נישט זאָגן, אַז ס'איז צווישן ראָזעטן און דעם קילן, העפֿלעכן און קאָרעקטן מעסיע ווייל טאַקע אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי שטום אָן רייד. מ'האָט שוין דערנאָך גענוג גערעדט דערפֿון, אָפֿן, פּראַקטיש, אָן סענטימענטן, כּמעט געשעפֿטלעך; פּונקט אַזוי געשעפֿטלעך האָט ער אויך אין געציילטע וואָכן אַ סך געמאַכט מיט זיינע אַלע פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן, נישט ווייניקער פֿאַרפּלאָנטערטע ווי ביי איר מסתּמא. זיי זענען ביידע אויך שוין

געווען אין דעם עלטער, ווען מען פּראַוועט נישט קיין איבעריקע צערעמאָניעס. יענער, מעסיע ווייל, האָט עס באַלד דערפֿילט אינעם דאָזיקן ענערגישן, צוגעלאָזענעם ווייבל; ער האָט געוווסט מער, ווי זי האָט דערציילט, האָט זיך אַרויסגעוויזן. אָבער גאָר נישט אַלץ. זיי האָבן זיך באַלד קעגנזייטיק גענוי אָפּגעשאַצט.

און זי איז אַליין אויך סוף־כּל־סוף געפּאַנגען געוואָרן פֿון דער רואיקער דורכגעטראַכטקייט, וואָס איז געווען אין דאָזיקן ענערגישן טאָן פֿון מיטלן האַנדלס־קלאַס, אין דעם קילן מעסיע ווייל. ווי קאָן מען אַמאָל אָפּלאָנדזשען אַ גאַנץ לעבן, האָט זי זיך אַליין געזאָגט, און אויסמיידן דאָס סאַמע פּאַסיקע אויפֿן וועג... זי האָט געוווסט, אַז ער וועט עס אַלץ באַלד נעמען אויף זיך און אַז ער וועט אַלץ דורכפֿירן ווי ס'באַדאַרף צו זיין. אַזוי, קאַלטערהייט, וועט ער וועגט אַדורכברעכן. ער האָט קודם־כּל איבערגענומען דאָס הויז, איינגעשטעלט אַלץ מיט סדר און מיט קילער אָרדענונג. אים באַהעלטערלער. ס'פֿירט צו גאָרנישט. קיל און אויסגערעכנט.

ער האָט געמיינט, אַז ער ווייסט שוין אַלץ; און ווען ס'איז אויך צו אים דערגאַנגען די באַמות מאָדנע געשיכטע מיטן מיידעלע פֿון איר שוועסטער, ווי ס'קאָכט זיך אַרום איר, איז ער געווען אויסער זיך, מעסיע ווייל, לויטן פּאָרנאָמען פֿראַנסואַ.

— ס'איז גאָרנישט אַרויסצוקריכן, — האָט ער גערעדט געלאַסן, — אפֿשר באַהאַלט זיך ביי אייך דאָרט נאָך עפּעס אַ פֿרעמד צוטשעפּעניש...

עפּעס האָט ער זי שוין פֿון לאַנג חושד געווען. ס'האָט אים נאָך פֿאַרוווּנדערט דאָס מאָל איר קילע פֿאַרביסנקייט און — ווי זי זאָגט אים נאָך אַלץ אינגאַנצן נישט אויס. ס'איז אפֿשר, נאָך אַלעמען, נישט געווען בלויז די געשיכטע מיטן קינד, האָט ער, גאָרנישט נאַריש, באַלד אַ קלער געטאָן.

אומגעריכט האָט איר דעם טאַטנס אַלטע, זשאַווערדיקע זינגער־מאַשינדל יעדעראַמאָל צערודערט דאָס געמיט; און דווקא ווייל זי האָט אַלץ געוואָלט פֿאַרגעסן, אָפּווישן, ליקווידירן. ווייוויי, וויפֿל פֿייערן דאָס דאָזיקע אָפּגענוצטע מאַשינדל איז שוין אַדורך, אַלץ איז צערונען געוואָרן, אַוועק מיטן ווינט, אומגעקומען; און אָט שטייט זיך עס אין קעמערל פֿאַר דער גאַנצער לאַנגער צייט, אַ פֿאַרגעסענס, נישט גערירט און פֿאַרשטויבט. אַלץ האָט מען דאָ פֿאַר די עטלעכע יאָר צעשלעפּט פֿון שטוב אַרויס, ביז צו מעשענע קליאַמקעס פֿון די טירן, ביז צו דער עלעקטרישער אינסטאַלאַציע; און — צום מאַשינדל האָט זיך קיינער נישט צוגערירט. האָס אַלץ, וואָס זי האָט שוין געוואָלט נישט געדענקען מער, איז איצט ווידער לעבעדיק שטיינגעבליבן פֿאַר אירע אויגן. זי האָט שוין גאָר אָנגעהייבן טראַכטן, אַז ניין — ס'איז נישט צו אַנטלויפֿן פֿון דעם אַלעמען, ס'איז פּאַטאַל.

געווען איז עס אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג. אַ גרויער פּאַריזער זונטיק, ווי ס'גיט זיך אויס אין מיטן אָקטאָבער. פראַנסואַ איז נאָר וואָס אַריינגעפאַלן, האָט געלאָזן וואַרטן אין פינצטערן הייפל דעם וואָגן און זי אונטערגעאיילט. נאָכאַנאַנד האָט ער זי אונטערגעאיילט אַפּצווישן די שפּורן פון נעכטן און אַליין זיך אויך באַמיט אַרויפצוציען אויף זיך וואָס מער די נישט אייליקע, געזעצטע געמיטלעכקייט פון אַן איינגעוואָרצלטן, פון אַ דאָ־געבוירענעם. אָבער נישט אַזוי לייכט באַפרייט מען זיך פון דעם יידישן אומגעדולד. ער האָט, למשל, אַליין ליב געהאַט צו מייכטערווען, צו פּאָרען זיך ביים וואָגן, וואָס איז אַלעמאָל אין מיטן דרינען שטיינגעבליבן. ער איז אַרויסגעקומען פון גאַראַזש אונטן איינגעאונצן אין איינגעשמירטער. ער איז אפילו געוואָרן אַן איינגייער אין דער קליינער, ראַגאַווער ביסטראָ קעגנאיבער, געטרונקען מיטן הויכן פּאַטראָן פון דער קליינער קאַפּע „צו די פיר זין", מיט אַלע שטאָט־איינגייערס, די קליינע האַנדלס־לייט פון קוואַרטאַל און אפילו מיט דער אַלטער קאָנסיערזש, מאַמזעל זשאַנאַ, וועלכע האָט נאָך אַליץ ליב געהאַט אַ גלעזל. כאָטש נישט ער און אוודאי נישט ראָזעט האָבן קיין הינט נישט אַזוי שטאַרק באַדאַרפט, האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ קליין, ווייס פּוכיק הינטל מיט אַ פייכט נעזל און פאַרכמורעטע אייגעלעך, עס געפירט שפּאַצירן, עס אויסגעפוצט, אַרומגעבונדן דעם האַלז בייכל, ווען ס'האָט געליטן אויף עצירות.

צווישן איין גלעזל און דעם אַנדערן האָבן זיך דאָך די פראַנצויזן פון צייט צו צייט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן זיין שווער און שוויגער, די „פּאָלאַנע", וועלכע זיינען געווען גאַנץ ווילע מענטשן.

— בפירוש ווילע, אָרנטלעכע לייט... — האָט דער הויכער, רויטער פּאַטראָן צוגעבאַסעוועט, אָנקלאַפּנדיק זיך און אַרונטערלאָזנדיק פלינק די קאָלירטע גלעזלעך, — כ'געדענק נאָך אפילו דעם באַגינען, ווען זיי האָבן דאָ אָפּגעשלאָסן דעם גאַנצן קוואַרטאַל און אַוועקגעפירט די יידן אין די קעטשלער... די באַרבאַרן...

דאָס האָט אים שוין זייער פּלוצים געבראַכט נאָך אין אַן אַנדער שטימונג. ער האָט באַקלערט, אַז מען דאַרף זיך אפשר באַצייטנס אויך אַוועקציען פון דעם קוואַרטאַל, פון דעם געסל. נאָכוואָס זאָל מען 'אים אויף טריט און שריט דאָס אַליץ דערמאָנען? וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דעם אַלעמען? כאָטש דאָס הויז איז געווען אַ גוטער פּונקט פאַרן האַנדל, נאָענט פון די גרויסע בולוואַרן; אַן אַלט איינגעצויגן הויז, מיט אַ סך באַקוועמלעכקייטן. ס'האָט אָבער מער נישט געטויגט.

אָט האָט ער זיך ביי די מוניציפּאַלע וואַלן איינגעשטעלט פלאַם און פייער פאַר דע־גאָל, „וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לאַנד פון די דייטשישע האָרדעס, איז געווען דער ערשטער ווידערשטאַנדלער" — אַזוי האָט ער זיך מאַקע ווערטלעך אויסגעדריקט ביי די גלעזלעך אין דער קאַפּע. דער פּאַטראָן איז, ווי אַלעמאָל, מיט יעדן פון זיינע קליענטן מסכים געווען, נאָר די פאַרשמירטע קוילן־

אָפּלאָדער, די אַרבעטער פון די „רענאָ"־פאַבריקן, וואָס האָבן דאָ אַרום פאַר־פולט די גידעריקע דאַך־שטיבלעך אין די אַלטע הייזער, האָבן גאָר געברענגט אַנדערע ראיות און טענית; און ווידער — ס'האָט זיי שטאַרק געוווּנדערט, וואָס ער, אַ ייִד, שטעלט זיך גאָר פּלוצים איין פאַר די־גאָלן...

— ווי קומט עס?... — האָבן זיי לייכט געגעבן אָנצוהערן. — ער איז גאָר־נישט אַזאַ הייסער ייִדן־פריינד, פאַרקערט... ס'ווייזט זיך גאָר אַרויס...

— ס'איז צייט... — האָט ער מיט אומגעדולד אונטערגעאײַלט ראָזעטן, — מיר פאָרן באַלד אַרויס. די פרוי וועט שוין אוודאי וואַרטן. שוין דאָס דריטע מאָל, ווי מיר לייגן אַלץ אָפּ.

ס'האָט זיך ווידעראַמאָל געהאַנדלט וועגן ליקווידירן עפּעס אַ געדעכעניש, אַן איבערבלייבעניש. אַט דער שאָטן איז זיי ביידן לעצטנס כסדר נאָכגעגאַנגען. די ווילע אין ייִדישן דאַטשע־שטעטל ברינוא... ווער וועט זיך עס פאַרט גיין הײַנט אַוועקזעצן אין דעם קליינעם שטעטל, אַ טריט פון פּאַריז? אַ שטעטל, וואָס איז נאָך הײַנט פול מיט ייִדן, מיט ייִדישן געפּילדער; ווי געווייגלעך — אַ ביסל איבערגעבליבענע און ניי־אָנגעלאָפענע. פטור ווערן דערפון... וועגן פרייז וועט מען שוין אַדורכקומען.

— די מאַהאָם איז גרייט? — האָט ער האַלב אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער טיר, ווישנדיק זיך די הענט, און דערבליקט זי ביים אַלטן וואַנט־שפּיגל, וואָס איז דאָ אײַנגעפּאַסט איבערן קאַמין אוודאי זינט דורות. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אירע אויגן זענען ווידער רויטלעך, ווי זי פאַרשמירט אייליק מיטן פּודער־שוואָם די פלעקן.

— די דערמאָנונגען?... — איז ער געווען שטרענג, — האַלט זיך, אַז מיר וועלן אויך דאָ מוזן אַלץ ליקווידירן... די סענטימענטן אײַערע...

דאָס האָט זי שוין געוווּסט, אַז וואָס שייך סענטימענטן, קאָן מען אים חלילה גאָרנישט חושד זײַן, מעסיע פראַנסואַ. דאַכט זיך אַ פראַנצויז, אַ געבוי־רענער הי, און עפּעס, האָט זי געפילט, וויל ער אויך פאַרשרייען אין זיך אַליין...

— עפּעס אַ מאַשין... אַן אַלטע ניימאַשין... — האָט זי זיך פאַרענטפערט און זיך פעסט אָנגעהאַלטן אין זײַן אָרעם, אַראָפּגייענדיק די אַלטע שטיג.

— די דערמאָנונגען... — האָט ער געברומט, — אומעטום שלעפּן זיי זיך נאָך, די דערמאָנונגען...

דער אַלטער הויזוועכטערין מומערל זשאַנאַ, איז ער פאַרביי מיט אַ קוים באַמערקבאַרן קאָפּ־ניִיג. ער האָט איר נאָך אַלץ כסדר, ווי די פריערדיקע באַלע־באַטים, מיט אונטערטעניקייט אונטערגעטראָגן די פּאָר פראַנק טרינקגעלט. „אַלץ שטומע עדות", — האָט ער געטראַכט אָפּגעריסן. גישט דאָס צעשלעפּטע ייִדישע פּאָרמעגנס האָט אים אַזוי געאַרט, ווי די שטומע עדות פון רעשטלעך ייִדיש־קייט. „ליקווידירן, אַנטלויפן"...

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז ער אויך געפֿאָרן צום קליינעם דאַטשע־שטעטל לעבן פּאַריז. אָפּווישן די סימנים פֿון זיי, פֿון די מזרח־ייִדן, איז אַ ביסל שווערער. אַפֿילו זיי, ראָזעט... און זיי שרייען עס נאָר אַרויס הויך. די געזעליק־אָוונטן... די מיטינגען... די בלעטער זייערע מיט די פֿרעמדע, קרומע אותיות... פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן מיטלייד, אָבער אין גרונט גענומען...

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט ער געלאָזן די מאַשין מיטן אימפּעט אויף 80 אַ שעה, ווען זיי זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגן די אײַנגעלייגטע בריקן, די צעשאָסענע פֿאַבריק־האַלעס, נאָך מעזאָן־אַלפֿאָר. די ווײַטע ליניע פֿון שאָסיי איז געשטאַנען אַ נאַקעטע אין טיפֿן, פֿאַרכמאַרעטן אָקטאָבער. אַ ביסל בלוט איז אָפּגעפֿלאָסן, אָבער דאָס לעבן פֿון לאַנד צירקולירט ווידער ווי געווען, גישט ווי בײַ זיי. זיי פֿאַרשטייען עס נישט, און זייער יסוד איז אָפּגעווישט, פּאָרטאַליקט, אפֿשר וועלן זיי עס שוין דאָס מאָל פֿאַרשטיין...

אין פֿרי־צוגעפֿאַלענעם פֿאַרנאַכט האָט זיך שוין אין אָפּגעלעגענעם דאַטשע־שטעטל דאָ און דאָרט געלויכטן. בײַם גאָרטל־טיר האָט אַ גלעקל היימיש אַ קלונג געטאָן, און קיינער איז נישט אַרויסגעקומען פֿון הויז זען, ווער ס'איז צוגעפֿאָרן אין אויטאָ. ווי דאָס הויז מיט דער טעראַסע וואָלט געווען אויסגעשטאָרבן. ערגעץ אין אַ זײַטיק פֿענצטער האָט זיך געזען אַן אָפּשײַן פֿון אַ ווײַטערן צימער. ס'האָבן זיך געהערט אָפּגעריסענע פּיאַנע־טענער פֿון אַ נישט אָנגעסטראָיעטן אינסטרומענט.

אין די ערשטע צוויי שווערע ווינטער, באַלד נאָך דער מלחמה, האָבן זיך אין דעם הויז געהאַט פֿאַרקליבן די רעשטלעך פֿון ייִדישע משפּחות. אין פּאַריז איז שווער געווען מיט דירות, מיט באַהייצונג, מיט לעבנס־מיטלען. ס'זענען נאָך אַלץ געווען באָנען און קאַרטן; און מענטשן, וואָס האָבן נישט געקאָנט אָפּצאָלן קיין הויכע פּרײַזן פֿאַר דירות, איז שווער געווען צוריק אײַנצונעסטיקן זיך. עס האָבן זיך נאָך געשלעפּט די פֿאַרוויקלטע פּראָצעסן אין די געריכטן. האָט מען זיך דערווײַל באַזעצט אין די שטילע הײַזלעך פֿון האַרבסטיקן דאַטשע־שטעטל. די דירות זענען נישט געווען געבויט איבערצווינטערן אין זיי. דינע ווענטלעך, אָפּענע שפּאַרעס, ס'האָט געווייעט דורך טיר און פֿענצטער, אָן אויוונס. אין טיפֿן האַרבסט שטעלט זיך דאָ אַ פֿײַכט וועטער, נעפּלען, וואָס דרינגען אַפֿילו דורך די קליידער, אַ פֿוילע קעלט, וואָס ברענגט מיט זיך פֿאַרקילונגען און רעוומאַטיזם.

פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך דאָ אײַנגענעסטיקט. ס'איז געווען אַ קליין, בלאָנד ייִנגעלע מיט אַ מומען — אַן אַלטע פֿרײַלין, אַן אַפּטייקערין, וואָס האָט גערעדט פּויליש. די מאַדאַם בערט איז געווען אַ פֿאַרוואָגלטע ייִדישע לערערין פֿון פּוילן. צוזאַמען מיט איר אַ חברטע, אַ רוסישע, האָבן זיי דאָ גערעכנט אויפֿצומאַכן אַ פּענסיאָן פֿאַר ייִדישע קינדער, אַמאָל איז די לווילעכע זון אַרויס פֿון הינטער אַ וואָלקן און האָט זיך באַלד ווידער באַהאַלטן. די בעז־ביימלעך הינטערן הויז

זענען געשטאַנען נאַקעטע און אַרומגעפּליקטע. זיי זענען אָפּט געווען ביי׳זאַמען אויף דער קליינער וועראַנדע, שטיל געלייענט, שטיל געשמועסט, שטיל געשטריקט, און פאַרנאַכט האָבן זיי לאַנג שפּאַצירט צווישן די פּאַרלאָזטע ווילעס. זונטיק האָבן זיי געוויינלעך געהאַט אַ סך געסט, צו דער מאַדאַם בערט איז געקומען דער זון מיט דער שנור, אַ פראַנצויזיש מיידל. עס זענען געקומען פריינד פון פּאַריז — רוסן, פּאָליאַקן, יידן. זיי האָבן דאָ פאַרנומען דעם מיטלסטן, גרויסן צימער ס׳האָט געזאָגט אַ קעלט. אַן אייוועלע האָט געוויכערט. אַלץ איז דאָ געווען ווי אויף דערוויל. די איילבילדער אין די ראַמען זענען געווען צעשטעלט אַרום די ווענט, די פּיאַנע איז געשטאַנען אין דער מיט צימער; נישט אויפגעפּאַקטע וואַליזעס, אַ נאַקעטער טיש, צופעליק צונויפגעשטעלטע בענקלעך, אַ לאַנגע באַנק ביי דער וואַנט, צעשאָטענע ביכער, אַלבומען.

פראַנסואַ האָט זיך נאָך דאָרט געפּאָרעט פאַרן טירל ביי דער מאַשין, און ראָזעט האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלונגען אין טויערל; און אַז קיינער איז נישט געקומען אויפמאַכן, האָט זי אַליין אויפגעריגלט פון אינעווייניק, א שטופּ געטאָן דאָס טירל, וואָס האָט זשאַווערדיק געגרילצט, און האָט זיך, מיט דער פאַרוואַקסענער סטעזשקע געלאָזן גיין צו די טרעפּלעך. אַזוי האַרצלאָז האָט מען שוין פונדעסטוועגן נישט געקאָנט זיין: דאָ, האָט זי זיך דערמאָנט, זענען זיי געזעסן און אָפּגערוט אין די הייסע פּאַריזער זומערן, ווען די אַטעליע איז געווען פאַרקלאַפּט, ווען אַלע „הייזער" אין שטאָט זענען צו. אַמאָל, אין אַ זונטיק, איז זי מיט מירלען און מיטן ברודערל אויך אַרויסגעקומען אַהער, אָפּגעלאַנגווייליקט זיך דעם טאָג... ס׳איז נישט געווען אַזוי דאָס פאַרדינגען די עטלעכע באַראַקלעך אויפן הויף צו אָרעמע אַרבעטער און „פּאַסיאָנער"־משפּחות פון בעלוויל, ווי ס׳איז היימלעך געווען צווישן יידן. דער אַלטער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיטן קליינוואַרג, וואָס האָט אַרומגעוואַיעוועט, אַרומגעבראָכן די עטלעכע אַנעמישע ביימלעך, וועלכע קיינער האָט דאָ סיי ווי נישט אָפּגעהיט; זיי זענען געקראָכן אויף די האַלב אומגעלייגטע פּלויטן, צו די שכנים פון יענער זייט, ווו ס׳איז אויך געשטאַנען אַ געפּילדער פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט; ווייל אין נידעריקע דושנע באַראַקלעך האָבן זיי נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. זענען זיי דאָרט נאָך לאַנג געזעסן אין די וואַרעמע נעכט הינטער די פענצטער, אין דער אַרומגעבראָכענער אַלטאַנע, אויף די אָפּגעפּוילטע בענק און געשמועסט וועגן יידישע צרות, וואָס די בלעטער האָבן אַלץ געבראַכט וועגן זיי, און וועגן די טרויעריקע נייעס פון דער וועלט, וועגן דעם באַנדיט, וואָס גייט אומברענגען אַ וועלט. סיי ווי האָט אים געמאַטערט די שלאָפלאָזיקייט און דער הוסט, דעם אַלטן בערישן. אָבער די שכנים האָבן דורך די אָפענע פענצטער געמאַכט געוואַלדן, אַז זיי קאָנען נישט שלאָפן, און די פראַנצויזן פון קעגנאיבער האָבן איינמאָל אַפילו פון ערשטן שטאָק אַראָפּגעגאָסן אַ קענדל וואַסער אויף זייערע קעפּ.

— אַזוי פיל מינים ייִדן? — איז ער געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט, מעסיע ווייל, ווען ער איז אַריינגעקומען, און מ'האָט אים דאָ אַלעמען פאָרגעשטעלט.

— דאָ וועלן קומען אַפרוען יידישע קינדער, — האָט די פרוי בערט אויסגע־זען עפעס צו דערכאַפּן אין זיין טאָן.

די עלטערע פרוי מיט דער איידעלער באַזילבערטקייט האָט ער שוין עטלע־כע מאָל געלעגנהייטלעך געזען. זי איז איינמאָל, דאַכט זיך, געהאַט אַרויפגעקומען נאָכן אָוונט־ברויט. איר רעדן איז געווען קאָרעקט, אָבער באַלד זענען זיי אַריבער־געגאַנגען צו רעדן ייִדיש. אַ מאָדנע טבע ביי זיי. ווי נאָר מען טרעפט זיך צונויף.

— מאַדאַם, — האָט ער זיך צולעצט אָפּגערופן, — איך האָב דעם איינ־דרוק... זייט מיר מוחל, נאָר איך פיל, אַז איך מוז עס אייך זאָגן, ווייל מיר שפילן זיך נאָך אפשר אַלץ מיט פייער...

אַפילו דער עלטערער פרייליין, וועלכע האָט גערעדט פויליש און אַ ביסל פראַנצויזיש, מיט אַן אַקצענט און אַ סך שאַרפע ריש, האָט ער געענטפערט ענערגיש. ער האָט אויסגעזען גוט צו וויסן, וואָס איר קוועטשט:

— די ברוקן פון פּאַריז, — איז ער ממש געווען נישט העפלעך און אָנ־גרייפעריש, — האָבן אַמאָל געקענט די בלייכע פרינצן אייערע אין גלות... און אויך די פרינצן פון גייסט. זיי האָבן דאָ מוזיצירט, געשריבן פערזן אין בענקשאַפט נאָך אייער לאַנדשאַפט, זיצנדיק ביי די ברעגן פון אונדזער סען... זיי זענען דאָ שטיל אויסגעגאַנגען פון שווינדזוכט אין די איינזאַמע מאַנסאַרדעס... דאָס געהער אוודאַי אויך צו אייער ראָמאַנטיק, נישט אמת?... אָבער איר זייט, דאַכט זיך מיר — ייִדן...

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, וואָס וויל ער דאָ פּלוצים, דער מענטש? ער האָט אַ ביסעלע איבערגעטריבן. ער איז געווען אומגעדולדיק. אַלע כעסן, וואָס האָבן אים געשטיקט, זענען אים נאָכגעגאַנגען און מאָדנע צעפלאַקערט זיך, דער־פילנדיק די אַטמאָספער דאָ. ער איז עטלעכע מאָל אַרוים צורעכט מאַכן די מאַשין, האָט זיי דאָרט איבערגעלאָזן אין דער צייט, ווען ראָזעט האָט הייס געפירט די פאַרהאַנדלונגען.

24

דאָס אַלץ איז זיך דערווייל געהאַט פאַרלאָפן אין יענעם שטרענגן ווינטער, ווען מיכלסאָן האָט דאָרט ערגעץ, אין וויכטיקע שליחות, אַרומגעשלעפט זיינע אַלטע ביינער איבער די חרובע וועגן פון צענטראַל־ און מזרח־אייראָפּע. ס'איז טאַקע נישט געווען מער פאַר זיינע כוחות און פאַר זיין געמיט דאָס אַרומשלעפן זיך; נאָר פאַרפאַלן, מ'האָט געמוזט. דער צעקאָכטער ייִד, דאַנציקער, האָט נישט גערוט און קיינעם נישט געלאָזן צורו. ער איז אַלע פאָר טעג אויפגעניי געקומען

אָנצופליען מיטן אַוויאָן, אויסגעסטראָיעט אין זיין „אונרא"=אָפיצערן=אוניפאָרם. דער לעדערנער גאַרטל=פאַס האָט בשום אופן נישט געקאָנט מער איינציען זיין היפּשן בויך. ער האָט גזלניש געפינקלט מיט די ציגיינערישע אַרויסגעזעצטע אויגן און זיך אָנדערציילט מוראדיקע זאַכן פון די געדיכט=אָנגעלאָפענע יידן=לאַגערן אין די דייטשישע זאָנעס:

— וואָס פרעגט איר, וואָס?... ווי פון א בראַנד, ווי פון א פייער אַנטלויפן זיי פון פוילן.. קעלץ, שמועסט מען, איז נאָר אַ פאָרשפּיל... ס'גרייטן זיך, זאָגט מען, ערנסטע געשעענישן...

און אויך די מאָדנע רירעוודיקע טאַטיאַנאַ אויסאַקאָוונאַ, האָט זיך אַרויסגעוויזן... טאַקע, וואָס פאַר אַ סאָרט עסקים און וויכטיקע ענינים האָט זי עס, אַ שטייגער, געקאָנט האָבן מיט אַזאַ הויכגעשטעלטן פערזאָן, ווי הער גלח בערזשע — אַ מיטליעריקער שיינער מאַן, גלייך און שטאַרק, מיט אַ פעסטן, קאַנטיקן קין, מיט אַ מאָדנעם חשודיקן יידישן אויסזען. זי איז אָפט מיטגעפאָרן מיט אים אין זיין „שעוראָלעט"; ער איז ביים אויסשטייגן פלינק אַראָפּגעשפּרונגען, אויפגעמאַכט דאָס טירל און האָט זי טראַקטירט גאָרנישט ווי קיין גייסטלעכער, נאָר גיכער ווי עפּעס אַ קאַוואַליער, אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט עפּעס פילאַנטראָפּישע עסקים, מיט ברענגען הילף פאַר קריסטלעכע קינדער=אינסטיטוציעס, וועלכע ער פּאַטראָנירט. ער האָט דערווייל געצויגן פון אַלע זייטן סובסידיעס, אָפט געלאָזן הערן זיין וואָגיק וואָרט אויף אַלערליי יידישע אונטערנעמונגען, געדענק=אָוונטן. ווי ס'איז דעמלט שטאַרק געווען אין דער מאָדע די מיטגעפיל=אויסברוכן. די גענוי אויסגעפּאַסטע סוטאַנע איז געלעגן אויף זיינע פעסטע שולטערן גיכער ווי אַ מיליטערישער אוניפאָרם אָדער ווי אַ שוואַרצער אָוונט=קאָסטיום אויף אַ פייערלעכן גאַלאַ.

און דאָ פּלוצים, ווען מיכלסאָן האָט זיך שוין געגרייט אַ ליאַדע טאָג אָפּצופאָרן אין דער ספּעציעלער, וויכטיקער מיסיע אַהין, צו דער שארית=הפליטה, הינטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג", איז אים אָפט אויסגעקומען אויסצומיידן זיך מיט אָט דעם עלעגאַנטן גלח אין די קולוארן הינטער די שווערע דעמבענע טירן אין 16=טן אַראָנדיסמאַן. שוין דעמלט האָט מען שטילערהייט אונטערגעמורמלט, אַז ער זאָל זיין אַ געשמדטער ייד. ס'איז פונדעסטוועגן געווען מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך. יענער האָט דערביי צו אַלעמען געשמייכלט פייערלעך פון הינטער די דינע זילבערנע ברילן מיט די גילדענע ראַמלעך; און דאַנציקער, צוזאַמען מיט טאַניען, האָבן דערנאָך גערעדט צו מיכלסאָנען זייער צווייטייטיקע רייד; מ'האָט אים, למשל, פאַרבייגייענדיק, באַפוילן, אַז דורכפאָרנדיק מזרח=בערלין, זאָל ער דאָרט אומבאַדינגט זען איבערצוגעבן אין די אינסטיטוציעס וועגן דעם און וועגן יענעם...

— ס'האַנדלט זיך, — האָט אים נאָך דאַנציקער לסוף אָפּן פּאַרטרויט, — וועגן אַרויספירן פון דער געפערלעכער זאָנע אַזעלכע מענטשן, וועלכע זענען דאָרט נישט גאַנץ זיכער.

— יידן? האָט מיכלסאָן געוואָגט צו פרעגן, און די אויגן האָבן זיך אים מבולבל געוואָרן פון דרייען אונטער׳ן שטערן.

— ס'הייסט, יאָ, אַוודאַי יידן... ווי דען?...

און טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ האָט נאָך, מיט איר שיינעם שמייכל אירן, צוגעגעבן:

— אַזאַ וויכטיקע פּערזאָן, ווי איר, פריינד מיכלסאָן, דאַרפט אַוודאַי נישט קיין שום געפאַרן... יידן צי נישט־יידן... — האָט זי נאָך אַלץ איר שיין געלאַכט.

אירע העפלעכקייטן און שמייכלעך האָבן פּאָרט צו עפּעס געצילט; און מיכלסאָן האָט זיך אין איר אָנגעוויזענהייט דערפילט מאָדנע, ווי עפּעס אַ יינגעלע. אַ ביסל איז טאַקע געווען נישט אָנגענעם. עפּעס חשודיקע לייט זענען לעצטנס כסדר געקומען אָנצופאָרן פון דאָרט, יידן בלומרישט, מיט וויזעס אין דאָקומענטן, אויסגעשטעלט דווקא מיט שרייענדיקע יידישע נעמען — עפּעס גאָלדשטיינס, ראַבינאָוויטשעס... מ'האָט געמוזט זיך מאַכן נישט ווייסנדיק. טאַקע, נאָכוואָס האָט עס זיי דאָס אַלץ געטויגט?

דאָס מאָל האָט מען אים שוין נישט באַדאַרפט מער קיין סך אונטערצוויאָגן, צו באַוויזן, צוצורעדן; ער איז שוין גרייט געווען, מיכלסאָן, ס'האָט אים ממש אַרויסגעיאָגט...

— טאַקע, ווער אויב נישט איר? — האָט אים דאָרט דאַנציקער אָן אויפהער געמאַטערט. — אַזאַ חשובע פּערזאָן... כ'מיין, געשעצט און באַליבט פון אַלע שאַטירונגען...

— איר טרייבט, זע איך, פון מיר לצנות, — האָט מיכלסאָן אָוועקגעמאַכט און זיך פונדעסטוועגן געפילט אַ קליין ביסעלע געשמייכלט פון זייגע קאָמפּלימענטן.

— כ'האָב ליב צו זאָגן אַזוי ווי ס'איז... האָט ער זיך געוערעשט, דאַנציקער, — ביי מיר איז נישטאָ... און כ'מיין, אַז קיין פינגער אין מויל באַדאַרף מען אייך אוודאַי נישט אַריינצולייגן...

ווייל דאָרט האָט זיך עם משמעות געהאַנדלט נישט בלויז וועגן קינדער; אפשר פיל מער ווי וועגן זען אַרויסצופירן דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע קינדער פון פוילן, אָנצופּאַקן מיט זיי די אומלעגאַלע שיפלעך, וואָס האָבן זיך אין די אויסגעלאָשענע נעכט געשמוגלט צווישן די ענגלישע בלאָקאַדע־וואַכן ביז צו די ווייסטע ארץ־ישראל־פּליאַזשעס...

אָבער איידער נאָך מיכלסאָן האָט זיך געלאָזן אין וועג אריין, האָט מען אים דערווייל זייטיק געצוהט מיטצונעמען מיט זיך אַזאַ איינעם, ווי דעם אַוורעמעלע

אַשטייגער, דעם פֿלינקן, אויסגעקאָכטן שמוגלער־פֿאַבריקאַנט. כאָטש ער האָט דאָ גענוג געליאַרעמט אין די קאַפֿעס, אויף די פֿאַרזאַמלונגען און אין די לאָבוסע־וואַטע נאָטיצן אין זייער בלאַט קעגן די, וואָס רייסן אָפּ די געראַטעוועטע יידישע קינדער פֿון יידן און פֿון יידישקייט, האָט מען דעם יונגענמאַן נישט גענומען צו שטאַרק ערנסט. ער איז אָבער געווען פֿלינק, ער האָט אַלץ געוווּסט, געקאָנט גע־פֿינען פֿאַרבינדונגען פֿון אונטער דער ערד. ער וועט זיך דאָרט גיכער אַן עצה געבן אין אַלעם, ווי מיכלסאָן. און וואָס האָט ער כאָטש געוואָלט פֿון אים, מיכלסאָן, ווייל אַ ביסל האָט ער אים שוין געקענט — עס זאָל אים נישט איינפֿאַלן אַמאָל אַ שמוגל צו טאָן, חס־וחלילה, דעוויזן אָדער אַנדערע טריפֿהנע סחורות, ווייל מען קאָן נאָך דאָרט אומגליקלעך ווערן. יענער האָט עס באַלד אויפֿן אָרט, מיט שבועות און קלאַפּנדיקן זיך אין האַרצן אַריין, צוגעזאָגט, פֿאַרזיכערט און דערביי נישט איבערגעהערט צו לאַכן מיט זיין פֿלוטעוואַטע, נאַריש געלעכטער, ווי איינער זאָגט...
ווי נאָר אָבער ס'איז געקומען ביי די גרענעץ־רעוויזיעס, ביי די רעוויזיע־קאָנטראָ־לעס, האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַז אַווּרעמעלע האָט דאָרט ערגעץ געהאַט פֿאַרשטעקט ביי זיך — ווי שייך — אַ ביסל פֿונטן, אַ ביסל דאָלאַרן, און ס'איז אים אַפֿילו גאָרנישט איינגעפֿאַלן צו דעקלאַרירן עס. ביז מיכלסאָנען האָט גע־פּלאַמט דאָס פּנים פֿון צאָרן און חרפּה; ס'איז פֿאַר אַלעם נישט געווען אָנגענעם און מ'האָט באַדאַרפֿט אויסנוצן אַלע גרויסע פּראָטעקציעס דאָס אַלץ צו פֿאַר־רייבן. אויף יידן האָט מען דעמאָלט אַ ביסל פֿאַרקוקט, און ס'איז צום גליק אַדורך גלאַטיק. ס'האָט געהייסן, אַז ער פֿירט גאָר הילף...

אין די דייטשישע לאַגערן האָבן זיי זיך נישט לאַנג פֿאַרהאַלטן. ס'האָט שוין דאָרט געאַרבעט אַ שטאַב פֿון מדריכים, פּקידים און אַפֿילו אַן אָפּטיילונג פֿון דער אומלעגאַלער „הגנה“.

אין צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די יידן אין פּוילן, אין וואַרשע, אויף שענגע 60, און אויף אַלע געוויכטע זאַמלפּונקטן, אין לאָדזש, אין ווראָצלאַוו, האָט זיך נאָך דעמאָלט היפּש גערודערט. די רעפּאַטריאַציע פֿון די ווייטע סאָוועטישע געביטן אין מיטל־אַזיע איז שוין געווען כמעט ווי פֿאַרענדיקט. די היימלאָזע יידן האָבן זיך צוביסלעך גענומען איינגעסטיקן, ווער אין וואַרשע, ווער אין לאָדזש; און די איבעריקע אָנגעפֿאָרענע — אין די ניי־צוריקגעוווּנענע פּוילישע מערב־געביטן, און דער עיקר אין נידערשלעזיע. דאָס ערשטע מאָל אין פּוילן זענען יידן פֿריי אַוועק אין די פֿאַבריקן, אין די קוילנגרובנס, באַזעצט זיך אויף ערד, דורך אייגענער מי, ענערגיע און איניציאַטיוו געגרינדעט די ערשטע קאָאָפּעראַטיוון פֿון שניידער, שוס־טער, בערשטער, טעקסטיל. די ליכטיקע שיל־צימערן האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר די קינדער. אַ ניי, באַפֿרייט לעבן האָט אַ שיין געטאָן פֿאַר אַלעמען.

אָבער אין די אַלע אינסטיטוציעס און אויף די טומלדיקע זאַמלפּונקטן האָט זיך נאָך דעמאָלט אַרומגעדרייט אַן אָנגעלויף פֿון אויסלענדישע דעלעגאַציעס, פֿון

כלערליי סאָרטן ייִדן. די שירן זענען אומעטום געשטאַנען אָפֿן. מ׳איז געפֿאָרן און צוריקגעקומען. מ׳האָט געהאַלטן פֿייערלעכע רעדעס, געגאָסן ביטערע טרערן, געלויבט און הימל אַריין, אָבער הינטער אַלעמענס פּלייצעס האָט אַ געניטע האַנט געזייט פּאַניק.

אויך מיכלסאָן האָט דאָרט, נאַטירלעך, געהאַלטן זייער לאַנגע רעדעס, געגעבן אינטערוויוען, געשריבן וויכטיקע אַרטיקלען, און אומעטום האָט ער געלויבט; געלויבט אַפֿילו די סאָוויעטן, וואָס נאָר אַדאַנק זיי זענען די הונדערטער ייִדן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿון מערדערישע הענט אַרויס... יאָ, אַזוי האָט ער זיך טאַקע אויסגעדריקט... און דעם אָנגעלויף, און טומל אויף אַלע געדיכטע זאַמלפּונקטן, צווישן די אָנגעלאָפֿענע אָנגעפּאַרענע ייִדן האָט מען דערווייל שטילערהייט באַוויזן אַרויסצופֿירן איבער די גרענעצן פּאַרטיעס ייִדישע קינדער און די לאַגערן אַריין; קינדער, וואָס זענען פֿאַרבליבן אָן טאַטע=מאַמע, אָן קרובים, כאָטש די מלוכה און די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייט האָט זיך שוין דעמאָלט מיט גרויס זאָרג מיט זיי פֿאַרנומען. די פּאַניק האָט צעבראָכן משפּחות, וואָס האָבן זיך שוין דאָ ווי נישט איז צוריק געגומען איינגעסטיקן אויף די חורבות פֿון די צעבראָכענע היימען. ס׳איז געגאַנגען אַ שטילע פּליסטערײַ: אַנטלויפֿן, ווײַל מען ווייסט נישט... מען קאָן גאָרנישט וויסן... ס׳קאָן זיך דאָ ווידער אַ מאָל טאָן...

און דאָס אַלץ — מיטן אומשולדיקן, כמעט נאַרישלעכן שמייכל פֿון אונטער די פּראָסטיקע וואָנסעס. ער איז, נאַטירלעך, אויך געווען דער גאַסט פֿון די אַמעריקאַנער הילפֿס=קאָמיטעטן און וואַרשע. עס זענען פּלוצים, איבער נאַכט, פֿאַרשוווּנדן פֿון דאָרט חשובֿדיקע לײַט, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי די שאָטנס הינטער די טירן. דערנאָך האָבן די זעלבע אומגעריכט אויפֿגעטויכט ערגעץ און פּאַריז אָדער אין ניו=יאָרק, מיט געשרייען, מיט רעוועלאַציעס...

אויף איינער אַזאַ צופֿיל טומלדיקער פֿאַרזאַמלונג אין לאָדזשער שרייבערקלוב, ביי עפּעס אַן הזכּרה=אָוונט, ווי געוויינלעך, שוין היפּש שפּעט, האָט זיך באַלד הינטער אַוורעמעלען דורכגעשפּאַרט אַ נידעריקער, בלאָנדלעכער יונגערמאַן, אַ בלוטלאָזער, מיט העלע, אָפּגעמעקטע ברעמען איבער די צו גרויסע דראָטענע ברילן, און מיכלסאָנען עפּעס אַ שושקע געטאָן אין אויער אַריין.

— שוין אַ וואָר צײַט, אַז איך זוך אײַך אַרום, פֿרייגט מיכלסאָן... — האָט אים יענער אַ שושקע געטאָן, — זיי לאָזן דען צו?... און ווו מען טוט זיך אַ ריר, וואַקסן זיי אויס...

ווער אַזוינס דער „זיי“, האָט ער שוין גאָרנישט איבערגעפֿרעגט, מיכלסאָן, ער האָט גאָרנישט קיין צײַט געהאַט, ווײַל יענער האָט אים באַלד אַוועקגענומען אין אַ זײַט, אויסגעמישט זיך מיטן געדיכטן עולם, דורך אַ זײַטן=טיר אַראָפּגעפֿירט אים פֿון די שטיגן און דורך די פֿינצטערע, אָפּגעשטאָרבענע געסלעך פֿאַרשלעפּט אים ערגעץ אין אַ קליין דירהלע, אין אַן ענג אַרומגעשטעלטן הויף=קאַסטן,

אויף דער פּיאַטרקאָווער. אַ ביסל האָט ער זיך שוין גענומען שרעקן אויך. אָבער הינטער זיי איז, ווי אַ שאָטן, געווען דער פּלוטעוואַטער אַוורעמעלע, דאָס געלעכטערל זיינס. דער בלאָנדלעכער יונגערמאַן האָט אים אויך געהאַלטן אין איין פֿאַרזיכערן:

— אַזוי געפּערלעך איז נאָך נישט, פּאַניע מיכלסאָן. מען קען נאָך דערווייל אויסרעדן אַ וואָרט... אונטער פֿיר אויגן. דערווייל... נאָר ס'וועט אָסור נישט בלייבן דערביי... ס'איז די העכסטע צייט, האַלטן מיר, אָפּצוטראָגן זיך פֿון דאַנען...

„אויף אַזאַ באַגעגעניש האָט ער זיך סוף־כל־סוף געריכט, מיכלסאָן; ער האָט אין משך פֿון די פּאָר וואָכן ממש געקוקט מענטשן אין די אויגן אַריין, געזוכט, געשנישטערט. גענוג האָט דאַנציקער אַרייַנגערעדט און אַרייַנגעשושקעט אין אים. ער האָט זיך האָרט נאָכגעמאָל אַרומגעקוקט און אַ טראַכט געטאָן, צי ס'איז אַמאָל נישט קיין פּאַסטקע. כ'ווייס, מ'האָט שוין פֿון אַזעלכע זאַכן אויך געהערט. דער יונגערמאַן האָט אים אָבער מיט זיינע הייסע רייד געהאַלטן אין איין באַרואיקן:

— אַ ביסל ווייסן מיר... איר קענט רעדן פֿריי, — האָט ער אים פֿאַרזיכערט, — דערפֿאַר זענען מיר, ווי איר זעט, נישט אינגאַנצן פֿריי. איר פֿאַרשטייט? מיר זוכן אַ וועג אַרויס. אָבער וויאַזוי, פֿרעגט זיך, וויאַזוי?...

— ס'איז אַזוינס — האָט מיכלסאָן געפּרוווט צו רעדן ווי אַ זייטיקער און ווי ס'וואָלט זיך אינגאַנצן מיט אים נישט אָנגעקערט, — די פּוילישע רעגירונג האַלט קיינעם נישט צו. ווער ס'וויל פֿאָרן, קאָן פֿאָרן...

— יאָ, אָבער... פֿאַר מיר, פֿריינד מיכלסאָן, מעגט איר רעדן אַ ביסל... קאָנקרעטער...

— עפּעס האָב איך געהערט, — האָט מיכלסאָן גענומען זיך קראַצן אין נאַקן, — וועגן פֿאָנדן פֿאַר יידישע אינטעליגענטן... שרייבער... קינסטלער... זשורנאַליסטן... די וועלט, וואָס אַן אומות, שטייט ביי אונדז ברייט אין אָפֿן... און מאַקע אונדזער לאַנד, כ'מיין, ארץ־ישראל...

— אָבער וויזעס, פּאַניע מיכלסאָן... וויזעס... — איז יענער צוגעשטאַנען און געמאָנט האַרב, — וואָס ווייסט איר? מיר שלאָגן דאָ אָפּ די טירן פֿון אַלע קאָנסולאַטן. מען גיט פֿאַרזיכערונגען, און ביי דעם בלייבט עס... איר מיינט, אַז זיי וועלן אונדז מאַקע אַזוי לייכט אַרויסלאָזן?...

פֿאָרן, לויפֿן איז לייכט... אָבער דאָ, פֿון מיכלסאָנס רייד איז דעם יונגערמאַן פֿונדעסטוועגן לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. הייסט עס, אַז מען ווערט דאָרט נישט פֿאַרלוירן, אין דער גרויסער וועלט. נו, אויף אַזויפֿיל האָט מען זיך שוין באַדאַרפֿט אַליין אָנשטויסן. צי באַדאַרף מען דען דווקא יענעם אַלעמאָל אַרייַנלייגן אַ פֿינגער אין מויל אַריין, ווי?...

25

א מאָדנע איבערבלייבעניש פון פאַרעלטערטע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס האָבן די אַלטע ראָטשילדס פון 19־טן יאָרהונדערט געלאָזן נאָך זיך אין די פאַרשידענע, ס'רוב אָרעמע קוואַרטאַלן פון פּאַריז; שפּיטעלער. בתי־מדרשים, אַזיל־היימער פאַר זקנים און היימלאָזע, וווּ מען קאָן פאַר א קליינע פאָר פראַנק איבערנעכטיקן אויף א שמאָל, אייזערן תפיסה־בעטל, און צוליב דער שטענדיקער ענגשאַפט — אָפטמאָל זאַלבעצווייט. ביז צו דער מלחמה האָט אין כמעט האַרץ פון „פּלעצל“, אויף די רע ראָזיע, אויך עקזיסטירט א ביליקע ראָטשילד־קיך, וווּ די טעלער זענען געווען איינגעשאַכט און אויסגעהוילט אין הילצערנעם טיש, די לעפל־גאָפּל־מעסער און דער וויין־בעכער — צוגעשמידט אויף קייטלעך, מען זאָל זיי, חלילה, נישט צוגנבענען. איינע פון די אָפּגעלעגענע ראָטשילד־געביידעס, עפּעס א פאַרלעטערטע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע פון דעם מין, און א שטיקל דורכפאַר־געסל ביי דער פאַררויכערטער מעטראָ־בריק, איז נאָך דער לעצטער מלחמה אומגעריכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אזא מין אזיל־הויז פאַר יידישע שרייבער־פּליטים, ווי זיי האָבן זיך אליין א נאָמען געגעבן, ווייל ס'האָט מסתמא צו עפּעס געדינט.

פאַר אלעם, האָט דאַנציקערס קאָפּ געשטעקט דערין. יוי דען! ס'איז געווען דער מאָמענט. מ'האָט זיי באַדאַרפט דאָ צו האָבן. די ידיעות, וואָס זענען דאָרט נאָכאַנאַנד דערגאַנגען אהין, קיין וואַרשע און קיין לאָדזש, אז אין פּאַריז „גיט מען“, האָט גיך, אין משך פון עטלעכע חדשים, אָנגעפילט מיט א טומלדיק לעבן דאָס דאָזיקע אַלטע ראָטשילד־הויז אין פּאַריז. מ'איז געקומען אָנצופאָרן אַהער מיט ווייבער, מיט קינדער, מיט משפּחה. עס זענען דאָ פאַרפולט געוואָרן אלע שטאָקן, אלע אָפּגעלאָזענע, נאַקעטע ביוראָ־צימערן און קאָרידאָרן פון דעם אמאָליקן פילאַנטראָפּישן אַנשטאַלט, וואָס שוין יאָרן, אז ער איז נישט רעמאָנטירט געוואָרן. צוליב די פאַרפאַקטע ליפטעס, האָט מען דורכגעהאַקט רערן דורך די ווענט, דורך די שויבן, אריינצושטעלן קאָפּטשענדיקע אייוועלעך. די ווענט און דורכגענג זענען פאַרפּאַטשקעט געוואָרן מיט אָן א שיעור יידישע מודעות. עס זענען נאָך דערמאָלט געגאַנגען ברייוועלעך הין און צוריק; ס'האָט זיך דאָרט געקאָכט און געראַיעט, ווי אין נחס תיבה.

און איינער פון די סאַמע ערשטע שוואַלבן אין דעם אַלטן ראָטשילד־הויז איז טאַקע געווען אָט דער קליינער, בלייכער יונגערמאַן מיט די כמעט אָפּגעמעקטע ברעמען אונטער די צו גרויסע דראָטענע ברילן, רוהערמאַן — עפּעס א שטיקל רעפּאָרטער אין א וואַרשעווער צייטונג פאַר דער מלחמה, א קאָרעספּאָנדענט אין אָן א שיעור יידישע בלעטער און אויסלאַנד. אריבערגעכאַפּט אַהער האָט ער זיך איבער שווערן. ערשט דאָ האָט ער ענדלעך לייכטער אָפּגעאָטעמט. א פרייע

מדינה. די אַנאָנימע בריוועלעך פֿון פּוילן צום אַמעריקאַנער יידישן בלאַט האָבן געבראַכט אַ גאַנץ נישקשהדיקן ריווח. אַ זשורנאַליסט שרייבט געוויינלעך נאָר דאָס, וואָס מען פֿאָדערט, וואָס איז גאַנגבאַרע סחורה פֿאַרן הייסן מאָמענט; און אין זיין באַזיץ האָט ער פֿאַרמאָגט אַ לאַגער פֿון זייער אינטערעסאַנטע סחורה — „אויפֿדעקן די סודות פֿון הינטערן אייזערנעם פֿאָרהאַנג", פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, פֿון וואַנען ער איז צוריקגעקומען צוזאַמען מיט זיינע בני־בית, לעבעדיק און געזונט און נאָך מיט אַ היפּשע פּאָר גאָלד־שטיקלעך איינגענייט ערגעץ אין די אונטערלייבלעך, מיט אַ מאַסיוון רינג אויפֿן מיטלסטן, אויסגעבלייכטן פֿינגער, אויסער אַנדערע קלייניקייטן. ס'איז אויך געווען וואָס צו דערציילן פֿון די יאָרן הונגער און מלחמה־חורבן אין דעם לאַנד, וואָס האָט זיי אויפֿגענומען ווי ברידער, געטיילט זיך מיט זיי מיטן ביסן, מיטן געלעגער, געגעבן זיי אַ דאַך איבערן קאָפּ אין דער צייט, ווען ס'גאַנצע לאַנד האָט געבלוטיקט, געהונגערט, געשוואָלן געוואָרן. ס'איז געווען, ווי מען זאָגט — פֿאַר ברויט גיט מען אָפּ מיט שטיינער...

אָבער דער קליינער, בלייכער רודערמאַן, אויף די הויכע אָפּצאַסן, האָט זיך נאָר אין דער ערשטער צייט פֿונדערסטוועגן אַ ביסל אונטערגעשעמט. פֿאָרט, נאָך אַזויפֿיל גוטס. האָט ער זיך דערהאַר געשיקט אויסבאַהאַלטן אונטער עפּעס אַ צוגעטראַכטן נאָמען פֿון דער הפֿטורה. יעדעס בריוועלע — אַ רעוועלאַציע: „פֿון אונדזער ספּעציעלן קאָרעספּאָנדענט אין פּאַריז"... „דעקט אויף שוידערלעכע פֿאַקטן"... אַזוי מער־ווייניק אין דעם נוסח, זענען געווען די גרויסע קעפּ און די פּעטיטע אינטערקעפּ אין אַמעריקאַנער בלאַט. ס'האָט נישט אויסגעמאַכט, וואָס דאָ און דאָרט האָט מען גאָר באַלד געכאַפּט ביי דער האַנט, באַוויזן, אַז אַלץ, וואָס ער דערציילט, איז פּשוט ליגן, אויסגעזויגן פֿון פֿינגער; און פֿון וואַנען ציען חיונה — האָט זיך אים נאָר געוואָלט פֿרעגן — איז שוין גאָרנישט?...

אַליין האָט ער דאָרט, אין די אייביקע רוישיקע ביוראָען פֿון 16־טן אַראָנדיסמאַן, באַפֿוילן צו דער טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ, מען זאָל באַזונדערס זיך זען צו פֿאַרנעמען מיט די פֿאַרוואָגלטע יידישע אינטעליגענטעלע אין דעם הויז. דער ראש־המדברים איז דאָרט טאַקע געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער קליינער בלייכער רודערמאַן. וואָס האָט ער אַלץ נישט אויסגעפּועלט ביי דער פֿאַרכאַפּנדיקער רעפּרעזענטאַטיווער טאַטיאַנאַ איוואַנאָוונאַ, דער עיקר נאָך, ווען ער האָט דאָרט אַ רעד געטאָן מיט איר רוסיש און איר גענומען אויסדערציילן בלעריי געשיכטעס פֿון דאָרטן, די צווייידייטיקע אַנעקדאָטן... אפֿילו וואָס שייך די פּוילישע פּעסער זייערע, וואָס זענען דאָ, אין פֿראַנקרייך, לעצטנס זייער נישט חשוב געוואָרן, האָט מען אים שטיל אַ שושקע געטאָן, אַז זיי זאָלן הייסט עס, לאָזן בעסער פֿאַלן און גיין אַרויסנעמען די שטאַטנלאָזע „אָנגראַ"־פּעסער; אַז מען וואַרפֿט זיך מיט זיי ווייניקער אין די אויגן מיט דער פֿרעמדער, צעטשעפּעטער פּוילישער בירגערשאַפֿט, אַז מען קען זיך טאַקע לייכטער באַוועגן, אַז די אויפֿ=

האַלט־רעכט אין פּאַריז, וואָס איז אויך נישט אַזוי לייכט, איז כּמעט אַ פּאַרזיכערטע. קלייניקייטן, וועגן וועלכע ס'לוינט זיך באמת נישט צו דערמאָנען...

רודערמאַן איז שטאַרק מפורסם געוואָרן די לעצטע צייט, און דאָס אַלץ אַדאַנק די אויסלענדישע בלעטער. ער האָט, למשל, אויסגעפונען אַ געפערלעכע סענסאַציע, וואָס באַגלייבטע עדות, קומענדיק פון פּוילן, האָבן עס אים אָנפאַרטרויט: עפּעס אַ מעשה מיט אַ ייִד, וואָס איז נעבעך פון גרויס האַרצווייטיק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ביי דער גרענעץ, ווייל מ'האָט אים נישט געלאָזן אַרויספאָרן צו זיין משפּחה אין ארץ־ישראל. ס'איז טאַקע באמת געווען הימלשרייענדיק. אַרויסגעוויזן האָט זיך דערנאָך איין קלייניקייט — דער ייִד לעבט. ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט בדעה אַרויסצופאָרן. אַ דאגה. אָבער דערווייל האָט זיך אַ ביסל געקאָכט. מען דאַרף האָבן חיונה און פּאַרטיק...

אַ ביסל ערנסטער האָט די זאַך אויסגעזען, ווען ס'האָט זיך דאָ גענומען אַרומקאָכן מיטן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז אויף הערבסט צוזאַמענגערופן געוואָרן אין ניו־יאָרק; אַ קאָנגרעס, וווּ אַלע פאָרשטייער פון ייִדישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס זענען פון פאָרויס אויסגעשלאָסן געוואָרן. וואָכנלאַנג האָט זיך דאָרט געקאָכט אַרום דעם אין אַלטן ראָטשילד־הויז. קולטור אַהער, קולטור אַהין — ווו איז דער אויסוועג, האָט מען געוואָלט וויסן. סוף־כּל־סוף איז טאַקע נישט געווען קיין תכלית אַזוי אַרומצודרייען זיך אויפן טומלדיקן וועלט־יאַריד, אין פּאַריז, און לעבן אויף קהלס חשבון. ווי לאַנג נאָך וועט מען אַזוי „געבן“? ס'האָט זיך, דער עיקר, געוויזן אַ זעלטענע געלעגנהייט אַריבערצוכאַפּן זיך אַהין, קיין אַמעריקע. אַזאַ גליק! ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען, אויף די הויכע אָפּצאַסן, דער קליינער, בלייכער רודערמאַן. דאָס הויז איז טאָג און נאַכט געגאַנגען אויף רעדלעך. פאַרזאַמלונגען, זיצונגען. מ'איז געלאָפן טרעפּ אַרויף און טרעפּ אַראָפּ. מ'האָט זיך געסודעט אונטער די טירן. ווער וועט פאָרן, האָט מען געוואָלט וויסן? ווער וועלן עס זיין די אויסדערוויילטע און גליקלעכע?

רודערמאַן האָט זיך אין יענעם דעצידירנדיקן אָוונט אַרומגעקוקט איבערן קליינעם, אָפּגעלאָזענעם, פול אָנגעפּראָפּטן זאַל און ס'ערשטע, וואָס ער האָט אַ טראַכט געטאָן, איז געווען — „בטלנים“... צעריסענע מענטשן, נאָך אַלעמען, פאַרבימערטע, לייכט זיך אויפרעגנדיקע. זיי זוכן אַלע גיריק אַריינצוקוקן אין פאַרנעפּלטן מאָרגן אַריין, אויסשפּירן אַ נאָענטע געפאַר און באַצייטנס אַנטלויפן, ראַטעווען זיך, זאָל זיין אַפילו ערגעץ אין עק וועלט.

דיכטער, שרייבער, פעדער־מענטשן, וואָס זענען דאָרט אַמאָל ערגעץ ווו פאָרט פאַרבונדן געווען מיט אַ בידנער עקזיסטענץ אויף דער היימישער ערד; — זיי זענען אַלע מיטאַמאָל אַזוי ווי שטעקן געבליבן אין אַ ווייטן נעכטן. זיי גלייבן שוין, דאַכט זיך, מער אין גאָרנישט; און דאָס איז דאָס טרויעריקסטע. כּמעט אַלע האָבן זיי זיך אָפּגעראָטעוועט אויף דער גרויסער, פריינדלעכער ערד פון

ראַטנפאַרבאַנד. זיי האָבן געזען דאָס לאַנד אין גרויסן אויפגערודער, ווען מ'האָט דאָרט דעם מענטש יעדן טאָג מקריב געווען אָפּצושטעלן די וועלט=מגפה. מ'האָט זיך דאָרט געשטיילט מיט זיי מיטן ביסן. זיי האָבן אַלץ צוגעזען, גאָרנישט פאַרשטאַנען און גאָרנישט געלערנט, די אָרעמע.

דער האָט אַמאָל געהאַט אָנגעשריבן עטלעכע גאַנץ גלאַטיקע לידער; יענער, דער עסייאיסט, שרייבט נאָך ביז היינטיקן טאָג וועגן עפּעס אַן אַלטער, אויסגעוועפּטער ייִדישקייט, וואָס האָט כלומרשט די אויפגאַבע צו דערלייזן די וועלט, אַראָפּברענגען משיחן, וועגן אומקלאָרע ייִדישע מיסיע= און קיום=פּראָבלעמען. וואָס, פרעגט זיך, וועלן זיי דאָרט זאָגן, אין ניו=יאָרק? מען וועט זיי גאַנץ שיין אויסהערן און זיך נאָך אויסלאַכן הינטער זייערע פּלייצעס. זיי קענען שוין דאָרט פון אויסנווייניק דאָס לידל. משיחים=ברענגער האָבן זיי גענוג אייגענע. ס'איז קודם=כל — דאָס שווערע געוויסן זייערס... ווייל אין משך פון די מלחמה=יאָרן ווען ייִדן זענען דאָ אָפּגעגאַנגען אין בלוט, האָבן זיי דאָרט בלויז געקרעכצט און קיין ממשותדיקע שריט נישט אונטערגענומען. זיי האָבן דאָרט אויך געמאַכט נישט קיין שלעכטע געשעפטן... זיי באַדאַרפן עס מטהר דעם קולטור=קאָנגרעס.

ייִדישע קולטור... — האָט רודערמאַן באַקלערט, — וועלכע ייִדישע קולטור? פון וועמען און פאַר וועמען? איז הער צייט, ווען אפילו אין ישראל גופא וויל מען מער דערפון נישט הערן און געדענקען... קלאָגן, וויינען אויפן חורבן... צי דאַרף מען עס נאָך? זאָל לעבן דער אַנציקער. ווי האָט ער דאָרט אַנומלט א זאָג געטאָן, מיכלסאָן, מכוח דעם זעקסטן אָדער זיבעטן חוש... אָט וואָס! און ער, רודערמאַן, האָט זייער שטאַרק חשק געהאַט מיטצופאָרן אין דער דעלעגאַציע, אריבערכאַפּן זיך, פאַר יעדן פּרייז אריבערכאַפּן זיך.

אין דעם אָוונט זענען דאָרט די געמיטער ביי זיי אַלעמען געווען גענוג אָנגעצונדן. ס'איז געווען דעצידירנדיק. מיכלסאָן אַליין איז אַראָפּגעקומען. נאָך אַלעמען, האָט זיי דער ייִד א ביסל פאַרשטאַנען, די יונגעלייט. פאַר זיי האָט זיך, קאָן מען זאָגן, דאָס גרויסע גליק אָנגעהויבן מיטן חורבן. פריער, אין דער היים, האָט זיך קיינער אויף זיי דערכט נישט אומגעקוקט. וואָס פאַר א פּראָווינצער יונגערמאַן, וואָס האָט דורכגעלייענט א פּאָר ביכלעך, האָט דען נישט געשריבן קיין פערזן? זיי האָבן דאָרט וועגעטירט, די יונגעלייט, געזוכט אויסצולעבן זיך אין דער קרענקלעכער פאַנטאַזיע פון געגראַמטע שורות. ס'איז זיי קיינעם נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. צווישן זיי זענען געווען אייניקע, וואָס וואָלטן אפשר מיט דער צייט געהאַט עפּעס וואָס צו זאָגן אייגנס. דאָס שנאָרען בחברותא איז ביי זיי אין די פאַר יאָר געוואָרן א מין נאַטירלעכע געוווינהייט. זוי, פרעגט זיך, זענען זיי אָנגעבונדן? ווער באַדאַרף זיי? ווען וואָלט אַזאַ יונגערמאַן, ווי דער רודערמאַן, עפּעס א רעפּאָרטער אין א וואַרשעווער בלאַט, געמאַכט קאַריערע פון זיינע שרייבעריען, מען זאָל זיך אויש רייסן איבער אים. זיי האָבן אָבער

אַלע, מיטן זעקסטן אָדער זיבעטן חוש, געהאַט דערשמעקט, אַז זיי זענען געוואָרן סחורה אויפֿן וועלט־מאַרק. איינער פֿון די יונגעלייט איז אַפֿילו אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין ישׂראל, צו פֿאַרהאַנדלען דאָס מאַרטירערטום פֿון די געטאָס, און צוליב עקספּאָרט־צוועקן, און דאָס פֿאַר אַ גאַנץ גוטן פּרייז. אויף יענער זייט ים ווידער איז אַלץ געווען דאָס געפֿיל פֿון שולדיקייט, פֿון וועלן זיך אויסקויפֿן מיט אַ פּאָר דאָלאַר. זיי האָבן דאָרט, מיט דער געוויינלעכער אַמעריקאַנער חוצפּה, געקרוינט עטלעכע פֿון די יונגעלייט אַלס „גרויסע" און „וויכטיקע". אַנשטאָט צו שווייגן, אין טיפֿן ווייטיק, נישט צעפֿלידערן עס, איז אַוועק אַ געיעג, ווער ס׳וועט באַווייזן מער צו צעקראַצן די אייגענע ווונדן.

דער לאַנגער פּאָעט מיטן פֿויגל־פּנים, דער אורבאַניסט, האָט זיך נאָך דאָרט לאַנג געריסן הינטערן טישל מיטן גרינעם, פֿאַרשטויבטן געוואַנט. ער האָט נערוועז אַ טאַפּ געטאָן דאָס שוואַרצע שלייפֿל אויפֿן דאַרן האַלדז און אומבאַדינגט געוואָלט באַווייזן דעם געשיכטלעכן המשך פֿון ייִדישע קולטור־צענטרען, וואָס גייען אונטער אין איין אָרט און קומען אויף אין אַן אַנדער אָרט. ער איז זיך נאָך דאָרט פֿאַרגאַנגען וועגן דער וועלט־דערלייזערישער מיסיע אונדזערער, האָט בייז, מיט רוגזה, געקלאַפּט אין טישל אַריין, אַפֿילו געבראַכט עפּעס אַ משל פֿון רבי גמליאל, אַז די תּנאים, אויב זיי זענען אַפֿילו נישט אינגאַנצן גערעכט, מוז מען זיי אויך געהאָרכן, ווייל זייער וואָגיק וואָרט איז געגליכן צו אַ דין... נאָר ווער האָט אים שוין דאָרט צוגעהערט? דער קליינער רודערמאַן האָט געשיקט אַ בליק געטאָן איבערן האַלב־אויסגעליידיקטן זאַל און דערזען, ווי מיכלסאָן, שטאַרק געלאַנגווייליקט, הייבט זיך לאַנגזאַם אויף און גייט הינטערווײַלעכטס צו דער טיר. פֿון אים, האָט ער באַלד פֿאַרשטאַנען, וועט ער אַוודאי הערן דאָס ריכטיקע וואָרט. ער האָט אים נאָך באַוויזן צו דערכאַפּן בײַם אַרונטערגאַנג פֿון די טרעפּלעך, לעבן טויערל.

— כ׳זע, אַז איר האָט דאָרט אויך אַזש באַקומען קאָפּווייטיק... — איז ער פּאַוואָליע, ווי אַ קאַץ, אונטערגעשפּרונגען אויף זיינע הויכע אָפּצאַסן. — ווי שייך, צו פּלפּול איז נישטאָ קיין גרענעץ. דאַכט זיך, קלאָר... הם... ייִדישע קולטור... אונדזער ייִדישע קולטור...

— לאָזט זיי, רודערמאַן, — האָט דער פֿאַרטראָגענער ייִד גערעדט אַ ביסל אומעטיקלעך, — ס׳איז איבערגאַנג... זיי אַלץ דאָ, איבעריקנס... איר וועט אָנקוקן — ס׳וועט זיך אַלץ דאָ אויסקאָכן...

— איך, פֿון מיין זייט, וואָלט זיי דאָרט, אַשטייגער, אויפֿן קאָנגרעס, געהאַט צו זאָגן דאָס סאַמע עיקרדיקסטע. ייִדישע קולטור, וואָלט איך זיי געזאָגט, איז — פּאַרטייִדיקן אונדזער אַלט און אייביק היימלאַנד... דאָס לאַנד פֿון אונדזערע אבות. יאָ, צו דעם געדאַנק בין איך ענדלעך געקומען...

— דאַכט זיך, אַז איר זענט קיינמאָל קיין ציוניסט נישט געווען? — האָט אים מיכלסאָן זייער פּלוצים איבערגעהאַקט.

— אַז מען וויל... יאָ... פֿאַרוואָס דען נישט?... דער נאַטירלעכער און פּשוטער געדאַנקען-גאַנג, דער זין פֿון אונדזער זיין... די לעצטע פּאָר יאָר האָבן אונדז דען ווייניק געלערנט?...

— און וואָס, אַשטייגער, וועלן די אַנדערע דאָרט זאָגן?... די בונדיסטן, אַשטייגער?...

— זאָלן זיי זאָגן, וואָס זיי ווילן. זייער לידל קענען מיר שוין פֿון לאַנג... סתם קולטוריזם... יידישיזם... אונדזער היים איז אָבער פֿאַר אונדז אין איצטיקן מאָמענט אי קולטור, אי רעאַליטעט...

— ס'איז אפֿשר אַ שׂכל, — איז דער ייד נאָך אַליץ געווען סקעפּטיש און פֿאַרטראָגן און שיר נישט אַרויף אויפֿן לאַמטער אין ראָג. דער אַלטער האָט מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן דעם בליק אונטער די געפֿלדיקטע ברילן צו אַ פֿאַרבייפֿאָרנדיקער, אָנגעצונדענער מעטראָ-שלאַנג אויבן, אויף דער פֿאַרוויכערטער בריק און נאָכאַמאָל פֿאַרחושט אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, אַזאַ מענטש ווי איר וואָלט אפֿשר אויך באַדאַרפֿט דאָרט צו זיין... און טאַקע זאָגן זיי... פֿאַרוואָס נישט? פֿון די פּאָעטן, ווייסט איר, האָב איך קיינמאָל נישט צופֿיל געהאַלטן. פֿלאַטער-קעפּ. עפּעס זעען זיי אַליץ אַזוי ווי דורכן איבערגעבראָכענעם, צעשוווּמענעם אָפּשפּיגל פֿון אַ וואַסער-אויבערפֿלאַך. שטימונגען, פֿילונגען... ווייסער. מען קאָן נישט לעבן בלויז דערמיט אַליין. און זיי דאָרט, אין אַמעריקע, זיי זענען שוין דווקא צופֿיל ניכטערן, אפֿילו די פּאָעטן... ביי די מיסטיקער, סיי די אינזיכיסטן און סיי די סור-רעאַליסטן... יאָ-יאָ...

— אין גרונט גענומען, וואָלט עס אַזוי באַדאַרפֿט צו זיין. מיר פֿאַרנעמען זיך יעדן טאָג מיט דער רעאַליטעט... מיט אונדזער יידישער רעאַליטעט...

— און מיט דאַניציקערן האָט איר שוין איבערגעשמועסט דערוועגן?

— כ'האָב געפּרוווט אַ שמועס טאָן, איז ער מיר אָבער אונטערמיט ערגעצוווּ אַוועקגעפֿלויגן; געכאַפּט דעם אַוויאָן און אַוועקגעפֿלויגן, — האָט ער, אַזוי ווי נישט מיט זיין קול, אַרויסגעלאַכט, — אַ ייד האַלט עס אין איין אַרומפֿליען... מנחם-מענדל...

— און מיט אונדזער טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ?

— אויך די אייגענע מעשׂה. יאָ, די דאָזיקע שיינע, אַריסטאָקראַטישע און נאָבעלע פֿרוי האָט זייער פֿיל פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם אַלעם, וואָס מיר רופֿן אָן רעאַליטעט, בכלל פֿאַר קולטור... זי האָט מיט מיר טאַקע, אַגב, גערעדט וועגן אייך... — האָט ער נאָך צולעצט שטיל צוגעגעבן, דערמאָנט, און געוואַרט אַ רגע, — אַזאַ מענטש ווי מיכלסאָן, האָט זי געזאָגט, איז ווייט צו זוכן...

— טאָ זאָלן זיי זיך דאַרטן קאָכן, — האָט אים מיכלסאָן פֿאַרזיכערט, — אַז מ'עט דאַרפֿן, וועט איר אויך פֿאָרן... אומבאַדינגט, איר הערט?

26

וואָס פֿאַר אַ ווײַסטער אָנגעלויף פֿון פֿאַרבלאָנדזשעטע ייִדן ס'האָט אין יענעם יאָר אָנגעפֿילט די זײַטיקע האָטעלן, פֿאַרשטעקט אין די געסלעך אַרום דעם אַלטן ראָטשילד־הויז, בײַ דער פֿאַרוויכערטער מעטראָ־בריק. יעדן טאָג האָבן פֿון די נאָענטע צפֿון־ און מזרח־וואָקזאַלן געהאַלטן אין איין אָנקומען פֿרישע. ס'איז געווען אין די קורצע, הייסע פֿאַר חדשים, ווען מ'האָט דורך די לאַגערן פֿון די דײַטשישע זאָנעס געצויגן אַהער, קיין פּאַריז, צום אינטערנאַציאָנאַלן וואָקזאַל, ווו אַלע וועגן צו דער וועלט האָבן זיך געקרייצט; מ'האָט געצויגן פֿון פּוילן, פֿון רומעניע, פֿון אונגאַרן און פֿון ווו נישט? פֿון די קאָמיטעטן האָט מען זיי דערנאָך פּאַרטיעסווײַז געבראַכט אָנצופֿירן אַהער, און די טוכלע, פֿאַרשטעקטע האָטעלן אַרײַן, וואָס האָבן שוין געוויינלעך האַלב געפּוסטעוועט. מ'האָט געזען ווײַבלעך פֿון די לאַגערן, בײַ דער זײַט מיט קינדער פֿון אין אומגעוויינלעכן פֿאַרכאַפּנדיקן און חשודיקן בלאָנד. איינמאָל האָבן אַפֿילו די נאָכמיטאָג־צײַטונגען געבראַכט אַ מאָדנע ידיעה, אַז די ברעג־פּאָליצײַ האָט פֿאַרהאַלטן הינטער די בריקן פֿון דער סען עטלעכע רבנים, מיט לאַנגע, געדרייטע פּאות און קאַפּעליאַטשן; זיי זאָלן האָבן אַרונטער אין מיטן העלן טאָג צום טײַך זיך אָפּטובלען, אָדם־נאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי באַשאַפֿן. מיטעליעריקע ייִדן, מיט געפֿלעגטע, שוואַרצע, אַשורישע בערד, ווי אויסגעשניטן פֿון די באַרעליעפֿן, מיט סאַמעטענע קאַפּעליושן, זענען אַרײַן אין דער מעטראָ, געשטאַנען און געריסן דאָס אויטאָמאַטישע טירל, וואָס פֿאַרקלאַפּט זיך געוויינלעך, ווי נאָר דער צוג פֿאָרט אָפּ.

די ייִדן מיט די ווילדע, שוואַרצע בערד און פּאות, די ווײַבלעך, אויסגע=הטראָיעטע אין פֿרעמדע מאָדעס, האָבן זיך יעדן טאָג אַרויסגעלאָזן איבער דער שטאָט צו באַלאַגערן די קאָמיטעטן, די פֿילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און די קאָנסולאַטן. דער עיקר טאַקע האָבן די אַלע אָנגעלאָפֿענע, זיצנדיק אויף זייערע פּעק און רענצלעך, געוואַרט אויף וויזעס אַריבערצוכאַפּן זיך קיין אַמעריקע.

ס'זענען געגאַנגען די רעשטלעך פֿון אַ פֿאָלק, פֿון שיכטן, קאַסטן, קליקעס, סעקטעס, די מערסטע — אָפּגעראַטעוועטע אויף דער גאַסטפֿריינדלעכער סאָוויעטישער ערד.

אין אָוונט האָט דאָרט דאָס אַלטע ראָטשילד־הויז אין זײַטיקן קנאַפּ־באַליכ=טענעם געסל, געראַוויעט ווי אַ בינשטאָק. אין אַלע פֿענצטער איז געווען ליכטיק. שוין לאַנג, אַז ס'איז אַזוי הײמלעך נישט געווען, מ'איז איבער די אַלטע טרעפּן

געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ. דאָ איז אומגעריכט געוואָרן דאָס האַנדעוו־אָרט פֿו׳ אַלערליי סאָרט לייט; און אַלעמען, נאַטירלעך, האָט דער פֿלינקער זשורנאַליסט רודערמאַן געקענט, מיט אַלעמען האָט ער געהאַט אָן אַ שיעור געשעפֿטן און פֿאַרבינדונגען. דאַכט זיך, וואָס פֿאַרא שייכות האָט ער געקאָנט האָבן מיט די לייט פֿון די אַנדערס־באַנדעס, מיט די פּאָליאַקן פֿון גלות; מיט עפּעס איינער אַן אויסגעסטראָיעטער דאַמע, אַ צווייפֿלהאַפֿטער קאַבאַרעט־זינגערין, וועלכע זאָל האָבן אַנטלאָפֿן, האָט מען דערציילט, אין אַן אַוויאָן פֿון פּוילן אין סאַמע לעצטן מאָמענט, ווען מ'איז שוין געווען אויף אירע שפּורן; זי זאָל האָבן געווען פֿאַרמישט אין עפּעס טונקעלע און פֿינצטערע פֿאַרבינדונגען מיט די אויסלענדישע קאָנסולאַטן; וואָס פֿאַרא שייכות האָט ער געקאָנט האָבן מיט די לייט פֿון דער פּוילישער גלות־פּרעסע, וו מ'האָט לעצטנס אַ סך געשריבן וועגן ייִדן, מיט אָפּלאַבערישקייט, מיט רשעות און כּלומרשטן מיטגעפֿיל, ווי זיי אַנטלויפֿן פֿון באָלשעוויזירטן פּוילן, די ייִדן, וואָס זיי אַליין, הייסט עס, האָבן עס געהאָלפֿן באַשאַפֿן... ער איז נאָכאַנאַנד געלאָפֿן אויף די הויכע אָפּצאַסן, רודערמאַן, געשיקט דעפּעשן און בריוו צום אַמעריקאַנער בלאַט, איין סענסאַציע גרעסער ווי די אַנדערע...

צווישן די אַלע גרויע, אָנגעלאָפֿענע עמיגראַנטן, האָט זיך אַנרי אומבאַמערקט מיטגעדרייט. דאָ, נישט ערגעץ אַנדערש, האָט ער דערפֿילט, וועט ער געפֿונען די שפּורן נאָכן פֿאַרשוווּנדענעם מיידעלע. און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. זיין פֿאַרשאַרפֿטער חוש האָט אים נישט פֿאַרפֿירט. כאָטש זיי זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין ציוויל, לייכט אַרויסגעצויגן אויף זיך די פּאַריזער בוליקע עלעגאַנץ פֿון אַ געוויינלעכן בולוואַר־פֿאַרבייגייער, איז פֿאַר אַנרין, דעם געוועזענעם סאָלדאַט פֿון דער פֿרייוויליקער אַרמיי אין שפּאַניע, פֿונעם ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיך בעת דער אָקופּאַציע אויסגעלערנט צו פֿאַרשטעלן זיך אין טויזנט מאַסקעס, אין שטענדיקן לויער פֿון דער געסטאַפּאָ, נישט שווער געווען צו אונטערשיידן אָט די יונגע לייט, די ספּעציעלע שליחים, מיט די ספּעציעלע מיסיעס; זיי האָבן זיך דאָ אין יענעם ווינטער אַרומגעדרייט אין פּאַריז, פֿול געווען אויף אַלע געדיכטע זאַמלפּונקטן, צווישן דעם אָנגעלאָפֿענעם עולם ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע און פֿון די לאַגערן. אין זייער באַוועגן זיך, כאָטש אין ציוויל, איז פֿאַר אַ געניט אויג באַלד לייכט געווען צו דערקענען דעם איבערגעטוענעם סאָלדאַט. היינט האָסט זיי געזען דאָ אַרומדרייען זיך, און מאָרגן זענען זיי פּלוצים פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. די דאָזיקע האָבן זיך לייכט באַוועגט איבער די גרענעצן, כמעט פֿריי, מאָדנע פֿלינק, מיט אַלערליי אויסגעשטעלטע פּאַפּירלעך, פּאַספּאָרטן און וויזעס, מיט פֿאַרשידענע פֿאַרבינדונגען און מיט פֿאַרשידענע פּאַראָלן. זיי זענען אין יענע פּאָר חדשים פֿאַרמישט געווען אין דער קאָנטראַבאַנדע פֿון אַלע פּאָרטן אויפֿן מיטלענדישן ים, אויסגעמישט זיך מיט די אומלעגאַלע עמיגראַנטן און אויך געהאַט אַ שייכות צו

די אָנגעברענגטע קינדער פון אַלע עקן אייראָפּע. אפשר האָבן זיי טאַקע אויך אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן פון זייער לאַנד, אָבער ס'איז דאָך געווען אין די דאָזיקע לייט דאָס הייסע, הפקרע בלוט פון אינטערנאַציאָנאַלע אַוואַנטוריסטן. זיי האָבן שאַרף אויסגעלאַכט אַלץ אין יידישן לעבן, וואָס איז דאָ אויפן אָרט צוריק אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזויפיל קרבנות און מסירות-נפש. דאָס זענען געווען אַזעלכע מיני ליקווידאַטאָרן, פּרעטענזיע-גייערס, אומבאַרעכטיקטע ירושה-כאַפּערס. זיי האָבן געטראָטן אויף אַלץ און אַלעמען. דאָס באַפעלערישע איז געווען אין זייער יעדן קער. זעט אויס, אַז אויך אין דעם אַלטן ראָטשילד-הויז האָבן זיי געהאַט זייערע ספּעציעלע וויכטיקע מיסיעס, טרעפונגען און פאַרבינדונגען. און דאָ האָט זיי דאָס ייִנגל אַנדרי מיטאַמאָל דערזען און דערקענט זיך אויף זיי, ווי אפשר קיינער נישט. ער איז מאָדנע זיכער געווען, אַז דורך זיי וועט ער סוף-כל-סוף דערגיין צום הויז, וווּ וואָלפס מיידעלע געפינט זיך ערגעץ. זיי, נישט קיין אַנדערע, האָבן דאָס קינד שוין געהאַט אויפן אויג, געקאָנט עס אַ ליאַדע טאָג אַוועקנעמען; און נישט, נאַטירלעך, אָן דער הילף פון ראָזעטן. זיי האָבן שוין געוווּסט, וווּ עס געפינט זיך די ווילע פון מעסיע בדיסטן, וווּ ס'איז דער מיידל-ליציי און אין וועלכע שעהן די קליינע קערט זיך אום, מיט אַ טעגלעכן גאַנג, דורך דער שטילער, ביימערדיקער אַוועניו. דערפאַר איז אַנדרי איינמאָל געקומען צו לויפן צו וואָלפן.

— כ'ווייס, — איז דאָס ייִנגל געווען בלייך און אויפגערודערט, — כ'בין אויף די ריכטיקע שפּורן... ס'ווענדט זיך גאָר איצט אין דיין ענערגישן האַנדלען...

און דאָ האָבן זיך מיטאַמאָל ביי וואָלפן אַראָפּגעלאָזן די הענט. צי קאָן מען דען אַזוי... פּלוצים? און די קליינע... צי ווייסט זי כאָטש, די קליינע? צי איז זי צוגעגרייט?... צי ווייסט זי איבערהויפּט?...

ווען ער האָט זיך אָבער ענערגיש גענומען נאָכגיין די שפּורן פונעם קינד, איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט שוין מער נישט געהאַט נאָכוואָס צו קלינגען אין דעם פרעמדן הויז, וווּ זיין קינד האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די לעצטע פּאָר יאָר.

אויסגעפאַלן איז עס אין יענע הייסע עטלעכע חדשים, ווען אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד, אין די הכשרה-קינדער-הייזער אין פראַנקרייך, און איטאַליע, נאָענט פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָרטן, האָבן די דאָזיקע לייט אָנגעברענגט אַ סך פון די אָפּגעראַטעוועטע יידישע קינדער. אין די אַלע פּונקטן האָט שוין געאַרבעט אַ שטאַב פון מדריכים, פּקידים, שליחים און אַפילו אַן אָפּטיילונג פון דער אומלעגאַלער „הגנה“. וועגן דעם אַלעם האָט איר מיכלסאָן איינמאָל, אַזוי אומגערן, אַ זאָג געטאָן, ראָזעטן, און זי האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אין דעם. דערמיט, האָט זי געפילט, וועט ענדלעך אַלץ אויפגעבונדן ווערן, זי וועט פריי ווערן פון אַן איבעריקער לאַסט, וואָס הענגט אויף איר האַלדז. נישט מיר און נישט דיר. ליקווידירן דאָס אַלץ, וואָס איז גאָר געווען פאַרבונדן מיטן הויז, מיט דער

משפּחה, מיט דער פּרעמדער לאַסט פון יידישע איבערבלייבענישן. טאַקע, וואָס קערט זי זיך אָן מיט דעם אַלעם?

זי האָט שוין צוריק געברענט און געפּלאַמט, ראָזעט. איר איז שוין איצט נישט געגאַנגען אין גאַנצן לעבן, האָט זי געטענהט. זי האָט שוין אַצינד פון וואָלפן נישט געוואָלט מער הערן און געדענקען; אַזוי האָט זי פאַר אַלעמען געזאָגט. ס'האָט נאָר געברענט אין איר אַ ווילדער כעס, פאַרוואָס זי האָט זיך דערמאָלט אַזוי דערנידעריקט פאַר אים, איינגעבעטן זיך ביי אים, כמעט געלעגן ביי זיינע פיס, געוואָלט פאַרזאָרגן אים מיט זיין קינד. די אַלטע קאַפּריזן און אַמביציעס זענען ביי איר מיטאַמאָל איבערגעגאַנגען אין שטעכיקער בייזקייט, נישט מוחל צו זיין, אין ווילדן כעס, און היסטעריע. מילא, פאַר מיכלסאָנען האָט זי דאָרט טאַקע געלאָזן עטלעכע מאָל פאַלן אַ וואָרט, אָבער פאַר אַלע זייטיקע אין איר אָוונטיקן סאַלאָן, ווו ס'האָט זיך גאַנץ דיסקרעט געקאָכט, האָט עס, לויט איר, געהייסן, אַז יענער איז געקומען צו איר און האָט זיך אָנגעוואָרפן מיט זיין סאָלדאַטישער, הוצפּהדיקער צודרינגלעכקייט; אַזוי האָט זי געגעבן אָנצוהערן; אַז נישט געווג, הייסט עס, וואָס ער האָט דער אומגליקלעכער שוועסטער אירער צוערשט פאַרדרייט דעם קאָפּ און אַז צוליב אים אפשר איז זי אומגעקומען... יאָ, אַזוי ווייט איז זי געגאַנגען. נאָר זי אַליין האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס מיידעלע. איין זאַך האָט זי נאָר פאַרלאַנגט — אַרויסרייסן זיך פון דעם גאַנצן דאָ, אַוועק, קיינמאָל מער נישט אומקערן זיך, אָפּטאָן עפּעס אַזוינס, ליקווידירן. ס'איז איר מיטאַמאָל ענג געוואָרן.

דערפאַר אויך איז זי אומגעריכט נענטער געוואָרן מיטן קילן מעסיע ווייל, גיך, אין איינע עטלעכע וואָכן, אַנטשלאָסן זיך, געכאַפּט און אַלץ אָפּגעטאָן. אָבער דאָס מיידעלע, וואָס איז דאָרט געווען אין דעם הויז ביי מעסיע בריסטו, איז איר געשטאַנען אין וועג. ליקווידירן... ס'רעדט זיך נאָר אַזוי לייכט אָפּ. נישט אַזוי לייכט ליקווידירט מען, מען קאָן איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרויסשמייסן דאָס אַלטע, פאַרזשאַווערטע זינגער־מאַשינדל, וואָס וואַלגערט זיך שוין וועך ווייסט פון וויפל יאָרן אין הויז; מען קאָן פאַרהאַנדלען פאַר אַ שיבוש דאָרט, אבי פּטור צו ווערן, פון דעם געדעכעניש אין דאַטשע־שטעטל ברינואַ, די האַלב־חרובע ווילע צווישן דעם ווילדן יידישן אָנגעליפן; מען קאָן זיך אוועקציען ערגעץ אין די ווייטע קוואַרטאַלן, ווו מען זעט זעלטן ווען אַ ייד פאַר די אויגן. אָבער ס'קינד... זי האָט שוין איצט געוווסט, איז געווען זיכער, אַז דאָס מיידעלע וועט אין דעם הויז ביים מעסיע בריסטו אויך נישט פאַרבלייבן. אָבער וויאַזוי? ווהין? צוערשט איז געגאַנגען די רייד אין די שטילע שבתצונאַכטס דורכן טעלעפאָן, פאַרזוכען אין וויכן פּאָטעל, צווישן מיכלסאָנען, און וואָלפערן און זייער אָנגענעמער מיטשמועסערין — ראָזעטן. דערנאָך האָט זיך מיכלסאָן ווידער איינמאָל אין אַן אָוונט

אַרויפגעכאַפּט אין הויז אַריין, איז לאַנג אָפּגעזעסן, געפּרייכט, געווישט זיך דעם שטערן און געלאָזן פאַלן מאָדנע, צווייִדייטיקע רייד:

— ביי די־אָ לייט, פאַרשטייט איר מיך... איך, הערט איר, וואָלט זיי נישט אָנגעטרויט קיין קינדער... קיין יידישע קינדער... אַפילו זייערע אייגענע... איר ווייסט דען, וואָס ס'טוט זיך אָפּ?...

— וואָס, אַ שטייגער?

— פרעגט בעסער נישט... — איז ער געווען צעטומלט פון אַזאַ אומגעריכטער פראַגע. מע באַדאַרף איר, הייסט עס, אַלץ אויפסניי צעלייגן אויף טעלערלעך...

זי האָט זיך צעשטרייט, אָבער מיט קאָפּ צוגעהערט צו זיינע לאַנגזאַמע רייד און נעפּלדיק עפּעס אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. וואָס איז איר, נאָך אַלעמען, שוין געווען די נפקא־מינה? דורך דעם ייד, האָט זי געוווּסט, וועט זי אפשר פאָרט דערגיין צו אַ טאָלק; און דערמאָלט וועט זי אַלץ אַראָפּוואַרפן פון זיך, אויסטאָן זיך, אַראָפּוואַשן פון זיך, ווי מען וואַשט אַראָפּ פון זיך אַן איבעריקע, איינגעגעסענע קלעפּיקע זאַך אויפן לייב.

אַזוי איז דאָס מיידעלע איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט פאַרשוווּנדן געוואָרן, אַזוי ווי אין וואַסער אַריין, אָן אַ שפּור נאָך זיך. ס'איז געשען אַזוי:

האַלב זעקס פאַרנאַכט מאַכן זיך ברייט אויף די טירן פון שטרענג אָפּגעשלאָסענעם מיידל־ליצײ. דער שטייפער פּאָליס מיטן ווייסן שטעקעלע שטייט אין דער מיט ברוק און פאַרהאַלט די אָנגעפּאָרענע אויטאָס פון ביידע זייטן גאַס, ווען די קינדער לויפן אַהורך אויפן אַנדערן טראָטואַר. די שמאָלע אַלעען צווישן די אַלטע ברייט־צעוואַקסענע טאָפּאָלן אויף פּאַסי פּיל'ן זיך פּלוצים אָן מיט גערויש און צעזונגען געלעכטער. מאַמעס וואַרטן שוין אָפּ די קינדער פאַר די טירן. אַזאַ שיינע, אומגעריוואַקנדיקע יוגנט, ווי ס'שיט זיך יעדן פאַרנאַכט געדיכט אַרויס פון די פּאַריזער שולן.

מאַדלען, מיטן לופּטיקן, בלאָנדלעכן שויבער פון אונטערן בערעטל, אַ דינינקע און אַ בלייכע, שאַרט זיך אַרויס פון די לעצטע. עס רייסט זיך מער נישט פון איר אַזאַ העל געלעכטער, ווי ביי די אַנדערע צווישן אירע חברטעס. זי ווייסט נישט צוערשט, צי זאָל זי גיין מיטן טראָטואַר ביז צום מעטראָ, אָדער גלייך אַריבערגיין די גאַס. נאָך די מאַדאַם בריסטו קומט פּלוצים אונטער, נעמט זי אָן פאַרן הענטל, קושט זי אין שטערן און נעמט איר מיט זיך. טאַקע לעצטנס, ווען עס קאָכט זיך ווידער, עס טראָגן זיך פאַרשיידענע קלאַנגען, וואַרט זי אומרואיק אָפּ די קליינע ביים אַרויסגיין פון דער שול. אַמאָל, ווען זי פאַרשפּעטיקט זיך, כאַפּט זי זיך אויף און לויפט שנעל.

וויפל די פאַרפלאָמטע מאַנצביל־גרויסע מאַדאַם בריסטו האָט זיך נישט באַמיט צו פאַרשטיקן, אויסצובאַהאַלטן, איז עס אַזוי ווי פון הינטער ווענט, ווי אַ ווייטער עכאָ, פאָרט דערגאַנגען צום איבערגעשראָקענעם מיידעלע; יאָ, זי איז

נאָך אַלץ געווען דאָס קליינע איבערגעשראָקענע מיידעלע פֿון קינדהייט, כאָטש זי איז פֿאַר די פֿאַר יאָר היפּש אויסגעוואַקסן, אירע יונגע גלידער האָבן זיך אויסגערונדיקט, און אויף איר מאַטן פּנימל, אונטערן לאָק בלאָנדלעכע, לופּטיקע האָר איז צלעמאָל געווען אַ פֿרעמדער פֿלאַטער. ווי זעלטן זי האָט נישט געזען די אָפּגעפֿרעמדטע מומע אירער, האָט יענע אלעמאָל איבערגעלאָזן א קילן פֿלאַ־טער ביים קינד. זי איז געגאַנגען אין ליציי, פֿאַרטאָן געווען אין די ביכער; אָבער דער פֿרוי ברייסטו האָט זיך אַ ליאַדע אומרו פֿונעם קינד איבערגעגעבן. זי האָט איר געוויינלעך פֿרי אַוועקגעשיקט אין שלאָפֿצימער, און דערנאָך אַריינגעקומען, געגלעט מיט גרויסע, וואַרעמע הענט איר קעפּל, באַטאַפּט דעם שטערן און גע־פֿרעגט ביי איר:

— פֿאַרוואָס ביסטו היינט עפּעס אַזוי בלייך, מאַדלען?

— כ'האָב קאָפּווייטיק, מאַדאַם.

און די קליינע האָט באַלד באַהאַלטן די אויגן אין אירע הענטלעך, און אַ טרער האָט זיך געזילבערט אויף אירע שיינע, לאַנגע וויִעס.

— כ'וויל זען דעם סערטיפֿיקאַט פֿון ערשטן טרימעסטער, מאַדלען.

זי האָט עפּעס, ווי אַלעמאָל, חושד געווען דאָס קינד. דאָס מאָל האָט זי ווירקלעך געפֿונען שוואַכע צייכנס אינעם העפֿט ביים מיידעלע. עפּעס קומט דאָ פֿאַר מיטן קינד, האָט זי באַקלערט, שוין שטייענדיק אויף דער שוועל. אפֿשר באַדאַרף מען גאָרנישט אויסבאַהאַלטן דעם נאַקעטן אמת. דאָס בעסטע איז דער נאַקעטער אמת פֿאַר אַ קינד, וואָס איז שוין באַלד מער נישט קיין קינד. זי האָט איינמאָל געפּרוּווט צו איר רעדן ווי צו אַ דערוואַקסענער:

— וואָס האָט זי דיר געזאָגט דעם לעצטן מאָל, טאַנטע ראָזעט, וועגן דיין טאַטער?

— אַז ער איז צוריקגעקומען... אַז ער דרייט זיך ערגעץ אַרום אין פּאַריז, אָבער כ'האָב מורא...

— פֿאַרוואָס האָסטו מורא?

— איך וויל בלייבן מיט דער מאַדאַם... אין ערגעץ נישט גיין... — האָט זי זיך געטוליעט, די קליינע, אין איר און זיך מיטאַמאָל פֿאַנאַנדערגעוויינט.

— דאַרפֿסט נישט וויינען, גרויסער נאַר... וואָס דו ביסט, — איז זי עפּעס ציטרידן געווען, האָט דאָס קינד גוט אַרומגעדעקט און אויף די שפּיץ פֿינגער צוגעלענט די טירי הינטער זיך.

ווייל זינט ווען די מלחמה איז געוואָרן אויס, מ'האָט פֿאַרטריבן אַלע שלעכ־טע דייטשן פֿון פּאַריז און פֿון גאַנץ פֿראַנקרייך, האָבן דעם קינד אָנגעהויבן צו באַפֿאַלן נייע מיני שרעקן און פֿאַרדאַכטן. צוערשט האָט זי זיך שטאַרק געפֿרייט, צוזאַמען מיט אַלעמען, ווען אויף די גאַסן האָבן זיך ביינאַכט ווידער אָנגעצונדן די עלעקטרישע און גאָז־פֿייערן פֿון די סינעמאַס און שויפֿענצטער; מ'האָט,

געדענקט זי, אילומינירט די גאַסן מיט אַן אַ שיר ראָזע לעמפּלעך, מ׳האָט אויפגעשטעלט טריבונעס אַרום די קאַפּעץ, ס׳איז געווען רוישיקע און שרייענדיקע אַקאָרדעאָן־מוזיק, מ׳האָט געטאַנצט. די מיידלעך פון דער שול האָבן געזאָגט, אַז איצט וועלן שוין זייערע פּאָטערס און ברודערס, וואָס זענען פֿאַרשיקט געוואָרן אין דייטשלאַנד אין געפאַנגענשאַפט אויף צוואַנגס־אַרבעט, צוריקקומען אינגיכן. און אַזוי איז טאַקע געווען.

די קליינע האָט זיך אָבער נישט געהאַט מיט וועמען צו פרייען און פאַרוואָס אַפילו צו וויינען פון פרייד. איין שטאַרקע צערודערונג אינעם הויז איז נאָר געווען, ווען מעסיע בוריסטש איז ביים באַפרייען פון פּאַריז ערגעץ אַוועק פון הויז, האָט זיך אַ שטיקל צייט אינגאַנצן נישט געוויזן, האָט ערגעץ איבערגעלאָזן זיינע געשעפטן, און די מאַדאַם איז אַרומגעגאַנגען בלייך און האָט זיך אַלעמאָל צוגעהערט, צי מען קלינגט נישט ביים טויערל. זי האָט איר געגלעט דאָס קעפּל און גערעדט צו איר איינמאָל מאָרגנס, אומפאַרשטענדלעכע רייד.

— זאָלן זיי קומען... — האָט זי געלאָזט פאַלן, — כ׳וועל זיי ווייזן, אַז איך בין געווען מער ווידערשטענדלער ווי זיי... אַ יידיש קינד האָב איך געהאָדעוועט אין מיין הויז...

אויף אַ שטיקל צייט איז זי דערנאָך מיטן מיידעלע אַוועק אויף דער פּראָווינץ צו קרובים. דערנאָך איז מעסיע בוריסטש צוריקגעקומען אין הויז אַריין, און אויך די מומע ראָזעט האָט זיך עטלעכע מאָל געוויזן צו דער אָוונט־קאַפּע. ס׳איז צוריק ליכטיק געוואָרן אין אַלע צימערן, מ׳האָט אין דעם אָוונט געגעסן און געטרונקען און צום קינד האָט די גרויסע מאַדאַם זיך אָפּגערופן:

— נו, אַצינד, מאַדלען, האָף איך, וועלן מיר שוין ענדלעך זיין רואיק.

און זי האָט דער קליינער, ווי געוויינלעך, פרי אוועקגעשיקט שלאָפן, ווייל צומאָרגנס האָט זי באַדאַרפט ווידער צו גיין אין שול אַריין.

וויפל מאָל זי האָט זי נישט געזען, די מומע ראָזעט, האָט זיך די קליינע אין אָוונט אומגעקערט אין איר קינדער־צימער אַ פאַרפּלאָנטעטע, אַן אומרואיקע, פול מיט שלעכטע פאַרדאַכטן און פאָרגעפילן. נישט בלויז, וואָס זי האָט דער קליינער צוריק אַ דערמאָן געגעבן יענע אומרואיקע טעג און וואָכן, פונעם הויז, פון מוטערל זשאַנאַ און פון יענעם טרויעריקן באַגינען; די מומע האָט איר אַלעמאָל צוגעקלעפּט עטלעכע קאַלטע קושן צום שטערן, גערעדט צו איר מאָדנע רייד. זי האָט זיך געשעמט, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווען די מומע האָט ביים טיש גערעדט מיט עפּעס א פרעמדן, ווייטן אַקצענט, אפילו גרייזיק. זי האָט אויך אַלעמאָל דער קליינער אָנגעברענגט דעם ווינט פון אַן אַנדערער, האַלב־פאַרגעסענער וועלט, פון וועלכער זי איז שוין, דאַכט זיך, לאַנג־לאַנג אַוועק; אַ וועלט, וואָס האָט צוריק אויפגעשווידערט אין איר אַזויפיל ווייטיק, דערמאָנט אַלע קינדערישע גרוילן און שרעקן. ווי ווייט און פאַרבלייבט אַפילו די מאַמע אירע איז

שוין דערמאָנט געווען אין זכרון פֿונעם קינד. דאָס הויז דאָרט, די אַלטע באָבע מיטן זיידן, און דער טאַטע, ער האָט שוין איבערהויפּט אין איר פֿאָרשטעלונג מער נישט אָנגענומען קיין רעאַלע געשטאַלט. זי האָט געפֿילט, אַז עפּעס באַלאַנגט זי מער נישט אַהין, צו זיי דאָרט. זי וואָלט שוין מער צו זיי דאָרט נישט געוואָלט צוריק־קערן זיך, וויפֿל זי האָט זיך נישט געשראָקן, האָט זי פֿונדעסטוועגן מיט אײַנגע־האַלטענעם נײַגער פֿון אַ קינד ווען עס איז אַ פֿרעג געטאָן בײַ דער מאַדאַם:

— אַלע, אַלע האָבן די שלעכטע דײַטשן דערהרגעט?...

— וועמען? די ייִדן, מײַנסטו? — האָט די מאַדאַם בריסק געפֿרעגט זייער פּליצים און זייער צעטראָגן. — פֿאַרוואָס פֿרעגסטו עס, מאַדלען?

— כ׳ווייס נישט... האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן, — טײלמאָל חלומט זיך מיר בײַנאַכט...

— פֿאַרוואָס חלומט זיך דיר, גרויסער נאַר?... קיינער וועט דיר מער קיין שלעכטס נישט טאָן...

— כ׳ווייס נישט פֿאַרוואָס. ס׳חלומט זיך מיר... איך אַנטלויף און מען לויפֿט מיר נאָך...

די מאַנצבילש־גרויסע מאַדאַם, וואָס האָט מסתּמא קיינמאָל קיין קינדער נישט געזויגן, קיינמאָל נישט געפֿילט אויף אירע הענט די צאַפּלדיקע וואַרעמקייט פֿון אַ קינד, האָט זיך בײַ אַ ליאַדע וואָס אָנגעגאָסן מיט קאָלירן. ס׳איז עפּעס געווען נישט צו פֿאַרשטיין. זי האָט גאָרנישט געוואָלט הערן און געדענקען. זי איז גרייט געווען נישט נאָר צו גיין אין די געריכטן אַרײַן, נאָר מיט די נעגל, ווי אַ לייבעכע נישט צולאָזן אַוועקנעמען דאָס מיידעלע פֿון איר הויז. זי האָט אויך צו גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס קינד וועט שפּאַרן לײַדן פֿון דעם אַלעמען, אַז מען דאַרף זי נישט צופֿיל באַאומרואיקן. ס׳איז, נאָך אַלעמען, די דאָזיקע פֿרוי אויך געווען צו פֿאַרשטיין.

אַזוי ווײַט איז מען געהאַט פֿאַרקראָכן. מעסיע ווײַל איז אַרומגעגאַנגען אין רציחה. דאָס אַלץ האָט אומגעריכט זיך געקאָנט אָפּרופֿן אויף די דעליקאַטע געשעפֿטלעכע באַציונגען. יאָ, אַפֿילו אַזוי ווײַט.

— כ׳וואָלט דאָס קינד געשיקט צו זיי דאָרט אַהין... און אַן עק... זאָל עס כאָטש זײַן צווישן ייִדן, — האָט מיכלסאָן צום לעצטן מאָל קיל אַרויסגעטראָגן זײַן פּסק.

און ער האָט מער נישט גערעדט. פֿאַר זײַן נישט רעדן האָט זי לעצטנס מורא געקריגן ווי פֿאַר זײַנע רייד. ביז זי האָט מיכלסאָנען דאָ איינמאָל אַ זאָג געטאָן:

— טוט ווי איר פֿאַרשטייט... מיר איז שוין אַלצײנס...

און זי האָט שוין מער נישט אָפּגערופֿן זיך מיט קיין איין וואָרט אַפֿילו.

27

אזוי טאַקע האָט וואָלף כײקין אין יענע טעג געהאַט אָנגעשריבן צום אָפּגעפֿונענעם ברודער זײנעם, צו דובן, ערגעץ אינעם באַרגיקן קיבוץ פֿון אויבערשטן גליל:

„דער ריס אין דער נשמה, דאַכט זיך מיר אויס, — האָט ער צו אים געשריבן, — איז נישט בלויז מײנער אַ פּערזענלעכער. אַוודאי, ס'קינד טוט מיר שטאַרק וויי. ס'איז מײנס. איך פֿיל זיך זײער שולדיק פֿאַרן קינד, איך בין עס אַ סך שולדיק. זיי האָבן מיר די גאַנצע צײט קיין איין מאָל אפילו נישט געלאָזן זען מײן קינד, די רוצחים; אַוועקגעפֿירט עס, און כ'האָב ווידער פֿאַרלוירן יעדן שפּור. נישט גענוג, הייסט עס, וואָס ס'איז געטאָן געוואָרן צו אונדז, לאָזן מיר זיך נאָך אומברענגען איינער פֿון אונדערן. וווּהין, פֿרעג איך, ווילן זיי אונדז אויפֿסניי דערפֿירן? מיר בלוטיקן, מיר האָבן געבלוטיקט, אַז ס'זאָל זיך אַזוינס מער קײנמאָל נישט איבערחזרן. און דאָ קומען זיי ווידער... אונדזערע אייגענע ברידער, כלומרשט; קערן זיך אָפּ פֿון אונדז, פֿאַרשעמען אונדז און גייען מיטן פֿײנט. אַז מען וויל, איז נישטאָ וואָס צו וווּנדערן זיך אויך, ווײל מיר האָבן שוין געזען עפּעס ענלעכס. מיר האָבן געזען, וואָס יידישע יודענראַטלער און יידישע פּאָליציי=לייט אין די געטאָס האָבן געטאָן צו זייערע אייגענע ברידער. אַבי מען זאָגט — יידן... מען דאַרף, זאָג איך, די דאָזיקע לייט אפשר באַצייטנס כאַפּן בײ דער האַנט, עלימינירן זיי, דעמאַסקירן זיי, כדי זיי זאָלן אונדז חלילה נאָכאַמאָל נישט דערפֿירן צום זעלבן און אפשר נאָך צום ערגערן...

„זיי האָבן מיר אַוועקגעריסן ס'קינד, און ס'האַרץ בלוטיקט. פֿאַרשטייסט? אַלע רייסן זיי פֿון אונדז שטיקער. מע וויל פֿון אונדז אַוועקנעמען דאָס, וואָס מיר האָבן אַרויסגעריסן פֿון טײוולס פּיסק מיט אַזויפֿיל קרבנות. אייגענע צי פֿרעמדע, יידן צי נישט=יידן. מען וויל בײ אונדז צעשטערן די לעצטע אילוזיעס. אָבער מיר וועלן שטאַרק זײן, מיר וועלן דאָס מאָל זיך אויך נישט לאָזן, נאָכמער ווי פֿריער וועלן מיר זיך נישט לאָזן. כ'האָב אײנגעזען צום וויפֿלטן מאָל, הערסטו, אַז ס'האַנדלט זיך שוין פֿון לאַנג נישט מער אין — ייד, אָדער נישט=ייד; ס'האַנדלט זיך גיכער אין — מענטש און אוממענטש. די נאַציאָנאַלע טראַכט איז דאָ נאָר דאָס אויסערלעכע. מענטשן, נאַציאָנאַלע יידן, אַזוי צו זאָגן, האָבן מײן קינד פֿאַרשלעפּט און אויסבאַהאַלטן פֿאַר מיר אין אַ נישט=יידיש הויז פֿון האַס און ביטול צו אונדז, יידן; צוליב אינטערעסן, צוליב קליינלעכע אינטערעסן. ווען דו זאָלסט אַלץ וויסן, צי קאָן איך עס דיר דען אַלץ אויסדערציילן? און זיי זענען נאָך אַלץ די פֿיינע מענטשן. זיי זאָרגן פֿאַר אונדזער יידיש פֿאָלק...

„ווי איז געווען צו אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן עס באַציימונס נישט געזען, נישט געפֿילט און געלאָזן זיך פֿירן צו דער שחיטה. נאָך אַ שטיקל טרייסט, וואָס אונדזער ברודער וואָלקע... ער האָט זיך זעסטיאַפּגעפֿונען, דער מזיק. ער האָט נישט פֿאַרשעמט די משפּחה אונדזערע. ער האָט זיי אָבער איבערגעכיטרעוועט, די רוצחים. האָסט שוין אַוודאַי געהערט. ער אַרבעט אין אַ מעטאַל־פֿאַבריק אין וראָצלאַוו. מען שרייבט וועגן אים אין די צייטונגען, ער איז, שרייבן זיי, אַ גאַנצער דערפֿינדער“...

מער האָט ער שוין נישט געקענט. די האַנט האָט זיך נישט געלייגט. ער האָט לאַנגע וואָכן כמעט קיינעם נישט געזען; אָן אויפֿהער געפֿירט די אומענדיקלעכע, ביטערע דיאַלאָגן מיט זיך אַליין. אָבער דאָס ייִנגל אַנרי האָט אים דערפֿאַר אָפּגעהיט, איז פֿון אים נישט אָפּגעטראָטן. ערשט איצט, האָט ער זיך דערמאָנט, ווען אפֿשר קומען צו אַ שטיקל טאָלק אין דער דיסקוסיע, וואָס ציט זיך שוין אַרום עטלעכע און צוואַנציק יאָר מיטן ברודער דיב. אַדרבא, זאָל ער אַליין זאָגן און משפּטן. דאָס האָט ער אים נאָך געשריבן: „כ'האָב געוווּנען נאָך אַ שלאַכט. איצט אָבער ווייס שוין, אַז ס'איז נאָך נישט די לעצטע שלאַכט“.

ביז צו דעם וואַנדערנדיקן קיבוץ פֿון די קינדער־עולים, אַרום דעם אַלטן פּאָרט אין מאַרסעל, ווו מ'האָט זיך שוין אַ לאַנגע טאָג בשתיקה געקליבן אין אַ ווייטן אומבאַקאַנטן וועג אַריין, האָט זי ראָזעט אַליין, מיט אַ סך האַרציקלאַפּעניש, אָבער מיט דער קאַלטבלוטיקייט פֿון אַ מערדער, אַ שטיקן וועגס באַגלייט דאָס קליינע, דאָס אָרעמע, וואָלפֿס איבערגעשראָקן מיידעלע. מ'האָט פֿונדעסטוועגן טאַקע באַדאַרפֿט צו פֿאַרמאָגן אַ סך קאַלט בלוט אָפּצוטאָן עס מיט די אייגענע הענט. דאָס איז שוין אָבער געווען אויפֿן פֿינפֿטן אָדער זעקסטן אָוונט, נאָך דער ווילסטער גראַטשקע, וואָס האָט זיך דאָרט פּלוצים אויפֿגעהויבן אינעם הויז און זיך ביסלעכווייז געגומען איינשטילן. די טעלעפֿאָנען האָבן דאָרט טאָג און נאַכט געקלונגען; דאָס טיר־גלעקל האָט נישט גערוט. די גרויסע מאַדאַם בריסט אַליין, נאָך אַ גרעסערע ווי פֿריער, אַ צעפּלאָשעטע, ווי אַ הון, וואָס אַ רויב־פֿויגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אירע קליינוואַרג, אָפּגעגאָסן אין אַנגסטן, איז אַרייַנגעפֿאַלן אין הויז אַריין. די פֿרוי האָט געוויינט מיט ביטערע טרערן, געשעטן זיך און געדראָט, געשריגן און ספּאַזמירט. ראָזעט איז געווען בלייך ווי די וואַנט, דערשראָקן און — שטום. זי האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿון גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן. זי האָט זיך נאָר געהאַלטן ביי איינס:

— דער פֿאָטער פֿונעם קינד... וואָס ווילט איר, מיין ליבע מאַדאַם?... זיכער נישט קיין אַנדערער, ווי דער פֿאָטער פֿונעם קינד...

מעסיע ווייל האָט זיך שוין אַצינד מער אינגאַנצן נישט געמישט. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט. מ'האָט אָבער געזען, אַז ער איז פֿול מיט דערשטיקטן גרימצאָרן. פֿאַר אים איז קלאָר געווען איין זאַך — דער גרעסטער ריס אין די גע־

שעפּטלעכע באַציונגען מיט מעסיע בריסטו איז מער נישט צו פֿאַרמיידן. ס'איז געווען צו ריכטן זיך. ער האָט געוואָרנט. ס'האָט זיך אָבער, צום גליק, גאָרנישט אָנגעהויבן. מעסיע בריסטו אַליין איז באַלד דערנאָך געקומען צו לויפֿן אין הויז אַריין און האָט, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר און אומצווייטייטיק געגעבן עס אָנצוהערן:

— וואָס טויג מיר דאָרט... — האָט ער, טיף אַריינפֿאַלנדיק אין אַ שטול אַריין, זיך געווישט דאָס פּיכל און ברייט צענומען די הענט, — ס'איז געווען, מיינע פֿריינד, אַ פֿויגל פֿון אַ פֿרעמדער נעסט... וועסט עס נישט איינהאַלטן אָוועקצופֿליִען, ווען דער האַרבסט קומט... סוף־כּל־סוף, מיינע ליבע... און די מאַדאַם וועט זיך אויך מוזן באַרואיקן...

ס'איז געווען אַ האַלבנאַכטיקער שלעפּ־צוג, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פֿון עפּעס אַ פֿאַרוואָרפֿענעם פּראָווינצער וואָקזאַל אין דער ריכטונג פֿון מאַרסעל; געקומען אַנצוטרייסלען זיך אַהין זענען זיי מיט אַ וואָגן, דורך אַלע זייטיקע אומוועגן, געשלעפּט זיך ביז שפּעט אין מיטן דער נאַכט אַריין. ס'איז אַלץ גענוי און פּינקטלעך געווען פֿאָרויסגעזען. מ'האָט זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן אויף זיי, אויף די פֿילנדיקע יונגעלייט, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך ווינט און אַוואַנטורע. זי איז נאָך אַלץ געווען אַזוי ווי פֿאַרדרעמלט, דאָס מיידעלע, מ'האָט קיין וואָרט פֿון דעם קינד נישט געקאָנט אַרויסקריגן. אירע גרויסע, ליכטיקע אויגן האָבן געקוקט לאַנג און אומבאַוועגלעך אויף איין פּונקט, ערגעץ אין דער פֿינצטערניש אַריין פֿון דער טרייסלענדיקער שויב, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ איבער עפּעס געוואַכט. אין וואַגאָן מיט זיי איז געווען נאָך איינער, אַ שווייגנדיקער. יענער האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט, די גאַנצע צייט געזעסן אַ פֿאַרדרעמלטער, אָדער געקוקט אין פֿענצטער אַריין, ווי דאָס אַלץ וואָלט מיט אים קיין שום שייכות נישט געהאַט. כאָטש ראָזעט האָט נאָך אַלץ אַריינגערעדט אין דער קליינער, פֿאַרזיכערט, צוגעזאָגט, אַז ס'וועט איר דאָרט גוט זיין, אַז זי האָט שוין מער נישט באַדאַרפֿט צו פֿאַרבלייבן ביי דער מאַדאַם בריסטו. זי האָט זיך אַפֿילו אַרויסגעבאַפּט, אַז דער טאַטע אירער וועט קומען, און ס'האָט איר באַלד אויפֿן אָרט באַנג געטאָן. ביי די־אָ ווערטער איז דאָס מיידעלע פּלוצים געוואָרן וואַך, אויפֿגעלעבט, אָנגעשפּיצט, האָט אָנגעקוקט די פֿרעמדע מומע ווי אַ דערוואַקסענער מענטש, מיט בולטן פֿאַרדראָס און דייטלעך געפֿרעגט:

— טאָ פֿאַרוואָס זשע איז ער נישט מיטגעקומען?

און ס'ערשטע מאָל האָט ראָזעט דערפֿילט אינעם בליק פֿון דער קליינער האַס, ממש האַס און ווייטיק, אַז זי האָט אַ רגע זיך פֿאַרלוירן, געפּלאָנטערט עפּעס מיט דער צונג, מער נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן דעם קינד.

ניין, זי האָט אַפֿילו נישט געוויינט, די קליינע; ווי דעמאָלט, אַ פּיצלם נאָך, ווען מ'האָט זי נאָר וואָס געהאַט אָוועקגעריסן פֿון דער מוטער; ווען די הויז־וועכטערין, מוטערל זשאַנאַ, האָט זי דאָרט אויסבאַהאַלטן דורך די לאַנגע, רעמ־

פּיקע זומער־טעג הינטערן אָפּגעבליאַקעוועטן פֿאָרהאַנג, אין פֿינצטערן קעמערל בײַ איר, הינטער די טרעפּ; ווען מ'האָט זי דערנאָך גענומען און אַוועקגעפֿירט אין ווײַטן דאָרף אַרײַן, און ווען די מומע ראָזעט איז געקומען און זי אויך פֿון דאָרטן אַוועקגעפֿירט. אין אירע גרויסע, שײנע אויגן, וו די קאָרן־קווײטן, איז נאָך אַלץ געווען צער און אַ שטומער, רעזיגנירטער בליק; ווי זי וואָלט זיך אָבער עפּעס דורך דער גאַנצער צײַט אויף דעם אַלעמען געריכט.

פּאַריז איז נאָך אין יענעם שפּעטן האַרבסט געלעגן אין נעפּלען און אין רעגנס, אָבער דאָ, בײַם בלויען מיטללענדישן ים, וואָס האָט פּלוצים אין גרויען פֿרימאָרגן פֿון ערגעץ אויפֿגעטויכט אין דער נידער פֿון אויפֿגעריסענעם האָריזאָנט, איז שוין געשטאַנען אַ מאָדנער, קיינמאָל נישט געזעענער פֿרילינג. עטלעכע אײַנזאַמע ציפּרעסן האָבן זיך נאַקעט אַרויסגעריסן אויבן פֿון די ברעג־פֿעלזן, וויאַדוקטן, קאַזאַרמעס, בריקן און ווײַטע שיף־קוימענס. בײַנאַכט און בײַטאָג האָבן זיי אומהיימלעך געברילט און געוועט אין דער ווײַט אַרײַן, די שווימענדיקע שיפֿן. אַ שטיקל בלײַכע, אָפּגעבראָכענע לבֿנה האָט זיך מיטגעוויגט איבער זיי. די שיפֿן האָבן אָפֿט אויפֿגעטויכט און פֿאַרשוווּנדן הינטערן ברייט־אויפֿגעריסענעם האָריזאָנט. די לונגען האָבן אײַנגעאָטעמט דעם געזאַלצענעם ווינט, די לאַנדשאַפֿט האָט פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם און געשראָקן מיט דער פֿרעמדער, גאָרער ווײַטקייט.

דאָס קינדער־הויז האָט זיך געפֿונען אויפֿן הויכן ברעג צווישן פֿעלזן. אַלטע, נידעריקע געבײַדעס צווישן שטעכיקע קאַקטוסן און מאָדנע גרויסע וואַזאָן־בלעטער. אין די הויפֿן און קאָרידאָרן פֿונעם אַלטן הויז בײַם ים האָט דאָ אַרומגעזשומעט אַן אינטערנאַציאָנאַלער געמיש פֿון קינדער; קויל־שוואַרצע, פֿאַרברענטע, אַרומגעשלײַכענע קינדער פֿון אַלזשיר, טוניס און מאַראָק. מערסטנס מיט קראַנקע, פֿאַרראָפּעטע טראַכאָמע־אויגן; בלײַכע, דערשראָקענע קינדער פֿון פּוילן, פֿון רומעניע, פֿון אונגאַרן; אַ געמיש פֿון שפּראַכן און דיאַלעקטן. זיי זענען דאָ אַרומגעלאָפֿן ווי פֿאַרשפּאַרטע הינטלעך פֿון אַ קרובֿישן מין הינטער די דראָטן פֿון אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן. אַ גלעקל האָט נאָכאַנאַנד געקלונגען — צום אויפֿשטיין, צום פֿרישטיק, צו מיטאָג, צו די פֿאַרזאַמלונגען.

דאָס בלײַכע מיידעלע האָט זיך דאָ פֿאַרלוירן אין דעם גערודער פֿאַרטויבט צו ווערן. עס זענען דאָ געווען אַרומגעזעצט אָן אַ שיעור שוואַרצע קעפּלעך. עפּעס אײנע אַ דאַר מיידל אין ברילן, די גננת, איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון איר. מ'האָט עס איר אוודאי אָנגעזאָגט. זי האָט איר אין אַ מאָדנעם פֿראַנצויזיש אויסדערציילט, אַז מען וועט אינגיכן אַוועקפֿאָרן ווײַט, מיט אַ שיף, נאָך ארץ, מיט אָט דעם ים. דאָס מיידעלע איז געווען שטום, און יענע איז געווען פֿאַרוווּנדערט, ווי זי לאָזט מיט זיך אַלץ טאָן. אָבער קיין איין וואָרט האָט זי בײַם קינד נישט אַרויסגעקריגן; און דאָס האָט זיי דאָרט אַ ביסל באַאומרויִקט.

באַלד צומאָרגנס איז די מומע ראָזעטע שוין אויך מער נישט געווען צו זען, דערפאַר מסתמא האָט זי אין דער לעצטער מינוט פאַרבונדן אין א טיכעלע א ביסל געלט און איר צוגעוואָרפן.

— נאַ, מאָמער וועסטו זיך וועלן עפּעס קויפן, מאַדלען, ביז... כ׳וועל קומען... כ׳וועל נאָך קומען...

ביז אין אָוונט האָט זיך נאָך די קליינע ווי נישט איז אַרומגעבלאָנקעט אין די ווינקעלעך. נאָר ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי זיך פלוצים דערמאָנט אין איר ריינטשיקן צימער דאָרט, אין פּאַריז, ביי דער מאַדאַם, און זיך מיטאַמאָל צעוויינט פון שאַרפן פאַרדרוס, פון בענקשאַפט. אָבער קיינער האָט עס נישט געזען און געהערט.

א גאַנצע נאַכט איז די קליינע געלעגן אין היץ, א פאַרטראָגענע, האָט עפּעס געפּלאַפּלט, גערופן די מאַדאַם בריסטו, זי זאָל זי צודעקן, ווייל ס׳ציט איר א קעלט אין פּלייצעס. דער ווינט האָט געריסן די לויזע שויבן, געבלאָזן דורך די טירן. ווייטע שיף־סירענעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, טרויעריק און באַנג געקלאָגט אין דער נאַכט אריין. זי איז שוין אויך צומאָרגנס נישט ארויס אָנקוקן פאַר די באָרטן־שטאַכעטן, צווישן די פעלזן די בלויע, פאַרכאַפּנדיקע ווייטקייט. ס׳האָט איר שוין נישט געצויגן צו זען די דורכזיכטיקע בלויקייט פון ים אין דער נידער, צווישן די ווילדע אָפּריסן. דער ים אינדרויסן, הינטער די ווענט פונעם אַלטן, זשומענדיקן הויז, האָט לאַנג גערוישט און אירע אויערן צוזאַמען מיט די כוואַליעס פון רייסנדיקן ווינט, און דער רעגן האָט לאַנג, אפשר א גאַנצן מעת־לעת, געפּויקט איבערן האַר.

זי האָט דאָרט איינמאָל אויפגעמאַכט די גרויסע, וואַרעמע אויגן אין פיבער. ס׳איז געווען טונקל און שטיקנדיק. זי האָט גאָרנישט מער געזען. ס׳האָט זיך איר מיטאַמאָל אויסגעדאַכט, אז זי ליגט נאָך אַלץ דאָרט, ביי מוטערל זשאַנא אין קעמערל, און ווי דעמלט, מיטן פאַרקאַטערטן נעזל, האָט זי דאָ, ערגעץ א רוף געטאָן:

— די מא...

נאָר קיינער ארום קינד האָט זיך נישט אָפּגערופן. אצינד האָט מען שוין, זעט אויס, מער נישט מורא געהאַט, ס׳זאָל איר אייננפאַלן צו אַנטלויפן. זיי זענען דאָרט אַלע סיווי פאַרטון געווען און זיך אפילו נישט אומגעקוקט. פאַרוואָס ווילן זיי אַלע, איך זאָל נישט זען דעם טאַטן? — האָט זי זיך דעם ערשטן מאָל געפרעגט אָן ציטערניש און זיך שוין מער אזוי נישט געפאָרכטן. ווייט און פאַרבלייכט האָט זי אים געזען אין דער טונקל, דעם פאָטער. ס׳איז אויפגעשווומען פאַר איר עפּעס א האַלב־פאַרגעסן בילד, וואָס זי האָט אַמאָל מיט שרעק געטריבן פון זיך; ווי עס מאַכט זיך מיטאַמאָל ברייט אויף די טיר, און דער טאַטע ברענגט איר די גרויסע ראָזע פּופּע „ניקאָל“, ווו געפינט ער זיך אצינד? פאַרוואָס קומט

ער נישט אַהער? פאַרוואָס האָט זי די מומע ווידער אוועקגענומען? זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, און פונדעסטוועגן האָט איר אָנגעהויבן עפּעס קלאָר צו ווערן.

ערגעץ הינטער די ווענט פונעם הויז האָבן די קינדער געזונגען אַ ווייט, פרעמד, צעצויגן ליד, פרעמדע ווערטער און אַ פרעמדע מעלאָדיע. זי האָט נישט געדענקט, צי עס איז פאַרנאַכט אָדער אין דער פרי.

דערנאָך, אין יענעם בלענדיקן ליכט פון פרימאָרגן, וואָס האָט געשטאָכן אין די אויגן, האָט דאָס לאַנגע, אומהיימלעכע רעווען פון אַ שיף זי מיטאַמאָל אויפגעוועקט. שטיקער זון האָבן זיך געריסן דורך די שפּאַרעס. ס'איז געשטאַנען אַ פאַרשטיקטער טומל אין די קאָרידאָרן. די קינדערישע פיס זענען געלאָפן הין און צוריק. ס'האָט זיך עפּעס געגרייט, זעט אויס. זי האָט מיטאַמאָל זיך נישט געקענט דערמאָנען, וווּ זי געפינט זיך, וויאַזוי קומט זי אַהער. זי איז אַראָפּ, פאַרשאַרט דאָס פּאָרהענגל, האָט אַראָפּגעקוקט צום ים, און ערשט איצט זיך גענומען דערמאָנען, אַז זי איז ווייט פון פּאַריז, אַז נישט די קינדער פון ליציי בימלען עס אַזוי אויפן הויף בעת דער גרויסער פּויזע, הינטער די אַקאַציעס. זי האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק פאַרבענקט נאָך דער אַלטער טאָפּאָלן-אַליע אויף פּאַסי, וווּ זי איז יעדן טאָג געגאַנגען אין שול אַריין. אָנשרייבן אַ בריוו צו מאַדאַם בריסטאָ, — איז איר געקומען אויפן זינען, איידער זי וועט אוועק פון דעם הויז; ווייל אויך די מאַדאַם בריסטאָ, איז זי זיכער געווען, וועט זי שוין מער קיינמאָל נישט צוריקזען.

„ליבע מאַדאַם, —האָט זי איר געשריבן מיט איר ציטערדיקער, קינדערישער האַנטשריפט, — איך וויל איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַרן צער, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט. איר זייט גוט געווען צו מיר. איצט ווייס איך שוין — כ'בין נישט ווי אַלע קינדער. איך האָב צוערשט געמיינט, אַז איך האָב די זעלבע רעכט ווי אַלע קינדער צו לאַכן און צו פרייען זיך. ס'איז אָבער נישט אַזוי. אַדיע. טויזנט קושן.

מאַדלען“.

זי האָט זיך דערמאָנט אינעם טיכעלע, וווּ די מומע ראָזעט האָט איר געהאַט פאַרבונדן אַ פּאָר פראַנק. זי האָט עס געפונען אין דער קעשענע פון שוואַרצן שול-פאַרטעך. זי האָט מיט ציטערנדיקע פינגער אויפגעבונדן דאָס טיכעלע, געציילט און נאָכגערעכנט די עטלעכע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך, און ס'איז איר מיטאַמאָל עפּעס איינגעפאַלן. דער באַשלוס איז ביי איר געווען: אַ פאַרטיקער.

זי איז צום לעצטן מאָל אַרויס דורכן האַלב-אָפענעם טיר, פון קיינעם נישט באַמערקט צו ווערן. אַ שאַרפער ווינט, אָנגעזאַפּט מיט געזאַלצענע, צוגעלעגענע, פיש-ריחות, האָט אָנגעיאָגט פון דער זייט פון ים איר אין רוקן אַריין. זי האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט; גאָרנישט האָט זי פאַרבונדן מיטן דאָזיקן הויז.

און זי האָט זיך געלאָזן מיטאַמאָל בלינד גיין אַראָפּ מיט דער נידעריקער גאַס, איז אַפילו אונטערגעלאָפן ביים פֿאַרדריי צו דער אַלעע, ווו עס פֿאָרט פֿאַרביי דער טראַמוויי. אַלץ האָט געוויינט אינעם קינד פֿון כעס און צער. זי וועט פֿאָרן, — האָט זי באַשלאָסן, — צוריק קיין פּאַריז. זי וועט אים אויפֿזוכן, דעם ווייטן טאַטן איירן. זי וועט צו אים רעדן. אפֿשר וויל ער גאָרנישט וויסן פֿון איר?...

ערשט דעמלט האָבן ביידע, וואָלף און אַנרי, וועלכע האָבן זיך דעם גאַנצן פֿרימאָרגן אַרומגעדרייט פֿאַרן הויז, זי אויסגעזוכט אָנגעיאָגט. ביים הויכן, ביים שטאַרקן א'ז געווען טרערן אין די אויגן, און ס'איז מאָדנע מיטאַמאָל געווען צו זען טרערן ביי אַ דערוואַקסענעם מענטש. אַזוי, אַקוראַט אַזוי, האָט ער זיך געהאַט אויסגעמאָלט דאָס קינד.

— מאַדלען... — האָט ער נאָר אַליין אומזיכער און אַזוי ווי קינדעריש־פֿאַרלוירן אַ שטאַמל געטאָן, — ווייסט כאָטש ווער כ'בין?... דיין טאַטע בין איך...

די קליינע האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע פֿאַרוווּנדערטע אויפֿגעריכטע אויגן, איז צוגעפֿאַלן צו אים, ווי זי וואָלט אים שוין געקענט פֿון זייער לאַנג, ווי זי וואָלט קיינמאָל אין איר קינדערישן מוח און האַרץ זיין געדענקעניש נישט געהאַט אויסגעמעקט; ווי זי וואָלט די גאַנצע צייט נאָר געוואַרט, ער זאָל קומען. זי האָט געלייגט איר היים קעפּל אין זיינע גרויסע, וואַרעמע הענט אַריין און זיך ס'ערשטע מאָל געוויינט אַזוי פֿריי, מיט אַזוי פֿיל האַרץ, ווי קיינמאָל נישט אין די עמלעבע נעפּלדיקע וואַנדעריאָרן, זינט ווען מ'האָט זי אין יענעם טרויעריקן באַגינען איינמאָל געהאַט אַוועקגעריסן פֿון איר מוטער.

פון זעלבן מחבר:

„צווישן ווענט", נאָוועלן, וואַרשע, 1933,

„גרויע פּראָפילן", נאָוועלן, פּאַריז, 1937,

„דער מאַרש אויף בריסק", ראָמאַן, פּאַריז, 1938,

„די יידן פון בעלוויל", ראָמאַן, פּאַריז, 1948,

„רות און נעמי", דערציילונג, ווראָצלאַוו, 1949,

„געווען איז עס נעכטן", ראָמאַן, פּאַריז, 1951,

„דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס", ראָמאַן, פּאַריז, 1955,

איבערזעצונגען:

אַראַגאָן: „דאָס רוימישע רעכט עקזיסטירט נישט מער".

ה. דע באַלזאַק: „די קוזינע בעטי".